desinf. Lk SEPT. 45

[illegible]

[illegible]

ותלבש [illegible]

[illegible]

סדר

תחנות ובקשות

דיזי תחנה איז גדרוקט געווארן אויף נייא , עס איז נאך ־ אמאל
גדרוקט געווארן אבר זיי זיינען שוין לאנג פאר בייא , אוך מיר
האבן געשטעלט איטליכה תחנה אויף איר ארט , וויא עס איז
גדרוקט געווארן אין (דיהרנפורט) :

דיזי ט"ס תחנות זיינן ניט נאך גפינן איר גלייכן , ווא איר ווערט
ליינען דרינען , (ובזכות זה ובא לציון גואל במהרה
בימינו אמן סלה) :

גם האבן מיר מוסיף געווען (עלינו) אויף טייטש (וגם) איין
שפראך פון (עין הרע) ;

וגם האבן מיר (מוסיף) געווען איין (תחנה) פון (ראש
חדש) בענטשן (וגם) איין (תחנה) פון (ערב יום
כפור) באיי דיא ליכט מאכן :

ווילנא

ברפוס ר' יוסף ראובן בר' מנחם מן ראם ,

שנת תר"י לפ"ק

СЕДЕРЪ ТЕХИНОТЪ УБАКУШОТЪ

т. е.

Молитвы для Еврейскихъ женщинъ.

ВИЛЬНО

въ Типографіи Р. М. Ромма.

1850.

UNIVERSITY LIBRARY

Печатать позволяется съ тѣмъ, что бы по напечатаніи представлено было въ Цензурный Комитетъ узаконенное число экземпляровъ. — Вильно, 30 Декабря 1847 года.

Исправл. долж. Цензора
И. Фокъ

א דיא תחנה זאגט מען גלייך בייא דען אויף שטיין נאך דיא נעכט וואכן :

דא בין איך נון אן גברייט דאס איך וויל אויף מיר אנטפאנגן דיא (מצוה) פון דעם
לעבנדיגן גאט (יתברך שמו) . דער דא איז פר הוילן פון אלים די דא לעבן פון
וועגן זיינער גרושר (קדושה) . אונ איך גלויב מיט דעם ווארהאפטיגן גלובן מיט איין
גאנצן הארצן . דאס דר בשעפר גלובט איז ער . דאס ער איז איין אייביגר דאס צו זייני
אייניקייט קיין גלייכן האט . אן קיינערלייא גשטאלט אלש וויא עס שטייט אין דר הייליגי
(תורה) (שמע ישראל יי אלהינו יי אחד) אונ אן אים איז קיין גאט מער׳ אונ ער האט
בשאפן אלי דיא הימל אונ די אויברשטי הימל מיט אלי אירי הערשאפטן אונ דיא ערד
מיט אלי הערשאפטן ׳ אונ האט בשאפן אלי בשעפניש פון מענשן אונ (בהמות) אונ
(חיות) אונ (עופות) . אונ פיש ׳ אונ אלרלייא (שרצים) פון קליין ביז גרויש אונ ער
שפייזט מיט זייער גרויסי דער בארמונג אלי בשעפניש פון דעם אונטרשטן (עולם)
ביז אן דעם אוברשטן (עולם) ׳ דער אונטרשטר (עולם) דאס איז דער (עולם) וואש
דיא לייט דרינן וואונן דיא הייסט (עולם) השפל דאס איז דער שפעלטר (עולם) אונטר
דיא (עולמות) אונ דאך פינד מען אין סלעכטן (עולם) גיבט אזוא פיל טויזנט ארלייא
בשעפניש ׳ דאס מען אין איטליכן בשעפניש זיכט גאטש גרויש וואונדר אונ וואונדרליכי
(חכמה) דענאך איז דיזר (עולם) ניקש גרעכנט נייארט אלש איין זנפט קערנער
קעגן דעם (עולם) הגלגלים דאס זיין דיא הימל דאס דיא מען נענט זיבן פלאנעטן .
אונ דיא צוועלף (מזלות) אונ דיא שטערן דיא דא שטעהן אום דעם (עולם) ארום לופן
מיט דער גרויסי קראפט אונ מאכט פון (השי״ת) אונ דער (עולם הגלגלים) מיט איר
גרויסי וואונדר זיין אלי מיט אנגדר ניקש גרעכנט קעגן דעם (עולם) וואו די (מלאכים)
זיין אלש אלז ניקש מיין אלש איין זנפט קערינדל אזו איז אויך איין (מלאך) קעגן
דעם אנדרן דער דא העכער איז: אלש די איבר איהם איז וויא דיא אלש איין זנעפט
קערענדליין . אזו איז אויך דער העכשטר (מלאך) דער איז איבר אלי (מלאכים) ניקש
גירעכנט קעגן זיין הייליגן נאמן . גילויבט איז ער איצור אונ אייביג זיין ערליכקייט
אונ זיין אבפרקייט האט קיין שיעור אונ קיין ערך נים . איך גלויב ווארהאפטיג מיט
מיין גאנצן הארצן דאס דער בשעפר איז איין הער איבר אלץ הערן אונ אלץ דיא (כח
אונ גבורה) איז אלעט אין זיינר האנד אונ גיוועלטיקט צו טאן וואס ער וויל . ער זיכט
אלעש אונ ער הערט אלעש אונ וויים אלעש אפילו וואס דער מענש אין זיינר (מחשבה)
האט (מכל שכן) דאס ער אלעש וויים וואש דער מענש טוט עס זייא גוטש אדר (חס
ושלום) בייז : אונ איך גלויב אויך ווארהאפטיג דאס דער בשעפר גיבט איטליכן מענשן
זיין לון אויף אלעש וואש דער מענש טוט עס זייא גוט אדר (ח״ו) בייז גיבט ער אים
עס אויף יענר וועלט : עש גשיכט קיינם קיין אום רעכט ׳ אזוא גיבט ער אים זיין לון
נאך זיין פר דינשט גיבט ער אים אויף דער וועלט זיין לון פר הייטם (אן מצוה) איך
גלויב דאס דער בשעפר ווערט נאך דיא (מתים) ווידר לעבדיג מאכן מיט זיינר דער
בארמיקייט אויף איהם האב איך מיין האפנונג אונ נוא איהם גיב איך מיין (נפש רוח
ונשמה) אונ איך בין (מקבל) דעם יאך פון זייני (מצות) דאס איך אים וויל דינן מיט
גאנצן מיינם לייב אונ מיט גאנצן מיינם הארץ מיט גאנץ מיין מוט :

דיא

ב דיא (תחנה) זאגט מאן אין דער פריא גלייך נאך דעם וואשן :

אנא השם איך בעט דיך גאט (אלהי ישראל) הער מיין (תשובה) דיא דא איז גאנץ : אונ פר גיב מיר מייני זינד · אונ מייני מיסטייט · דען דוא ביסט לאנגזום צוא דער צערן . אזו גרויס איז דיין גינאד · אונ דער בארמונג . אונ מיין (תפלה) דיא דא איז צו פר דיר מיט מיינם גאנצן הארצן זאל זיין אין פיר שפרעכער פר דיין (כסא הכבוד) אונ עס זאל קיין בליידיגר אויבן זיין צו מיר וויא וואול מייני זינד זיינן זייער פיל אונ זאלשט ניט אירי בייזי רייד פר נעמן · מיין פיר שפרעכר ניט צו פר שטויסן . פר נעם מיין (תפלה) לאז מיך ניט לעהר שיקן פון דיר · דען דוא ביסט גאט דער לעבנדיגר גילויבט איז גאט דוא ביסט גאט דער אלמעכטיגר. זאיי דיך דער בארמן איבר מיר :

יהי רצון עס זאל זיין דער ווילן צו פר דיר גאט מיין גאט אונ גאט פון מייני עלטרן דש דוא זאלשט מיר עפנן דיא טויערן פון דער (תשובה) אונ טויערן פון דר (תפלה) אונ דער בארמונג · אונ דער הער מיין גיבעט אז דוא האשט גיהערט דיא (תפלה) פון אונזרי עלטרן . אז צו דיא גיבעט פון (אברהם אבינו) אויף דעם בארג (מוריה) אונ דאש גיבעט פון (יצחק) דא ער וואר גיבונדן אויף דעם (מזבח) אונ דיא (תפלה) פון (פנחס) צווישן דר פר זאמלונג · אונ אז דיא גיבעט פון (אליהו) אויף דעם בארג (כרמל) אונ אז דיא תפלה פון (שמואל) אין (מצפה) אונ אז דיא תפלה פון (דוד) אונ פון זיין זון (שלמה) אין (ירושלים) · אונ אז די תפלה פון (דניאל) אין דעם לייבן גרוב . אונ אז דיא (תפלה פון חנניה מישאל ועזריה) אין קאלך אויבן · אונ אז די תפלה פון (מרדכי אונ אסתר אין שושן הבירה) · אונ אז דיא תפלות פון אלי צדיקים אונ חסידים . אזו זאלשטו אויך הערן מיין תפלה . דוא ביסט גירעכט אונ דוא האשט גירעכטיקייט. איך בעט דיך גאט דוא זאלשט פון מיר אפ טאן אלריי בייזע גדאנקן פון מיינם הארצן אונ גיב אין מיין הארצן דיין פארכט . אונ דיין תורה . מאך מיר ווירדיג צו אלים גוטן ווערק . אונ גיב מיך צו לייט זעליקייט אונ צוגוטן . אונ דער בארם מיך אין דיינע אויגן אונ אין די אויגן אלי מיינע זעהר פון איצונד אן ביז אימער אונ אייביג : גאט בהיט מיין זייל אונ לייבי צו דיינר היילן האנד איך גאט פון מיינע עלטרן . גאט (אברהם) גאט (יצחק) גאט (יעקב) דער הער אל דער וועלט אונ גאט איבר אלי זיילן . דא קום איך צו בעטן דאש דורך דיין הייליגן נאמן אונ אום דיינר דער בארמונג מיין גיבעט אונ בגערונג מיין הארצן זאלשטו צו גוטן בפעלין דאש איך האב גבעטן צו פאר דיר גאט . דאש איך וויל בעטן אונ לאז אוך גיין אין טויערין פון דער תפלה . ניט לאז מיך לידיג אפ קערן פון דיר אום ווילן דיין בארם הארציקייט דיא דא פיל זיינן אונ דיין נאמן דער הייליג איז·אונ בשירעם מיך אונ מיין מאן אונ מייני קינדר אונ אלי מייני ליב האבר אונ אלי מענטשן פר אכזרים פר אירי הענדן אונ פיין אונ בייזי (תפיסות) אונ פאר ארמוט אונ פאר אלי לייד אונ טייל מיר מיט גיטיגלך אז איך האף צו דיר . דען דוא ביסט גאט מיין העלפר אונ מיין דער לייזר אונזר ישראל · אונ בשירם מיך אונ מיין מאן אונ קינדר אונ אלי מייני ליב האבר אונ אלי מענטשן פאר אלים בייזן אונ גיב אונז (מזל) אין אונזר ווערקן אונ גיב אונז אונזר נערונג ביהענד מיט גנאד מיט גליק אונ קיין אום גליק נייערט מיט עהר אונ מיט פרומקייט :

ליבר הער גאט אין דיין הענד בפעל איך מיין זייל דען דוא ביסט גאט גלויבט ביסטו גאט הייגט אונ אימער אז אייביג אונ טוא אויף מיר דיין האנד אונ שיק מיר גינאד

גיאַמר אונ בהיט מיך אונ מיין מאַן אונ מיינע קינדר אונ מיינע ליבע פריינד (פר מזיקים) פר דעם (שטן) אונ בייזי גדאַנקן אונ טיק (משיח בן דוד) אין אונזר טאָג אונ לאָז ניט גוועלטיגן אן מיר בייזי גלוסטיקייט אונ שטיל די פיינדן די אויף מיר אונ אויף מייני פריינד דיאַ ריידן אדר גדיינקן אונ אויף אלי מענשן דיאַ זאָלן זעלברט גפעלט ווערן מיט אירן בייזן ריידן . אלמעכֿטיגר גאָט העלף מיר אונ די לא מיר קערן אונ אלי מענשן אויז אלי בייזי רייד די דאַ זיין אויז גדאַנגן אויז מיינם מונד לאַ ניט לער אויז גיין פר דיר. בהיט אונז פר ארמוט אוי פר אונגרעכֿטן טויט . ווען דוא דיאַ גזאר אויף מיר שיקסט מיט דיינם דר בארמונג אונ ניט מיט דיינם צאָרן אונ לאַז זיין דר טויט איין כפרה אויף מייני זינד אונ גיב מיר לייט זעליקייט אין אוינגן דיזר וועלט אונ פאר דיינם (כסא הכבוד) . אונ דער ווייטר ניט מיין האַך דאָס ווערדיג ווערט צו טאָן דיאַ (מצות) אונ דאָס מיר ניט פאר געסן דיאַ (תורה) אונ בהיט מיך ליבר גאָט אין דיזר וועלט אונ דער הער מיך אלי מייני גיבעט . ליבר הער גאָט גיב מיר איין טייל אין דער (תורה) דורך ווילן דיינע (צדיקים) אונ (צדיקות) אונ אלי (חכמים) אונ (חסידים קדושים) דיאַ גאַנץ גוועזן זיין אין דער וועלט . אונ טרייב מיר אן צו איין גוטן (שם) אונ (כל ישראל)· אלמעכֿטיגר גאָט וואו איז דעם מענשן דר דאַ האָפט אן דיר. ליבר גאָט זייא אן גברייט דעם טאָג דאָס איך דיך אן זוכן . ליבר גאָט טוא אז איינר דר דאַ בגרייפט טייל דאָס שמרסט אונ גיי צוא איינר הילף דען צו דיר איז מיין הילף אונ מיין האַפנונג אין אונזרן טאָג אלמעכֿטיגר גאָט איך בעט דיך דאָס איך פון מיין זינד זאָל פטור ווערן . גאָט איך בין דיין קינד פר גיב מיר · ליבר גאָט איך בין גקומן צו בעטן פון דיין גנאד דאָס דו זאָלסט פאר געבן מיין זינד דער ווייל איך פאר דיר נאך שטייא אונ שיק מיר דרייא הייליגי (מלאכים) דיאַ פר מיר ריידן זאָלן אונ מיך בהיטן דאָס איך דעם שטארקן טויט זאָל ניט שטארבן אונ גאָטס הילף צו דער ווארטן דאָס זייא וואַר אין גאָטס נאמן (אמן סלה) :

מודה אני לפניך יי אלהי ואלהי אבותי אל אלהי הרוחות לכל בשר שרפואתי בידך ומיתתי בידך : יהי רצון מלפניך שתרפאני רפואה שלמה : ויעלה זכרוני ותפלתי לפניך כתפלת חזקיהו בחליו : ואם קרבה עת פקודתי למות תהא מיתתי כפרה לכל חטאתי ולכל עוני ולכל פשעי שחטאתי ושעויתי ושפשעתי לפניך מיום היותי . ותן חלקי בגן עדן וזכני לעולם הבא הצפון לצדיקים ותודיעני אורח חיים שובע שמחות את פניך נעימות בימינך נצח ברוך אתה שומע תפלה :

אלהי ואלהי אבותי תבוא לפניך תפלתי ואל תתעלם מתחנתי שאין אני עז פנים וקשה עורף לומר לפניך יי אלהי ואלהי אבותי צדיק אני ולא חטאתי אבל אני ואבותי חטאתי :

אשמתי בגדתי גזלתי דברתי דופי · העויתי והרשעתי זדתי חמסתי טפלתי שקר · יעצתי רע כזבתי לצתי מרדתי נאצתי סררתי עויתי פשעתי צררתי קשיתי עורף : רשעתי שחתתי תעבתי תעיתי תעתעתי : סרתי ממצותיך, וממשפטיך הטובים ולא שוה לי : ואתה צדיק על כל הבא עלי · כי אמת עשית ואני הרשעתי :

מה נאמר לפניך יושב מרום ומה נספר לפניך שוכן שחקים הלא כל הנסתרות והנגלות אתה יודע :

אתה יודע רזי עולם ותעלומות סתרי כל חי · אתה חופש כל חדרי בטן ובוחן כליות ולב · אין דבר נעלם ממך ואין נסתר מנגד עיניך : יהי רצון מלפניך

יי

יי אלהי ואלהי אבותי שתסלח לי על כל עוונותי ותמחול לי על כל חטאי ותכפר לי על כל פשעי: יהיו לרצון אמרי פי והגיון לבי לפניך יי צורי וגואלי:

הער פֿון אלי דער וועלט גאט איין גאט אונ גאט פֿון מייני עלטרן (אברהם) אונ (יצחק) אונ (יעקב). דער גרויס אונ שטארק אונ פֿארכטזאם הייליג אונ אייביג איז ער גאט אונ הער איבר דיא גאנצי וועלט פֿון אויבן אונ פֿון אונטן. איין הער איבר די לייט אונ איבר די פֿיך אונ ווילדי טירש איבר אלע וואש אויף דער ערדן אונ אלי ווירמונג. אונ אלי קרייטר גראז אונ בוים אונ אלש דאש דא וואקשט אונטר די זון אויך פֿון אויבן אין הימל אונ ענגלן אונ זון אונ מאנהייט אי: אלש אין דיין מאכט אונ אויך ער ציילט מיט דער צאל אונ רעגירט זיא אונ גיבט איין איטליכן נאך זיין בדערפֿנוש צו פֿאר אויש וואורן בשאפֿן נאך זיין נאטור אונ נאך זיינר נוץ. אונ דוא גאט (יתברך) דוא בעדארפֿשט קיינש ניט דיינר בשעפֿנש אין הימל נאך אויף דער ערדן נאך אין וואשר. דען דוא בישט איינציג אונ אליין דוא בישט גיוועזן פֿאר אלי בשעפֿנש אויף דעם הימל אונ אויף דער ערד אונ ווערשט זיין אליין אונ נאך אונזר גאנץ אלער בשעפֿנש צו אייביקייט אונ איז ניקש אוף דעם הימל נאך אויש דר ערד דר דא קאן דר צייגן דיין ליבע קראפֿט אונ מאכט אונ הייליקייט אונ ריינקייט אונ איינליקייט קיינר קאן נימאנד דער קלערן דיין נאמן. דיין נאמן איז גיוועזן פֿאר בשעפֿנש אונ אלי קרייטר אונ ווערט זיין נאך אונזר גאנץ אלע קרייטר צו אייביקייט איז דיין נאמן גלובט. אונ דיין קיניגרייך איז דער הייבט איבר אלי לובן פֿאר דיין נאמן פֿארכטן זיך דיא שארן פֿון פֿייער אונ בטיין דיין נאמן אונ זיי זעהן דיך ניט. אונ פֿאר פֿארכט דיינש הייליגן נאמן פֿליהט דאש מער הינטר זיך אונ אלע הינדן דאש מער שטארקן מיט קראפֿט דיין נאמן אן די ערד זיא ציטרן אירע זיילן זיי פֿר וואגן פֿר פֿארכט דיינש נאמן אין אלע וואונג אובן אונ אונטן אוף ערדן גרונד אונ גרוטן וויסטנייא זיא דער ציטלן זיך אונ ציטרן אונ פֿארכטן זיך פֿאר דיין הייליגן נאמן. דאש (גן עדן) אונ אל דיא זעליגע דיא דעריגן זיינן זיא לובן דיין נאמן אונ אל דיא דא אין זיך האבן איין לעבעדיגן אטעם מיט ליבע ליבשיקייט גיבן זיי (כבוד) צו דיין הייליגן נאמן אונ דיא הייך אלש אונ איך מייד שאפֿער דיינר מייד בין וואורן בשאפֿן פֿון ערד אונ מוז ווידר גיין אין דער ערד. אונ בין אייטל אש אונ ערד אונ אייטל בלוט אונ פֿלייש פֿול ווערים. אונ אז איין שטן אן דער וואנט דאש באלד פֿאלבט מיט גרויש דער טרעקנעט אונ צושטערנט. איך קום פֿר דיין הייליגן נאמן מיט גבוקטן לייב אונ מיט גרויש אונזר שעניקייט אונ דעמוטיקייט צו אנכפֿרן דיין הייליגן נאמן אונ צו בעטן פֿאר דיר אז איין ארעמאן פֿר דיא טיר דעם רייכן. גאט מיין גאט בווילג מיך מיט דער בארמונג דיינע גרושע אונ ענטפֿר מיר אונ לייט זעליג מיך ריכט מיך אויף אונ דער הייך מיך אונ בענטשט מיך אונ טרייב מיך אן אין דעם בוך דש מען טרייבט צום אייביג לעבן אז די (צדיקים) אונ (צדקניות) אונ אלי די וואש זיך פֿארכטן פֿאר דיר מיט ליבשאפֿט. אונ גיב מיר מיין טייל אין דיזר וועלט אונ אויף יענר וועלט. אונ גיב מיר דיין גוטקייט אונ פֿון דיינר בענטשונג אונ פֿון דר בארמונג גאט אלמאכטיגר בגליק מיך אין אלע מיינע וועגן אונ אלע מיינע שטעגן אונ אין אלע מיינע ווערק פֿון מיינע הענט. אונ עפֿין מיר דעם טויער פֿון פֿאר געבן דיא מיסטייט אונ דעם טויער פֿון (חכמה) אונ פֿר שטאנד אונ פֿר נופֿט. אונ עפֿין מיר דעם טויער פֿון דער נערונג: אונ גיב מיר קראפֿט אונ מאכט אונ איין גוט הארץ אונ גוטע גדאנקען דאש איך זאל האבן ריינונג אויף מיינע זינד אונ צו טאן איין גאנצן (תשובה) צוא

פֿר

פֿר דיר אונ דאש איך די בייזע (מחשבות) נימר אן ריידן צו טאן שלעכטש אונ גרינ מיר
דיין רעכטע האנט אונ אנטפאנג מיך מיט גנאדיקייט צווישן די אנדערי מענשן דיא זיך
קערן צו דיר מיט גאנצן הארצן. אונ פֿיר מיך אין אלי מיינע וועגן אויף גריכט. אונ
שטארק מיר מיינע גביין דש איך זאל קענן בשטיין צו פֿר דיר און מורא האבן פֿר דיין
נאמן צו דינן דיך מיט גאנצן הארצן מיט אלע מיינע גלידר די דו האשט בשאפֿן אין מיר
צוויא הונדרט אונ צוויא אונ פֿופֿציג (איברים). דוא האשט געגעבן אין געבאטן (מצות) צוא
טאן דיינע קינדר (ישראל) צוויא הונדרט אונ אכט אונ פֿערציג אזו פֿיל אז דיא מענטשן
האבן גלידר אין אירן לייב. אונ האשט אפֿר זיכרט ווען זיא ווערן טאן און האלטן דיא
געבאט. דוא זאלסט זיא געבן דיא ליכט דאש דא איז בהאלטן צו די (צדיקים) און(צדקניות)
אויף יענר וועלט דיא דו האשט געמערט אויף אונז ווייבר פֿיר גלידער. דוא האשט אונז
אויך געגעבן פֿיר (מצות) אלש ליכט אן צו צינדן צו דעם הייליגן (שבת) צו עהרן. אונ רייניגן
זיך פֿון אונזערע אומריינקייט. און אפ טיידן (חלה) פֿון דיא טייג וואש מיר באקן.
אונ דאש מיר זיינן שולדיג צוא ברינגען אונזערע מאנצן. אויך האשטו גיגעבן אין מיינעם
לייב דרייא הונדערט און פֿינף אונ זעכציג אדערן אזו פֿיל וויא דוא האשט געבאטן דיינע
קינדר (ישראל) געבאטן וועלכע זיא זאלן ניט טאן. דרום גאט מיין גאט גיב מיר אז איך
קיין בייזע אדער זאל אין מיינם לייב האבן. דען נייערט צוא אלע צייט ריידן אונ צו טאן
אייטל גוטש צו פֿאר דיר. אונ עש זאל פֿון מיין מויל קיין שלעכטש אויש גיין צו פֿאר שוועכן
(ח"ו) דיינע הייליגע געבאט דש דו ליבר גאט אליין האשטו געגעבן דעם מענטשן. איך בעט
דיך גאט מיין גאט גיב מיר איין גוטן (מלאך) וואש זאל אלע צייט איין פֿיר שפרעכר זיין
אונ זאל ריידן פֿאר מיר פֿאר דיא גריכט דיינר גרעכטיקייט דען דוא ריכטשט דיא
לעבנדיגע אונ דיא טויטע. אונ פֿאר שטום פֿון דיר אל דיא וואש ריידן שלעכטש אונ
אומרעכט אויף מיר אונ זיא ניט (מקבל) אירע רייד. אונ ווענד זיא אין אפ גרונד
דש ים דאש זיא זאלן נים ווערן גדאכט. אונ נימר מער פֿאר אין הייליקייט ווערן
גברענכט. אונ אלע מיינע טאג אויף דער וועלט לאז דאש אין דיינע אויגן וואול געפֿעלן
אונ לייט עש צוא גוטן. אונ איבר פֿיר אלע מיינע זינד פֿון צוא פֿאר דיר. אונ קער דיין
אויגן הין אוועק פֿון צוא זעהן בייז. אונ ווען איך ווייניג גוטש טוא דא לאז עש
שטעגן גיין פֿאר דיינע אויגן אונ לאז דיר וואול געפֿעלן און אנטפאנג עש ליבליך אונ
פֿריינטליך אלש עש העטן גטאן דיא גרושע (צדיקים אונ חסידים צדיקות אונ חסידות).
אונ אל די צועלביגע די דא האבן אירן לייב געגעבן צוא טייטן פֿון וועגן דיין הייליגן נאמן
אונ לאז מיין געבעט קומען צו פֿר דיר אן אלע פֿר הינדרט אונ אן שטוים. עש זאיי פֿון
בייזי לייט אדר (שדים אדר רוחות רעות) דיא דא הינדרן דיא תפלות דיא דא אויף
גייען פֿר דיין הייליקייט אונ מאך אין לאך אונטר דיין הייליגן שטול אלש דוא האשט
געמאכט פֿר (מנשה המלך) איין לאך אונטר דיין גיעהרטן שטול אונ האשט מקבל געווען
זיין געבעט. אונ דוא האשט אים פֿר געבן זיינע גרושע זינד אונ האשט אים גלאזט
זעהן דיין גרושע ממשלה. ווייל דא ער זיך האט גנידרט צו פֿאר דיר אונ האט (תשובה)
געטאן. אונ אלש דוא אנטפאנגשט אלע (בעלי תשובות) דיא זיך אונטר טעניג מאכן, אונ
נידריג אונ קליין אזו צאלשטו אויך אנטפאנגן מיין געבעט היינט אונ אלע טאג מיינס לעבן
אונ אנטפאנג מיין געבעט אז ווי דו האשט אנטפאנגן אפפער אונ פריד אפפער דעמפונג
דאש דר כהן הט געבראכט אויף דעם אופפער שטול אין דר צייט אז דיין הויז איז געשטאנן
געווען

גוועזן אונ מיט גרויסע רייניקייט גהייליגט אונ אויז דר ווייל מער אלס אל די פרומע
קינדר צו דינן דיך אונ צו פר געבן דיא מיסטעט דיינע קינדר ישראל דיא דא האבן
חרטה דרויף אונ. בוויינאירע זינד אונ איין טייל פון דעם אפפער איז פר ברענט גוואָרן
אלע צו מאל איין טייל האט מען דער פון גיגעסן דיא דערמאנונג איז אויך גגאנגן גשמאק
אונ זפנפטיגות. דיינר הייליקייט אונ אלונד אויף דעם טאג . אום ווילן אונזרע זינד איז
פר שטערט גוואָרן דער (בית המקדש) דא דיין הייליגע שכינה האט אין איס גרוהט .
אונ מיר האבן קיין כהן אונ קיין אפפר נאך פריזאנט דערמאנונג · אויך קיין לוים די דא
זינגן אויף דיא קרבנות דאש הייליגע גזאנג מיט הארפן פויקן ארגלין אונ אלרלייא נאטן
שפיל צו עהרן דיין הייליגן נאמן . אונ מיר האבן קיין (בית המקדש) אונ קיין שולחן אונ
(מנורה) אונ קיין (כפורת) אונ דיא שטאט דיינר הייליקייט (ירושלים) איז צו פירט אונ
צו שטוסן. דערויף רינן מיינע אויגן בעך וואסר טאג אונ נאכט אן אויף הערונג אונ טוא
גדענקן דעם בארג ציון דיין שטאט דאש דיין נאמן איז גרופן אויף איס אונ דיין שכינה
האט גרוהט צווישן זייא . נון האשט דרינן אנטפאנגען אלע גבעט דיא דיך האבן אן
גרופן אויס דער טיפניס אירש הארצן מיט גנאדהייט אונ מיט ביטערונג . אונ האבן זיך
פר זינדט אן דיינר בארם הארציקייט אונ גנאד נאך . גאט דוא האשט אפר טרויש
דיינם קנעכט דעם וואראהאפטיגן מאן (משה רבינו ע"ה) נון הער אלי דיא וועלט אויף
דיא לייט האבן מיר ניש מער אז דיא רויך אונ בשיידנט דיא לעבן זאל זיין אז איין
ליבליכן גשמאק אז דוא האשט פר זיכרט אברהם אונזר אלטן פאטר דא ער האט זיין
זון יצחק וועלן צום אפפער ברייגן דוא האשט פר שניטן מיט איס איין זיכרהייט אונ
גשוואָרן צו געבן צו זיינם זאמן דאש הייליגי לאנד אונ ווילשט דיין נאמן לאזן רוען צווישן
אונז אונ ווילשט פר געבן אירי זינד אונ מיסטייט אז זייא ווערן בקענן אירי זינד אונ
חרטה דרויף האבן אונ ווערן ברייגן אפפר אונ פריזאנט אזו זאלשטו בווילגן זייא אונ
זאל דיר זיין איין פאלק איין גליבט דא פאלט איין גרויש דר טרעקנס אונ אנגשט אויף
דעם הייליגן מאן דא ער זעהט די פר שטערונג ירושלים אונ דאש (בית המקדש) דוא
האשט אויך גטרייסט וועןזיא טון ווערן זיין אין לאנד בבליים דאש דוא זייא ניט
ווילשט פר שעמן אדר. פר דארבן אויף האשטו לאזן זאגן דורך דעם (נביא) ווען דיין
קינדר גדיינקן אירי זינד אונ האבן חרטה דרויף . אונ בשיידן זיא מיט אירי לעפן דען
ווילשטו פר געבן אונ פר לייאן . אונ ווילשטו זיא ווידר בויאן ירושלים . אונ דאש (בית
המקדש) צו רואן דרינן דיין הייליגן נאמן · דא שטייא איך ארמי פרויא היינט פר דיין
הייליגן נאמן · אונ בקען מייני זינד · אויך האב איך גרויש חרטה דרויף אונ וויל עש
נימר טאן איך בעט דיך אלש מיין פאטר אונ קיניג · זייא מיר מייני זינדן (מוחל
וסולח) איין מחילה וסליחה צו אייביג אונ לאז מיר ניט אנטגעלטן מיין נארהייט אונ
מיסטייט . אונ בווילג מייני רייד אונ בשיידניש מייני לעפן אז אין פסוק שטייט
(יהיו לרצון אמרי פי והגיון לבי לפניך יי צורי וגואלי) : אונ זייא מיר בהילפיג דאש
איך זאל ניט גשטרויכלט ווערן אין מייני רייד · אונ דער בארים דיך איבער מיר
אונ איבער מיין מאן אונ איבער מייני קינדר אונ איבער אלי מיין הויז גזינד אונ
איבר אלי דיא זיך אן מיר בהעפטן · אונ איבר אלי דיא זיך פארכטן פר דיר אונ
בגליק אונז אין אלי וועג אונ שטעג · אונ זייא אונז בהילפיג אין אונזרי זאכן · אונ
אונ בשירם אונז פאר בייזי לייט דיא אום רעכט בגערן צו טאן אונ די אן רינן די לייט

צו

איבל אונ פר דיא לייט דיא שאלקהפטיג אונ בטריגר זיינן דיא דא ריידן מיט
ויל . אונ דאש הארץ איז וייט דער פון אונ זייא בגערן די לייט צו פר דארבן
זאגן אלי צייט בייזי שמועות אונ טרייבן רכילות אונ שווערן פאלש אונ שעלטן אונ
אונ זינגן אויף דיא גאסן אונ ריידן (דברים בטלים) אונ ריידן פון די לייט אונ גינן
קיין גוטש אונ האסט אידר מאן אונ שעמן זיך קיין שאנד אונ האבן שטארק
בם . הער פון גאר דער וועלט לאז מיך אונ אלי די מייני געזעלשאפט מיט זייא
נאך קיין טייל אויף יענר וועלט . אונ בהיט אונז פון אלים בייזן גשטעכניש דיא
און אין דיא וועלט אין אום לייטיג טויט פון (דבר) . אונ הונגער אונ דארשט
ר דארבונג אונ פר ויסטניש . אונ לאז אונז אין קיינרלייא ווערן פר אכט אונ
ז ניט ווערן פר שעמט פאר דיר אויך ניט פר דיא לייט . אונ לאז ניט געוועלטיגן
עם (יצר הרע) אונ בהעפט אן אונז דעם (יצר טוב) . איז וואש בייז בשערט
יט דא פאר בהרג אונז אלי אין דיין שאטן אונט' די פעכר דייני פליגל . אונ גיב
ראפט צו דינן דיר . אונ צו האלטן דיין גבאט דיא אונז גבאטן זיין אין דיינר
ר תורה . אונ דאש מיר זאלן קענן אויף נעמן שטראף פון אלי די אונז שטראפן .
יין אונז גוטש צו טאן אין דינסט דיין הייליגן נאמן . אונ מיר זאלן ניט ווידר
ג אונ ריידן ווידר זייא אדר אן טרייאן . אונ ניט צו פר שעמן זייא נייערט צו
אגן אונ צו נעמן פון איטליכן דר די ווארהייטן זאגט. אונ זאלן ניט זיין אין אונזרי
שפל אלי דיא אונז אונטר ווייזן צום גוטן אונ דאש מיר ניט זאלן זיין טרעג אין דיין
. או דער (יצר הרע) זאל אונז ניט איבר ריידן פון אויף שטיין כדי צוא לויבן
ייליגן נאמן אונ אונז דאש גוטש . דאש דוא האשט גדאכט דיינר מוגד צו אויר צייט
אונז (זוכה) צו זיין אלי צייט בייא גוטי פרומי לייט די גאנץ פארכטיג זיינן אין
ינסט אונ וואר איבר זייא אין גוטי גדאנקן . אונ גיב דעם בייזן גדאנקן קיין
ק כח מאכט צו געוועלטיגן איבר מיר . אונ לאז מיין פוס גיין צו גוטש . אונ מיין
צו אן גוטש . אונ מיין אויערן צו הערן (דברי תוכחה) . אונ שפראך אונ לויב
נאן אונטר ווייזונג אונ ליכטיג רייד קיין שאנד נייערט וואש לייט ריידן דיא דא
ה) ערקן אונ האלטן דיין גבאט . אונ מייני אויגן צו זעהן אלש גוטש אונ צו זעהן
רני זאכן דיין בשעפניש. אונ אלי מייני גלידר זאלן לובן דיין הייליגן נאמן. אונ קיין
ייכן אונ גיב מיר אין ריין הארץ אונ אין פריש גמיט . ניט פר נאגם צו דינן
יאכן הארצן אונ ניט מיט פאלשקייט ניט מיט שאלקהייט אונ צו טאן דיין גבאט
יד אונ ליבטיג דאש איך זאל פארכטן פר דיין נאמן אונ פר דיין נארן צו טאן
אמים פליים . אונ צו לויבן אונ צו הייליגן אונ צו זעהן אלי צייט דיין הייליגן
. ונ דאש מיין גזינד זאל מיר רעכט טאן מיט ווארהייט אונ (בכשרות) אן אלי
יכאדר פאר האלן . אונ דאש זייא ניטש גרייפן אין קיין (טריפות) אדר (חלול
אר (חלול שבת) אדר (חלול יום טוב) זאל פון זייא ניט קומן אונ אלי אירע ווערק
(לשם שמים) אונ ווען איך מיך לייג אין מיין בעט בהיט מיך פר בייזי גדאנקן
יגשטעכניש . אונ דאש איך זאל בלכיעות ליגן עש זייא מיט מיין לייב אדר מיט
דאש איך זאל ניט ווערן אויף גדעקט פר דיינם הייליגן נאמן דען די וועלט
דיין . אונ לאז קיין שאנד קומן אויף מיר אונ אויף מיין מאן אונ מייני קינדר
הויז גזינד עש זייא דורך אונז זעלברט אדר דורך אונזרי לייט . אונ בלוויכנ

מיין געבעט אלי צייט אונטר זיך צו זעהן אויך ניט צו זעהן אויף דיא לייט דיא בייז טוען אדער (הלצים) צו דער צארן דיין נאמן נייערט צו זעהן אויף דיא לייט דיא אלי צייט גוטס טוען אונ פארכטן זיך פר דיר אונ פר דיין נאמן אונ גיב אונז קראפט דאס מיר זיך ניט לאזן אן רייצן די בייזי גדאנקן אדר בייזי לייט צו זעהן אויף גרויסי רייכטום אונ אויף דיא גרויסי הייזר בויען אונ שיינע קליידר מאכן . אונ גיב אונז אונזר בדערפנס פון דיינר האנט דיא מילד איז אונ לאז אונז דיא לייט ניט לאז טייוט ווערן מיט קיינר זאך . אונ בהעפט אונז צו גוטי לייט אונ דאס מיר אונזרי קינדר אויש געבן מיט גרוסי פרומי לייט דיא זיך פארכטן פר דיר מיט גרויס ליבשאפט . אונ טוען דיין געבאט . אונ האבן איר נערונג ערליך פון ארבייט איר אייגני הענט · אונ לאז אונז געניסן (זכות אבות אברהם יצחק) אונ (יעקב) . אונ (משה אהרן דוד ושלמה) אונ (שרה רבקה רחל ולאה חנה אביגיל) . אויך אנדרי (צדיקים וצדקניות חסידים וחסידות) . אונ לאז אונז דער לעבן דאס דוא ווערסט בויען דאס (בית המקדש) . אונ מיר ווידער זאלן ברייגן (קרבנות) אונ זאלן ווידר אויף גיין דרייא מאל אין יאר קיין (ירושלים) אונ די הייליגי שטאט דיא דוא האסט אויס דער וויילט צו זעהן דיא לויטרקייט דיינר (שכינה) אונ צו פרייען זיך צו זעהן די גרויסי פריינד שאפט אונ ליבשאפט די דוא האסט צו דיין פאלק ישראל גטאן . אלמעכטיגר גאט דער הער מיין געבעט אונ ענטפר מיר נאך אויר צייט . אונ רייניג מיין הארץ צו ליב האבן דיך צו לובן דיך אונ שיק (אליהו הנביא) אונ לאז אונז באטן ברוט זאגן דאס דוא שיקסט דיין הייליגן (משיח) . אונ הייל מיין לייב אונ מיין זייל אין הייליגן צו ווישן דיין הייליגן נאמן · הער פון דער וועלט אלס דוא האסט אנגפאנגן אלי געבעט דיא דיך אן גרופן האבן אין אירי נויטן מיט גאנצן הארצן אזוא אנטפאנג מיין געבעט דיין טאכטער דיין מייד דוא ביסט דער דא אנטפאנגט אלי געבעט פון דיא קינדר (ישראל) . געלובט איז גאט דער דא אנטפאנגט דיא געבעט היינט ביז אימר אונ אייביקייט (אמן) :

ג איין (בקשה) וואס מען זאל זאגן ווען מען אין שול קומט :

מה טובו אוהליך יעקב משכנותיך ישראל . ואני ברוב חסדך אבוא ביתך בזכות אברהם שנקרא איש חסיד ; אשתחוה אל היכל קדשך בזכות יצחק שנעקד על גבי המזבח במקום קדוש : ביראתך בזכות יעקב שאמר מה נורא המקום הזה: רבונו של עולם בזכות שלשת אבות אלו אבוא לבית הכנסת להתפלל לפניך תפלתי תפלת האביון · ויהיו לרחמים ולרצון לפני כסא כבודך · ותעלה ותתנשא לכתר על ראשך על ידי מט"ט שר הפנים אמן סלה : אש תמיד תוקד על המזבח לא תכבה ; סעפים שנאתי ותורתך אהבתי : יי אהבתי מעון ביתך ומקום משכן כבודך : ואני אשתחוה ואכרעה אברכה לפני יי עושי : ואני תפלתי לך יי עת רצון אלהים ברב חסדך ענני באמת ישעך :

ד די תחנה זאל מען אבינס אונ מארגין זאגן מיט (כוונה) נאך (מה טובו) :

מי אנכי ווער בין איך דאס איך זאל ווערדיג זיין (תפלה) צו טאן פר אזו איין פארכטזאמן גרויסן קיניג דער דא איז איין קיניג איבר אלי קיניגן (מלך מלכי המלכים הקב"ה) געלובט אונ געהייליגט איז דיין ווירדיגר נאמן . אונ איך בין איין זינדיגר מענטש אונ האב דער צארנט דיין פארכטזאמן אונ גיאכפרטן נאמן מיט מייני (מעשים רעים)

דיא

דיא איך האב גיטאן · איך בין נאר בלוט אונ פלייש. ווערים אונ מאדין · אונ בין ניט
ווערט דאס איך זאל גדייכן דעם שטארקין גרויסן גאכפרטן פארכזאמן ווערדיגן נאמן
אונ (פשיטא תפלה) שאן אונ זאל מעלדן אונ גדייכן אן דיין גיפארכטן נאמן . וויא
צו מיר וויא וועל איך אויף הייבן מיין (פנים) פאר דעם קיניג (מלך מלכי המלכים
הקב"ה) אונ זאל בעטן פר אזו איין גיאכפרטן אונ פארכזאמן קיניג דר דא איז איין קיניג
איבר אלי קיניגן איין הער איבר אלי הערן גילויבט אונ גהייליגט איז זיין נאמן אונ דער
הייכט איבר אלי הויכי : אונ ער איז איין גוועלטיגר איבר אלי גיוועלטיגר . נייערט
ווען זיין גרויס בארמהרציקייט דאס ער זיך דער בארמט איבר דער גאנצר וועלט
אונ פר לאנגט אונ בגערט די (תפלות ובקשות) פון דיא לייט : וויא איין פסוק שטייט
(קרוב יי לכל קוראיו לכל אשר יקראוהו באמת) ער איז נאהנט צו אלי דיא אים אן רופן
מיט ווארהייט · (ואת שועתם ישמע ויושיעם) אונ איר גשרייא טוט ער הערן אונ פר
נעמן עש שטייט אויך אין פסוק (שומע תפלה עדיך כל בשר יבואו) דוא גאט פר נעמסט
אלי (תפלות) פון אלי די קרייטר דיא דיך אן רופן דרום קום איך דיך בעטן :

רבש"ע דוא הער פון דער גאנצער וועלט איך ווייס וואול דאס איך בין איין ארעם
זינדיגר מענטש אונ בין ניט ווערט אונ אויך ווערדיג (תפלה) צו טאן פאר
דיין גיאכפרטן נאמן דאס זיין גרויס עהרליכקייט אונ גרויס אכפרקייט. דאס קיין שיעור
אונ קיין (ערך) האט דאס זיין (גדולה) אונ (גבורה) איז ניט מיגליך צו דער ציילן אונ
איך בין איין זינדיגר מענטש אונ זאל שטיין פר אזו איין לעבנדיגן הערן תפלה צו טאן
אונ איך פר שטייא אויך ניט אפילו וואס איך (תפלה) טוא נאר פון וועגן דאס דוא ביסט
איין גרוסר (רחמן) אונ ביסט דעמוטיג אונ בגערסט פון דיא לייט די תפלה טוען צוא
רופן דיך מיטן גאנצן הארצן אונ דוא גאט פאר שמעסט ניט איר תפלה דרום האב איך
מיך דר וואוגן צו קומן פאר דיר דוא בארמהרציגר פאטר מיט דעמוטיגן הארצן אונ
מיט נידריג געמיט אונ האב חרטה אויף אלי מיין עבירות דיא איך גטאן האב פון מיין
יוגנט אן ביז אהער אויף דעם הייניטיגן טאג אונ דוא זאלסט מיר שיקן מלאכים דיא
דא גזעלט זיין איבר דיא (תפלות) פון (ישראל) אונ זאלסט מיין (תפלה) אן נעמן מיט
אנדרי (תפלות אמן סלה) ·

ה איין שיינה תחנה וויא איטליכר מענש זאל מתודה זיין איי ער זיין תפלה טוט . זיא
קומט ארויס פון (רבי אליעזר הגדול ע"ה) זיין זכות זאל אן מיר גניסן :

דער מענש זאל גדענקן דאס ער אורבילונג שטארבט אופט איין (מיתה משונה
ח"ו) דרום זאל דער מענש גווארנט זיין · אונ זאל תשובה טאן אלי טאג (היום
קצר והמלאכה מרובה) דען ער ווייס ניט ווען ער צום (יום הדין) אום חשבון ווערט
גרופן · דרום איז וואול ווירדיג דאס ער זאל גפריסט זיין אין גאנץ דינסט אונ (צידה
לדרך) מיט זיך נעמן דען איין מענש איז ניט זיכר (אפילו) איין טאג אויף ניט · אין
איין אויגן בליק ווערט מען פר קערלט . אז (דוד המלך) זאגט צו אלים קאן איין מענש
האפן איין ארמר האפט רייך צו ווערן. איין תפוס האפט לידיג צו ווערן . איין קראנקר
האפט גזונד צו ווערן · איין שוואכר האפט שטארק צו ווערן . אבר פון דיא מיתה האט
מען קיין האפנונג לעבן צו בלייבן דען (משה רבינו ע"ה) האט גירעט (פה אל פה) מיט
הקב"ה אונ האט זיך ניט גקענט מציל זיין פון דער מיתה · דרום בדארף מען תשובה

צו שאן אונ וויל זיין נשמה נאך אין גוף איז אז (שלמה המלך) האט גזאגט טוא תשובה ווייל דוא נאך יונג אונ שטארק בישט · אונ וויל דאש ליכט ברענט גיב אים אייל · אונ אז עש אויש גייט אזו העלפט קיין אייל ניט : דאש זאגט צו ישראל מייני קינדר די טיר איז אופן פון דער תשובה · דען איך נעם אים שוחד (לעולם הזה) . אבר (לעולם הבא) נעם איך קיין שוחד . אונ דאש איז גלייך אלש ווער זיך אן ערב שבת רעכט אנגרייט דער האט פיל עשן אום שבת דען דער טאג איז קורץ · אונ דיא מלאכה איז פיל . דען דיא יארן פארן צום טויט וויא פיל בדארף ער זיך ברייטן דען ווען ער טויט איז אזו איז ער פריי פון מצות . אונ גדענק אן דיין בשעפר אין דיינע יונגע טעג איי דיא בייזע טעג קומן . מען רופט אלי טאג אויש מען זאל תשובה טאן דיא תפלה וואש מיר טוען בעטן צו בווילגן הקב"ה מיט גאנצן הארצן זייט גפריסט אויך צו בעטן פר הקב"ה מיט טרעהרן דער ווארטן דאש ער אייער תפלה אנטפאנגן זאל דער וויל דיא תפלות שחרית איז זייער בווילגט פר הקב"ה . אונ דער נים תשובה טוט אויף דעם עולם דער האט איין גרויש עונש אויף יענם עולם . ווען דער מענש זינדיגט · צוויא מלאכים דיא פאלגן מיט אים צו גיין שיידן זיך פון אים אש אונ טרויארן אויף אים · אונ ווען ער ווידר תשובה טוט אזוא פרייען זיא זיך פון אים . אונ ווער דעם טאג פון שבת עהרט איז גלייך אלש ער זיך גזעלט צו דער שכינה · איטליכר זאל ווענן דיא (עבירות) וויא פיל זייא זיינן . אונ אזו זאל ער דער קענן ווידער משפר זיין (מצות) . אונ זייא גוואריינט אז דוא ניט דער צערנשט · דער דא תשובה טוט דער מוז פון זיך אב ציהן דיא טומאה מיט דער תפלה·דאש עיקר תשובה איז מען זאל תורה לערנן אונ וועלכר זיך אב שייד פון דער תורה דער שייד זיך אש פון הקב"ה · אונ דער זעלביגר פארכט זיך נים פר זינד אונ אויך איין (עם הארץ) איז קיין חסיד דען די תורה לערנט איינם וויא ער זאל (הקב"ה מרצה) זיין אונ דאש ער זאל ניט ווייטר גשטרויכלט זיין . אונ איין גלערנטר בדארף זיך נים צוא פוילן פון (חרטה) אונ (תשובה) טאן ווען ער עש נים טוט איז דיא (תורה) נים בווילגט אונ אנטפאנגן פר (הקב"ה) דער דא שפאט אויש דיא (תורה) דער מוז זיין פול זינד דען וועט זיך (הקב"ה) מיט אים נים דער מייאן אונ אן זיינר (תורה) · פון וועגן דאש דיא (תורה) מוז ריין זיין . דען ווער (צואות) אונ (עונות) אן זיך האט דא איז דיא (תורה) קיין (נחת רוח) צו אונזר בשעפר דען פון דער (תורה) לערנן דער לייבט זיך דיא (שכינה) אויף אים ווען דר אבר פר זאלפרט זיך מיט פלעקן דיא זינד ווערט דיא שכינה אויף אים ניט זיין : דרום מוז ער זיך זייני (צואות) אב וואשן מיט גרויש (תשובה) אונ דער נאך זאל ער גשטעפטיגט זיין אין דער (תורה) דען די (מלאכים) אויף דינם הימל דיא קערן זיך פון אים אב ווען ער אום ריין איז פון (טומאת החטא) דאש מיינט מען פון זינד . אונ דר (עיקר התורה) דאש איז (תשובה) אונ (מעשים טובים) · אונ איין (תלמיד חכם) האט איין גרעשרן עונש אז איין (עם הארץ) דער פון לערנן מיר אש דאש מען בדארף (תשובה) טאן · דאש ערשטי איז פאשטן · דאש אנדרי איז (תפלה) . דאש דריטע איז אין דער שול גיין · דאש פירדי איז דיא (תשובה) · דאש פינפטי איז צדקה צו געבן דיזי זאכן פר געבן איינם זינד . אונ מען צו רייסט איינם זיין בייזן (גזר דין אמן סלה) :

דיא (תחנה) זאל מען בכוונה זאגן אלי טאג נאך (מקדש את שמך ברבים) :

ואתה קדוש) דוא בישט הייליג אונ דיין נאמן איז הייליג . אונ אלי הייליגי פון דיא ישראל

ישראל האבן גהייליגט אונ טוען הייליגן דיין ווערדיגן גיאכפרטן נאמן צוא לייד (ארבע מיתות בית דין סקילה טריפה הרג וחנק) אלי טווערי ביטרי פיין פון וועגן דיין הייליגן נאמן. אונ וועגן דיא בטערמונג. דיין הייליג פאלק (ישראל) איך בעט דיך פארכלומר הייליגר גאט אויב אנדרש עט וועט זיין דער הייליגר ווילן צו ברייגגן אויף מיר איין פר זובונג (ח"ו). האב איך דיך צו בעטן ליבר גאט דוא זאלשט מיר געבן אין מיין (מחשבה) אונ אין מיין מויל דאש איך זאל קענן הייליגן דיין נאמן (ברבים) אויפן וואר פר לייט. אזוא וויא דא גיטאן האבן דיא הייליגי (קדושים עשרה הרוגי מלכות) אונ פיל טויזנט אונ צעהן מאל צעהן טויזנט פון דיין הייליגי ישראל. אונ האבן איבר געגעבן איר לייב פון דיין הייליגן נאמן וועגן. דען דוא ביסט איין גאט אונ ווייסט אלי דיא פר באורגנט פון מיין הארץ צו איבר ענטפרן די בייגר דאש פלייט דאש בלוט דאש אלב צו לידן (ארבע מיתות בית דין סקילה טרפה הרג וחנק) טווערי פיין וואש נאר איין דער וועלט צו גפינן פון וועגן טונהייט דיין הייליגן נאמן. דו ביסט אונזר גאט איין אלמאכטיגר גאט אונ איין ווארהפטיגר. אונ פון וועגן דיין הייליגי אונ רייני (תורה) דיא דא איז איין שטארקי אונ ווארהפטיגי (תורה) אונ פון וועגן דיין אייניגן פאלק ישראל דאש דא איז אויף דער וועלט. ענטפר מיר גאט אונ לאז דיין נאמן דורך מיר גהייליגט ווערן דען דוא ביסט איין גרעכטר (דיין) אונ ווארהפטיגר (שופט). אונזרי חכמים האבן אן גשריבן ווען איינר איבר ענטפרט זיך צו הייליגן זיין לייב אום ווילן דיין נאמן מיט גאנצן הארצן אזו פילט ער די יסורים ניט איך פארכט מיך דרויף צו פר זיכרן דען פלייכט מעכטן די יסורים צו גרויס זיין אויף מיר דאש איך ניט קען אויש שטיין דיא (יסורים) אונ ווייטאג. איך בעט דיין הייליגן נאמן דאש דוא זאלשט זיין מיט מיר דאש מיין (מחשבה) זאל זיין בהעפט אן דיר אלי צייט זאל איך (מטאח) זיין אין מיין הארצן פון וועגן די יסורים אונ דוא זאלשט מערן אין מיין מונד דעם (כח הדיבור) צוריידן צו הייליגן דיר מיט קלוגהיים אונ מיט פר שטאנדיקייט אונ מיט וויטן שאפט פאר לייט אויפן וואר אנפלעקט אונ פר גיב מיר אלי (חטאים ועונות ופשעים) דאש איך האב גזינדיגט אונ גשולדיגט אונ גמיסטייט קעגן דיין הייליגן נאמן אונ דוא זאלשט מיר געבן מיין טייל מיט דיא הייליגי די זיך בהעפטן אן דיין הייליקייט. עש זאל זיין צו ווילן דיא זאג פון מיין מונד אונ דיא גדאנקן פון מיין הארץ צו פאר דיר דען דוא ביסט גאט מיין בשעפר אונ מיין דער לייזר (אמן):

ז דיא (תחנה) זאגט מען אובנט אונ מארגנט אין (שמונה עשרה) פר (קדושה):

פר וואר גאט פר דיר איז קיין נאכט אונ דיא ליכט רואט בייא דיר אונ דוא מאכסט דער לייכטן דיא גאנצע וועלט פון דיין ליכט דיא מארגנט זאגן דייני גנאד די נעכט זאגן דיין ווארהייט אונ אלי קרייטער זאגן דייני גנאד אונ גרוסי וואונדער דוא גאסט דוא טוסט דער נייאן דיין הילף אלי טאג ווער קאן דער צילן דייני גרוסי וואונדר דוא זילסט אין היכל דוא לייכטסט דיא טעג פון די (צדיקים). אונ דוא זעלט דיא צייט נוא אלי דיא בשעפני'. אונ דיין אייניגר טאג איז טויזנט יאר. אונ דייני יאר אונ טאג דיא ווערן ניט צו געצלט. אלז וואש אויף דער וועלט איז דיא ווערט פר לענט אונ דוא בלייבסט אימר אונ אייביג. אונ דוא איבר לעבסט אלי דיין בשעפנט אונ אזו וואול אזו וויא דוא לעבסט אייביג אזו אויך דייני הייליגי אלי (מלאכים) לעבן אין דאש אייביג לעבן. אונ

אזו

אזו וואל דוא ביסט ריין אזוא זיינן דייני היילגי דינר ריין דיא אלי טאג דרייא מאל זאגן (קדוש) ׃ אונ טוען דיך הייליגן אויף דעם הימל אונ אויף די ערד אונ דיא (מלאכים) דארפן ניט פריער זאגן (קדוש קדוש קדוש) ביז דיין הייליג פאלק (ישראל) טוען הייליגן דיין נאמן אונ זאגן (קדוש קדוש קדוש יי צבאות מלא כל הארץ כבודו) געהייליגט אונ גילויבט ביסטו גאט פון אלי העער שארן . גפילט איז דיא גאנצי וועלט מיט דיינר עהר אימר אונ אייביג :

ח דיא תפלה זאל מען מיט (כוונה) זאגן אבנט אונ מארגנש אין (שמונה עשרה) אין די (ברכה) פון (שמע קולנו) פר (כי אתה שומע תפלה) :

אנא יי חטאתי עויתי פשעתי לפניך והרע בעיניך עשיתי · רבש"ע עשה למען שמך הגדול ותכפר לי על כל עוני וחטאי ופשעי שחטאתי ושעויתי ושפשעתי לפניך מנעורי עד היום הזה ותמלא כל השמות שפגמתי בשמך הגדול · אתה הוא יי האלהים הזן ומפרנס ומכלכל בחסדך לכל הברואים . מקרני ראמים עד ביצי כנים הטריפני לחם חוקי והמציא לי ולכל בני ביתי מזונותינו קודם שאצטרך להם בנחת ולא בצער בהיתר ולא באיסור לחיים ולשלום משפע ברכה העליונה· כדי שאוכל לעשות רצונך ולעסוק בתורתך ולקיים מצותיך ואל תצריכנו לידי מתנת בשר ודם .. ולא לידי הלואתם. אלא מידך המלאה והפתוחה הקדושה והרחבה : ויקויים בנו מקרא שכתוב פותח את ידך ומשביע לכל חי רצון : כי אתה שומע תפלה :

ט דיא שייני (תחנה) זאל מען זאגן אלי טאג ווען דער (חזן) האלט (שים שלום) אדער ווען דיא כהנים צו דוכנן גיין :

רבש"ע דוא העער פון דר גאנצער וועלט איך בין דיין אונ מיין טרוים זיינן דיין · עס האט מיך געטרוימט איין טרוים אונ איך ווייס ניט וואס עס בטייט · אזו זאל זיין דר ווילן צו פר דיר גאט מיין גאט אונ גאט מייני עלטרן אז עס זאל מיין טרוים אויף מיר אונ אויף (כל ישראל) זיין צו גוטן אונ צו בענטשונג : עס זאלן דיא טרוים וואס אנדרע האבן געטרוימט אויף מיר אונ עס זאלן דיא טרוים וואס מיר האט געטרוימט אויף אנדרי · זיינן זייא אנדרש גוטי טרוים זא זאלסטו זייא שטארקן אונ פעסטן · זייא זאלן אן מיר בשטעטיגט ווערן אזו וויא דר טרוים פון (יוסף הצדיק) אונ ווען זייא ברויכן איין היילונג זאלסטו זייא היילן וויא דוא האסט געהיילט דעם (חזקיה מלך יהודה) פון זיינר קרנקהייט אונ וויא דוא האסט געהיילט (מרים הנביאה) פון איר צרעת אונ אויך דעם קנעכט (נעמן) פון זיין (צרעת) · אויך וויא דוא האשט געהיילט דיא ביטרי וואשר פון דר שטאט (מרה) דורך האנד (משה רבינו ע"ה) · אויך דיא וואשר פון שטאט (יריחו) דורך האנט (אלישע הנביא) אונ אזו וואל וויא דוא האשט פר קערט די פלוכונג פון (בלעם הרשע) צו בענטשונג אזו זאלסטו אויך פר קערן אלי מיין טרוים אויף מיר אונ אויף (כל ישראל) צו גוטן אונ צו בענטשונג אונ זאלשט בווילגן מיך פון איצונד אן ביז אייביג (אמן):

י איין נייאי (תחנה) דיא מען זאל מתפלל זיין אויף גוטי קינדר צו האבן איז אויש (ירושלים) גיקומן :

ידוע דאס איז ווישיגליך דאס דיא ווייבר האבן ניט קיין אנדרי זכיות דאס זייא זאלן קומן (לחיי עולם הבא) נייערט דער וויל זייא דער ציהן אירי קינדר (לתורה ולמעשים טובים) אונ פירן זיי צום (רבי) זייא זאלן תורה לערנן דרום איז איטליכי

אשה

(משה) שולדיג תפלה צו טאן אלי טאג. דען השי"ת ב"ה זאל איר בשערן גוטי פרומי קינדר צדיקים (תלמידי חכמים) · אזוא זאל זיא תפלה טאן בכוונה. אבנס אונ מארגנס אין (שמונה עשרה) אין ווי (עושה שלום) אויך ניט פאר (יהיו לרצון) דא ווערט זיא זוכה זיין צו האבן (בנים תלמידי חכמים) וואס זיינן עוסק בתורה ובמצות. דער פון אין זיא עולה (בעולם הבא) אין גרויסי מדרגות פון היכלות. וואס דארטן זיינן (נשים צדקניות) אונ-לייכטן אין ליכט פון דער (תורה) :

רבש"ע דוא הער פון דער גאנצר וועלט דער בארמיגר פאטר אונ קיניג. דוא זאלשט דיך דער בארמן איבר מיינע ליבי קינדר דיא איך האב פון מיינם מאן · אונ דוא זאלשט עפינן זייער הארץ אין דער תורה דאש אירי הארץ זאל זיין ווייט אונ בריית אין דר תורה אלש וויא דא איז גיוועזן דאש טויער פון אונזר (בית המקדש) דער וואַרטן דאש זייא זאלן קענן פר שטיין דיא (טעמים) אונ כוונות אונ דיא סודות פון דיין היליגע תורה. : אונ דוא זאלשט איר זייא געבן צו לאנגי יארן. אונ זייא זאלן אויך זוכה זיין. צו האבן גוטי פרומי קינדר. אונ זייא זאלן אויך דר פילט זיין מיט תורה אונ חכמה אונ מיט יראת שמים. אונ זייא זאלן זיין גיליבט צו דיר גאט אונ צו די לייט אונ זייא זאלן האבן חן וחסד אין דייני אויגן אונ אויגן אלי לייט דיא דא ווערן אויף זייא זעהן אונ דוא זאלשט זייא מציל זיין פר אלע (מיני עין הרע) אונ פון אלע בייזע געשעפנש וואש עש איז דא נאך אויף דער וועלט פלעגט צו קומן אונ איך זאל זייא דר ליהן מיט מיין מאן צו לאנגע יארן אונ צו לאנגע טעג דאש זייא זאלן אלע בלייבן לעבן נאך מיינם טויט אונ נאך דעם טויט פון מיינם מאן. אונ עש זאל קיין קינד פון אונזרע קינדר ניט שטארבן ביי אונזר לעבן · אונ דוא זאלשט ניט לעהר לאזן ווידר קערן מיין געבעט פון צו פר דיר. דען דוא דער הערשט דאך אלי מונדן דיא דיך אן רופן מיט וואַרהייט אזוא זאלשטו מיך אויך דר הערן · אונ זאלשט ניט קערן צו מיין (תפלה) דיא איך טוא בעטן צו פר דיר גאט אין דר צייט · אונ דוא זאלשט זייא אנטפאנגן מיט ליבשאפט. אונ זאלשט מיר ענטפערן אויף מיין גיבעט וואש איך טוא בעטן. אונ עש זאל זיין צו ווילן מיין רייד אונ געבעט צו אימר אונ אייביג אמן :

יהיו לרצון אמרי פי והגיון לבי לפניך יי צורי וגאלי · עושה שלום במרומיו הוא יעשה שלום עלינו ועל כל ישראל ואמרו אמן :

יא דיא תחנה זאגט מען ווען דער חזן אנעים זמירות זאגט :

פתחו לי שערי רחמים : יי מלך יי מלך יי ימלוך לעולם ועד : ואנחנו כורעים ומשתחוים ומודים לפני מלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא : שהוא נוטה שמים ויוסד ארץ : כי יי הוא האלהים בשמים ממעל ועל הארץ מתחת אין עוד : יי נחני בצדקתך למען שוררי הישר לפני דרכך : יי ישמר צאתי ובואי לחיים ולשלום מעתה ועד עולם :

איך האב צו קיינם אנדרן גאט ניט צו דיר גאט דעם אלמעכטיגן (המטיב ומטיב לעושי רצונו). דיין פאלק (ישראל) טוען דיך לובן דוא זאלשט בשערין דיא בגערונג מיינם הארצן אונ דיא בגערונג פון דיין פאלק (ישראל לחיים ולשלום לעושר ולכבוד לגדל בנים ההולכים בדרך הישרה מעתה ועד עולם אמן ואמן) · ליבר גאט דוא זאלשט מיר עפינן דיא טויערן פון תפלה און (תשובה אונ פון תחנות. ותשמע תפלתי ובקשתי כתפלת אברהם יצחק ויעקב. משה אהרן דוד ושלמה). ליבר גאט עפין מיר די טויערן

פון

פון הימל און פון גן עדן . פאר נעם מיין געבעט אונטער דש געבעט פון אלע חסידים חסידות כמו שקבלת כל תפלות ובקשות של בעלי תשובה . והמאמינים בשמך הגדול הנורא . ואל ישלוט בנו יצר הרע בשום אופן שבעולם) . און דיין הייליגר שבת זאל מליץ זיין (במליצה ישרה) פאר מיר און מיין מאן . (ובעד כל בית אבותי ואמותי לטוב לחן ולחסד בעיניך ובעיני כל רואי אמן . וברחמיך הגדול והנורא תצילני מדינה של גיהנם ומחיבוט הקבר ומחבלו של משיח) . און זאלשט מיר פר געלטן אלש צו גוטן הייכט און אן הייליגן שבת און י"ט . און אלע צייט . רבונו של עולם זכנו לראות במהרה בנים העוסקים בתורה הקדושה הטהורה) . און זוכה זיין מיט מיין מאן צו דער ליהן זייא (לתורה ולחופה ולמעשים טובים אמן) :

יב דיא תפלה זאל מען אלע טאג זאגין נאך דעם דאבנען :

יהי רצון מלפניך) עש זאל זיין דער ווילן פון צו פר דיר גאט מיין גאט און גאט מיין עלטרן דאש דוא זאלשט מיך פירן אלי צייט אין רעכטן וועג. און דוא זאלשט מיך בהיטן און בשירמן פאר דיא בייזה (כתות) דיא דא אניפה טרייבין . דיא אנדרי כיתה איז דיא דא (שקרים) זאגין . דיא דריטה כיתה איז דיא דא נארישקייט און (ניבול פה) ריידן . דיא פערטה כיתה איז דיא דא (ליצנות און לשון הרע) ריידן דוא זאלשט מיך בהיטן און בשירמן פאר אירליי לייד . פאר אלי בייזע צרות פאר אלי בייזע בגעגניש . און פאר שווערד פאר הונגר פאר וואשר פאר פייער פאר (גזלנים) עש זייא אין דער שטאט . און עש זייא אויף דעם פעלד . און שיק אונז גאר קיין לייד ניט צו. און בהיט אונז ווייטער פון צער און פאר אלים בייזן וואש זיך מיין הארץ פארכטן טוט זאלשטו מיר ניט צו שיקן . און דוא זאלשט אונז געבן אונזר (פרנסה בכבוד) אן אלי צער און אן אלע זארג . און דוא זאלשט אונז געבן (אריכות ימים ושנים) מיר זאלן אויש לעבן אונזרע יארין און טעג אין (עשירות) און מיר זאלן אונזר צייט אין עהרן און אין גרויסין פריידן פאר ברייגן . און דוא זאלשט אונז ניט צו שיקן קיין זארג און קיין אנגשט און קיין קרייגק ח"ו וואש דאש פלעגט אויף דער וועלט צו קומן . ניט אליה אויף מיר און ניט אויף מיין מאן און ניט אויף מייגע קינדר ח"ו. און נים אויף אלי מייני פריינד . און איך זאל זוכה זיין זייא (מגדל) צו זיין (לתורה ולחופה ולמעשים טובים) . און לאז מיך דאך פיל פרייד דער לעבין אן אלי דיא מייניגי און זאלשט ווייטר קיין בייז לאזן איבר פארין ווייל מיר ווערן לעבן . (מלך רחמים) דער בארמיגר פאטר קיניג פון דער גאנצער וועלט דאש דוא זאלשט אויף אונז שיקן אזו אין הילף . און טרייסט. דאש איטליכר זאל זיך פאר וואונדרן דריבר . און זאל אן הייבן צו זאגן דיא דער פרייאונג . און דוא זאלשט אונז עפנין דיא טויערן פון (פרנסה) און דוא זאלשט אונז שפייזן פון דיינר מילדי גיטרייא האנט . און ניט פון האנט איינש מענטשן און דאש זיך ניט זאל פרייאן אן אונז אונזר פיינד . און זאל קיין (נקמה) אן אונז ניט צו זעהן . און זאל אן אונז נים גוועלטיגן דער (יצר הרע) דאש מיר זאלן קענן בשטיין און זאל קענן היטן דיין תורה און מצות וויא וואול איך בין זיך (מתודה) אויף מייני גרושי (חטאים און עונות ופשעים) וואש איך האב גזינדיגט און גשולדיגט און גמיסטייט קעגן דיין הייליגן נאמן אלי טאג מיינש לעבן . (אל שדי מלא רחמים) דוא בישט פול גנאד און בארמהארציקייט און איך בין פול זינד . אזו בעט איך דיך ליבר גאט דאש דוא מיך זאלשט מוחל זיין אלע מייגע

זינד

זינד. אונ זאלשט ווייטר קיין צער אויף מיר שיקין אונ מיר זאלן אונזרי יארן אויס לעבן אין גרויסי פריידן: אונ דוא זאלשט אונז לאזן פֿר שטאנד דער מיט דאש מיר זאלן קענן מתודה זיין פֿר אונזרן טויט. אונ דוא זאלשט אונז אלי מאל (דן) זיין (לכף זכות) צו גוטן דער מיט דאש מיר זאלן קענן בשטיין ווען מיר ווערן זיך שיידן פֿון דר זינדיגי וועלט אונ ווערן קומן פֿר דעם (יום הדין הגדול והנורא) אונ זאלשט מיט אונז טאן אלי צייט (חסד ורחמים) פֿון וועגן (זכות) אונזרי פֿרומי עלטרן (אבֿרהם יצחק אונ יעקב):

אנא (אלהי אבֿרהם) איך בעט דיך גאט פֿון (אבֿרהם) דאש דייני אויערן זאלן פֿאר נעמן מיין געשרייא אונ מיין געבעט וואש איך דיך געבעטן האב. אונ וואש איך דיך נאך בעטן ווער. אונ דוא זאלשט מיר דער הערן אז: וויא דוא האשט דער הערט דיא (תפלה) פֿון (כל ישראל) ווען זייא אין איין צרה זיינן געוועזן אונ האשט זייא אלי מאל געהאלפֿן ווען זייא דיך אין איין צרה אן גרופֿן האבן. זאלשטו מיר אויך העלפֿן אונ זאלשט מיך דער הערן ווען איך דיך אן רוף אין מייני נויטן. אונ דוא זאלשט מיין (צער) פֿאר דיר נעמן אונ מיין (תפלה) זאל פֿר דיר אזו אן גינומן זיין גלייך ווען איך העט פֿר דיר מקריב געוועזן איין קרבן אונ לאז מיין תפלה ניט לער ווידער קומן פֿון פֿר דיר. אונ לאזן קיינע (מקטרגים) ניט קאנן אויף האלטן מיין (תפלה) אונ שיק באלד אונזר גואל צדק אמן כן יהי רצון:

יג דיא טייטשה תחנה זאל מען מתפלל זיין אלי טאג בכוונה · איי מען זיא זאגט זאל מען צום ערשטן זאגן דעם (למנצח בנגינות קפיטל ס"ז) וויא אויבן שטייט:

יהי עס זאל זיין דער ווילן צוא פֿר דיר גאט מיין גאט אונ גאט מייני עלטרן דאש דיין הייליגר גרויסר אונ שטארקר פֿארכטבאר (שם) דער דא אויף גייט פֿון דעם מזמור דאש איך פֿאר דיר געזאגט האב זאל אן גינומן ווערן · אונ זאלשט מיך אויך אזו דער הערן אלש וויא דוא האשט דער הערט פֿון דוד המלך ע"ה זעלבן. דער דעם מזמור האט פֿר דיר גאר מתפלל געוועזן דאש דוא זאלשט פֿר דיר נעמן מיין געבעט היינט אן דעם דאזיגן טאג צו בדינקן דיך אונ דער הייליגר טאג זאל איין מליץ יושר פֿר דיר זיין א"ס:

יהי רצון מלפֿניך עס זאל זיין דער ווילן צו פֿר דיר גאט מיין גאט אונ גאט מייני עלטרן דאש דיא שעה דיא איך איצונד שטייא אונ בעט צו פֿר דיר זאל זיין איין שעה פֿון דער בארמונג איין שעה פֿון בווילגונג אונ איין שעה פֿון פֿר נעמונג צוא דיר גאט טוא איך שרייאן דאש דו זאלשט דר הערן מיך אונ דיר גאט טוא איך רופֿן דאש דוא זאלשט פֿר נעמן מיך. אונ דוא זאלשט גביטן אויף דייני הייליגי מלאכֿים דיא דא זיינן ממונים אויף דיא ענינים אונ עסקים פֿון מענטשן דאש זייא זאלן מיט מיר זיין אום צו בשירמן מיך אונ מיין מאן אין אלי אונזרי עסקים דיא מיר צו טאן האבן אונ דוא זאלשט דער פילן אלי אונזרי בגער אונ אלי אונזר ווילן זאלשטו בווערן אין אלי שונאים די דא גדענקן אונ טראכֿטן אויף מיר אודר אויף מיין מאן אונ קינדר טוא פֿר שטערן פֿון זייא איר בייזי גדאנקן אונ אלי בייזי מחשבֿות אונ אונזר פֿיינד דיא בייז ריידן אויף אונז זאלשטו פֿר שטאפֿן אונ פֿאר שליסן אירי מייולער אונ אירי בייזי הערצר זאלן פֿר קערט ווערן צו גוטן. אונ דוא זאלשט אונז ניט לאזן קומן אלי טאג אונזר לעבן צו בדערפֿניש פֿון מענטשן ח"ו. אונ דוא זאלשט אונז ריכֿטן מיט דיין גנאד אונ בארמהרציקייט. אונ דוא זאלשט

אונטר לעהנן אונז מיט דיינער הייליגע רעכטי האנט גלויבט ביסטו גאט דער דא פאר
געלט אלס גוטס צו זיין בשעפֿנים אין דער גאנצר וועלט (אמן וכיה״ר) :

יהי רצון מלפניך עס זאל זיין דר ווילן צו פֿר דיר גאט און גאט מיינע עלטרין הער פֿון
דער וועלט דאס דו זאלסט מיר געבן איין (מתנה טובֿה) און איין פרנסה טובֿה און
זאלסט מיך גדיינקן אלע צייט מיט גוטן גדעבֿנס צו פֿר דיר . און דוא זאלסט אונז העלפֿן
מיט דער בארמונג און מיט איין הייך אום ווילן דיין הייליגן נאמן . און דוא זאלסט מיר
געבן איין גוטן חלק און גוטן שכר דאס איך זאל (מעשים טובים) טאן דר ווארטן דאס
איך זאל קענן ווירדיג ווערן צו (עולם הבא) . און דו זאלסט אונז מאכן הערן (בשורות
טובות און שמועות טובות) . און דוא זאלסט מיר געבן לאנג לעבן מיר מיט מיין מאן
און קינדער אין אלי די מייניגן אזו איין לעבן פֿון מיטל (ששון ושמחה עושר וכבֿוד) און
שלום און גזונד און קלוגהייט און זין און פֿר שטאנדיקייט און גנאד און בארמהרציקייט
אין דייני אויגן און אלי דיא אונז ווערן זעהן זאלן מיר געפֿינן (חן וחסד) און דוא זאלסט
אונז רייניגן אונזר הארץ צו ליב האבן דיך און פֿארכטן פֿר דיין הייליגן פֿארכטמאן נאמן.
דוא זאלסט מיר געבן אין מיין הארצן צו טאן דיינס הייליגן ווילן צו דינן דיך מיט גאנצין
הארצן און דוא זאלסט מיר געבן איין גוטין חלק מיט דיא צדיקים און דוא זאלסט מיך
זעטן פֿון דיין זעגנטיקייט און דער בארם זיך איבר מיר מיט דיין הילף און בהיט מיך
מיט מיין מאן און קינדר פֿון אלים בייזן . און דוא זאלסט מיך מזכה זיין מיט פרומי
קינדר דיא דא זאלן קענן לערנן אין דיין הייליגי תורה . און דוא זאלסט פֿר דיר נעמן
מיין גבעט און זאלסט דער הערן מיך וויא דוא האסט דער הערט אונזר מוטר חנה
און אלע דיא נשים צדקניות גילובט ביסטו גאט דער דא פֿר נעמט (תפלות) פֿון זיין
פֿאלק (ישראל) אלע דיא דיך אן רופֿן אלי צייט מיט גאנצהייט (אמן) :

אנא השם) איך בעט דיך דוא לעבעדיגר גאט דר דא לעבט אימר און אייביג און
דער דא זיצט אויף דעם שטול פֿון דער בארמיקייט טרייא אן און ברעך און צו
שטויס און צו רייס פֿון מיר און פֿון אלע מיינע פֿרייגט אלע בייזע גדאנקן און אלי רוחות
שטות . און בשירעם אונז פֿון אלע בייזע קראנקהייט און פֿון דעם (יצ״ה) און פֿון אלע
איר (חבֿרותה) און פֿון אלי די זיך טוען בהעפֿטן צו זיי און פֿון אלע די דא שטייאן אויף
מיר און אויף מיין מאן און אויף מייני קינדר צו בייזן און נוא מיר (פלונית בת פלונית)
דיין דינסט מייד דוא גאט פֿון (ישראל) זאלסטו הייליגן מיט אלי הייליקייט און זאלסט מיך
בענטשן מיט בענטשונג קינדר און קינדש קינדער היפשע און רעכֿט פֿארטיגע דיא זאלן
לערנן אין דיין הייליגע (תורה) . און מייני קינדר און קינדש קינדר דיא זאלן טאן דיין
הייליגן ווילן און זייא זאלן בשטעטיגן דיין הייליגי גיבאט . און איי איך ווער ריידן זאלסטו
ענטפֿרן . און איי איך ווער טרייען זאלסטו מיך דער הערן עס זאל זיין פֿר דיר איין
(שעה) פֿון בגליקונג און איין (שעה) פֿון דר בארמונג און איין (שעה) פֿון פֿר נעמן און
דוא זאלסט מיך ניט לעהר לאזן ווידר קערן פֿון צו פֿר דיר און זאלסט מיין גטרייא צו פֿר
דיר נעמן אוף דו זאלסט מיר פֿר געבן מיין זינד און לאז קיין (שטן) נאך קיין (מקטרג)
ניט אויף האלטן מיין (תפלה) און זאלסט דער לייכטן מיין ענגלט אין דיין הייליגי
גיבאט . און זאלסט מיר העלפֿן מיט גנאד און בארמהרציקייט דען דוא ביסט גאט
מיין בשעפֿר און מיין דער לייזר (אמן) :

איין

יד איין שיינה (תחנה) זאל מען אלע טאג מתפלל זיין אויף (פרנסה) ווער דא איז איין (בעל משא ומתן) ובפרט דר איין תענית האט . ולכל הפחות אום ערב ראש חדש איז יום כפור קטן זאל מען פשיטא דיא (תפלה בכוונה גדולה) מתפלל זיין :

אנא האל) איך בעט דיך אלמאכטיגר גאט דוא מושט אן גרייטן (פרנסה) צו אלע דיא בשעפֿניש אין דער גאנצע וועלט אונ דוא מושט זיא אויך צו שיקן אונ בשערן איר דער נערונג · אזו בעט איך דיך אויך דוא אלמעכטיגר בארמהערציגר גאט קיניג דאש דוא זאלשט אונז געבן אונזר דער נערונג אונ אונזר (מחיה בשופֿי) גאנץ גרינג דש דו זאלשט אונז שפייזן אונ דער נערן מיך אונ אונזר הויז גזינד אונ (כל ישראל) מיט גוטע (פרנסה בכבוד) · אזוא איין (פרנסה) די דא זאל זיין מיט פֿרייד אונ ניט (חלילה) מיט (צער) · מיט (היתר) אונ ניט מיט (איסור) איין (פרנסה) דיא זאל זיין מיט (כבוד) ניט מיט (בזיון) מיט שעמהאפֿטיקייט . אונ איין (פרנסה) דאש ניט דער בייא זאל זיין שטערונג . אונ איין פרנסה דאש מיר ניט ברויכן זאלן ניט קיין שענקונג אדר לייאונג פֿון איין (בשר ודם) . נאר מיר זאלן אלי צייט גשפייזט ווערן פֿון ווייטי פֿולי האנט אונ גברייא מילדי האנט אזו איין (פרנסה) דאש מיר זאלן דער בייא קענן דינען דיא ליבע (תורה) אונ (מצות) דיא הייליגי · אונ אונזר (פרנסה) זאל זיין זויבר (פרנסה) אונ דוא זאלשט מיר בשערן מיין שפייז פֿון מיין הויז גזינד אונ אלי אונזרי בדערפֿניש ווען מיר זייא ווען ברויכן : דער ווארטן דאש אונזר הארץ זאל אונז ריין זיין פֿון אלע (טרדות) אין די גאנצי וועלט דער מיט דאש מיר דיך זאלן קענן דינען אין דיין הייליגע (תורה) אונ זאלן קענן בשטעטיגן דייני (מצות) . אונ מיר זאלן (זוכה) זיין צו זעצן איבר אונזר טיש מיט פֿרייד אונ מיט שפילן הארץ . (בכבוד) מיט אלע אונזר הויז גזינד אונ זאלן ניט ברויכן צו האבן אדר גוואונגן צו ווערן איך אדער מייני קינדר חלילה · איבר פֿרעמדי טישן צו קומן . אונ מיר זאלן ניט ברויכן אונזר שעניג צו זיין אלי טאג אונזר לעבן צוא קיינם מענטשן : אונ עס זאל אונזר לעבעט טאג אויף אונז זיין דאש יאך פֿון דיין הייליגן קיניגרייך צו דינן דיך אלע צייט מיט גאנצן הארצן מיט אונזרי קינדר אונ ניט פֿר שעמט (פנים) אונ זאלשט אונז בהיטן אונ בשירמן פֿר ארמוט אונ פֿר נויט בדערפֿנעש אאן פֿר (דלות) אונ פֿר (שפלות) אונ מיר זאלן זוכה זיין (אורחים) איבר אונזר טיש צו האלטן . אונ מיר זאלן קענן (גומל חסד) זיין מיט איטלכן מענטשן ווער דא פֿון אונז וואש פֿר לאנגן טוט אונ דוא זאלשט אונז בשערן געלט דאש מיר זאלן קענן (צדקה) געבן צעלכי לייט די דא זיינן (ראוי צדקה) צוא נעמען . אונ דוא זאלשט אונז שיקן אייטל זעלכי לייטן דיא אונזר (צדקה) אין זייא אן גלייגט איז ! אונ מיר זאלן ניט גשטרויכלט ווערן מיט זעלכי לייט די זיי ניט (ראוי) זיינן (צדקה) צו נעמן דאש מיין (צדקה) זאל זיין ניט אן גלייגט אן זייא . ליבער הימלשער פֿאטר דאנקן מיר דיר דאש דוא אונז פֿון מוטר לייב אן ביז אויף דעם היינטיגן טאג דער צויגן האשט אונ דער נערט האשט אונ האשט אונז גשפייזט אונ אלעש גוטש גטאן . אזו בעטן מיר דיך דאש דוא אונז ווייטר זאלשט געבן איין פֿרייליך הארץ מיט (שלום) אונ גזונד אונ לאז דאך דיין (שכינה) לייכטן אויף אונז גלויבט בישטו גאט אלעס איז דיין אונ אלש איז אין דיינר האנד אונ מאכט . דורך דיין גרויש גנאד אונ בארמהערציקייט ווערן מיר דער האלטן · אונ פֿון דיינר האנט האבן מיר אלי טאג (חסד ורחמים) . איך בעט דיך דוא זאלשט אונז געבן נאך דיינם ליבן ווילן עסן אונ טרינקן אונ קליידונג מיט (כבוד) דוא ווייסט דאש מיר אויף דער וועלט אהני דאש ניט קענן

קענן לעבן · אונ וואש מיר זעלבשט אהני דיין גנאד אונ ווילן ניט ער ווארטן · זונדר ווען דיין מילדי האנט אויף טושט אונ לאזט אלעש וואקסן דען ווערן מיר גזעטיגט אונ אלש וואש דא לעבט · דרום (אל שדי) אלמעכטיגר גאט העלף אונז דאש מיר זאלן דער קענן דיין (חסד) וואש דוא מיט אונז טושט אונ זאל דער קענן דיין ווירדיגן נאמן אונ לאזן מיר ניט אונזר הערצר מאכן בשווערט מיט (דאגות) אונ מיט איבריגי זארג פֿון (משא ומתן) דאש מיר זאלן נאך גרויסן געלט אונ גוט טראכטן אונ מעכטן דעם (שטן) אין זיינר נעץ ניט זיין גפֿאנגן. אונ גיב אונז נאך דעם (חסד) דאש מיר אלי זארג אן לייגן זאלן אונ ווענדן אויף דיין הייליגן נאמן אונ זאל אונז לאזן פֿר גנוגן מיט (לחם חוק) אונ מיר זאלן אונזר (פרנסה) אנטפֿאנגן פֿון דיין הייליגי האנט אונ מיר זאלן זיך אלי צייט בנוגן לאזן מיט וואש דו אונז בשערן ווערשט דען עש איז קיין בעשר רייכטום אלש וועלכר מענטש דער זיך בנוגן לאזט מיט וואש דוא ליבר גאט אים בשערן טושט אונ מיט דעם זעלביגן זיך (משמח) איז. אונ דוא זאלשט דאך מאל גדיינקן אן דיין פֿר וויסטן (בית המקדש) דאש עש זאל באלד אויף גריכט ווערן אין אונזר טאג: אויך דא מיר זיך אין דיינר געטליכי היילג מעכטן רעכט דער פֿרייאן דען מיר האבן יוא קיין אנדרי טרייסט אונ הילף אלש דיך גאט אליין וועלכר אונז אלי צייט אין דער גרויטי נויט גהאלפֿן האט אזו האפֿן מיר דאש דוא אלמעכטיגר גאט ווערשט אונז ווייטר ניט פֿר לאזן אונ אלי צייט העלפֿן ווען מיר דיך אן רופֿן צו גוטן (אמן כן יהי רצון) ·

גאט אלמעכטיגר דוא בישט איין קיניג פֿון דער גאנצער וועלט אונ דוא בישט איין העלפֿר איבר אלע העלפֿר. אזו בעט איך דיך דוא גרויסר בארמהארציג פֿאטר קיניג דאש דוא איבר מיר אונ איבר מיין מאן זאלשט דיך דער בארמן . אונ דוא זאלשט אונז בהיטן אונ בשירמן פֿון אלים ביזן· אונ זאלשט אונזר שטעג אונ וועג ווייזן דאש מיר (פרנסה) זאלן האבן (בכבוד) . אונ מיר זאלן (חלילה) ניט גשפייזט ווערן פֿון איינס מענטשן . אונ מיר זאלן ניט פֿר שעמט ווערן נייערט דורך דיין גטרייא מילדע האנט זאלן מיר אלע צייט גשפייזט ווערן : אונ דוא זאלשט אונז שפייזן גלייך אז דוא האשט גשפייזט די פֿרויא פֿון (עובדיה) מיט אירע קינדר דורך האנט (אלישע הנביא) דען פֿרומן געטליכן מאן . אונ זאלשט מיין מאן פֿירן אין רעכטן וועג אונ דוא זאלשט אים שיקן גוטי מלאכים דיא זאלן אים בלייטן אונ זאלן מיט אים זיין גלייך אז וויא דוא האשט גשיקט מלאכים מיט (יעקב אבינו) אזו זאלשטו מיט אים אויך שיקן זעלבע , מלאכים דיא דא אים זאלן היטן אין אלע זיין וועג אונ שטעג וואו ער גייט · אונ אלע טריט וואו ער טרעט זאלן זייא אים בהיטן פֿר אלים ביזן אונ ער זאל מיט גזונד אונ שלום אהיים (שמחה אונ ששון) אין זיין הויז קומן צו זיין ווייב אונ קינדר לאז אים דאך בייא שטיין דר זכות פֿון זייני קליינע קינדר דיא דא נאך ריין זיין פֿון עבירות איך בעט דיך דו הער פֿון דער גאנצע וועלט אויב מיין מאן האט (ח"ו) גזינדיגט צו פֿר דיר אונ דוא האשט איהם אויף גלייגט דאש ער זאל חלילה וחלילה גשטראפֿט ווערן אויף דעם וועג אזוא בעט איך דיך דוא אלמאכטיגר בארימהארציגר אונ גנעדיגר איבר דיא קינדר פֿון ישראל דאש דוא זאלשט צו רייסן פֿון אים אלע בייזע גזירות אונ דוא זאלשט מיט אים ניט אום גיין מיט (מדת הדין) נאר מיט אייטל (מדת הרחמים) . אונ דוא זאלשט אים חלילה ניט בודק זיין ווען ער גייט (במקום סכנה) . אונ לאז אונז בייא שטיין דער זכות פֿון אונזרע עלטרן (אברהם יצחק יעקב) אונ דער זכות פֿון אונזרע קליינע קינדר דיא דא נאך ריין זיין

פֿון

פון עבירות אונ איר זכות. זאל אונז אלע לייט בייא שטיין דאס מיר חלילה ניט זאלן פר שפרייט ווערן אונ דוא זאלשט אונז לאזן עלטרן אין כבוד אין גרוסע פריידן אונ מיר זאלן גאר קיין לייד דר לעבן אונ מיר זאלן אונזרע יארן אונ טעג. פר ברייננן אין גרוסע פריידן אונ דוא זאלשט אונזר הארץ שטארקן אין דיינם הייליגן דינסט דאס מיר זאלן דיך דינן באהבה וביראה מיט ליבשאפט אונ מיט פארכט אונ מיר זאלן דיינע ליבע מצות האלטן קענן אונ דוא זאלשט שטארקן דיא הארץ פון מיינע קינדר דאס זייא זאלן דיך דינן מיטן גאנצן הארצן שטעטיגליך. אונ זייא זאלן פון דיינע הייליגע ליבע מצות ניט איבר טרעטן דאס גרינגשטע אונ אונזרע שונאים זאלן קיין נקמה אן אונז ניט זעהן אונ דוא זאלשט פר שטערן אלע בייזע גדאנקן פון מיינע פיינד דיא דא אויף אונז שטייען אן צוא בייזן דוא זאלשט פון אונז אפ טאן דעם (יצר הרע) דער ווארסן דאס אונזר הארץ זאל פר קערט ווערן צו גוטן. איך בעט דיך דוא אלמעכטיגר בארימהארציגר פאטר דער בארים דיך איבר אונז ווייא זיך דער בארימט איין פאטר איבר זייני קינדר אונ עפן אונז די (שערי רחמים) אונ דו זאלשט דאך אן נעמן דאס געבעט פון מיר זינדיגן מענשן וואס איך פאר דיר ליבר גאט געבעטן האב אונ דוא זאלשט אויף דיא זייטן שטעלן אלי דיא מקטריגים די דא זיין בשאפן געווארן פון מייני עבירות. אונ לאז דאך פר דיר קומן די רייד פון מיינע מליצי יושר די דא זיינן בשאפן געווארן פון מיינע מצות אונ מעשים טובים אלס איך האב געטאן אונ שיק אונז באלד אין הילף. געלובט בישטו גאט דאס דוא דער הערסט אלע תפלות פון אלע דיא קרייטער די דיך אן רופן מיט ווארהייט אלס ווייא אין פסוק געשריבן שטייט (קרוב יי לכל קוראיו לכל אשר יקראוהו באמת) גאט איז נאהנט צו די אלע דיא דא אים אן רופן מיט ווארהייט אז עס שטייט אויך אין פסוק געשריבן (ואת שועתם ישמע ויושיעם) אונ איר געשרייא טוט ער פר נעמן אונ דער הערט זיא אזוא זאלשטו מיינע תפלות אויך אנטפאנגן ווייל איך ווער לעבן פון איצונדרט ביז אייביג ווען איך דיך ווער אן רופן צו גוטן (אמן כן יהי רצון):

טו דיא טייטש תחנה זאל מען מתפלל זיין אלע טאג:

בשם (יי אלהי ישראל יושב הכרובים) דוא גאט מיינע עלטרן. איך טוא דיך בעטן מיטן גאנצן הארצן דאס דוא דיך איבר מיר דער בארימן זאלשט (כרחם אב על בנים) אז ווייא זיך דער בארימט איין פאטר איבר זיינע קינדר. אונ דער הער מיין געבעט אונ בהיט מיך פאר אלעם בייזן אונ פיר מיך אין דעם רעכטן וועג. אונ פאר נעם מיין געבעט וואס איך דיך אלע טאג טוא בעטן מיט מיין גאנצן הארצן. אונ לאז מיך ניט לעהר ווידר קערן מיט מיין (תפלה). אונ לאז מיך מיט מיין מאן אונ קינדר לעבן צו דיין הייליגן דינסט (מלך הרחמים) דוא דער בארמיגר קיניג דער בארם דיך איבר מיר אונ איבר אלע דיא מייניגע. אונ גייא מיט אונז (חלילה) ניט מיט (מדת הדין) נייערט מיט (מדת הרחמים) אונ טוא דיין צארן אפ פון אונז. אונ דער הער אונזר געבעט אלע מאל ווען מיר דיך טוען רופן. העלף אונז אין אלע אונזרע נויטן. דר פרייא אונז מיט וואס מיר ווילן. אונ זייא אונז (מוחל) מיט אונזרע (בקשות) וואס מיר פאר לאנגן פון דיין הייליגן נאמן. אונ זאלשט אונז העלפן אזו ווייא דוא האסט געהאלפן אונזרע עלטרן פון איר גרושע אונ שווערע פיין פון (מצרים). אונ גיב מיר גוטע אונ פרומע קינדר וואס זאלן זיין (צדיקים) אונ (חסידים) אונ (תלמידי חכמים). אונ איך זאל זוכה

זיין זייא צו דער ציהן מיט מיין מאן צו דיין הייליגן דינסט אונ זאלן האבן (חן) אונ (חסד) אין דיינע אויגן אונ אין לייטנס אויגן . אונ מיר זאלן אויס לעבן אונזרע יארן אין גרויס פריידן אונ מיך. זאלן (זוכה) זיין אונזרע קינדר אויס צו געבן (בכבוד גדול) . איך בעט דיך דוא אלמעכטיגר גאט בארם הארציגר פאטר קיניג דער הער איבר אלי העררן דאס דוא זאלשט דער הערן מיך מיט אלע מיינע (תפלות ובקשות) אונ זאלשט בהיטן מיך אונ מיין מאן אונ קינדר פון אלעם בייזן . אונ לאז דאך מיינע פיינד קיין (נקמה) אן אונז ניט צו זעהן . דוא זאלשט דער הערן מיך צו גוטן וויא דוא האסט דער הערט אונזר מוטר (חנה עליה השלום) · אונ האסט זיא פר נומן אונ האסט זיא דער פרייט מיט וואס זיא האט בגערט פון דיין הייליגן נאמן · (מלך רחמים) דוא דער בארמיגר פאטר קיניג איך טוא דיך רופן טאג אונ נאכט אלע טאג מיינס לעבן אונ פר לאז אונז ניט אונ גיב אונז דאך (פרנסה) אונ אלע אונזרע בדערפינש פון דיין הייליגע געטרייע מילדע האנט אונ ניט (חלילה) דורך לייטינס היילף . אונ גיב אונז אלי בדערפנס (בנחת) אונ ניט מיט (צער) אונ לאז מיך (זוכה) זיין ביז הונדרט יאהר מיט מיין מאן אונ קינדר אויף מיין זייט זאלן אונ מיר זאלן האבן גוטע (מליצים לעולם הבא מלך מלכי המלכים הקב"ה) איך טוא דיך אן רופן אלע צייט דען דוא ביסט גאט אליין אונ קיינר מער . אונ דוא ביסט מיין שפייזר · אונ דוא גיבסט מיר אלע מיינע בדערפינס אונ דוא האסט מיך דער הערט אונ גשפייזט אונ דער צויגן פון יוגינט אן ביז אהער אויף דעם הייניטיגן טאג : אונ זאלסט אונז בהיטן פר אלע (גזירות רעות) אונ פר אלע (צרות) . אונ בהיט מיך אונ מיין מאן אונ קינדר פון איין (מיתה משונה) אונ פר אלע (רוחות רעות) אונ פר (שדים) אונ פר (כישוף) אונ פר אלע (מיני עין הרע) אונ פון דעם (יצר הרע) . אונ זאלסט אונז גדיינקן אונ אן שרייבן אלע צייט צו גוטע יארן צו לאנג לעבן אונ צו איין זיסן לעבן דען צו דיין הילף האב איך אונ אלע דיא וואס לעבן אויף דער גאנצר וועלט · אונ זאלסט אונז גדיינקן אלע צייט צו גוטן אונ צו בענטשונג . אונ זאלסט אונזרע (תפלות) אלע צייט דער הערן אזו וויא דוא האסט דער הערט דיא (תפלה) פון (מנשה מלך יהודה) . אונ זאלסט אונזר (תפלה) ניט פר שמעהן אונ ניט לאזן לער ווידר קערן פון צו פר דיר. דען דוא ביסט דר גאט דער דא הערט אלי גיבעט די דיך אן רופן מיט גאנצן הארצן (אמן וכן יהי רצון) .

טז דעם מזמור זאל מען אלי טאג זאגן איין גרויסע סגולה פר אלים בייזן (ר"ל) :

למנצח בנגינות מזמור שיר : אלהים יחננו ויברכנו יאר פניו אתנו סלה : לדעת בארץ דרכך בכל גוים ישועתך : יודוך עמים אלהים יודוך עמים כלם : ישמחו וירננו לאומים כי תשפוט עמים מישור ולאומים בארץ תנחם סלה : יודוך עמים אלהים יודוך עמים כלם : ארץ נתנה יבולה יברכנו אלהים אלהינו : יברכנו אלהים וייראו אותו כל אפסי ארץ : ברוך שם כבוד מלכותו לעולם ועד :

יז דיא טיינה (תחנה) זאל איטליכע פרויא מתפלל זיין צו האבן (בנים צדיקים) אונ (תלמידי חכמים) :

רבונו של עולם זכני להוליד בנים זכרים :

דוא הער פון דר גאנצע וועלט לאז מיך (זוכה) זיין צו האבן קינדר זייא זאלן זיין אייטל מאנס פארשוין :

ללמוד

ללמוד תורתך הקדושה לשמה בריאים בגופם ובשכלם :

זיי זאלן לערנן דיין (תורה) פון דיין הייליגן נאמן וועגן אונ זיי זאלן זיין פריש אונ געזונט אין גוף אונ אויך אירן (שכל) :

בעלי מדות טובות ביישנים רחמנים גומלי חסדים טובים :

זייא זאלן אן זיך האבן גוטע מדות אונ (מעשים טובים) אונ זייא זאלן זיין גקריינקט מיט דרייא (מדות) וואס מיר ישראל דער מיט גקריינט זיינן זיי זאלן זיין שעמהאפטיגע אונ זייא זאלן זיין דער בארמיג אונ זאלן (גומל חסד) מיט אייטליכן מענטשן זיין :

וצדיקים ויראי אלהים כאברהם ומקדשי שמך כיצחק :

אונ זייא זאלן זיין פרום אונ גאטס פארכטיגי אזוי ווייא דא איז געוועזן (אברהם אבינו עליו השלום) אונ דורך זיי זאלן געהייליגט ווערן דיין הייליגר נאמן אזו ווייא דא איז געהייליגט געווארן דורך (יצחק עליו השלום) :

ותמימים יושבי אוהלים כיעקב ומאמינים בלב שלם :

אונ זייא זאלן זיין גאנץ מיט גאט ב"ה אונ צו זיצן אלע צייט אין (בית המדרש) צו לערנן (תורה) אזו וויא (יעקב אבינו עליו השלום) אונ זייא זאלן גלויבן אן גאט ב"ה מיט אירן גאנצן הארצן :

בכל תורת משה רבינו עליו השלום ונביאים הקדושים :

אונ זייא זאלן גלויבן אין דער גאנצע (תורה) פון (משה רבינו ע"ה) אונ אן אלים וואס דיא הייליגי (תורה) אונ דיא הייליגי (נביאים) גזאגט האבן :

והכמי האמת תורה שבכתב ותורה שבעל פה :

אונ אליס וואס אונזר ווארהאפטיגי (חכמים ז"ל) גזאגט האבן אונ אן דער (תורה שבעל פה ושבכתב) דאס הייסט (תורה) וואס (משה רבינו ע"ה) האט מקבל גוועזן פון אונזר (הקב"ה) צו לעבערט אויף דעם בארג סיני אונ דיא (תורה) וואס (מדרבנן) דאס וואס די (תנאים ואמוראים) גזאגט האבן :

וכל החוקים ונאמנות אמיתות תורתינו הקדושה והטהורה :

אונ זייא זאלן אויך גלויבן אין אלי (מצות) אונ אין אלי געזעץ אונ אין דעם רעכטן ווארהאפטיגן גלויבן פון אונזרע ליבע הייליגע (תורה) :

ובכל מצות דרבנן ומקיימין אותם מי יתן והיה לבבם :

אונ אלע דיא (מצות) וואס אונזרע (חכמים) האבן (מתקן) געוועזן אונ זאלין אויך האלטין אונ בשטעטיגן אלי די (מצות) אונ (חוקים) ווער וואלט אז מיר האריץ זאל גשטארקט ווערן אלי טאג מיר לעבן צו דיין הייליגן דינסט אונ צו דיין הייליגי (תורה) אונ מצות :

כמו שהיו ישראל בשעה שעמדו לפניך על הר סיני וענו ואמרו :

אזו וויא עס איז געוועזן דיא הארץ פון (כל ישראל) אין דער צולביגר צייט וויא זיי זיינן גשטאנען בייא דעם בארג סיני אונ האבן דיא (תורה) מקבל געוועזן אזו האבן זייא גזאגט (כל ישראל) מיטן גאנצן הארצן :

כל אשר דבור יי נעשה ונשמע · ולא יבעטו בני :

אלז וואס דער אלמאכטיגר גאט וועט ריידן וועלן מיר טאן אונ הערן אונ מייני קינדר זאלן ניט ווידר שפעניגן :

בקול הורים ומורים אלא מכבדים ויראים אותם :

אן דיא שטים פון אירי לערנר אונ דער ציהר אונ שטראפר זייארט זייא זאלן זייא אין (כבוד) האלטן אונ פארכטן פר זייא :

ויהיה

ויהיה להם אזנים שומעות תוכחות חיים ובקרב חכמים ילינו :

און מייני קינדר זאלן אלי צייט זיין איר הארצן צוא הערן צוא דיא שטראף רייד פון אירי לערנר און שטראפר דאש דא בריינגט אין דאש אייביג לעבן און צווישן (תלמידי חכמים און לומדים) זאלן זייא איבר נעכטיגן און זאלן אלי צייט גזעלן צו הערן אן צוא לערנן פון זייא אירי (מעשים טובים) :

ויהיה להם לב רחב ושכל טוב זכירה טובה וקיימת :

און זייא זאלן האבן איין ברייט הארץ אין דר (תורה) און זיי זאלן האבן איין גוטן לויטרן (שכל) צו פר שטיין דיין (תורה און מצות) אויך זאלן זייא האבן איין גוטן (זכרון) דער מיט זייא זאלן גדיינקן גוט וואש זייא וועלן לערנן :

לשמור החכמה לעבודתך טובים ובריאים בכל רמ"ח איברים . ושס"ה גידיהם כדי להשתמש בהם לעבודתך :

צו היטן איר פר שטאנד און קלוגהייט צו דיין הייליגן דינסט . און מייני לייב זאלן אלי גזונד און פריש זיין אין אלי אירי צווייא הונדרט און אכט און פערציג גלידר . און אין אלי אירי דרייא הונדרט און פינף און זעכציג אדרן דער ווארטן זייא זאלן דיך דער מיט קאנן דינן צו דיין הייליגן דינסט :

בלבבות שלמות באהבה וחשק ורצון בתורת יי :

מיט גאנצן הארצן מיט ליבשאפט און מיט גלוסטיקייט און מיט בווילגונג אירן הארצן אין דיין ליבי הייליגי (תורה) :

ובה יהגו יומם ולילה ולא יצא עליהם שם ודבה רעה לעולם :

און אין דיין תורה זאלן זייא לערנן טאג און נאכט און עש זאל אויף זייא קיין אויש גיין (ח"ו) איר לעבנס טאג איין (שם רע) אדר איין בייז (קול ח"ו) :

רק אהובים למעלה ונחמדים למטה וכל רואיהם יכירו כי הם זרע ברך יי ויאמרו עליהם ברוך שזו ילד ברוך שזו גדל :

נייערט זייא זאלן גיליבטש און גיליבט זיין צו דיר גאט אויבן אין הימל און צו לייט אונטן אויף דער ערד און אלי דיא דא וועלן זעהן אויף מייני קינדר זייא זאלן צו זייא גלייך דר קענט ווערן דאש דא זיינן גבענטש פון גאט און עש זאל אויף זייא זאגן גבענטשט איז דער פאטר און מוטר דיא זייא האט גטראגן און גזויגן און גבענטשט איז דער פאטר און די מוטר דאש זייא האט דער צויגן :

ויהיו בני כעץ שתול על פלגי מים אשר פריו יתן בעתו :

און מייני קינדר זאלן זיין ווייא דר בוים דר דא גפלאנצט איז בייא איין באך דר דא גיט זיין פרוכט אין זיין צייט :

ועלהו לא יבול וכל אשר יעשה יצליח :

און זייני בלעטר טוען זיך ניט פר פאלן און קיין אפ קערן און אלי אירי (עסקים) און (מעשים טובים) וואש זייא ווערן טאן וועלן זייא בגליקן :

ויהיו בני כשתילי זיתים סביב לשולחני :

און מייני קינדר זאלן אלי צייט אום מיין טיש גפלאנצט זיין ווייא דא איין אייל בער שטאק:

ותאריך נא ברחמיך הרבים שנותי ושנות בעלי ושנות בניי :

און דוא אלמעכטיגר בארמהארציגר גאט דוא זאלשט מיט דיין גרויסן גנאד און בארם הארציקייט דער לענגרן מייני יארן און דיא יארן פון מיין מאן און מייני קינדרליך :

והזכה אותנו שילדו על ברכי דור רביעי :

און

אונ דו זאלשט אונז (מזכה) זיין דאס זייא זאלין ווערן גבארן אונ דער צוגין אויף אייני קניא פיר (דורות) :

ויקום בזרעי ברכת אברהם אבינו עליו השלום כה יהיה זרעך :

אונ עס זאל ווערן בשטעטיגט אן אייני קינדר די (ברכה) פון (אברהם אבינו ע"ה) דאס דוא האשט אים גיבענטש דיין זאמן זאל זיך מערן אונ אזו פיל זיין אז וויא דיא שטערן אן הימל :

ואזכה לגדלם בארץ הקדושה ובטהרה :

אונ מיר זאלין (זוכה) זיין צו דר ציהן אונזרי קינדר אין דאש הייליגי לאנד דאס איז (ארץ ישראל) מיט הייליקייט אונ מיט רייניקייט :

וביצחק יקרא להם זרע קודש מטע להתפאר ובברכת יעקב יירשו נחלתם בלי מצרים ויהיו מעוטרים בכתר תורה :

אונ אייני קינדר זאלן לאזן גיקריינט ווערן דאס זייא זאלן גרושן ווערן איין הייליגן זאמן אזו וויא אונזר פאטר (יצחק) איז גיוועזן אונ אייני פאלגונג אייגט זאמן זאלן זיין צו וויבונג אידר מאן · אונ מיט זייא זאל זיך איטליכר בריאן אונ בשיינן אונ זיי זאלן גיבענטש זיין מיט די (ברכה) אזוי וויא עש איז גבענטש גווארן (יעקב אבינו ע"ה) מיט זיין ארב טייל אהני גימארקן אונ זייא זאלן גקריינט זיין מיט דר קרוין פון דער (תורה) :

לזכות את הרבים לשם שמים ולא בגאוה :

דאש זייא זאלן (זוכה) זיין (לומדים) צו האבן אונ זאלן (מזכה רבים) זיין מיט דער (תורה) פון דיין הייליגן נאמן ווען אבר ניט (חלילה) פון (גאות) וועגן אונ מיט דער קרוין דאש זייא זאלן רייכי לייט זיין :

שלא יצטרכו להלואת בשר ודם ולא לידי מתנת בשר ודם :

דש זיי זאלן ניט בדארפן צו לייאונג פון איין מענשן אונ אויך ניט שענקן פון איין מענשן :

ובכתר כהונה משרתי יי כמו בני דוד כהנים היו כמו שכתוב :

אונ זיי זאלן אויך גקריינט זיין מיט די (כהונה) דינר גאט . אז וויא דא זיינן גיוועזן דיא קינדר פון (דוד המלך) אז וויא אין (פסוק) איז גשריבן :

ואתם כהני יי תקראו וכתר שם טוב עולה על גביהן :

אונ איר ווערט ווערן גרושן (כהנים) דינר גאטש אונ מיט דער קרוין פון (שם טוב) זיינן זייא נאך מער גקריינט אז מיט אלי דרייא קרוינן דש איר (שם טוב) זאל אויך ווייט אונ ברייט גהערט ווערן :

ולא ישלוט בהם יצר הרע ולא עין הרע כמו יוסף הצדיק עליו השלום :

אונ עש זאל ניט גיוועלטיגן קיין (יצר הרע) אונ קיין (עין הרע) . אזו וואול אז דא ניט האט גיוועלטיגט קיין (עין הרע) אן (יוסף הצדיק עליו השלום) :

כמו שכתוב בתורתך הקדושה שברך יעקב לבניו של יוסף :

אזו וויא עש שטייט גשריבן אין דיינר ליבר הייליגי (תורה) דאש (יעקב אבינו עליו השלום) האט גיבענטש דיא קינדר פון (יוסף הצדיק עליו השלום) דאש זייא זאלן זיך ווידאן אונ מערן אזו פיל אז וויא פיש אין וואשר דש אזו וואול אז אן די פיש אין וואשר קיין (עין הרע) ניט שולט איז אזו זאל אויך אן דיא קינדר פון (יוסף) קיין (עין הרע) ניט גיוועלטיגן (ואמר להם) אונ האט זייא גיזאגט :

המלאך הגואל אותי מכל רע יברך את הנערים ויקרא בהם שמי ושם אבותי אברהם ויצחק וירגו לרוב בקרב הארץ :

דער (מלאך) דר איך האט גיוויזט פון אלים בייזן דר מלאך זאל אויך בענטשן דיא יונגן אונ זאל זייא בשירמן פר אלים בייזן אונ עס זאל אן גרופן ווערן אויף זייא מיין נאמן אונ דער נאמן פון מיין עלטרן (אברהם ויצחק) אונ זאל בייא שטיין דאס קיין (עין הרע) זאל ניט אן זייא גיוועלטיגן אונ זייא זאלן זיך ווידרמן און מערן נאך פיל אין הייליגן לאנד דאס איז (ארץ ישראל) :

ותצילם מכל חליים ונגעים רעים המתרגשות לבא לעולם :

אונ דוא זאלשט בהיטן אונ בשירמן זיי פר אלי קריינקן אונ פר אלי בייזי פלאג אונ פר אלי בייזי צו קומנש וואס טרעפט אויף די וועלט צו קומן :

וברך את לחמם ואת מימם וקיים בנו מקרא שכתוב :

אונ דוא זאלשט בענטשן איר ברויט אונ איר וואסר מיט אלי בענטשונג אונ דו זאלשט בשטעטיגן אן אונזרי קינדר דעם (פסוק) דש גשריבן איז :

אשר בנינו כנטיעים מגודלים בנעוריהם בנותינו כזויות :

אונ אונזרי זין ווערן זיין אזו וויא פלאנצונג דיא דא זיינן גוואקסן אין דר יוגנט אונ אונזרי טעכטר וועלין זיין אזו דיא ווינקלן פון שטיינרני הייזר :

מחוטבות תבנית היכל מזוינו מלאים מפיקים מזן אל זן :

וואס מען זיך בפלייסט דאס איין ווינקל פון דעם שטיין זאל גלייך זיין נאך דעם אנדרן שטיין , אונ אויך ווערן זיין דייגע טעכטר הויך גוואקסן אונ ווערן זיין גליבט אין דיא אויגן פון דיא לייט דיא דא ווערן זעהן אויף זייא אזו וויא גליבט איז איין גשטאלט פון דיא פאלטן אונ אונזרי זין ווערן זיין גלייך אז וויא דיא פלאנצונג דיא דא זיינן גוואקסן אין דער יוגנט דיא זעלביגע בוים האבן קיין חסרון אונ קיין מום ניט גאר אויך ווערן זיין דייני זין אין פרום דור אונ ווערן זיין ריין פון אלי עבירות . אונ ווינקל פון אונזרי אוצרות ווערן אויס ליזן אונ ברייגגן שפייז פון איינם יאר נאך אנדרען יאר פון דער לייט אן דאס מען פון דער יאר טוט תבואה אונ שפייז צו אנדרן יאר דאס מען די נחייע (תבואה) אונ שפייז ווידר איין טוט :

צאננו מאליפות מרובבות בחוצותינו אלופינו מסובלים :

אונזר שאף פיל טויזנט זאל לעהן טויזנט ווערן זיי האבן אין אונזרי גאסן אונזר הער כלומר די חשובים אונ גדולים דיא אונטר איני זיין ווערן פאלגן אונ צו הערן דיא גימייני אונ קלייני כלומר דיא שלעכטי :

אין פרץ ואין יוצאת ואין צוחה ברחובותינו :

קיין ברעכנים אונ קיין פר לוקניש אונ דער טרעקניש אונ קיין בייזי שמועה ווערט אויש גיין פון אונז ווערט קיין גשרייא אונ דער טרעקניש זיין אין אונזר גאס :

אנא יי אלהינו זכני לקיים מה שצויתנו בתורתך הקדושה :

איך בעט דיך גאט אונזר גאט לאז מיך דאך (זוכה) זיין צו בשטעטיגן וויא דוא אונז גבאטן האשט אין דיינר הייליגר תורה :

ולמדתם את בניכם לדבר בם ויקוים בי מקרא שכתוב :

אונ איר זאלט לערנן מיט אייערי קינדר מיין (תורה) אונ (מצות) דער מיט זייא זאלן ווישן נאך האלטן מיין גבאט אונ עש זאל אן מיר בשטעטיגט ווערן דער (פסוק) דאט דא גשריבן שטייט :

ודברי אשר שמתי בפיך לא ימושו מפיך ומפי זרעך ומפי זרע זרעך אמר ה׳ מעתה ועד עולם :

אונ

אונ מייני רייד. דאש מיינט מען דיא (תורה) דאש איך האב גיטאן אין דיין מויל אזוי ווערט ניט ווערן אפ געסאן פון דיין מונד אונ פון מונד דייני קינדר אונ ניט פון מונד דייני קינדש קינדר האט גאט גזאגט פון אצונד ביז אייביג :

ויהיו בני מורי הוראות כשרות בישראל לשם שמים :

אונ מייני קינדר זאלן זיין (בעלי הוראות) אונ זיא זאלן (פסקנן איסור והתר) אונטר (ישראל) פון גאטש וועגן :

ולא יכשלו בהוראות ולא יטו ימין ושמאל :

אונ זיא זאלן ניט געשטרויכלט ווערן מיט איר פסקנן איין אום רעכטי (הוראה) אזו אלי טאג בלייבן אין רעכט פארטיגן וועג אונ פון דיין הייליגע גבאט ניט צו נייגן אונ צו איבר טרעטן (חלילה) אויף דר רעכטי זייט אדר אויף דר לינקר זייט פון ד' הייליגי מצוה :

מדרך הישרה. מדבר שקר ירחיקו ולא ימצאו בם מום :

פון דעם רעכט פארטיגן וועג. אונ זיא זאלן זיך דער וייטרן פון פאלטקייט זאגן אונ אום זונשט פון פאלשי זאכן אונ עש זאל אן זיא ניט געוועלטיגן קיין בייז אונ זאל ניט געפונן ווערן קיין (מום) :

ולא מדה רעה מקטנם ועד גדולם. ויהיו בני מאותם שכתוב מהם :

אונ קיין (מדה רעה ח"ו) עש זאלי פון גרויסי אונ קלייני. אונ מייני קינדר זאלן זיין פון דיא דא אין (פסוק) געשריבן שטייט :

מי יגור באהלך ומי ישכון בהר קדשך הולך תמים :

ווער איז (ראוי) צו וואונן אין דיין געצעלט דאש מיינט מען דאש (משכן). אונ ווער איז (ראוי) צו רוהען אין דיין הייליגן בארג פון דיין ב"ה דער דא גייענג גאנץ מיט גאט :

ופועל צדק ודובר אמת בלבבו לא רגל על לשונו :

אונ ווערקט אייטל גרעכטיקייט אונ רעט אייטל ווארהייט אין זיין הארצן דהיינו ער רעט גוט מיט דעם מויל אונ מיינט עש ניט פאלש מיט דעם הארצן אונ טרייבט קיין (רכילות) ניט ער רעט קיין (לשון הרע) מיט זיין צונג :

לא עשה לרעהו רעה וחרפה לא נשא על קרובו :

אונ ער טוט זיין (חבר) קיין בייז אונ קיין (חרפה) אונ לעסטרונג טראגט ער ניט איבר זיין (קרוב). (דהיינו) ווען ער זעהט אז זיין איינגינר פריינד וואש ניט רעכט טוט אזו שטראפט ער אים אזוי קאן מען אויף אים ניט רייד ן ווען ער דער נאך איין אנדרן שטראפט אויף עפיש וואש אום רעכט טוט ווא"ם האשטו דיין (קרוב) ניט געשטראפט אזו איין (חרפה) קאן מען אים ניט אן טאן דר וייל ער (באמת) זיין (קרוב) יוא געשטראפט האט דער זעלביגר דער דאש טוט דער איז (ראוי) צו וואונן אין גאטש געצעלט אזו אויך זאלן זיין מייני קינדר דוא אלמעכטיגר גאט :

יהי רצון מלפניך יי אלהי ואלהי אבותי שאוליד בנים ובנות ולא ימות שום אחד מבני בחיי :

עש זאל זיין דער ווילן פר דיר גאט אונ גאט מייני עלטרן דאש איך זאל געווינן זין אונ טעכטער אונ עש זאל קיינז ניט שטארבן פר מיין לעבן :

ולא בחיי בעלי ולא תמות אחת מבנותי בחיינו :

אונ ניט בחיי מיין מאנש לעבן אונ אויך זאל בחיי אונז קיין טאכטר ניט שטארבן ניט בחיי מיין לעבן אונ ניט בחיי מיין מאנש לעבן :

ואבה

ואקח נשים לבני ולא ימותו נשותיהם מקוצרי שנים :

אונ איך זאל זייא מאכין נעמן ווייבר · אונ אירי ווייבר זאלן ניט שטארבן אין קורצי יארן (חלילה) :

ואזכה להשיא בנותי לאנשים הגונים צדיקים ותלמידי חכמים :

אונ מיר זאלן (זוכה) זיין צו געבן מאנן צו אונזרי טעכטר דיא זאלן זיין אייטל גוטי פרומי מאנן (צדיקים) אונ (תלמידי חכמים) :

ולא ימותו בעליהן חלילה בקוצר שנים רק יאריכו ימיהם ושנותיהם לאורך ימים ושנים ולא יפטור בעלי בבהרותי :

אונ אירי מאנן זאלן (חלילה) ניט שטארבן אין קורצי יארן נייארט זייא זאלן בייא זייא לעבן בלייבן צו לאנגי טעגן אין גרויסי פריידן אונ דוא אלמעכטיגר בארעהרציגר גאט דו זאלסט דער לענגרן דאס לעבן פון מיין מאן דאס ער (חלילה) ניט שטארבן זאל אין קורצי יארן אין מיין יוגנט נייארט מיר זאלן זיין בייא זאמן זיך עלטרן מיט אונזרי קינדר אין גרויסי פריידן (אמן סלה) :

יהי רצון מלפניך יי אלהי ואלהי אבותי שתזמין לכל בני את בת זוגם ולכל אחת מבנותי את בת זוגה :

עס זאל זיין דער ווילן פאר דיר גאט אונ גאט מיין עלטרן דאס דו זאלסט בשערן אלי מייני זין זיין רעכטן (בת זוג) וואס דו אלמעכטיגר גאט האסט אים אויף געלייגט צו נעמן איי זיי אויך זייען בשאפן געווארן פון אן אנפאנג דיא טאכטר אין מוטר לייב . אונ צו אלי מייני טעכטר זאלסטו בשערן איטליכי טאכטר איר רעכטן (בן זוג) :

המיוחד לכל אחד מהם ולא יקדימם אחר ברחמים :

וואס דו אלמעכטיגר גאט זייא אויף געלייגט האסט צו נעמן איי זייא זייען בשאפן געווארן פון אן אנפאנג אין מוטר לייב אונ עס זאל קיין אנדרי ניט פאר קומן אונ זאל איר (בן זוג) פאר אהן אוועק נעמן :

ולא ידיחו מפני אחרים וילדו בנים ובנות בשעה טוב ובמזל טוב :

אונ זאלן חלילה ניט פאר שטויסן ווערן פון אנדרי וועגן אונ מייני זין אונ טעכטר זאלן געווינן זין אונ טעכטר אין איין גוטי (שעה) אונ אין איין גוטן (מזל) :

וכל הסבות בין מן אלהים והשגחיות בכל מערכיו ובין בהיריות :

אונ אלי גשיכנש אונ צו קומנש וואס איז נאר צו דענקן אין דער גאנצי וועלט עס זיי וואס דא קומט פון גאט · אונ עס זיי וואס דא קומט פון דעם (מזל) אין דר (מערכה) וואס דא ווייזט אויף דעם מענטשן עס זיי וואס דער מענטש זיך זעלברט (בוחר) איז ווייל דער (בן אדם) איין (בעל בחירה) איז אונ קאן זיך דר ווילן צו טאן גוטס אדר בייז (חס ושלום) :

יפעלו לטובתם ולברכה ולזכות בבני חיי ובמזוני רויחין :

אז זאלן זייא אלס טאן צו גוטן אונ צו בענטשונג אונ דו זאלסט זייא מזכה זיין מיט קינדר זייא זאלן לאנג לעבן אונ זאלן זיך אלי לייט קענן מפרנס זיין בכבוד אונ זאלן איר פרנסה האבן (בריווח) אונ (בהיתר) פון דיין האנט :

ולא יחסר להם מזון טרף ביתם ותצילם ממאורעות קשות :

אונ עס זאל אייביג ניט גברעכן אונ מאנגלן (פרנסה) פון אירן הויז גיזינד ווייל זייא ווערן לעבן אונ זאלסט זייא בהיטין פאר אלי צו קומנס :

ופעולות רעות המתרגשות ובאות לעולם ותצילם מיצר הרע :

אונ

אונ פאר אלי בייזי גישפענסטיס דיא דא שטורמן אונ פלאגן אין דער וועלט צו קומן אונ זיי
זייא (מציל) פון דעם (יצר הרע) דאס פר זייא זאל ניט אן רייצין צו זינדיגן :

לא בזדון ולא בשוגג ולא באונס ולא ברצון וישמרו את ברית קודש מכל טומאה
וערוה וחרפה ויקיימו בעת ראוי :

ניט אוטוויליג פס זייא גערן אדר ניט גערן אונ זייא זאלן היטין איר (ברית קודש) פון
אלי אום ריינקייט אונ פאר אלי שאנד אונ זייא זאלן (מקיים) זיין :

מצות פריה ורביה· ותשכן בין איש לאשתו :

איטליכר פון מיינע קינדר זאלן האלטן דיא (מצוה) פון (פריה ורביה) אין דער צייט ווען
זייא (ראוי) זיין דאס זעלביגי איז צו האלטן יאר ווי אונזרי חכמים גיעלט האבן · זאלסט
מאכן רוען צווישן מיך אונ מיינם מאן אונ מייני קינדר צווישן אירי מאן אונ ווייבר :

אהבה אחוה ורעות ושלום וכן בין קרוביהם :

מיט ליבשאפט אונ מיט גלוסטיקייט אונ מיט פרייד אונ גוט גיזעלשאפט אונ אזו זאל
אויך זיין צווישן אלי פריינד שאפט דיא אונז צו קערן :

ונזכה לזון אותם בקטנותם בכבוד בלי חרפה ובזיון :

אונ מיר זאלן (זוכה) זיין צו שפייזן אונזרי קינדר ווייל זייא נאך קליין זיינן מיט גרויסן
(כבוד) אן שאנד אונ אן לעסטר :

ויהי תורתם אומנותם בכבוד ויבלו ימיהם ושנותיהם בנעימים :

אונ אלי זייער טאן אונ לערנען זאל אלז זיין אין דער (תורה) אונ (מצות) אונ (מעשים
טובים) אלי מיט (כבוד) אונ זאלן צו טליסן אונ פר ברייגן אירי טאג אונ יאר אין גוטקייט
אונ אין ליבליכקייט :

בתורה ובמצות ובמעשים טובים ומלאכתם וכל עסקיהם ומעשיהם יתברך מאליו
ולא יצטרכו לבריות :

אין אייטל (תורה) אונ (מצות) אונ (מעשים טובים) אונ אלי איר (מלאכה) אונ (משא
ומתן) אונ אלי איר טאן זאלן זייא (מצליח) זיין אונ זאלן פון זיך זעלברט גבענטש ווערן
אונ זאלן איר לעבנס טאג קיין מענטשן ניט ברויכין :

ואזכה לראותם בשמחה ולא יהיה עקר ועקרה ומשכלה :

אונ איך זאל (זוכה) זיין צו זעהן אן זייא (שמחות) דאס מיינס מען זייא ווען ווייטר
(זוכה) זיין (שמחות) צו מאכן אירי קינדר אונ עס זאל ניט זיין אונטר אונזרי קינדר (חס
ושלום) קיין אום טראכטיגר אדר דיא מיינר זאל אירי קינדר ניט אויס טראגן אדר זיא זאל
אירי קינדר (חס ושלום מפיל) זיין פאר דער צייט נייערט איר פרוכט זאל גבענטש
ווערן פון גאט :

וימצאו חן ושכל טוב בעיני אלהים ואדם :

אונ זייא זאלן געפינדן גנאד אונ צייט זעליקייט אין גאטס אויגן אונ אין אויגן דיא לייט דיא
דא ווען טאן אויף זייא זעהן :

ולא אעזוב אותם ביד אחרים חס ושלום :

אונ מיר זאלן אונזרי קינדר ניט פר לאזן (חס ושלום) אין פרעמדי הענט נייערט דוא
ליבער גאט דוא זאלסט בייא אונז זיין לעבן לאזן :

ותחזק לבם שיהיו שומעים בקול אביהם ואמם ורבניהם :

אונ דוא זאלסט שטארקן דאס הארץ פון מייני קינדר דאס זייא זאלן צו הערן אונ פאלגן
צו דיא שטים פון איר פאטר אונ מוטר אונ פון זייערי (רבנים) :

ואת

ואת קטן ישמע לגדול ויכבדו זה את זה :

אונ איר געשוועסטריגג זאלן אייניג זיין דורך אננדר אונ זאלן פאלגן איינס דעם אנדרן דר יונגסטר ברודר זאל פאלגן דעם עלטן ברודר אונ דיא עלטי שוועסטר. אונ זאל איינר דעם אנדרן (בכבוד) האלטן :

ויהיו טוב ונעים שבת אחים גם יחד לאהבה • ובנותי תהיינה נאה ויפה ובעלת חן וחסד :

אונ זאל זיין גוט אונ אייניג אונ ליבליך זיין דורך אננדר מיט גוטי גרויסי ליבשאפט אונ מייני טעכטר זאלן היפש זיין אונ שיין גילירט א״ג זאלן האבן גנאד אונ לייט זעליקייט אין דייני אויגן אונ אין לייטס אויגן :

ובעלות שכל טוב ויהיו צנועות וצדקניות וחסידות :

אונ זייא זאלן האבן גוטן (שכל) אונ זאלן זיין אייטל (צנועות וצדקניות וחסידות) :

ויהיו מעוטרות במעלות ובמדות טובות כל כבודה בת מלך פנימה ותהיינה שלמות בלי מום וברך מעשה ידינו :

אונ זייא זאלן גקריינט אונ גצירט זיין מיט אייטל קעסטליכי (מעלות) אונ (מדות טובות) אונ זייא זאלן קיין לויפרן זיין זייא זאלן אלי צייט אין הויז בלייבן. דען דער (כבוד) פון איין (בת ישראל) איז די דא אין איר הויז בלייבט. זיי זאלן גאנץ זיין אין אירן (גוף) דאס זייא זאלן (חס ושלום) קיין (מום) האבן אן זיך אויך אלמאכטיגר גאט דוא זאלשט בענטשן אלי דיא ווערקן פון אלי אונזרי הענט דאס מיר זאלן בגליקן אין אלי אונזרי ווערקן וואו מיר זיך ווען קערן אונ ווענדן :

כדי שנזכה להרבות להם מוהר ומתן כראוי לבני גילן :

דער וואראן דאס מיר זאלן האבן (מזל) אונ (ברכה) אונ (הצלחה) דאס מיר זאלן (זוכה) זיין אונזרי קינדר אויס געבן דאס מיר זאלן זייא קענן פיל גוטס טאן אונ פיל געלט נאך צו געבן נאך איר (נדוניא) אלז דיא עס רעכט איז צו אירן (מזל) :

ומהם יצאו פירות טובות בנים צדיקים זוכים וטובים לבני ישראל אמן :

אונ מיר זאלן (זוכה) זיין דאס פון זייא זאלן אויס גיין אייטל גוטי (פירות) אייטל (צדיקים) אונ (חסידים) אונ (תלמידי חכמים) דאס זייא זאלן גוט אונ פרום זיין אונ זאלן ווייטר (מזכה רבים) זיין (כל ישראל אמן וכן יהי רצון) :

אנא יי ברחמיך הרבים :

איך בעט דיך גאט מיין גאט דיין גרויסי דער בארמקייט דיא זיינען גאנץ פיל :

ובחסדך הגדולים שתזכה אותי ואת בעלי (פב"פ) :

אונ מיט דייני גרויסי גינאד דיא דא זיינן גרויס אונ שטארק דאס דוא זאלשט אונז לאזן (זוכה) זיין מיך אונ מיין מאן (פלוני בן פלוני) :

שתמלא מספר ימינו עד מלאות שנותנו שבעים שנה :

צו דער לענגרן אונזרי יארן אונ טאגן דאס דוא זאלשט דער פילן אלי די צאל פון אונזרי יארן אונ טאגן ביז דא וועט זיך דער פילן אונזרי יארן אונ טאגן וואס מיר האבן צו לעבן דאס זיינן דיא זיבציג יאר :

ויהא אהבה ואחוה בינינו והסר מאתנו לב רגז וקפדנות :

אונ עס זאל זיין צווישן אונז אייטל ליבשאפט אונ גוטי גיזעלשאפט אונ זאלשט פון אונז אפ טאן דט בייזי הארץ אונ אלע גיבלע צארניגע גידאנקן :

ושלא

ושלא יפול כל ימינו מחלוקת וקטטה בינינו :
אונ זאל קיין מאל כים זיין צווישן אונז קיין קריג אונ זאנק אלי דיא טעג אונזר לעבן :
ולבלות בטוב ימינו והסר מאתנו כל מיני צער ודאגה שבעולם :
אונ מיר זאלן טוליסן אונ פאר ברייגן אונזרי טעג אונ יאהרן אין אייטל פרייד אונ אין אייטל גוטש דוא זאלשט אפ טאן פון אונז אלי (צער) אונ אלי זארג אונ (דאגות) פון דר גאנצי וועלט :
ושלא יהא לנו שום טרדה מטרדת הזמן שבעולם :
דאש מיר זאלן נית האבן קיין זארג פון אלי זארג וואש אין דער וועלט איז :
ותזכה אותי ואת בעלי לגדל את בנינו ואת בנותינו :
אונ דאש דוא זאלשט מיר מיט מיין מאן (מזכה) זיין דאש מיר זאלן דער צ׳הן אונזרי זין אונ אונזרי טעכטר (לתורה ולחופה ולמעשים טובים) אמן :
ושיהיו בנינו ובנותינו בעלי עושר וכבוד וחסידים וחסידות ולא ימות אחד מבנינו או אחת מבנותינו בחיינו :
אונ דאש דא זאלן זיין אונזרי זין אונ טעכטר אייטל (בעלי עושר וכבוד) אונ (חסידים וחסידות) אונ עש זאל קיינר נית פון אונזערי זין אונ טעכטר שטארבין ביי אונזר לעבן :
רק תמלא מספר ימיהם ושנותם בשיבה טובה ובמזל טוב :
נייארט דו זאלשט דר פילן דיא צאל פון אירי יאהרן אין גוטי עלטר אונ אין איין גוטן(מזל) :
אני ובעלי (פב״פ) נגדלם יחד באהבה ובחבה ובבריאות ובשלוה ובהשקט ובטחון בעושר וכבוד ואריכת ימים :
איך אונ מיין מאן (פב״ב) זאלן (זוכה) זיין מיט אנגדר צו דער ציהן זיי מיט (עושר) אונ (כבוד) צוא לאנגי יאהרן :
אתה יי תזמין לנו מזון ולפרנס ולכלכל את בנינו ובנותינו וליתן לכל אחת ואחת נדוניא הראוי לפי כבודנו :
אונ דוא גאט זאלשט בשערן אונ צו שיקן צו אונז דאש מיר זאלן קאנן שפייזן אונ דער נערן אונזרי זין אונ טעכטר אונ מיר זאלן קענן געבן איטליכן קינד (נדוניא) וואש רעכט איז נאך אונזר (כבוד) נאך :
והצל אותי ואת בעלי פלוני בן פלוני ובנותי פלונית ופלונית :
דוא זאלשט בשירמן מיך אונ מיין מאן (פב״פ) אונ מיין טאכטר (פלונית ופלונית) :
ואת בני פלוני ופלוני מכל מיני פורעניות ומכל גזרות קשות ורעות המתרגשות לבא לעולם :
אונ מיין זון (פלוני ופלוני) פון אלי פורעניות אונ בייזי צו קונויט אונ פון אלי בייזי (גזרות) דיא דא שטורמן אונ פלעגן אויף דער וועלט צו קומן :
ומאדם רע ופגע רע ומשטן המשחית ומעין הרע :
אונ פון בייזי לייט אונ פון בייזי בגעגיניש אונ פונדעם פר דארבר אונ פון אלי(מיני עין הרע) :
ומכל מיני כישוף ומדין קשה ומבעל דין קשה ומלסטים ושודדים והומסים מכל אויב ושונא הן בעיר :
אונ פון אלי מיני כישוף אונ פאר בייזי הארטי טווערי גריכט אונ פאר אלי הארטי בייזי טווערי (בעלי דינים) אונ פון רויבר אונ טטעלר אונ פר מערדר אונ פון אלי פיינד עש זיי אין דר שטאט :
והן בשדה הן ביער והן בדרך הן בהר והן בבקעה :
אונ

אונ עס זייא אין פעלד עס זיי אין וואלד אונ עס זיי אויף דעם וועג אונ עס זיי אויף
דעם בארג עס זיי אין שטאט אונ אין אלי ערטר וואס מיר וועלן זיין :

בין ביום ובין בלילה · ותצילנו מחלאים רעים הן חולי ראש :

עס זיי בייא טאג אונ עס זייא בייא נאכט . אונ דו זאלסט אונז בהיטן אונ בשירמן פון
אלי בייזי קראנקהייט עס זיי (ח"ו) קאפ ווייטאג :

והעינים והאזנים והחזה והלב ואשתא צמירתא ושנים :

אדער אויגן ווייטאג אדר אויער ווייטאג אדר בריסט ווייטאג אדר הארץ ווייטאג פאר
אלי מיני קדחת (רחמנא ליצלנו) אונ פאר צאן ווייטאג :

ותחתוניות וכל שאר מדוה ומחלה הן בחלול הגוף והן חוץ לחלול הגוף :

אונ פאר די קרענק וואס דא הייסט (תחתוניות) אונ זונסט פאר אלי (מינים) ווייטאג אונ
פאר אלי קרענק עס זייא אינן ווייניג אין לייב אונ עס זיי אויס ווייניג אויס דעם לייב :

אנא יי אלהי ואלהי אבותי שתמלא כל משאלות לבי לטובה ולברכה :

איך בעט דיך גאט מיין גאט אונ גאט מייני עלטרן דאס דוא זאלסט דער פילן אלי דאס
אן הייסונג מיינס הארצן צו גוטן אונ בענשטונג :

ותעשה את שאלתי ובקשתי ברחמים :

אונ דו זאלסט טאן אלי דיא אן הייסונג אלי דש בגער פון מיין הארצן מיט דר בארמקייט:

ואל יעמוד לפני תפלתי לא שטן ולא יצה"ר ולא מקטרג רק יהא לנו כמה וכמה מלאכי רחמים מליצי יושר וקיים בי מקרא שכתוב ותגזור אומר ויקם לך וגם מקרא שכתוב האירה פניך על עבדך הושיעני בחסדך : יהיו לרצון אמרי פי והגיון לבי לפניך יי צורי וגואלי :

אונ עס זאל ניט קענן שטיין פאר מיין (תפלה) קיין (שטן) אונ (יצר הרע) אונ קיין הינדרר נייארט עס זאל זיין צוא מיר פיל בארמהערציגי (מלאכים) אייטל גוטי פיר שפרעכר אונ עס זאל אן מיר בשטעטיגט ווערן דר (פסוק) דש דא איז גשריבן אונ דוא ווערסט(גוזר) זיין אונ ווערסט זאגן איין זאך אונ עס ווערט בשטעטיגט ווערן. אונ אויך דער (פסוק) דש דא גשריבן שטייט עס זאל לייכטן דיין שכינה אויף דיין קנעכט דוא זאלסט מיר העלפן ווי דיין גנאד אלי צייט איז . עס זאל זיין דער ווילן די זאג פון מיין מונד אונ די געדאנק פון מיין הארץ צו פאר דיר גאט דו בישט מיין בשירמר אונ מיין דר לייזר(אמן):

יח איין (ווידוי) אלי טאג צוא זאגן איין גזונטן מענשן :

אלהינו אונזר גאט אונ גאט פון אונזרע עלטרן לאז פאר דיר קומן מיין געבעט אונ דוא זאלסט ניט פאר הילן דייני אויערן צו פר נעמן מיין געשרייא צו דער ווייטרן מיך · אונ לוס זעליג מיך דען איך בין קיין (עזות פנים) ניט אונ אויך ניט הארט נאקנדיג איך זאל זאגן איך בין ריין פון מיסטייט אונ האב קיין איבלש געטאן . אבער פאר וואר מייני זינד זיינן שווער אונ גרויס דען איך בין גמערט קעגן דיר מיט גרייסן מוטוויליגי זינד . נאך מיין (יצה"ר) גלוסט איך אונ קאן עס ניט לייקנן . (אבל אני חטאתי) אבר פאר וואר איך האב געזינדיגט (בשוגג) ניט גערן איך האב געזינדיגט (במזיד) איך האב געזינדיגט צו טרוץ אונ (להכעיס) מיט ווידר שפעניקייט : (חטאתי) איך האב געשולדיגט אונ אלי (עבירות) ווייס איך אונ אטייל (עבירות) ווייס איך ניט · אבר פאר דיר איז ניקש פאר הולן דוא ווייסט אלש וואל אויב עס איין זינד איז אדער ניט : (בגדתי) איך
האב

האב גיפֿעלשט אין דיין (תורה) אונ איך האב מיך בהעפֿט צו מיין (יצה"ר) : (גזלתי) איך האב אלי לייט ברויבט איך ווייס ניט ווען איך זאל ווידר קערן דאס זייניגי איך האב גרויבט אז ווי דר (דור המבול) האט גיטאן דאס איטליכר האט אוועק גינומן אביסל . אונ מען האלט עס פֿר קיין (גזילה) ניט ווייל קיין (פרוטה) איז ניט ווערט גיוועזן : (גנבתי) איך האב גשטולן אונ האב גלייקנט אונ בין דרויף ווייסט גוואָרן גלייך אז איין (גנב) דער אין לאך גפֿונן ווערט . (דברתי דופי) איך האב שלעכטי רייד גרעט אונ האב גמורמורט . איך האב אויך גרעט אין מיין (תפלה) צווישן (ברוך שאמר) אונ (ישתבח) אונ (ברכו) אונ (ק"ש) ווען דער חזן (שמונה עשרה) זאגט האב איך קיין (אמן) גזאגט אדר ווען מען לייענט אין דער (ס"ת) האב איך (דברים בטלים) גרעט מיט מייני (שכנים) אונ האב זיי אויך גמאכט זינדיגן . (העויתי) איך האב גאר קרומט מיין וועג. (הרשעתי) אונ צו בוזהייט בין איך ניט גוועזן טרעג . (זדתי) איך האב גמוטוויליגט מיט זינד : (חמסתי) איך האב גרויבט אונ מיט גוואלד אלש גנומן וואו אייניר האט ניט (ברצה) גיהאט צו פֿר קויפֿן איך האב פֿר שוועכט מייני (שבתים) אונ (ימים טובים) איך האב (מחלל השם) גוועזן . איך האב (חניפות) גטריבן : (טפלתי שקר) איך האב מיך בהעפֿט צו בויזקייט אונ שאלקהייט . איך האב אנדרי לייט גמאכט שטרויכלן אונ פֿאר פֿירן : (יעצתי רע) איך האב בייזי ראט גטראכט אונ בראטן אונ בין וואָרן פֿאר שטויסן פֿון דיין (שכינה) ווענן מיין אפֿרדיקייט וואס דוא ניט לייַדן קאנסט : (כזבתי) איך האב ליגן גזאגט אונ צו דעם ליגנר האב איך עס אים פֿיר גוואָרפֿן אונ (בחרפה) גמאכט דש איז גלייך זא ווען אייניר אין (רציחה) גטאן האט . איין ארום מאן האב איך זיין (משכון) ניט אוויש גגעבן אויב ער האט בדארפֿט ביי נאכט אדר ביי טאג . איך האב (ריבית) גנומן : (לצתי) איך האב שפעט גטריבן : (מרדתי) איך האב ווידר גשפעניגט אנטקעגין דיר : (נאצתי) איך האב דער צארנס גמאכט אונ דיא וועלט : (סררתי) איך האב מיך אפ גיקערט פֿון גוטן וועג צו בייזן : (עויתי) איך האב פֿר קרימט דעם גוטן וועג : (פשעתי) איך האב גמיסטייט : (צררתי) איך האב בליידיגט : (קשיתי עורף) איך האב גהארט נאקין אונ פֿיל נארישקייט גיטאן ווען איך גלערנט אדר (תפלה) גטאן האב : (רשעתי) איך האב גשולדיגט מיט מיין בייזי (מחשבות) : (שחתתי) איך האב פֿר דארבן אונ האב צו בראכן איין (כלי) אונ האב גווארפֿן אין (רוגז) איך האב גגעסן אונ האב ניט גבענטשט נאך דעם עסן : (תעיתי תעתעתי) איך האב גאירט מיך אונ האב אנדרי לייט אויך מאכן פֿר אירן איך האב פֿאר צוקט דעם ארביטר זיין לון . (דהיינו מאדים) דינשט מיידן (משרתים) אונ אויך אנדרי (בעלי מלאכות) ניט גצאלט. ווער קאן דער ציילן אדר שאצן וואס איך האב אין מיין הארץ לוסט נאך גטאן וואס מייני אויגן האבן גזעהן :

רבש"ע מיר האבן ניט גמאכט (מצות עשה) מצות וואס מיר זיינן שולדיג צו טאן מיר האבן ניט גמאכט (מצות לא תעשה) . מצות וואס מען ניט זאל טאן האבן מיר דאך גטאן. מיר האבן גטאן (עבירות) וואס דאס (ב"ד) דרויף (פסקנת) פֿיר ארלייא מיתות (סקילה שריפה הרג וחנק) מיר האבן גבראכן דיא (תורת שבעל פה) מיר האבן פֿר געסן דיין הויכן גיאכפֿרטן נאמן מיר האבן אלא געסן דיין קעניגרייך אונ ערצלט : (ואתה) אבר דוא ביסט גירעכט מיט אלס וואס דא קומט אויף דיין קנעכט צו רעגירט דיא גאנצי וועלט מיט ווארהייט (דהיינו) דעם (צדיק) נאך זיין גירעכטיקייט

דעם (רשע) נאך זיין בויזהייט : נון איך ארמר זינדיגר מענש פֿיל זינד האב איך גטאן פֿון וועלכר זינד זאל איך צו פֿאר(חשבון)אפּ רעכנן עש העלפֿט מיר קיין לייקנן ניט. מיט מיין אייגינע (נשמה) דען אין מיר שטייט איין מאך . וואש אלי צייט מיט גייט דיא ווערן אלי בצייגן ווער קאן זיי הייסן לייגן דיא שטיין אין מיין הויז: מיט אלי (יסודות) אויש דער וואנט דיא באלקן . אלש וואש מען זינדיגט פֿון אן פֿאנג אן איז אלש פֿאר (חתמות) מיט זיין אייגני האנט :

מען זאל זיך נידר זעצן אונ זאל דיא (תחנה) זאגן פֿאר דעם (ארון) :

יט **מלך** (מלכי המלכים הקב"ה) אין דער צייט אלז דאש (בית המקדש) איז גשטאנן אונ דא דער מענש האט גזינדיגט צוא דיר ליבר הער גאט . האט ער גבראכט איין קרבן. מיט דעם קרבן האטשו אים אלי זייני זינד פֿר געבן · אבר אויף דער צייט האבן מיר קיין (בית המקדש) ניט מער . אונ קיין מזבח ניט מער אויך קיין (כהן) ניט מער דר דא זאל פֿר געבן אויף אונזרי זינד וואש מיר האבן גטאן אונ אויף דער היינטיגי צייט האבן מיר אן גנומן דיא ליבע שול אן שטאט דאש (בית המקדש) אונ אן שטאט דאש (קרבן) זיין דיא רייד וואש מיר טואן צוא דיר בעטן · זאל אלש זיין דוא ליבר הער גאט אן שטאט דאש קרבן : (רבש"ע) איך מענש דער דא איז גנומן פֿון איין שטינקדיגן טראפּן דער זאל קומן צו דעם גאט צו בעטן דער דא געוועלטיגט איבער דיא גאנצי וועלט : (רבש"ע) דען איך טוא אן דעם גידענקן אזוי לויפֿט מיר דר שווייס אראפּ פֿאר מורא אונ עש ציטערט אין מיר אלי מייני גלידר אין מיין לייב פֿר גרויש מורא דען דוא ליבר הער גאט ווייל איך מיך טוא אן דעם בדיינקן אלש איך האב צוא דיר גזינדיגט אונ איצונד זאל איך צו דיר קומן אין דער ליבר שול בעטן צו דיר וואו דו טוסט לאזן רואן דיין ליבע שכינה . אבער ווייל דו ליבר גאט האשט ליב די תפלה פֿון דעם מענשן דער דא האט צו דיר גזינדיגט אזוי וויל איך ארמי פֿרויא צו דיר בעטן אז דו זאלשט מיר אין מיינם הארצן געבן אלש איך זאל אין מיינער (תפלה) וואש איך דא טוא צו דיר בעטן אין דער ליבע שול וואו די שכינה טוט רואן . אז איך זאל (ח"ו) גאר קיין בייזה גדאנקן האבן ווען איך ווער צוא דיר מיין תפלה טאן . (שדי צבאות) שיק צוא מיר באלד דיא הייליגה (מלאכים) דיא דא זיינן גזעצט איבער די תפלה וואש דער מענש טוט צו דיר אין דיין הייליגה שול · אונ די (מלאכים) זאלן ברייגן אלי מייני (תפלות) פֿאר דיין (כסא הכבוד)· אונ דוא ליבר הער גאט זאלשט אויך מיין (תפלה) אן נעמן גלייך אלש דו האשט אן גנומן דאש ליב גזאנג פֿון די (לוים) דאש זיי האבן צו דיר גזונגן אין דר צייט אלש דא איז גשטאנן דיין ליבר (בית המקדש) . דו ליבר הער גאט דוא זאלשט אונז לאזן גניסן דעם (זכות) פֿון אונזרי מוטרש (רבקה רחל ולאה) . דוא ליבר הער גאט דוא זאלשט אונז גדענקן אלש פֿון זיי געבארן דיא גאנצע הערשאפֿט פֿון דיין ליבע פֿאלק (ישראל) די דא טואן צו דיר אלי טאג זאגן (שמע ישראל) : (מלך מלכי המלכים הקב"ה) דו זאלשט צו אונז גדיינקן אלש מיר זיינן דיין פֿאלק (ישראל) אונ דו האשט אונז אן גנומן פֿר דייני קינדר ווייל מיר האבן אויך צו דיר גטאן אלש איין קינד גיהער צו טאן צו זיין פֿאטער אונ מיר האבן פֿון דיר (מקבל) געווען דיא (עשרת הדברות) אויף דעם בארג (סיני) . דרום קומן מיר צו דיר בעטן דו זאלשט פֿון אונז (מקבל) זיין דיא (תפלה) וואש מיר טוען צו דיר אין דער שול

גלייך

גלייך אז דוא האשט אן גינומן דיא (תפלה) פון (כהן גדול) דא ער איז ארײן גיגאנגן אין דעם (קודש הקדשים) . אונ דוא זאלשט אויך אן נעמן אונזר (תפלה) גלייך אלז וויא דוא האשט אן גנומן דיא (תפלה) פון אונזרי עלטרן טוא אונז באלד אויף דאש טויער פון דיא פר געבונג · דרום דוא ליבר גאט מיר בעטן נאך איין מאל צו דיר אז דו זאלשט אן נעמן דש ווײנן וואש מיר טוען ווײנן פאר דיר . מיר האבן קיין (בית המקדש) נימר אונ אויך קיין (מזבח) ניט מער אונ קיין (כהן גדול) ניט מער דער דא זאל פאר געבן אויף אונזרי זינד וואש מיר האבן גטאן . דו ליבר גאט אז דאש (בית המקדש) איז גישטאנן אונ דער מענש האט צו דיר זיין (תפלה) גטאן אין דער צייט האט דר (מקטרג) קיין מאכט גיהאט (מקטרג) צו זיין אויף אונזרי (תפלות) אויף דער צייט האבן מיר אן שטאט דעם (בהמ"ק) דיא ליבע שול . דוא ליבר גאט אזו זאל אויך דר (מקטרג) גאר קיין מאכט האבן (מקטרג) צו זיין אויף דער (תפלה) וואש מיר טוען אלי טאג צו דיר אין די ליבע שול · אונ מיט דיא (תפלות) וואש איך וועל דא טאן זאל איך מאכן אלש דש בייז באלד זאל ווערן (בטל ומבוטל) פון מיר אונ אויך פון מיין מאן אונ פון מייני קינדר דש זאל באלד זיין (אמן כן יהי רצון):

כ איין אנדרי (בקשה) וואש מען זאל זאגן פאר דאש דאבנן :

אני איך אום ווילן דיינר גירעכטיקייט זאל איך (זוכה) זיין צו זעהן דיין (שכינה) איך זאל זיין זאט אין אנשוואכן דיין גלייכנש . הײנט האב איך אן גהייטן פון גאט אונ האב אויך בגערט איך זאל זיצן אין גאטש הויז אלי טאג מיינש לעבן לאנג צו זעהן אין דיא זיסקייט גאטש צו פארכטן אין זיין הויז · אין דיין ווילן פאר זיכר איך מיך אן דיר גאט איך האב מיר גירואכט מיין גאנץ בישטו . הער די שטים מיינש גבעט אין מיין שרייען צו דיר אונ אויף הויבן מייני הענט צו פאליש דיינר הייליקייט . גאט מיין גאט דער אלמעכטיגר הער גאט דער דא רוהט אין הימל פון אויבן אונ אויף דער ערד פון אונטן . מיט דיא זיכרהייט כיג דיין גינאד צו דיינר מייד דיא וואש גייט צו פר דיר מיט גאר איר הארצן · אונ דו זאלשט קערן צו איר גיבעט · גאט מיין גאט הער צו מיין גיזאנג אונ צו מיין גיבעט וואש דיין מייד טוט בעטן צו פר דיר הײנט . דו זאלשט הערן צו שטאט דיינר צון הימל. אונ דו זאלשט פר געבן . גאט מיין הער דר מיין גיבעט טוט פר נעמן אונ די זאג פון מיין מויל . גאט איז איין העלפר גאט זאל אונטר לעגן מיין לעבן · גירעכט בישטו אונ רעכט פארטיג איז דיין גריכט לויטר איז דיין זאג אונ דיין מייד האט ליב זיי. דיין גרעכטיקייט איז גרעכט צוא אייביג אונ דיא לערנונג פון דער (תורה) איז אייטל ווארהייט · נאהענט בישטו גאט אונ אלי דיין געבאט איז לויטר מיט ווארהייט . עש זאל גנעהנן מייני גזאנג צוא פר דיר גאט · אונ מיינע רייד דו בשירמר · גאט טוא בשירמן מיין לייב פון דיא לעפצן דיא דא רײדן פאלש . אונ פון איינר ליסטיגע צונג . גאט דער הער איך האב גשריען צו דיר אונ דו האשט גיהייליגט מיך צו דיר גאט טוא איך רופן · אויך צו גאט טוא איך בעטן טוא דער לייכטן דיין (שכינה) אויף דיין מייד . אונ העלף מיר אום ווילן דיין גינאד דען צוא דיר גאט טוא איך האפן . אונ דוא זאלשט מיר ענטפרן גאט מיין הער : הער דאש גבעט אונ צו מיין גשרייא אונ דוא זאלשט ניט שווייגן הער צו מיך גאט אונ דר בארם דיך גאט וויא איין העלפר צו מיר . עש זאל קומן פר דיר מיין גבעט · פון דיינט [illegible] מיינם גזאנג גאט דר העלפר . וואו דעם מענטשן דר זיך פר זיכרט אויף דיר גאט [illegible]

מיר דו קיניג. ער זאל ענפֿרן אונז אין טאג אונזר רופֿן: פֿס זאל ווינדיין גנאד גאט אויף אונז מיר רופֿן צו דיר; איין געזאנג די שטאפֿן צו (דוד) : איך האב מיך געפֿרייט אין זאגן אין גאטס הויז וועלן מיר גיין: איך האב מיר געפֿרייט אויף דיין זאג אז איינר וואס געפֿינט אין זאך רויב: גאט טוא פֿר נעמען מיר מיין קיניג אונ מיין גאט דען צו דיר טוא איך בעטן גאט · אלי מארגן סוא איך אן רופֿן צו דיר דוא זאלסט הערן מיין שטים איך האב גרופֿן דיך דאש דוא זאלסט מיר ענטפֿרן. נייג דייני אויערן צוא מיר אונ דער הער מיין זאג מיינע פֿיס זיינן געשטאנן אין רעכטפֿארטיקייט מיט פֿר זאמלונג וועל איך לויבן גאט :

בא דאש איז דיא (מוסר מודעה) (תחנה) דאש איטליכע פֿרויא זאל זאגן אלע טאג אבינט אונ מארגנש :

גאט אלמאכטיגר · דא איבר ענפֿר איך דיר מיין לייב אונ מיין זייל אין האנד דיין הייליגן נאמן גלויבט ביסטו אונ גילויבט איז דיין נאמן הער אלי דער וועלט דא בין איך ארעמר מענש גיקומן אונ מאך פֿלאן מיין גיבעט פֿאר דיר אונ בגער פֿון דיר גאט בארמהרציקייט פֿון דיין (כסא הכבוד) ווען דיא צייט קומן ווערט דאש דוא מיך פֿאדרן ווערשט פֿון דיזר וועלט צו נעמען מיין זייל אזו זאל דר (שטן) ניט מאכט האבן ער אדער זיינע (כיתות) דאש זיא מיר ניט זאלן קענן פֿאר הינדרן פֿון היינט אן ביז דעם טאג דש איך שטארבן ווער. זעלט איך (ח"ו עובר) זיין אויף איין מצוה וואש אין דער (תורה) שטייט געשריבן עש זייא די מצות וואש געבאטן זיינן יוא צו טאן אדער וועלכע פֿאר באטן זיין ניט צו טאן אדער די עבירות וואש מען שולדיג איז דרויף (כריתות) דש מען דש יאר מיט אויש לעבט (ח"ו) אונ איין זעלבן טויט דאש (בית דין) ריכטן איין טויט אדער אויף איין צוים וואש די חכמים געמאכט האבן דאש מען דיא מצות ניט זאל (עובר) זיין דער ווארטן דאש זיא זאל אויש גיין הייליג אז זיא זאל גיין אין (גן עדן) צו די אנדרע (נשמות) פֿון (צדיקים אונ חסידי ישראל) אונ דיא (נשמות) אונזרע עלטרן (אברהם יצחק ויעקב) צו דעם ארט וואו מיין בגער איז אונ (ח"ו) יוא מעכט דער (שטן) קומן מיך אן צו רייצן (חלילה) דאש איך זאל עובר זיין אויף איינש פֿון אלע (מצות) דיא דוא געבאטן האשט אין דיינר ליבר (תורה מכל שכן) דאש איך זאלט (חס וחלילה) לייקענן דיין הייליגן נאמן. אונ אויב אין דער צווייפֿלונג צייט דא דער מענש שטארבן זאל דאש צווייפֿלונג מאל גרויש פֿארכט אונ אנגשט אונ ציטערניש אויף דעם מענשן איז דאש ער זיין שכל אונ זין פֿר לירט אונ ווייש ניט וואש ער רעט אונ טוט. אלזוא בין איך אצונד דא מיט מיין זין אונ פֿאר שטאנד אונ פֿאר נונפֿט זאל איך קענן דעם (שטן מבטל) זיין עש זייא מיט מיינם ריידן אדער מיט מיינע גידאנקן אויך ניט פֿון אלש וואש דש מויל ריידן קאן אונ אויך דש הארץ גדענקן קאן אונ אזוא בין איך היינט (מוסר מודעה) ביז אויף איביג דאש צווייפֿלי ריידן וואש איך דיא צווייפֿלונג צייט אן (שכל) ריידן מעכט אדער אין גידאנקן מעכט האבן זאל אלש (בטל ומבוטל) זיין אז וויא איין שארבן דער צו בראכן איז. ווען עש ניט ווער אין מיינר גדאנקן גיקומן מיין טאג מיין לעבינט דען איך גלויב אן דיינם הייליגן נאמן דעם גיאכפֿרן דאש דוא ביסט אמת אונ דיין (תורה) וואש דורך האנט (משה רבינו ע"ה) איז (אמת) אונ ביסט איביג אונ איז קיינר מיין דוא ביסט גוועזן אונ ביסט נאך אונ ווערשט זיין איביג. גאט איז איין קיניג · אונ האט גיקיניגט אונ ווערט קיניגן ביז איביג :

אב

כב דיא (תחנה) זאל מען זאגן אלע טאג מיט גרויס (כוונה) :

אב הרחמים) דוא דער בארמיגר פאטר זייא דיך (מרחם) איבר מיר אונ פאר גיב מיינע זינד אונ גיב מיר אין מיינם הארצן מיטל גוטש צו טאן אונ דיך צו דינן מיט גאנצן הארצן : אונ העלף מיר דאס איך זאל קענן (צדקה) געבן אונ זאל קענן טאן (מצות) אונ (גמילות חסדים) · אונ זייא מיך אונ (כל ישראל) מציל פון אלע בייזע (גזירות) אונ העלף מיר דוא הייליגר גאט פאטר קיניג איבר דיא גאנצי וועלט פון אלע (מיני עין הרע) אונ זאלשט מיך (מזכה) זיין מיט גוטי אונ פרומי קינדר אויף דער וועלט צו ברייגנן וואס זאלן זיין אייטל (תלמידי חכמים) אונ (צדיקים וחסידים): אונ זאלן זיין אזוי וויא דו האשט גיהייסן דורך אונזרע (חכמים) אונ דיא הייליגע (נביאים) · אונ בשער מיין מאן גוטע גאב פון דיינר גרייטע פולע האנד דאס ער מיך מיט מיינע קינדר זאלן קענן מפרנס זיין (בכבוד גדול) אונ מיר זאלן ניט דארפן צו קיין מענטשנס גאב . אונ העלף מיר אונ מיין מאן אונ מיינע קינדר אונ אלע מיינע גוטע פריינד אלע צייט פריש אונ גזונד זיין (א"ס) :

יהי (רצון) עס זאל זיין דער ווילן צו פאר דיר גאט מיין גאט אונ גאט מיינע עלטרן דו הייליגר גאט איבר אלס הויכע קיניג איבר אלע קיניגן ווערדיג איבר אלע ווערדיגע דוא זאלשט ציהן אויף מיר גינאד אונ דער בארימקייט אונ ליב זעליקייט אין דיינע אויגן אונ אין די אויגן אלי די דא זעהן אויף מיר אדער אויף מיינע קינדר אונ אויף אלע מיינע גוטע פריינד אונ מיין גאנצע הויז גזינד אונ אויף אלע דיא מיינינע . זאלשט אונז בהיטן אונ בשירמן פאר אלע בייזע קרייאק וואס אויף דער וועלט קומט . אונ פון אלי די בייזע גריכט דאס (גיהנם) אונ פון דעם (מלאך המות) אונ פון (חיבוט הקבר) . אונ זאלשט ברייגנן אויף אונזרע לייבר גנאד אונ לייט זעליקייט אונ שיק אונז (משיח בן דוד) אין אונזרע טעג אונ זאלשט אויף ריכטן דעם (בית המקדש אמן כן יהי רצון) :

כג דיא (תחנה) זאל מען זאגן צו נאכטס אונ מארגן אונ פאר איטליכע (תפלה) בזונדר זאל מען אלע מאל דיא (תחנה) זאגן :

רבש"ע (אתה ידעת כי בשר ודם אנחנו) הער פון דער גאנצר וועלט דו בישט איין אלמאכטיגר בארמהארציגר גאט דו ווייסט דאך וואול דז מיר זיינען אייטל בלוט אונ פלייש אונ מיר האבן ניט קיין (כח) דז מיר קענן מאכן אדר (מורך) זיין דיינע הייליגע (שמות) אונ (כוונות) אין אלע (תפלות) אונ אלע ברכות) וויא זיי זיינן גשטעלט אין איטליכר (ברכה) אונ ווען מיר מעכטן ווישן אלע (צרופים) אונ אלע דיא (שמות) פון דיא (תפלות) פון אלי (ברכות) אזוי קענן מיר דאך ניט גרייכן צו דר צייל דיין לויב אונ וואונדר דען מיר זיינן נאר מענטשן אייטל בלוט אונ פלייש אונ האבן קיין פאר שטאנד ניט דאש מיר וויסן (מכוון) צו זיין אדער (מורך) צו זיין דיא (כוונות) דיא דא קערן צו איטליכר (תפלה) אונ צו איטליכר (ברכה) דרום זאל זיין דער ווילן פר דיר הער גאט דאש זאל גרעכנט זיין איין (תפלה) פון (שחרית) אדער (מנחה) אדער (מעריב) אדער פאר איטליכר (תפלה) בזונדר גלייך אז ווען איך העט גוואוסט (מכוון) צו זיין אדער (מורך) צו זיין אלי (כוונות) אלע דיא (שמות) די הייליגע די דא אויס גיין אויס דער (תפלה) פון (שחרית) אדר פון (מוסף) אדער (מנחה ומעריב) אונ מיין (תפלה) זאל ארויף גיין צו פאר

דיר

דיר צו מאכן איין קרוין אן דיין הויפט מיט אנדרע (תפלות) פון (ישראל) די דא יוא וויסן צוזאמן אונ מאכן צו זיין אלע (כוונות) אנדער (צרופי השמות) די הייליגי דיא דא קענן צו איטליכר (תפלה) אונ צו איטליכר (ברכה) דיא דא אויף ברייגן אייניקייט אונ הייליקייט ביז אין זיבנטן הימל (אמן):

כד דיא (תחנה) זאגט מען זונטיג מיט גרויס (כוונה):

עש זאל זיין בוויליגט צו פאר דיר גאט אונזר גאט אונ גאט אונזר עלטרן אונזר בשעפר אונ בשעפר דער גאנצר וועלט פון אן פאנג דער וועלט מיט ווארט דיין הייליקייט מיט דיין ווילן אונ ווילן דאש גאנצר ישראל דו בישט איין אונ קיינר מער אונ בישט איין צו אייביקייט אייניג אונ אייניקייט אונ קיינר מער אונ בישט איין צו רעגירן די וועלט אונ יענר וועלט. הייגט אן דעם טאג האשם בשאפן די וועלט פון לויטרקייט דיינר הייליגע שכינה דאש ליכט דאש גרויסע אונ גוטע דאש דיא וועלט אונ אלש אויף דער וועלט זאלן גניסן דאש ליכט אלע די אין הימל אונ אויף דער ערדן זיין אלזו השם דאש געזעהן מיט גרויסר מאכט אונ קלוגהייט אונ זין דאש דיא בשעפניש איז ניט ווירדיג צו ברויכן אנדער צו גניסן זעלכע לייכטונג הייליקייט אונ ווירדיקייט השם דער פון אב גשיידן אונ אויף געהובן אין דיין בהעלטניש אויף יענר וועלט צו גניסן פון דעם גוטן ליכט וועלכע די דיר דינן מיטן גאנצן הארצן אונ פארכטן זיך פאר דיינם הייליגן נאמן. זעלכע ליכט העט אן אליר וועלט (אז) מאך אונ דיא מייניגע זאלה זיין דאש מיר זאלן דער מייען אין דעם (גן עדן) מיט אנדרע צדיקים אונ צדיקות אין דעם גרויסן לויטרן ליכט אונ צו אנטפאנגן דיא גרויסע זעטיגונג פון דיינם ליכט דיא הייליגע (שכינה) אונ אזוי אונ וויסן די גרויסע ווירדיקייט פון דיין הייליגן נאמן אין דיין ליכט ווען מיר זעהן ליכט אז דער (פסוק) זאגט דען מיט דיר איז אורשפרונג דאש אייביג לעבן אין דיינם ליכט ווען מיר זעהן ליכט. עש זאל זיין בוויליגט די זאג פון מיינם מויל אונ גידאנקן מיינש הארצן צו פאר דיר גאט מיין בשעפר אונ מיין דער לייזר (אמן):

כה דיא (תחנה) זאגט מען אום מאנטיג מיט גרויס (כוונה):

עש זאל זיין בוויליגט צו פאר דיר גאט אונזר גאט אונ גאט אונזר עלטרן אונזר בשעפר אונ בשעפר די גאנצע וועלט פון אן פאנג די וועלט מיט ווארט דיינר הייליקייט מיט דיינם ווילן אונ דיינר פארכט אום ווילן דיין געזינד (ישראל) דוא בישט איין אונ קיינר מער אונ צו אייביקייט ווערשטו זיין איין אונ אייניג אייניגליך אונ קיינר אן דיר צו רעגירן דיא וועלט אונ יענע וועלט הייגט דעם טאג השם געשטארקט דיא הימל מיט אן טריי דיינר הייליקייט אונ השם גמאכט אונטר טיילן צווישן די וואשר פון אויבן אונ וואשר פון אונטן אונ השם אן גבריים איין טאל צו זיין דרויף דיין עהר אונ דרויף צו ריכטן מיט גרעפסיקייט דיינם גריכט אן דעם טאג דיא גרעכטן אונ אום גרעכטן דרום השם הייגט בשאפן דאש גיהנם צו שטראפן דיא זינדיגר דיא זיך ניט פארכטן פאר דיינם גריכט נאמן · דרום העט אל דער וועלט איך ניפרייט אויף מיינע הענד צו דיר אונ בוק מיך אונ נייג מיך פאר דיר מיטן גאנצן הארצן דש דו זאלשט בהיטן מיך אונ אלע מייניגע פאר דאש (גיהנם) אונ פאר דיינם שטארקן גריכט אונ ברייגג אונז ניט אינגריכט אונ בהיט אונז פאר

וואשר

וואסר אונ פֿאר פֿייער אונ פֿאר אלע אום געהייער אונ פֿאר אלס גשיפֿנס בייזע ווינד בלין אונ דונר שלאק עס זייא דער הייס אדער אויף דיא גאסן אין שלאף אדער וואכנדיג אונ פֿאר אלע דער שרעקניש רוישן דער גרויסער וואסר אדער שטורמען דאס מער אדער פֿייזונג וואסר פֿון אונטן אדער פֿון אויבן אונ פֿאר אלע בייזע בגעגנס וואס גייען אדער שטיין אונ דאס מיר זאלן דינן דיך מיט פֿריידן אונ אן ריכטונג אן דיין הייליגן נאמן עס זאל זיין בוויליגט דיא זאג פֿון מיינם מויל אונ דיא גדאנקן פֿון מיינם הארצן צוא פֿאר דיר גאט מיין בשעפֿר אונ מיין דער לייזר :

כו דיא (תחנה) זאגט מען דינסטאג מיט גרויס (כוונה) :

עש זאל זיין בוויליגט צו פֿאר דיר גאט אונזר גאט · גאט פֿון אונזרע עלטרן אונ דער בשעפֿר פֿון דיא גאנצע וועלט פֿון אן פֿאנג דער וועלט מיט ווארטן דיינר הייליקייט מיט דיינם ווילן אונ ווילן דיינר פֿארבֿט אונ ווילן דיין גזינד (ישראל) דוא ביסט אליין אונ קיינר מער אונ צו אייביקייט וועסטו זיין אליין אונ איינציגליך אונ קיינר איז אן דיר צו רעגירן דיא וועלט אונ יענע וועלט אין דיזן טאג האסטו אן גברייט צו דיינע בשעפֿנס אלע קרייטר אירע שפייז גראז אונ קרויט אויפֿס אלע בדערפֿנס דער בשעפֿנס אונ אנטפלעקט דיא ערד פֿון צווישן דעם וואסר צו גיין אונ צו וואונן דרויף דיינע בשעפֿנס אונ צוא וואקסן דרויף אלע בדערפֿנס פֿאר דיינע בשעפֿנס מיט גרויסע גינאד אונ בארימהערציקייט איטלכס אין זונדרהייט אונ איטלכס אין זיינם פֿאדים זונדערליך אונ גילירט אונ איטליכע אין זיין נאטור וויא גרויס זיינן דיינע וואונדר עס איז ניט דיין גלייכן אזוי איין מייסטר אויף דעם הימל אונ אויף דר ערד גלויבט זאל זיין דיין נאמן צו אייביג אונ צוא אימר אונ אייביג . איך מייד טאכֿטר דיינר מייד קום מיט גבוקטן לייב אונ צוא בראכֿנם גימיט אונטר טעניג צו פֿאר די גיהערטע שטול אונ איך בעט אז איין אריימע פֿאר דעם טיר דעם רייכֿן דאס צו מיר אונ מיינם מאן אונ מיינע קינדר אונ מיין הויז גיזינד זאלסטו געבן צו אלע לייט מיטן רעכֿטן מאס אונזרע שפייז ערליך אן שאנד אונ פֿון דיינר מילדע האנט אונ ניט פֿון די הענט פֿון לייטן . אונ גיב אונז איין וואונונג איין ערליכע אן קריג אונ אן (השגת גבול) אלס מיר קיינם זאלן קיין גידראנג טאן אונ קיינר זאל אונז דריגן אונ גיב אונז הייזר נאהענט באיי דער שול אונ ניט ווייט פֿון דאס (בית המדרש) מיר אונ מיין מאן אונ מיינע קינדר זאלן קענן באלד קומן צוא דינן דיין הייליגן נאמן דאס גלייכֿן אויף דעם וועג דאס אונז נימאנד זאל פֿאר מיידן פֿון צוא דינען דיך מיטן גאנצן הארצן אונ אן אלי הינדרנס : עס זאל זיין בוויליגט דיא שפראך פֿון מיינם מויל אונ גידאנקן פֿון מיינם הארצן צו פֿאר דיר גאט מיין בשעפֿר אונ מיין דער לייזר אמן :

כז דיא (תחנה) זאגט מען אום מיטוואך מיט גרויס (כוונה) :

עש זאל זיין בוויליגט צוא פֿאר דיר גאט אונזר גאט · גאט פֿון אונזרע עלטרן אונזר בשעפֿר . דער בשעפֿר פֿון דיא גאנצע וועלט פֿון אן פֿאנג דיא וועלט מיט ווארטן דיינר הייליקייט מיט דיינם ווילן אום ווילן דיינר פֿארבֿט אום ווילן דיינע קינדר ישראל דו ביסט אליין אונ קיינר מער אונ צו אייביקייט ווערסטו זיין אליין אונ אייביג איינציגליך אונ קיינר אן דיר ווערסט רעגירן דיא וועלט אונ יענע וועלט היינט אן דעם טאג ווארסטו [illegible]

גיהייליגט אונ גיהייליגט אונ גלויבט אונזר דיינע בשעפֿניש דאש האשט גשטעלט דיא זון
אונ מאנהייט אונ שטערן איטליכע אין זיין שטעל דאש דיין פאלק ישראל זאלן זיילן דער
פֿון דיא טעג אונ יארן צו רעכנן דיא (ימים טובים) אונ (ראשי חדשים) אונ (תקופות)
אונ אלע דיא גשיכניש דאש זיא זאל לייכטן אונ אויך צו לייכטן בייא טאג. אונ בייא נאכט אין
פינשטרניש פֿון ליכט אונ דאש גרויש ליכט אונ דאש קליין ליכט אונ דורך זעלכע אונטר
טייל קומט אן דעם טאג אז הייגט דאש עטליכע טראגענדיגע ווערן גשעדיגט אונ איין
טייל קינדר ווערן בנומען אדער צו גשטרעקט דיא העלזר אום טויט . דא קום איך מייד
טאכטר דיינר מייד מיט גיבוקטן קאפף צו דער ערדן צו פאר נעמן דיין הייליקייט אונ
איך בעט דיך אום גרויש דיינע גינאד אונ דער בארמהארציקייט דאש דוא זאלשט
דיך דער בארימן איבר מיר אונ איבר מיינע קינדר אונ איבר אלע די וייבר אונ קינדר
דיא דא זיך פארכטן פאר דיינעם גריכט גאט אלמאכטיגר אז קיין בייז ניט קומן אויף
מיר אונ אויף מיינע קינדר אונ אויף אלע מענטשן אונ בטירם אונז פאר בייזע לופט די דא
גייען הייגט אן דעם טאג אונ אויב זייא ווילן שעדיגן אונז אזוי דעק צו מיט דיין פליגל
איבר אונז אונ בשירם אונ בוואהרן אונ בשיץ אונז דען אין בשילר בישטו צו אלע די דא
זיך בשיצן אן דיר אז דער פסוק זאגט ער דער לייזט גאט זיינע קנעכט אונ זייא ווערן
ניט בשולדיגט אלע די זיך בשיצן אן איס . עש זאל זיין בוויליגט מיינע רייד פֿון מיין מויל
אונ דיא גידאנקן פֿון מיינם הארצן צו פר דיר גאט מיין בשעפר אונ מיין דר לייזר אמן :

כח דיא (תחנה) זאגט מען דאנערשטיג מיט גרויש (כוונה) :

עש זאל זיין בוויליגט צו פר דיר גאט אונזר גאט. אונ גאט פֿון אונזרע עלטרן אונזר
בשעפר . בשעפר פֿון דיא גאנצע וועלט פֿון אן פאנג דער וועלט מיט ווארהייט
דיינר הייליקייט מיט דיין ווילן אונ מיט ווילן דיינר פארבנואר אום ווילן דיין גמיינד ישראל
דוא בישט גוועזן אליין אונ קיינר מער אונ צו איביקייט ווערשטו זיין אליין אונ איינציג אונ
קיינר איז אן דיר צו רעגירן דיא וועלט אונ יענע וועלט הייגט אן דעם טאג הער פֿון דער
גאנצר וועלט האשטו דער ווירדיגט דיזש אונ האשט בשאפן אלש דאש דא לעבט אונטר
דעם הימל פֿיך אונ ווילדע טירש ווערים אונ ווידמונג אונ פֿייגל אונ פֿיש דוא האשט
גבענטשט זייא דאש זייא זאלן זיך מערן אין דער וועלט אונ זאלן זיך גנערן אונ זייא זאלן
זיין צו היילף צו איר זאכן דיינר בשעפֿניש אונ צו כוח אלי דיא דיר דינען מיטן גאנצן הארצן
אונ לערנן די תורה אונ האלטן דיין גבאט. אונ הייגט זאלשטו דיך מיט דיין הייליגן נאמן אן
דאש גריכט זעצן צו ריכטן מיט גירעכטיקייט דיא גירעכטן אונ דיא אום גירעכטן . דא
קום איך טאכטר דיינר דינשט מייד מיט גרויש דעמוטיקייט פאר דיר דיינר הייליקייט
דאש דו מיר גיבשט איין פריילכע נערונג. אונז צו דער נערן מיט גרויש זעגסיקייט אונ
צו גינישן פֿון דיינר בשעפֿניש מיט גוטן אונ בשיץ מיר אונ מיין מאן אונ קינדר אונ אלע
דיא זיך פאר זיכערן אן דיר אונ גיב מיר גיזונטע ברישט אלע צייט צו דער נערן מיינע
קינדר דיא קליינע אונ דאש קיין לייד זאל איבר פארן אין מיינע מילך אונ אלע דיא ווייבר
דיא דא זייגן אירע קינדר צו דער ציהן זייא דאש זייא זאלן דינען דיין הייליגן נאמן אונ
דאש זייא זיך זאלן פארכטן פאר דיר אונ זאלן ליב האבן דיך אונ מאך מיך אונ מיין מאן
אונ קינדר אלע צייט גרעכטע אין אירע זאכן ווען דוא זייא ברייגשט פאר דיין גריכט

אונ

חוג חלע די חיבל ריידן חויף זייח פחר ססחפ חירע מיילר חוג פחר סטער חירע רייד חוג
פוח חנספחכגן דיח רייד פון חלע דיח דח גוטס ריידן חויף זייח חוג חויף מיר פחר דיין
נפריבם חוג חלע דיח דח רחטן חוג גידענקן חויף חונז ביין פחר סטער חיר רחס חוג פר
דחרב חיר גדחנקן עס זחל זיין בוויליגם די זחג פון מייכם מויל חוג די גידחנקן מייכם
החרגן לו פחר דיר גחט מיין בטעפר חוג דער לייזר (חמן) :

בם דיח (תחנה) זחגם מען פרייטחג מיט גרוים (כוונה) :

עש זחל זיין בוויליגם לו פחר דיר גחט חונזר גחט . גחט חונזרע עלטרן חונזר בטעפר
חוג די גחנלי וועלט פון חן פחנג די וועלט מיט וורם דיינר היילקיים מים דיינם
וילן חוג מים וילן דיינר פחרבם חום וילן דיין גיזיינד ישרחל דוח ביסט גווען חליין חוג
קיינר מער חוג לו חייבקייט וועטסו זיין חליין חוג חייניגלך חוג קיינר חיז חן דיר לו רעגירן
די וועלט חוג יעני וועלטי הייגט חן דעם טחג חיז חויף גיגחנגן די גדחנקן דיינר היילקיים
לו בטחפן דעם מענטן לו רעגירן חן חלע קרייטער פון חונטר דעם הימל חוג חויף דער
ערד חין דעם וחסר חוג לו גניסן חלע דיין בטעפניס דחס דוח החסט בטחפן פון וועגן
דעם מענטן חויף דער ערד דחס ער זחל זיין לו חלי ניים חין דיינם דינסט לו ליבן חוג
לו עהרן דיינהייליגן נחמן חוג לו דר ליילן דייני וחונדר חוג לייבלחוג וחונדרליכי בטעפינס
דיינע טעגר וויח עס חיז חלט בטחפן רעכם פחרטיג מים דער מחס חוג מיט דער לחל
דחס ניקס חיז חזוי קליין נחך חזוי גרוים עס קוומס חלס לו ניל דעם מענטן דוח החסם
חים בטחפן חוים דער ערד חוג החסם חים חריין גבלחזן חיין חטום חיין לעבנדיגן חין
דיח נחז לעבר מים גרוים גינחד חוג בחרמהרליקיים דחס דוח החסט חים גיגעבן דיח
רייד חוים לו ספרעכן לו ליבן דיין הייליגן נחמן זעלבע ליב פון דעם מענטן זיין דיר חן
כומען מער חז פון חלע די ענגיל חין הימל חויט דיח חורזחך דחס חים חיז דער ליבם לו
זחן גוטם חדר ביין נחך דער נחסור זיינר חרם חוג זיין פחר כונפט . חוג החסט דעם
מענטן חיין גטיילם פון גסטחלט דיינר היילקיים . חוג החסם חים גבחטן דחס ער חויף
דיח וועלם זחל זיך מערן חוג דיח ערד דער פילן חוג החסט בטחפן דחס (גן עדן) דחס
ער זיין לוין פון זיינע גוטע ווערק חנטפחנגן לו חייביקיים חוג החטס בטחפן דס (גיהנם)
לו טטרחפן דער חיבל סוס . חוג החסם בטחפן פחר חלע בטעפנס חויף דיח וועלם דיח
תשובה) חויב מען ווען חיבר פחרן חוג מיסט גרייפן חויף דיין גיבחט חוג ווען ער סוס
תשובה) דח טוטסו חים ווידר חנטפחנגן מיט דיינר רעכטע החנם לו פחר געבן די זינד
חוג דח קום חיך מייד סחבטר דיין מייד לו פחר דיינע היילקיים גחס חונזר גחס חיך
בעט דיך דחס דו זחלסט מיר געבן חיין גוט החרן חיין פלייסיגם חוג לו גוטן ברחכם זין
חר כונפס לוח פחר טטיין חלע דיין גבחס . חוג לוח וויסן וחס מיר כוץ חוג גוס חיז
חס חיך זחל גיניסן פון דער וועלם וחס מיר לוח הילף חיז חוג כיט טחדן . חוג לו רעגירן
ן דעם חלע לוח ווערן דיין הייליגן נחמן חוג כים פון וחזל מיין לוסם וועגן חדער חיבר
ום חוג זחלסט מיר בהילפיג זיין דיח וועלם לו מערן מים גרויטע ליבם חוג פרומקיים •
א זייח מיר בהילפיג לוח דער ליהן דיח קינדר דיח פון מיר קומן חוג דחס חיך זחל זייח
וויכן חין דיין דינסט לו עהרן חוג לו ליבן חוג לו הייליגן דיינגחמן חלע טחג חירנם לעבן
וג מען מיר חחבן גימוסטיים זחלן מיר (חרטה) החבן חונך חונזרע זינד חוג חיומר לוח
חן חוג דחס מיר זחלן החלטן חן דיין גיבחט דיין הייליגם (תורה) חוג נחך חונזערט סח

לסבן

לעבן צו אנטפאנגן דעם לוין אונ צו גיניסן דאס ליכט דאס גרויסע אונ דיך צו זעהן שיין האפטיג אין דעם (גן עדן) מיט אנדרע (צדיקים) אונ (צדקניות) דיא דא האבן גיהאלטן דיין געבאט אונ האבן איבר געענטפרט איר בלוט אונ פלייש פון וועגן דיין הייליגן נאמן : עס זאל זיין בווילינגט דיא שפראך פון מיין מויל אונ גדאנקן פון מיין הארצן צו פאר דיר גאט מיין בשעפער אונ מיין דער לייזר :

ל דיא (תחנה) זאגט מען אז מען (חלה) נעמט מיט גרויס (כוונה) :

גלויבט ביסטו גאט אונזר גאט . גאט פון אונזרע עלטרן דוא האסט געהייליגט דיין פאלק ישראל. אונ האסט אים גיבאטן דיין געבאט אונ האסט געבאטן ווען מיר קנעטן איין טייג אונזר ברויט צו אפ שיידן דער פון איין טייל צו דיר גאט אלמעכטיגר אונ האסט אונז בפוילן צו געבן דעם (כהן) דער דא איז ריין פון אלר אום ריינקייט דען דו האסט אפ גשייד איין טייל פון דער ערד · אונ האסט בשאפן דעם מענשן. אונ האסט אין אים גיגעבן איין זייל איין ריינע פון שטאט דיא ריינע וואו דער (כהן גדול) דר דינר שטייט דא איז קיין אום ריינקייט נון זיינן מיר גשטראפט אום ווילן אונזר זינד אונ אונזרע עלטרן דש עס איז פר שטערט גווארן ירושלים דיין שטאט דיא הייליגע אונ דאס הייליגע הויז דאס דיין נאמן איז גהייליגט דרינן דורך די (כהנים) די דא האבן גבראכט אופפר אויף דעם אופפר שטול מיט גרויסע ריינהייט דורך דעם זיינן זיי ווערדיג געווען צו עסן דאס הייליג ברויט צו פאר דיר גאט מיין גאט . אונ אצונד האבן מיר קיין (כהן) דער זיך קאן ריין האלטן נאך די געבאט פון דיין הייליגע (תורה) גלייך וואל וויל איך האלטן דיין געבאט . אונ וויל אפ שיידן איין טייל פון דעם טייג צו לויבן אונ צו עהרן דיין הייליגן נאמן אונ וויל זיא פאר ברענגן דאס קיינר פון ישראל זאל דער פון שטרויכלן אזו בעט איך דיך גאט מיין גאט דאס דו מיך אונ מיין מאן אונ מיינע קינדר זאלסט לאזן (זוכה) זיין צו דר לעבן דאס דאס הייליגע הויז זאל ווידר גיבויאט ווערן אונ (ירושלים) זאל ווידר זיין אז פר מאל אונ דיין פאלג ישראל זאלן ווידר וואונען אין הייליגן לאנד דש דו האסט געהייליגט דיין הייליגן נאמן צו וויסן אים אונ געבן די אפ שיידונג דעם (כהן) דר דא איז ריין פון אלר אום ריינקייט איינגרויס פריידן מיט פר זאמלונג ישראל דש זיי וואךן איינגאסט נאמן אמן אונ מען מאכט דיא (ברכה) :

לא ווען זיא זיך האט אן גיצונדן צום (שבת) זאגט זיא דאס מיט (כוונה) :

גאט מיין גאט דוא ביסט אונזר הער אונ איין הער איבער אלע הערן דוא האסט געהייליגט דיין פאלק ישראל מיט דיין געבאט אונ מיט דעם הייליגן (שבת) דאס דו האסט גיגעבן דיין פאלק צו רוען אין אים אויף דער וועלט אונ האסט אים בהאלטן די גוטע רוא אויף יענר וועלט וואו צו גיגליכן איז דער הייליגר (שבת) אונ מיר זיינן שולדיג צו עהרן די גרויסי גאב די דו אונז האסט גיגעבן אונ דאס מיר זאלן צו דעם הייליגן טאג אן צינדן ליכט צו ריכטן אונ צו פרייען זיך דער מיט זאלן מיר (זוכה) זיין צו דעם ליכט אונ צו דיא פרייד דאס איביג לעבן . הער פון אלר וועלט איך האב אלע מיין ווערק גיטאן אין די זעקס טעג אונ וויל נון רוען אז דו גבאטן האסט אונ וויל צוויא ליכט אן צינדן מער וויא דיא בפעל אונזר הייליגע (תורה) דורך אונזרע חכמים דיא זיך צו עהרן אין ריינס הייליגן (שבת) בעט איך דיך מייד שאפער דיינר מייד מיט דיין לער בארימקייט אונ דיין

גרויס

גרויס גימאכט דש דו מיר זאלשט בוויליגן צו פר דיר אז וויא דו בוויליגשט אלע די דא טוען דיין ווילן . אונ פאר שטעט מיין פיינשט ווילן אונ די ליכט לאזן זיין אין דייני אויגן אז דיא ליכט דאש דער (כהן גדול) האט אן גיצונדן אין (בית המקדש) אונ לאז אונזר ליכט ניט ווערן פאר לאשן אונ דער לייכט אונז אונ אויבר ענפער אונזר זייל אין ליכט (גן עדן) מיט אנדרע (צדיקים) אונ (צדקניות) דאש זיא ווארן אין גאשט נאמן (אמן):

לב דיא (תחנה) זאל מען זאגן פרייטאג צו נאכט נאך דיא ליכט צינדן :

אלהינו (ואלהי אבותינו) אונזר גאט אונ גאט אונזרע עלטרן דו קיניג דר בארמיגר עס זאל זיין דער ווילן פאר דיר גאט דאש איך זאל גידאכט ווערן צו פאר דיר מיט איין גדעכניש פון אייטל הייל אונ פון אייטל דר בארימקייט פון אלע אויבערשטע אין הימל אונ דו זאלשט גדיינקן אן דיין דינשט מייד (פב"פ) מיט דיין הייליגן נאמן דש דו הייסט (יי צבאות) גאט פון אלע בשעפנש דש דו זאלשט דיך קערן צו מיינע גיבעט וואש איך טוא בעטן אין די צייט . אז וויא דו האשט דיך גקערט אונ האשט אן גנומן די (תפלה) פון דיא (צדיקת) אונזר מוטר (חנה) דיא איין (עקרה) איז גוועזן אונ האט (תפלה) גטאן דאש דו איר זאלשט בשערן גוטע קינדר אונ האשט איר גיבעט צו גיהערט דש פון איר איז ארויס גקומן דער (צדיק שמואל הנביא) דער דא איז אין דער וואג שאל אזוי גוס גוועזן אז וויא (משה) אונ (אהרן) אז וויא אין (פסוק) שטייט גשריבן משה ואהרן בכהניו ושמואל בקוראי שמו קוראים אל יי והוא יענם אזוי זאלשטו דיך אויך קערן צו מיין (תפלה) מיט גרויס גינאד אונ גרויס דער בארמהארציקייט . אונ זאלשט מיך לאס זעליגן מיט (מתנת חנם) . אונ דער (זכות) פון דיא הייליגע ליבע (אמהות) דיא דוא אונז ווייבר גבאטן האשט דאש איז (חלה נדה הדלקת הנר) דיא איך בין מקיים . זאלן זייא זיין פיר שפרעכר פאר דיין הייליגן (כסא הכבוד) דאש דורך דעם זאל איך (זוכה) זיין דאש דו זאלשט מיר געבן גוטע אונ פרומע קינדר וואש זאלן זיין אייטל (צדיקים) אונ (תלמידי חכמים) אונ דו זאלשט עפנן איר הארץ אין דיין הייליגע (תורה) דער ווארטן די זאלן פאר שטיין די (סודות התורה) . אונ זייא זאלן לערנן דיין הייליגע (תורת משה) פון דיין נאמן וועגן אונ זאלן פריש אונ גזונד אונ גאנץ זיין מיט אלע גלידר אונ זייא זאלן אויך ניט זיין ניט גאנץ לאנג אונ ניט גאנץ קורץ ניט גאנץ וויים אונ ניט גאנץ שווארץ . ניט צו קלוג ניט צו נארעש . נייערט זייא זאלן זיין (חכמים ונבונים) וויא עס גיהער. אונ זאלן האבן (חן וחסד) אין דיינע אויגן אונ אין דיא אויגן פון די לייטן . איך נאמן זאל גהערט ווערן ווייט אונ ברייט אונ איך זאל (זוכה) זיין זיי (מגדל) זיין מיט מיין מאן אין (עושר וכבוד) אויף לאנגע יארן אונ לאנגע טעג . אונ קיין קינדר פון אונזרע קינדר זאלן ניט שטארבן בחיי מיין לעבן . אונ אויך ניט בחיי מיין מאנש לעבן . אונ מיר זאלן (זוכה) זיין צו האבן קינדר אונ אונזר (פרנסה בכבוד) פון דיין הייליגע גטרייע האנט אונ ניט דורך האנט איין מענשן אונ מיר זאלן קענן טאן (צדקה) אונ (גמילות חסד) מיט אלע לייטן אונ זאלן (זוכה) זיין צו זעהן מיט אונזרע אויגן אונזרע קינדר [illegible] דיא זאלן (עוסק) זיין (בתורה ובמעשים טובים) אונ עס זאל אן אונז [illegible] בעל פסוק) וויא (ישעיה הנביא) האט גזאגט (ואני זאת בריתי אותם [illegible] עליך ודברי אשר שמתי בפיך לא ימושו מפיך ומפי זרעך ומפי זרע [illegible] עד עולם) אין טייטש גאט האט גזאגט איך וויל מיין פר בינדנישׂ [illegible]

אמן

מיין (כוונה) וויל איך לאזן רופן אויף דיר אונ מייני רייד דש מייסט אפן די (תורה) די איך האב געשטן אין דיין טוגנד ווש זיא ניט וועהרן אב געטאן פון דיין טוגנד אונ ניט פון דייני קינדר אונ ניט פון טוגנד דייני קינדרש קינדר האט גאנצש גאנש פון איצונד ביז אייביג (אמן):

לג אין (תפלה) פאר דיא ווייבר צו זאגן (ערב שבת) נאך דיא ליכט אן צינדן:

רבש"ע אזוי וואהל אלש דיא ליכט לייכטן אזוי זאל איך זוכה זיין דאש איך זאל האבן קינדר דיא דא זאלן לייכטן אין דער (תורה):

דער נאך זאל זיא זאגן (שלום עליכם) אויף טייטש איז פיל בעשר אלש אויף (לשון הקודש) וויא זיא עש פאר שטייט אזוי ווערט זיא געבעטר געהערט:

שלום עליכם איר מלאכים דאש בייא איך איז שלום דאש איר זולט קומן מיט שלום אלש וויא אייך געבאטן האט דער גאט דער דא געהייליגט איז איין הער איבר שלום בענטשט מיך מיט (שלום):

רבש"ע הער פון דער גאנצר וועלט איין הער איבר אלי נשמות שוא מיט מיר (חסד) אונ מיט אלי דיין נשמות געבענטשט זיין די מלאכים דיא דא טוהן דיין ווילן. דוא גאט דו זאלשט מיך בענטשן מיט שלום דוא זאלשט מיך געדענקן צו שלום אונ צו לאנג לעבן אונ צו לאזן לעבן מיך מיט מיין מאן אונ מייני קינדר פון דעם שכר פון דער מצוה דאש איך האב (כבוד שבת) ליכט אן געצונדן אזו זאל איך זוכה זיין פיל מצות צו טאהן אונטער ישראל אונ איך זאל קינדר האבן די דא זאלן לייכטן אין דיין הייליגי (תורה) אונ זאלן טאהן מצות שאן אונטער ישראל. אונ גיב מיר מיט מיין מאן אונ מייני קינדר לייב אונ גליקשטיט אונ גיב שלום דאש איך אונ מיין מאן אונ קינדר זאלן (חן) האבן אין דייני אויגן אונ אין לייטנש אויגן אונ זאלשט מיר אונ מיין מאן אונ קינדר מוחל זיין אונזרי (עבירות) אונ זאלשט אונז לאזן זוכה זיין דאש מיר זאלן קענן פייערן אלי (שבתות) אונ (ימים טובים) אין (עושר) אונ אין (כבוד) אונ דאש מיר זאלן קיין עבירות דראן האבן אונ דוא זאלשט אבשטאן פון מיר אונ פון מיין מאן אונ פון מייני קינדר אונ קינדש קינדר פון איצונד אן ביז אייביג אלי קראנקהייט אלי צרות אונ שלעכטש מזל אונ דלות אונ עניות זאל גאר קיין צרה אונ דאגה זיין אין אונזרן שבת גיב אונז איין (יצר טוב) דאש מיר זאלן דיך דינען מיט (אהבה) אונ מיט (יראה) אונ דאש מיר זאלן געהערט זיין אין דייני אויגן אונ אין אלי אויגן דיא אונז זעהן (אמן כן יהי רצון):

לד דאש זאגט זיא ווען זיא האט געצונדן דיא ליכט האט (שבת ויו"ט) מיט (כוונה):

גאט פון דיין פאלק (ישראל) בישטו הייליג אונ האשט געהייליגט דיין פאלק ישראל אונ האשט צו הייליגן דעם (שבת) אונ דו בישט אליין אונ דיין פאלק ישראל האשטו אויס דער וועלט אויס דערוועלט אלע היידן צו דיינעם דינשט אליין אונ צו רופן האשטו אויש דער וועלט דעם שבת אליין צו ערן אונ צו געבענטשן זיך צו לייכטן מיט ליכט צו האבן פרייד אונ ליכט אין היינטיגן היינטיגן הייליגן שבת וועלכן מיר זיינן שולדיג ערליך צו האלטן מיט אלי זאכן אין איין אוף די מלכה אדר איין חתן דיא כלה נאך רייערן אונזרש חכמים דאש זיא האבן געהייסן דעם שבת (מלכה אונ כלה) נון איך מייד שאכטר דיין מייד איך האב געצונדן דיא צוויי ליכט נאך דיא געבאט דייני חכמים דיא דא ווייזן דיין הייליגן שבת צו ערן אונ צו הייליגן דיין נאמן אונ דיין (תורה) אונ שבת גאט אלמעכטיגר גיב מיר אונ מיין מאן אונ קינדר אונ אויז גענגר דעם הייליגן (שבת) צו רוען אונ צו הייליקייט

אייליקייט אונ בהיט אונש פאר אלי בייזי בשעפניש אונ בגעגניש אונ בייזי געשעפניש די דא פלעגן צוא קומן היינט פון וועגן רעגירן די שיינע שטערן אונ אלי די (רשעים) דיא מען אונזר היינט רוען פון דאש (גיהנם) דא גייען אירי (נשמות) צוא שטריגן דיא לייט אונ דאש מייני ליבש שאל העלפן אונ לויטר ברענן צוא פארטרייבן אלי דיא (רוחות) אונ (שדים מזיקים כת מחלת) די דא קומן פון די (לילית) דאש זייא שאלן פליהן פר די ליבש די איך דא אן צינד אונ דיא תורה אונ דעם שבת צוא עהרן דאש זייא שאלן ניט קענן שאן קיין שלעכטש צוא קיין מענטשן פון דער וועלט · הער פון גאר דער וועלט גיב מיר קינדר דאש שאלן לייכטן אין דיינר הייליגי (תורה) אונ שאלן בשטייאן דייני געבאט צו די לייטן · אונ אונטער ווייזן אונ שאלן אלי צייט טאן וואש דיר וואול געפעלט אין דייני אויגן אונ אין דיא אויגן פון די לייטן אונ מיר שאלן (זוכה) זיין דעם שבת צו רופן אונ צו זעגנטיגן מיט רוא פון אלי הינדרונג אונ אן שטוש · אונ שיק אונש די (ברכה) מיט דעם גוטן (מלאך) דר דא גייט אויף די רעכטי האנט דעם מענטשן . אונ דער בייזר (מלאך) שאל דרויף (אמן) זאגן אונ מיר שאלן (זוכה) זיין דש מיר שאלן ארבן דעם טאג דר דא איז אייטל (שבת) דאש דא רואש אין אים דר דא לעבט אייביג · עש שאל זיין בווילגט דיא זאג פון מיין מויל אונ דיא גידאנקן פון מיינם הארצן צו פאר דיר גאט מיין בשעפר אונ דער לייזר :

לה דעם (שלום עליכם) שאל איטליכי פרומע (אשה) זאגן מיט גרויש (כוונה) אום פרייטאג צו נאכש ווען מען פון שול אהיים קומט צו אנטפאנגן דיא (מלאכים) דיא דעם מענטשן בלייטן אויש דער שול אהיים :

שלום עליכם פריד צו אייך (מלאכי השרת) די אויברשטי (מלאכים) פון דעם (מלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא) : (ג"פ)

בואכם לשלום אונ אייער שאן קומן צוא (שלום) איר (מלאכים) פון (שלום) איר אויברשטי (מלאכים) פון דעם (מלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא) : (ג"פ)

ברכוני לשלום איר שאלט בענטשן מיך מיט (שלום) איר (מלאכים) פון (שלום) איר אויברשטי (מלאכים) פון דעם (מלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא) : (ג"פ)

צאתכם לשלום אונ אייער אויש גיין צוא (שלום) איר (מלאכים) פון (שלום) איר אויברשטי (מלאכים) פון דעם (מלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא) : (ג"פ)

אונ דער נאך זאגט מען דאש :

כי מלאכיו יצוה לך לשמרך בכל דרכיך : יי ישמר צאתך ובואך מעתה ועד עולם :

רבון העולמים דוא הער פון דר גאנצר וועלט · דו הער פון אלי די (נשמות) דו הער פון (שלום) דוא שטארקר גאט דוא געבענטשטר קיניג דוא גיאכפערטר קיניג דש דו שוטשט ריידן אייטל (שלום) דוא בשייפר [illegible] שטארקר קיניג דו לויטערר קיניג דוא לעבעסט אימר אונ אייביג דו בוסט קיניג [illegible] דר גאנצר וועלט דו איינציגר קיניג איבר אלי קיניגן דו פאר [illegible] שוטש אונטר לעהן אלי געפאלנע דו קיניג דו שוטשט אויש לייזן אונ אונ פון אלים בייזן דו לויטערער אונ קלארער קיניג דו הייל [illegible] קיניג [illegible]

דו דר הייכטר קיניג דו הייליגר קיניג דש דו דר הערשט אלי (תאוות) פון אלי מענטשן
דו קיניג דש דא גאנץ זיין דייני ווען אונ איך בקען צו פר דיר גאט אונ גאט פון מייני
עלטרן אויך אלי גינאד אונ בארמהארציקייט וואש דו האשט מיר גיטאן אונ וואש דו נאך
וועשט מיט מיר טאן אונ מיט מיין הויז גיזינד אונ מיט דייני בשעפניש דיא קינדר פון
זיכרהיים גבענטשט זיין די הייליגי (מלאכים) די טוען דיין ווילן דו הער פון (שלום) דוא
קיניג דש דר (שלום) איז דייני דו זאלשט מיך בענטשן מיט (שלום) אונ זאלשט בפעלן מיך
מיט מיין מאן אונ מייני קינדר אונ אלי מיין הויז גיזינד אונ אלי מענטשן (לחיים טובים
ולשלום) צו איין פרייענדיג לעבן · דו אויבערשטר קיניג איבר אלי (מלאכים) אין הימל דוא
בישט אונזר בשעפר פון די גאנצי וועלט פון אלי בשעפנש איך טוא דיך בעטן דיין דער
לייבטגש עגלט זאלשטו מיר געבן מיט מיין מאן אונ קינדר אונ מיין הויז גיזינד דאש מיר
זאלן גפינן גנאד אונ לייט זעליקייט אונ גוטן (שכל) אין דייני אויגן אונ אין לייטש אויגן, די
דא אויך אונז זעהנצו דיין הייליגן דינשט אונ דו זאלשט פר טראגן אונ פר געבן צו אונז אונ
צו אונזרי זאמן אונזרי זינד אונ שולד אונ מיסטייט אונ זאלשט אונז (מזכה) זיין דאש מיר
זאלן אנטפאנגן אונזרי (שבתים) אונ (ימים טובים) דורך פיל (שמחה) אונ דורך (עושר
וכבוד) דורך ווייניג זינד · דו זאלשט אפ טאן פון מיר אונ פון אלי מייני הויז גיזינד אונ
פון אלי מענשן אלי וויטאג אונ (דלות ועניות ואביונות) אונ זאלשט אונז געבן איין (יצר
טוב) צו דינן דיך מיט ליבשאפט אונ מיט פארכט מיט ווארהייט מיר זאלן זיין גיעהרט
אין דייני אויגן אונ אין דיא אויגן אלי אונזרי זעהר דען דו בישט איין גיעהרטר קיניג צוא
דיר איז שיין אונ צו דיר איז גוט צו לויבן . איך בעט דיך (מלך מלכי המלכים הקב"ה) דש
דו זאלשט גביטן צו דייני הייליגי (מלאכי השרת) אויברשטי דינר דש זיי זאלן היטן מיט
מיר דר בארמיקייט אונ זייא זאלן בענטשן מיך אין אירן טאן קומן אין מיינם הויז אין
דעם טאג דעם הייליגן דען איך האב אן גצונדן מייני ליכט . אונ האב אויך גיבעט מיין
בעט אונ האב פאר ווערקאפט מייני קליידר (לכבוד) דעם טאג פון (שבת) אזוי בין איך
גיקומן אין הייליגן הויז צו מאכן פאן מיין גיבעט צוא פר דיר דו זאלשט מאכן איבר פארן
אלי מייני זינדן אונ טרויערן . איך טוא בקענן אונ בזיינן דאש דו האשט בשאפן אין דיא
זעקס טעג פון דר וואך אלי די בשעפנש אונ טוא דש אנדרי מאל ווידר (עדות) זאגן איבר
דעם בעשר מיט איין (שמחה) אז דו האשט מיר גיבאטן צו גדענקן צו מאכן זעלבשטיגן
מיט די (נשמה יתירה) דש דו האשט מיר גיגעבן . אונ אין דעם טאג וויל איך רואן אונ
וויל דינן דיך אזו וויא דוא האשט מיר גיבאטן צו דינן אויך וועל איך זאגן דיין אכפרקייט
מיט פרייד · אונ דו גאט זאלשט זיין צו קעגן מיר . אונ דר וועקן מיין הארץ צוא אלי דייני
גיבעט . אונ (מצות) אן טרויערקייט אונ איך וועל בעטן אז וויא רעכט אונ ביליך איז איך
הייליגי (מלאכים) פון (שלום) אייער קומען זאל זיין צו פריד . אונ איר זאלט בענטשן מיך
מיט (שלום) איר זאלט זאגן אויך מיר גיבענטשט זאל זיין מיין אן גריכטר טיש אזוי אייער
גיין זאל זיין מיט פריידן פון אצונדרט ביז אייביג (אמן סלה) :

לו אלי לייט לויבן דיך גאט מיין גאט . אונ גאט פון מייני עלטרן · דער איך
האט דר נערט אונ גשפייזט פון מיין יוגנט אן ביז דעם הייטיגן טאג
אונ ער זאל ווייטר דר נערן מיך דורך ווילן זיין דער בארמיקייט דען ער איז גנאהנט צוא
אלי די אים אן רופן מיט ווארהייט · ליבר גאט איך בעט דוא זאלשט ניט פאר שטאן מיין
(תפלה) אונ זאלשט ניט פאר הוילן דייני אויערן פון מיין גיבעט אונ זאלשט אנטפאנגן דיא
(תפלה) פון מיר אזוי ווי די (תפלה) פון אונזר מוטר (חנה עליה השלום) ווי זי האט גיבעטן
אונ·

אונ גיוויינט אן (שמואל הנביא) דער האט גוואונן קעגן (משה ואהרן) וויא דוא האשט
אנגעפאנגן דיא (תפלה) פון (דבורה הנביאה) דיא (תפלה) טוט דאש גאט האט איר איבר
גיענטפרט (מיקרא) מיט זיין פאלק אין איר האנט אז ווי דו האשט אנגעפאנגן דיא (תפלה)
פון (בת שבע) דאש זי זאל איין זון גווינן מיט (דוד המלך) דר איז גוועזן איין (מלך) אונ
איין (חכם) אונ איין (צדיק) אונ אז וויא דוא האשט אנגעפאנגן די (תפלה) פון (אסתר
המלכה) דש זיא האט אן גיהאט בייא (אחשורוש) אונ האט בשירמט דש פאלק ישראל פון
(המן הרשע). אונ ווי דו האשט אנגעפאנגן די (תפלה) פון (יהודית) אין די טעג (אנטיוכוס
הרשע). אונ האשט בשירמט דיין פאלק ישראל פון זייערי הענט אזוי אויך זאלשט אונז
אלי נייט בשירמן פר אלי אונזרי פיינטש הענט אלש איין (שונא) זאל קיין (שליטה) האבן
איבר אונז אלי נייט אונזר לעבן אונ זאלן אן אונז קיין (נקמה) נעהן · אמן:

ליבר גאט דר הער דאך מיין (תפלה) אונ לאז מיך גניסן (זכות אבות) פון אונזרי
פרומי עלטרן אונ זכות אלי (צדיקים וחסידים) דיא דיך גדינט האבן מיט
גאנצן הארצן אונ מיט גרעכטיקייט אונ דו זאלשט מיך לאזן גניסן זכות פון אלי (קדושים)
אונ זכות פון די איר לייב האבן איבר ענטפרט אום ווילן דיין הייליגן נאמן נאך גלייך וואול
וועלן מיך דיך בעטן דו ליבר גאט דו זאלשט אונז דאך עפנן אלי די (שערי רחמים) אונ
דו זאלשט אונז ענטפרן מיט דר בארמיקייט אונ זאלשט אונז געבן לייט זעליקייט אין דייני
אויגן אונ אין אונזרי זעהר אונ זאלשט אונז דער נערן פון דיין גטרייע מילדי האנט אונ
בהיט מיך פר בייזי (מחשבות) אונ גיב מיר אין מיינם הארצן צו דינקען דיך מיט ליבשאפט
צו בצווינגן אלי נייט מיין (יצה"ר) דש ער זאל ניט גיוועלטיגן אן מיר. נון ליבר גאט פון דר
גאנצר וועלט היט מיך דאך אונ אלי מיין ליב האבר פון אלי (גזירות רעות) אונ פון אלי
הענט אונ פון (תפיסת שקר בלבולים) אונ פר בייזי בגעגעניש פון אלי בייזי צו קומעניש
אונ גיב אונז גזונט אונ ברכה והצלחה אין אונזר אן הייבן אונ אויש לאזן אונ בשער מיר
גוטי פרומי קינדר אונ העלף זיי זאלן לערנן (תורה אונ מצות) אונ זאלשט זיי בהיטן וויא
דו האשט בהיט (אברהם אבינו) פון האנט (נמרוד) אונ (יצחק) פר (אבימלך) אונ (יעקב)
פון (לבן הארמי) אונ (משה) פון האנט (פרעה) אונ (דוד המלך) פון האנט (גלית הפלשתי)
אונ (חנניה מישאל ועזריה) פון (נבוכדנצאר) דש ער זיי אין קאלך אויבן האט גווארפן
אונ אזוי ווי דו האשט מציל גוועזן (דניאל) אויש דעם לייבן גרוב אונ אזוי ווי דו האשט
בהיט (מרדכי אונ אסתר) פון האנט (המן הרשע) אזוי זאלשטו בהיטן דיין פאלק
ישראל אלי נייט פר (שדים) אונ (לילית) אונ פאר (כשוף) פר אלים בייזן אונ דוא זאלשט
אויך אונז שיקן פריד אונ פרייד אונ זאלשט אונז היטן פאר אלי בייזי קראנקהייט אז אונזר
פיינד זאל אונז נימר פר שטערן אונ עש זאל זיין אונזר וואונדר אז וואונדר פון (אליהו הנביא)
ער גייט ביי נאכט אונ ביי טאג ער ווער ניט דר שרעקן מיט קיינרליי דר שרעקניש אונ
ער ווערט ניט גשעדיגט מיט קיינרלייא שאדן זא זאל עש מיר אונ מייני ליבע פריינד
אויך גיין אימר אונ אייביג (אמן כן יהי רצון):

ליבר גאט איך בעט דיך אלמעכטיגר גאט דוא זאלשט גיביטן דעם (מלאך) דער דא
הייסט (מט"ם) דר די קרוין טוט אויף די הויבט דאש [illegible] אונ [illegible] זיא
ווידר אפ: ליבר גאט טוא דאך דיין נאמן אפ פון אונז [illegible]
(תפלה) אונ (מצות) אונ (מעשים טובים) וואן מיר ישראל [illegible]
זעלן פר איין קרוין. דוא אלמעכטיגר גאט פר נעם דאך אונזר [illegible]

האט זיך אויך בוויזן פאר (משה רבינו ע"ה) אונ' דער (מלאך) האט זיך בוויזן צו (יעקב אבינו ע"ה) אונ' האט אים בשירמט פון (עשו) אונ' (לבן) אונ' האט אויך גביטן דש ער זאל אלי צייט אין מיין היליג זיין · אונ' טוא דיך אנשלא דר בארמן איבר דיין פאלק (ישראל) דיא פרומי אונ' זאלשט אונז פירן אין אונזר הייליגן לאנד ווי דו האשט זיא גפירט אין דר (מדבר) אונ' ער וואר אויך דער (מלאך) דר דא העלפט (יהושע) דאש ער האט דר שלאגן איין אזו דרייסיג (מלכים) אונ' האט געהאלפן (כל ישראל) דאש זייא ווארן גקומן אין איר לאנד : ליבר גאט העלף אונז אויך מיט דיינר הייליגע רעכטי האנט . בווייז אמאל דיין קראפט אונ' מאכט אויף דעם גאנצן (עולם) אונ' זאלשט אויך גביטן אויף דעם זעליגן (מלאך) דאש ער אונז אונ' אלי דייני קינר זאל היטן אלי צייט . אונ' דוא זאלשט אונז געבן צו אונזר רעכטי האנט דעם (מלאך מיכאל) · אויף דר לינקע האנט דעם (מלאך גבריאל). אונ' פאר אונז דעם (מלאך אוריאל) . אונ' הינטר אונז דעם (מלאך רפאל) . אונ' איבר אונז דיא הייליגע (שכינה)· דאש זאל ווערן וואר (אמן כן יהי רצון) :

לז דיא (תחנה) זאגט מען אום (שבת) פריא מיט גרויש (כוונה) :

יהי עש זאל בוויליגט זיין צו פאר דיר גאט אונזר גאט אונ' גאט אונזרע עלטרן אונזר בשעפר . בשעפר דיא גאנצע וועלט פון אן פאנג דיא וועלט מיט ווארט דיינר הייליקייט מיט דיין ווילן אונ' ווילן דיינע פארבאשר אונ' ווילן האשט גיינר (ישראל) · דו בישט גוועזן אליין אונ' קיינר מער · אין איינקייט ווערשטו זיין אליין איינציגליך . אונ' קיינר אן דיר צו רעגירן דיא וועלט אונ' יענע וועלט היינט אן דעם טאג אז דוא האשט פאר לאנג אין זעקס טעג דיין ווערק מיט גרויש פאר שטאנד אונ' קלוגהייט האשטו בשאפן דיא רוא אונ' האשט גרואט אונ' האשט גיהייליגט דעם טאג אונזר אלי דיא טעג· אונ' האשט אים גבענשט צו רוען אין אים דיין פאלק (ישראל) דיא גאנצע וואך צו לויפן נאך איר דער נערונג אונ' היינט אין דעם טאג זאלן זייא לערנן (תורה) אונ' זאלן גדיינקן דאש זייא זאלן (מצות) טאן אלי דיא טעג אירן לעבן · אונ' האשט דעם מענטשן גיגעבן אין דעם טאג מער קראפט דאש ער קאן אנטפאנגן דיא גרויטי רוא אונ' זעלפשטיקייט אויף דער וועלט דיא דא איז גיגליכן צו רוא אונ' זעלפשטיקייט פון יענר וועלט צו וועלכע דער מענטש איז בשאפן צו דר מייאן אין דעם (גן עדן) מיט זיין בשעפר אונ' אנטפאנגן דש ליכט אונ' שיין פון דעם אייביג לעבן פון שיין דיא הייליגע (שכינה) · הער פון דער וועלט הער פון אלי ווערק אונ' אלער זיילן איך מייד שאכשר דיינר מייד · איך בעט פאר דיינר הייליקייט דאש דו זאלשט מיר געבן דיא זעלפשטיקייט היינט אין דעם טאג צו לויבן אונ' צו דאנקן דיין הייליגן נאמן אום אלי דיא גאב אונ' נערונג דיא האשט מיר גיגעבן דיא זעקס טעג דער ארבעט אונ' האשט מיר גיגעבן שפייז צו בשיינן דיין הייליגן (שבת) מיט גוטן מוס אונ' גוטע רוא זיסע שפייז אונ' שיינע קליידר צו עהרן דעם טאג דיין הייליגן (שבת) גיב מיר אויך קראפט אונ' מאכט צו רוען אונ' צו האלטן דיין גיבאט אונ' ניט צו איבר פארן זיי פון צו שאן זינר אן דעם טאג דאש דיין (שכינה) האט גרואט אונ' גהייליגט מער אז אלע די טעג אונ' לאז מיך אונ' מיין מאן אונ' קינדר (זוכה) זיין נאך צו פאר ברייגנן אונזר צייט מיט גרויש עהרן אין דיין דינשט צו אנטפאנגן דיא גרוישע רוא אין יענר וועלט צו זיצן אין (גן עדן) ביי וועלכע די דיך האבן געהרט אונ' גהייליגט אונ' האבן גיהאלטן דעם (שבת) מיט גרויש עהר אונ' הייליקייט · אונ' לאז דר (שבת) מיין פיר שפרעכר זיין אזוי וויא פאר (אדם הראשון) דאש ער אים האט דער לייזט פון דעם תאשטיגי שוים : הער פון דער וועלט

וועלט איך בין פֿאר זיכֿרט אן דיין זיכֿרהייט דאש דוא האשט פֿאר זיכֿרט דיינע קינדר ישראל אלע דיא דא רופֿן אונ זעגפֿטיגן אונ עהרן דעם הייליגן טאג דאש דוא וויאלשט אים געבן די גוואהרקן פֿון (יעקבֿ) אונזר פֿאטר אן צאל אונ אן מאס אויף דיזר וועלט. אונ אויף יענר וועלט זעלבש ווייש איך גוויש דאש דו ווערשט דיין ווארט האלטן אונ ניט פֿאר ענדרן דען דוא בישט גרעכֿט אין אלע דיין ווערק. עש זאל זיין בוויליגט די שפראך פֿון מיין מויל אונ די גידאנקן מיינש הארצן צוא פֿאר דיר גאט מיין בשעפֿר אונ מיין דער לייזר (אמן):

לא דיא (תחנה) זאל מען זאגן (בכוונה) אלע (מוצאי שבת) נאך (הבדלה):

יברכך יי וישמרך : יאר יי פניו אליך ויחונך : ישא יי פניו אליך וישם לך שלום :

שיר המעלות איין גיזאנג איבר הונדרט שטאפֿן דאש (הקב"ה) ווערט מאכֿין די (צדיקים לעתיד לבא) פֿון (עץ חיים) ביז אן דעם (כסא הכבוד) · איך הייב אויף מייני אויגן אונ וויל זעהן פֿון וואנן ווערט קומן מיין הילף· מיין הילף איז ניט אנדרש אז פֿון (השי"ת) דער דיא הימל אונ ערד בשאפֿן האט. דער ווערט אונז העלפֿן אונ איין זאמלן. אונ ווערט איינר צום אנדרן זאגן עש איז גקומן איין ייט דאש (אליהו הנביא) קומן ווערט האשט רעכֿט גזאגן דאש דוא דיך פֿאר זיכֿרט האשט אן גאט (ב"ה) וויא וואול ער לאז דיך לאנג איין (צרות). אבער ער ווערט ניט געבן צוא ערגליטשן דיינע פֿיס אונ ער ווערט ניט שלאפֿן דיין היטר ער שלומט ניט (מכל שכן) דאש ער שלאפֿט ניט דער היטר פֿון אלע מענשן גאט איז דיין היטר. גאט איז דיר איין הייל צוא בשירמן דיך פֿון אלים בייזן. אונ אויף דיין רעכֿטי האנט שטייט ער צו העלפֿן דיך. ביי טאג ווערט ער דיין היטר זיין פֿר די זון. אונ ביי נאכֿט פֿר די (לבנה) די צוויי ברייגגן אויף די מענשן פֿיל קראנקהייט גאט ער ווערט היטן דיך פֿר אלים בייזן דש דיר די בייזי (חיות) ניט ווערן קאנען שאן ביי נאכֿט ער ווערט דיך היטן פֿאר די (שדים) אונ פֿאר דיא (מלאכי חבלה רחמנא ליצלן) · גאט ווערט דיין לייב היטן פֿאר אלים בייזן אונ דו ווערשט אויש גיין מיט פֿריידן אונ ווערשט קומן מיט פֿרייד אין (ארץ ישראל). גאט ווערט היטן דיין אויש גיין אונ דיין איין גאנג ביז צוא אייביג :

רבון העולמים דער הער פֿון דער גאנצר וועלט דוא בישט איין פֿאטר איין דער בארמיגר אונ איין פֿאר געבר די זינד · אונ איך בעט דיך לאז מיך דאך איין גוטן (סימן) (מזל) האבן פֿון אן פֿאנג דיא זעקש טעג פֿון דער וואך דיא דא קומן קעגן אונז מיט פֿרייד אונ זאל זיין פֿאר מיטן פֿון אלע זינד אונ מיסטייט אונ זאל זיין ריין פֿון אלע בייזהייט אונ זיי זאלן זיין בהעפֿט צו אונז צו לערנן (תורה) אונ צוא שאן (מעשים טובים) מאך אונז לייט זעליגן מיט קלוגהייט אונ וויזהייט אונ פֿר שטאנדיקייט · אונ דו זאלשט מאכֿן הערן אין די זעקש טעג אייטל (ששון ושמחה) אונ עש זאל ניט אויף גיין אויף אונזר הארצן דאש מיר זאלן קיינם (חלילה) ניט (מקנא) זיין. אדר פֿרעמדי זאלן אונז (מקנא) זיין. נייערט דו בארמהרציגר פֿאטר קיניג. דוא זאלשט אונז געבן אין אלע אונזרי (עסקים) אונ (משא ומתן) אייטל בענטשונג אונ בגליקונג דער לויטרונג אין אלי ווערק פֿון אונזרי הענט אונ צוא דיא דא האלטן אויף אונז אונ אויף אלי מענטשן איין (מחשבה טובה) אונ איין (עצה טובה) אונ זאלשט דיא זעליגע (עצה) שטארקן אונ בענטשן אונ אבֿפֿרן אונ פֿעסטיגן איך זאלשט בשטעטיגן אויש (עצת)

זיין

(פנות) אונ (מחשבות) או וויא דא שטייט איין (פסוק) גשריבן גאט וועט דיר געבן אלע וואש איז איין דיינם הארצן אונ אלע דיינע ראט טואט ווערט דיר דער פילט ווערן · אונ אויך שטייט איין (פסוק) אונ דוא וועשט זאגן אונ בפלאהן איין זאך אונ עש וועט דיר בשטעטיגט ווערן אונ אויף דיינע וועגן וועלן דיר שיינן אייטל ליכט. אונ אלי די וואש ראטשן אויף אונז אונ אויף אלע זענטשן איין (עצה) וואש נים גוט איז אונ איין (מחשבה) די ניט גוט איז . אזוי זאלשטו זיי פר שטערן ווי איין (פסוק) שטייט גשריבן גאט פר שטערט די (עצה) פון דיא (שונאים) אונ אפר שטערט דיא גידאנקן אונ וואש איין רייד וועט ניט בשטעטיגט ווערן . דען נייט אונז איז גאט . אונ דוא זאלשט עפן איין דיא וואך אונ אלע וואכן פון גאנצן יאר דו גאט אונזר גאט פאטר דא בארמיגר די טויערן פון דיא ליכט אונ דיא טויערן (אריכות ימים ושנים) . אונ דוא זאלשט לאנג אויף האלטן דיין גארן אונ טויערן פון בענטשונג אונ פון פאר שטאנדיקייט אונ דיא טויערן פון אכפרקייט אונ דיא טויערן פון שטארקהייט אונ דיא טויערן פון פרייד אונ פון וויטן טאפט אונ דיא טויערן פון טויגהייט אונ פון בגליקונג · אונ די טויערן פון דעם וויטן טאפט דאש מיר אלע לייט זאלן גפריסט זיין איין דיין הייליגן דינשט אונ די טויערן פון גיזאנג דייא (טירות ותשבחות) אונ טויערן פון אייטל (זכיות) אונ די טויערן פון טויגהייט פון ווירקייט דיא (תורה) · אונ די טויערן פון ווירקייט דר (חכמה) פון וויטן טאפט אלע דיינע גיזעצן אונ די טויערן פון דר בארמיקייט פון גוט לעבן דיא טויערן פון גינאד אונ לייט זעליקייט אונ די טויערן פון (הכמה) אונ אייטל גוטש אונ די טויערן פון (כפרה) דש מיר זאלן האבן איין (כפרה) אויף אלע אונזרע זינד אונ דיא טויערן פון רעכט פארטיקייט פון (כלכלה) דאש מיר זאלן אלע לייט גשפייזט ווערן פון דיין האנט אונ דיא טויערן פון (כבוד) אונ לערנונג אונ דיא טויערן פון ווישן טאפט אונ די טויערן פון רוהונג אונ דיא טויערן פון פר געבונג אונזרע זינד אונ אייטל (נחמות) . אונ דיא טויערן פון (מחילה סליחה וכפרה) אויף דיא זינד אונ טואר אונ מיסטייט וואש מיר האבן גזינדיגט אונ גמיסטיים אונ די טויערן פון הויט לייזונג פון (פרנסה טובה) אונ פון (צדקה) . אונ די טויערן פון פריד אונ די טויערן פון הייליגונג אונ די טויערן דש מיר אויף גריכטר הייט זאלן באלד פריט ווערן איין אונזר הייליגן לאנד . אונ די טויערן פון בווייליגונג אונזר הארצן אלע צו דיין הייליגן דינשט אונ דיא טויערן פון (רפואה שלימה) אונ טויערן פון פרייד אונ די טויערן דש מיר זאלן הערן אייטל (שמועות טובות) אונ (בשורות טובות) אונ די טויערן פון (שלוה) אונ דיא טויערן פון דער (תורה) אונ די טויערן פון (תפלה) . אונ דיא טויערן פון (תשובה) . אונ דיא טויערן פון הייליגונ או וויא דא גשריבן שטייט די הייליג פון די (צדיקים) איז פון גאט אונ איר בשיצר איז ער אונ גאט טוט זייא בשיצן אונ בשירמן אונ אנטרינן מאכט ער זיי פון אלע בייזע וויכט אונ איבלהייט אונ טוט העלפן די דא האבן זיך בשיצט אן איהם שטייט אויך איין (פסוק) גשריבן ער האט אנטפלעקט גאט דר שטארקר זיין שטארקייט אונ זיין הייליגן ארעם פון אונזר גאט: שטייט אויך גשריבן איין (פסוק) דיא שטים פון דיא הייליגי (נביאים) זייא ווערן אויף הייבן איין שטים אלע מיט אננדר אונ ווערן זינגן . דען בשיינפרלך ווערן זייא זעהן גאט דער אלמאכטיגר ווערט ווידר קערן צו דער שטאט (ציון) דיא הייליגע אונ דוא אלמאכטיגר גאט דוא זאלשט אונז בשטעטיגן דעם (פסוק) דער דא גשריבן שטייט וויא גאר ניאוך אונ זיין ווערט זיין ווען (אליהו הנביא) ווערט זיך שטעלן אויף דיא בערג אונ ווערט מאכן הערן פון גאט איין פרייד אויף דער וועלט אונ ווערט זאגן איין באטן ברויט

אונ

און ער ווערט מאכן הערן הײלך און ווערט זאגן צוא (ציון) ער האט גיקיניגט גאט . אויך זאגט דער (פסוק) דער ערשטר דער דא ווערט קומן נאך (ציון) דר ווערט זאגן צו (ציון) דא זיינן דייני קינדר . אונ (ירושלים) וויל איך געבן איין באטן ברויט זאגר דער זעליגר איז (אליהו הנביא) ער ווערט קומן (במהרה בימינו אמן סלה) :

לט ווען מען פאסט זאגט מען דאש צוא (מנחה) פאר (אלהי נצור) :

הער פון אל דער וועלט גאט מיין גאט אונ גאט מיינע עלטרן (אברהם יצחק ויעקב) דר גאט דער גרויש אונ שטארק אונ פארכטזם הייסט אונ אייביג איז ער גאט אונ הער איבר אלע די וועלט פון אויבן אונ פון אונטן דו האשט באשאפן דעם מענשן ער זאל זיין מיטן גאנצן הארצן נאך דיין נאמן נאך אלער צייט . נאך שטארקן זיך דיא בייזע גידאנקן פון וועגן דר נאטור די באשעפניש פון דר ערד בלוט אונ פלייש אן דעם מענשן די דא האבן בייזע גדאנקן שטעטן אן צו רייצן דעם מענשן צו אש קערן פון דיינעם דינשט אזוי האשטו באשאפן דעם (יצר הרע) צוא פאר פאלן דעם מענשן אויבער זיך ווערט שטארקן צוא איבר ווינן די בייזע גדאנקן אונ צו גיין אין דעם גוטן וועג נאך גהייסן דיא גוטע גדאנקן אז אין דיינר (תורה) שטייט זעה איך האב גיגעבן צו פר דיר דש לעבן אונ דעם טויט אונ זאלשט דער וויילן דש לעבן אבר עש איז אזוי שווער צו בצווינגן אים דען ער קומט אין דען מענשן פון מוטער לייב אויש אונ ער בהעפט זיך אן אים אין דער יוגנט אונ לאזט ניט אב פון אים ביז ער קומט אין דער ערד . גאט מיין גאט דוא האשט באשאפן איין טרייסט אונ איין הײלך דעם מענשן פאר באשעפניש דר וועלט ווען דר מענש איבר פארט אייניש פון דיין גבאט מיט אויסגרייסן אן ריינונג דער בייזן גדאנקן צוא ברייננן איין שטיר אדער איין שאף אדער איין ווידר אדער איין טויב אדער זעמיל מעל צו פאר ברענן איר פלייש אונ דש בלוט אונ שפרייגנצו מאכן גדיינקען דעם מענשן זיין איבל שאן אונ צו האבן ריינונג דרויף אונ ווייטר ניט מיין צוא שאן אונ ניט צו פאלגן דיא בייזע גדאנקן דיא דא קומען פון בלוט אונ פלייש אונ פון וועגן פיל זינד אונ שולד אונ וואל שעג זיינש לעבן דא ווילשטו אים פר געבן אונ דר בארמן איבר אים . נון פון וועגן זינד אונזרי עלטרן . אונ איבר אונזרי זינד האשטו פר שטערט דאש הויז דא דיין שכינה האט אלי צייט גירואט דרינן אונ אויך דאש (מזבח) דאש מען האט אויך אים דיא אופפר אויף גבראכט אונ אלי צו ריכטונג צו דר הייליקייט איז צוא פירט אונ צו בראכן אזוי היינט האב איך מיך זינדיגר מענש גפייניגט מיין לייב אונ האב ניט גיגעשן אונ גטרונקן דאש איך זאל געבן קראפט דיא בלוט אונ דיא פלייש אונ ניט צו מערן שולד צו וויסן מיר אונ דא מיט דיא אפפרש אונ בייזי גדאנקן זאלן זיין גשוועכט דאש זייא מיר זאלן אב ווייזן פון דינן דיין הייליגן נאמן .: גאט אלמאכטיגר נעם צו פר דיר דש בלוט אונ פלייש אונ אינזלט דאש מען האט געבראכט צו איינר גידעכניש גשמאק דייני זענפטיקונג אונ טוא אב פון מיר אלע בייזע גדאנקן אונ גיב מיר איין הארץ איין ריינע צו דינען דיר מיטן גאנצן הארצן . אונ גיב מיר ווידר בלוט אונ פלייש אונ מאך מיך קרעפטיג צוא האלטן דיין גבאט אונ צו פאלגן צו אלי צייט די גוטע גדאנקן אונ צוא דינן אלי די מיך צו גוטן איינן . אונ דש איך קאן פירן אונ אונזר ווייזן מיינע קינדר אין דעם גוטן אונ רעכטן וועג אין דיין (תורה) דאש זייא וואר אין גאטש נאמן (אמן) :

מ אלע טאג זאל זיך איטליכר מענש דער וויל נעמן איין האלבע(שעה) אונ זאל אין איין (חדר)

(חדר) גיין אדער ווען ער אין דער שול איז: אונ זאל דאש זאגן (ובפרט) אין (תענית) :

ראוי עש וואר בילך דאש איטליכר גאטש פארכטיגר מענש זאל פאר זייני אויגן אונ הארן נעמן דעם טאג דש ער שטארבן ווערט אונ זאל דראן גדיינקן דער מיש דער מענש זאל ניט זינדיגן אונ זאל לוס הארן זאגן דו הארץ ווייסטו ניט דאש דו בישט בשאפן געווארן אונ מוזט ווידר שטארבן ווארום האשטו ניט גדאכט פון דעם מאל אן דאש דו בישט בשאפן געווארן אן דיין לעצטן טאג דו ווייסט וואל דש דו בישט אויף דער ערד אז וויא איין (שאטן) אויף דר וואנט אונ אז איין שפריי דש פר וויט אונ אז איין רויך דש פר וויט ווערט דיין לעבן האט איין צאל אונ דיין טאג האט איין גרענץ אונ אלי טאג גנעהנשטו צום טויט אונ צו דיין (קבר) ווערשטו אריין פליהן אן פליגל דאש מען דיר מוז טראגן דש דו לויטר ערד בישט אונ פונדר ערד קומשטו אונ צו דר ערד מוזטו ווידר קערן אויף וועמן פר לאזטו דיך אז דו לעבסט גדיינקסטו ניט אן ביטרקייט דו ווערסט פר לירן דיינע רייד אונ ווערסט פר שטערן דיין הויכמוס עש איז איין טאג דאש מען ווערט דיר דיין צונג אן העפטן אן דיין גומן אונ עש איז איין טאג דאש מען דיך טראגט אויף דער אקסיל אונ ווארפט דיך אין דש (גיהנם) אונ אלי דיינע (מעשים רעים) ווערט מען דיר גדיינקן אונ דיין פייאר ווערט ניט פר לאשן ווערן דו ווערשט זעהן (חשבון) פון דייני זינד אויף גשריבן אין בוך אונ דש בוך אפן אונ די וואג שטאל פון (עבירות אונ מצות) ווערט מען דיר פר הייגן וואש ווערשטו קענן ריידן אדר שפרעכן אויף די זינד וואש דו האשט גטאן דארכן ווערשטו פינדן נאך דיין ווערק אונ ווען דוא זאלשט שטארבן אז וויא דאש פיך אונ זאלשט קיין (חשבון) געבן אזוי וואלט גוט זיין · אבר איבר דאנק מוזטו ווידר לעבדיג ווערן אונ ווערשט אויף דיר פאלן גרויש פארכט אונ אנגשט אונ אויף דיינע קליידר ווערן ליגן שטיקר ערד אונ גרויסע ווערים אונ מען ווערט אויף דיר שפרייטן שוועבל אונ מען ווערט עש אן צינדן דאש עש ווערט ניט מער בלייבן פון דיר . אבר וואר עש איז איין גרויסר טאג דו קענשט ניט אב לייזן עש · איין ביטרר טאג אונ איין וויינעדיגר טאג אונ איין קלעגליכר טאג אונ איין פינשטרער טאג אונ איין שרעקליכר טאג אונ איין טרויערדיגר טאג . דען זעלביגן טאג ווערט גאטש צארן גריסן אונ היצן אלש איין פייער עש איז קיין טאג אז דיר דיין לושט פר גייט עש איז איין טאג דש דר (גוף) ליגן בלייבט אונ דיא (נשמה) גייט אוועק . אונ דו מענש אויף וועמן ווילשטו דיך פר לאזן אדער וואו הין ווילשטו פליהן אום הילף אדר אום ביישטאנד פאר וואר דש זעלביגי מאל ווערשטו זאגן ווי צו מיר וואש האב איך גטאן דאש איך האב גאטש דינשט ניט בעשר אין אכט גינומן איך בין נאך גיגאנגן נאך לושט פון מיין הארץ ווי זאל איך מיך צו דעקן איך בין נאקעט . דרום איז דש בעשטי דש דר מענש זאל זיך לירן אונ שיין מאכן קעגן (הש"י) אונ זאל זיך שעמן (עבירות) צו טאן אונ זאל גוטש טאן ווייל דר מענש די (נשמה) אין זיין לייב האט איי דאש פינשטר אין זיינע אויגן ווערט . גאט דער אלמעכטיגר בהיט אונז פאר אלעם בייזן אונ פון דעם (גיהנם) זאלשטו אונז בשירמען אונ אונזרי אויגן זאלן זעהן וואונדר אונ צייכן אונ זאל דער פרייען אונזר הארץ (אמן סלה) :

מא · איין טייטש (תפלה) וואש מען זאל זאגן אין איין (תענית) :

ענני (אבינו) ענטפר אונז דוא ליבר פאטר אין דעם טאג אונזר פאשטן . דען אין איין גרויסי (צרה) זיין מיר דש מיר גשטרויכלט זיין אין אונזרי זינד פון וועגן שווערי זינד

זינד דאש איך גיאערט האבן דאש מאן איי נים זיין קאן דער האלבן קענן מיר קיין מויל אפאן קעגן דיר אוג אויך קיין (מויל) שטעלן פר אוג: אויר זו שפרעכן אוג מיר קענן אויך אונזר הויבט נים אויף הייבן פון וועגן אונזרי זינד אוג פון וועגן אונזר אומשטייט זיין מיר אפאר שעמט זייא האבן זיך גגרייסט ביז אן הימל אוג איך האב גזינדיגט אוג גשולדיגט גאומשטייט פון דעם טאג אן דאש איך בין אויף דר וועלט גיקומן ביז אויף דעם הייגטיגן טאג אוג אינונזר האט איך דר האלטן מיין הארצן אוג מיין גמיט דר וועקט ווידר קערן צו דיר מיט ווארהייט אוג מיט גאנצהייט מיט מיינם גאנצן הארצן אוג מיטן גאנצן ווילן · כון בקאן איך מיינע זינד קעגן דיין הייליגן נאמן אוג וויל פר לאזן ווייטר מיינע זינד אוג וויל אוועק ווארפן דיא אומווערדיקייט וואש איך האב די טעג מיינש לעבן גטאן אוג האב מיר אין מיין זין גטאן צו האבן אין ריין הארץ אוג די גמיט דש איך גוואונט זאל זיין גפריסט אוג גקליגט אן דייני גבאט אין דר צייט גלייך אין קליין קינד דש עש גבארן ווערט אויף דר וועלט אוג וואש איך האב גטאן אזוי פון דר זעלביגי צייט אן זאלן אלע נית גרעכנט ווערן פר דיר נייערש עש זאלן זיך (זכיות) מערן אוג אינונדרט דוא גאט מיין גאט נאך מיין (תשובה) טאן טו איך מיר בדיינקן אוג נאך דעם דש מיר מיינע זינד זיינן צו וויסן גוואורן אזוי קלאפ איך מיר אויף מיינם דיכם אוג האב גרויש (הרטה) דרויף וואש איך האב גשולדיגט. אוג פר שטומש ביגאיך קעגן דיין געטליכן נאמן דש איך טראגן אוז די (חרפה) פון די זינד מיט וואש זאל איך מיך אויך פעדרן קעגן דיין הייליגע (שכינה) אדר מיט וואש זאל איך דיר בוויזגן דש דו מיר פר געבן זאלשט אויף מיינע זינד די טוין גשעהן אזו אוג איבר אחרן זיינן · אוב פר גיבשטו מיט (תשובה) אוג (ווידוי) דש מאן דיך בוויזגן קאן אזוי בין איך זינדיגער מענש דא אוג קער מיך צו דיר אוג בקענן פר דיר ליבר גאט איי ג יר(מוחל).פר גיבשטו מיט גיבעט אזוי מאך איך מיין גבעט פאן פר דיר אוג בעט דו זאלשט מיר פאר געבן . אזוי וויא אין קעטכט הייבט זייגע אויגן צו זיין הערן . אוג אז אין דינשט מייד צו איר ווירטן אזו זיינן אונזרי אויגן צו דיר ביז דו דיך איבר אוגז דער בארמן וועטש · פר גיבשטו מיט ווייגן אוג גשריי דא דו דאך בישט אין פר געבר אויף אלי זינד אזוי ווין איך אוג טרייא אין פר בערגנש מיין לייב אוג מיין גמיהט ניפכט אויף מיינע פיל אומשטייט אוג גוים נוא ברחמנם גמיט איך בעט דיך זעה אן מיין מוים אוג ארבעט אוג נית אויף מיינע פאלשהייט . אוג עש זאל פר דיר קומן מיין גשרייא אוג זאלשט ווידר קערן אלע (נטמות) אוג זאלשט ווארפן אין דר טיפנש דש (ים) אלי אונזרי זינד אוג זאלשט דיך נית קערן צו אונזר אומשטייט אוג זאלשט נים פר בארגן דיין הייליג(שכינה) . אוג זיי נאהנם צו אונזר(תפלה) אוג אז מיר ווען רופן צו דיר זאלשטו אונז ענטפרן . אז וויא דא ש טייט אוג עש וועט זיין אין זיי ווען רופן ווען איך ענטפרן אוג אין זיי ווען ריידן ווען איך עש הערן דען ענטפר אין דר צייט אונזר לייד · גלויבט בישטו גאט דער דא הערט אלע דיא גיבעט (אמן סלה) :

מב דיא (תפלה) אויש (ספר חסידים) ווען מאן פאסט זאל מאן דאש זאגן :

מיינע טרערן זאלן פאר לאשן דיין גריק זארן אוג מיין (תשובה) זאל וועק טראגן פון מיר דיין רוגז אוג גברעך אן ריכטונג מיין טייש זאל פר דיר גרעכנט ווערדן טשאט דעם הייליגן מזבח אוג דעם טאפף דען איך האב נית גשטעלט אויף קיין פייער זאל גרעכנט זיין פר דיר אזו דאש פייער אויף דעם (מזבח) : אוג דעם גברעך מיין בלוט פון פאסטן זאל זיין אן שטאט דש בלוט פון (קרבן) דש מאן האט גשפריצט אויף די עקן פון

פון (מזבח) אונ די מינערונג מיין (חלב) זאל זיין אן שטאט דאש (חלב) דאש מען האט גדעמפט אויף דעם (מזבח) אונ די שטיק מיין ווייכן זאל זיין אן שטאט דאש גאנג וואש די (ווים) האבן געגאנגן ביי דעם (חפר) אונ דאש געשמאק אום מיין מויל פון הונגר זאל זיין אן שטאט דאש געשמאק דש (קטורת) אונ דיא שוואכהייט מיינע גלידר אן שטאט אז מען האט דאש (קרבן) געבראכט אונ מיין צו בראכן הארץ זאל צו רייסן אלי בייזי (גזרות) אונ דש באדן דש איך פאר מייד זאל זיין אן שטאט דאש זיך די (כהנים) אין (בית המקדש) געוואשן האבן אונ אין מיין קערן צו דיר זאלשטו דיך צו מיר קערן אונ צו (כל ישראל א"ס) :

מג די ווייבר זאלן נים ווייכן די (ווידוי) זאגן אבר (ח"ו) ניט צו גיך איז זייער גוט נאך דר (נשמה) זיי זאלן אויך אלים זאגן (שחטאתי ושעויתי ושפשעתי) זיי מיר (מוחל) :

רבש"ע אויב איך העט (עובר) געוועזן אויף דיין (כבוד שחטאתי שעויתי שפשעתי) זייא מיר (מוחל) : (רבש"ע) אויב איך זעלט האבן געזינדיגט מיט דעם אלש איך האב לאזן זעהן מייני בריסט (שחטאתי שעויתי שפשעתי) זיי מיר (מוחל) : (רבש"ע) אויב איך האב געזינדיגט מיט דעם אלש איך העט לאזן זעהן מיין בלויזן לייב פר פרעמדע מאנן (שחטאתי ושעויתי ושפשעתי) זייא מיר (מוחל) : (רבש"ע) זייא מיר (מוחל) אלש איך האב ניט בגערט אז צו לערנן די גוטע(מעשים) פון די פרומע לייט אונ איך האב דר פר געשאן פיל (מעשים רעים) : (רבש"ע) זיי מיר (מוחל) אלש איך האב גאר ניט בגערט (גומל חסד) צו זיין מיט פיל לייט אונ איך האב פון מיר לידר אלש גאר אב געשאן דיא (מדה) פון (חסד) וואש מען געהער צו שאן : (רבש"ע) זייא מיר (מוחל) אלש איך בין צו לייטן ניך נאריגג געוועזן אונ האב גאר ניט וועלן אין אכט נעמן די רייד פון די פרומי לייט : (רבש"ע) זיי מיר (מוחל) ווייל איך האב גאר ניט בגערט צו דער קענן דיא (נסים) אונ (נפלאות) וואש דו האשט געשאן אלי שאג צו מיר : (רבש"ע) זיי מיר (מוחל) דש איך האב ניט אכטונג געגעבן אויף די גוטע שטראף רייד צו פהרן אויף דעם שוא איך ביטר ווייגן : (רבש"ע) זייא מיר (מוחל) אז איך האב ניט בגערט צו געדיינקן ווען דער שאג וועט זיין אלש מען וועט מיך בריינגן פאר דעם (משפט) : (רבש"ע) זייא מיר (מוחל) ווייל איך האב מיר לידר איבר גומאנמיט מיין שיינהייט איבר דעם האב איך לידר מיט מיר גרויסי (גאוה) געטריבן : (רבש"ע) זייא מיר (מוחל) אלש איך האב ניט געדאכט אלש מיך קיינר קאן היילן פון דיא שמארצן וואש איך ווער מוזן לידן איבר דיא זינד די איך האב געשאן : (רבש"ע) זיי מיר (מוחל) אלש איך האב גרעט (דברים בטלים) אין דר ליבר שול אונ דש איך זאלט האבן גרעט (לשון הרע) אונ די זינד איז לידר מיין געוואנהייט געוועזן: (רבש"ע) אויב איך זעלט האבן געזינדיגט מיט אלש איך זעלט האבן לאזן זעהן מיין האר פון מיין קאפף (שחטאתי שעויתי שפשעתי לפניך) : (רבש"ע) זיי מיר אלש (מוחל) וואש איך האב געשאן ווידר דיין הייליגע (תורה): (רבש"ע) אויב איך זעלט האבן געזינדיגט מיט דעם אלש איך זעלט האבן גרעט ווייל דער (חזן שמונה עשרה) געזאגט (שחטאתי שעויתי שפשעתי לפניך) : (רבש"ע) זיי מיר מיינע זינד (מוחל) ווייל איך האב צו לייטן מיין בייזן ווילן לאזן פארט גיין : (רבש"ע) אויב איך זעלט האבן פאר דיר געזינדיגט מיט דעם ווייל איך בין אימר געגאנגן פול גאוה לידר אויף געריכט מיט מיין קאפף זיי מיר מוחל: (רבש"ע)אוב איך האב אויף איין מענטשן געבראכט איין (שם רע) זייא מיר מוחל : (רבש"ע) אויב איך זעלט האבן די זינד געשאן אלש איך זעלט האבן איינם (מבייש) געוועזן פר לייטן זיי מיר מוחל ווי

מיר

מיר אלס איך האב ניט גדאכט וואס דא ווערט קומען צו דעם הינטרשטן טאג דש איז
דער טויט ווי מיר אז איך האב מיך דער ווייטרט נאך טאן פיל גוטש וואס גאט וואר ליב
געוועזן אונ איך האב ניט מקנא געוועזן לייט די דא פיל גוטש טוען אויף דר וועלט· ווי מיר
אז איך האב געאכט אום רעכט פאר רעכט אונ איך האב ניט גדאכט אז איך ווער אויף
דעם איים בצאלט ווערן: (רבש"ע) אויב איך זאלט האבן געזינדיגט מיט דעם אז איך זעלט
האבן אויף וואס בייז גטראכט וואס איך האב ניט זעלן טראכטן זיי מיר מוחל : (רבש"ע)
אויב איך זעלט האבן גזינדיג מיט דעם אז איך זעלט (ח"ו) לושט גיהאט צו פרעמדע מאנן
זייא מיר מוחל : (רבש"ע) אויב איך זעלט האבן גזינדיגט מיט דעם אלט איך זאלט האבן
גטפעט גטריבן אויף די לייט זיי מיר מוחל : (רבש"ע) אויב איך זעלט האבן גזינדיגט מיט
אלט דט איך(ח"ו) אן מיין פאטר אונ מוטר ניט רעכט (כוהג כבוד) געוועזן ווי עט געהער
צו זיין זיי מיר מוחל : (רבש"ע) אויב איך זעלט האבן גזינדיגט מיט דעם אלט איך זעלט
(ח"ו) איין מאל האבן ווידר געשפעניגט קעגן מיין פאטר אונ מוטר זייא מיר (מוחל) :
(רבש"ע) אויב איך זעלט האבן גזינדיגט מיט דעם אלט איך זעלט (ח"ו) ניט רעכט
געהייליגט האב אין דר ציים די בהעפטונג מיט מיין מאן זייא מיר מוחל : (רבש"ע) אויב
איך מיר זעלט האבן פאר זינדיגט מיט דעם וויל איך ליידר גרעט אין דער (תפלה)
זייא מיר מוחל : (רבש"ע) אויב איך האב גזינדיגט מיט דעם אלט איך מיך זעלט (ח"ו)
ניט רעכט גרייניגט דא איך מיך מיט ווייט אן גקליידט זייא מיר מוחל: (רבש"ע) אויב
איך זעלט האבן גזינדיגט מיט דעם דט איך זעלט (ח"ו) נים רעכט האבן געהאלטן ווי עט
געהער צו זיין מיט מיין מאן דא איך בין אין דר(נדה) געוועזן זיי מיר מוחל:(רבש"ע) אויב
איך זעלט האבן גזינדיגט מיט דעם אלט איך זעלט נים האבן (שבת) ליכט אן געצונדן צו דר
צייט זיי מיר מוחל: (רבש"ע) אויב איך זעלט האבן גזינדיגט מיט דעם אלט איך זעלט
האבן איין מאל אדער מער (חילול שבת) געטאן זיי מיר מוחל · דוא ליבער הער גאט אויף
דעם טוא איך ליידר וויינען אלט איך האב דעם (יצר הרע) צו פיל געפאלגט אונ איך האב
איס אויך צו פיל נאך געגעבן זיי מיר דאך אלט (מוחל) :

רבש"ע זייא מיר מוחל דיא זינד וואס איך האב ליידר מיט מיין מויל פול ליגן געזאגט
אונ אויך גרעט (לשון הרע) אונ (רכילות) גטריבן : אונ איך זעלט געטאן
האבן דיא גראבע עבירות אויך זעלט האבן פאלשי (שבועות) געטאן זייא מיר (מוחל) :
(רבש"ע) אויף דעם טוא איך צו דיר בעטן מיט וויינן וויל איך האב ליידר נים אלט רעכט
געטאן (לשם שמים) ווי עט געהער נאך צו זיין זייא מיר מוחל : (רבש"ע) אלי דיא (עבירות)
וואט איך האב דא פר דיר (מתודה) געוועזן אונ אלי די (עבירות) די איך האב געטאן דט
איך האב נים דר ויל(מתודה) געוועזן די זאלן מיר דאך אלט ווערן פר געבן צו דר צייט וואט
דא טוט אהער קומן דען דו בישט איין גאט דר דא טוט פר געבן די זינד פונדעם מענטשן:

נון דוא ליבר הער גאט איך וויל מיר דער וועקן נאך דער צייט וואט דא טוט אהער קומן
אונ איך וויל בעטן צו דעם ליבן גאט אום איין (סליחה) אונ אום (מחילה) דר מיט
אלט איך זאל איין (כפרה) האבן אויף די זינד די איך האב געטאן : ליבר הער גאט דוא
האשט אונז אן גשריבן אז דוא ווילשט אין די טעג פון (עשרת ימי תשובה) אן נעמן דיא
(תפלה) פון דעם מענטשן וואט ער וועט צו דיר טאן . נון טוא איך מיר מיט וויינן צו דיר
בעטן אום איין פר געבונג אויף די זינד די איך האב געטאן דען ביי דיר אין דר צייט איז
אייטל דער בארמיקייט אונ הייטל (רחמנות) דרום דוא ליבר הער גאט זאלשט במלה פון
אונז

אונז אן נעמן אונזר בקענונג און זאלסט אונזרי זינד מוחל זיין . דוא ליבר הער גאט וויא זאל איך ניט צו דיר שייען ווען איך טוא גדיינקן אלס דיא צייט ווען קומן אלס מען ווערט (דן) זיין און מען ווערט (משפט) צוא מיר טאן · דרום ליבר הער גאט זאל אויך הייכט דער טאג צוא דיר קומן מיט מיין (תאוה) וואס איך צוא דיר טוא מיט אייטל גרעכטיקייט דער מיט איך זאל פון דיר ליידיג אויס גיין אויס דיא זינד דיא איך האב גטאן : (רבש"ע) דו ווייסט דאך אז קיינר מער ווי לאנג אלס מיר האבן נאך צו לעבן . דוא הער גאט ווען מיר האבן שוין פיל געלט מוזן מיר דאך שטארבן . דרום דוא ליבר הער גאט טוא מיר צו דיר בעטן צו דער צייט וואס דא טוט אהער קומן אלס דוא מיך מיט מיין מאן און מיט מייני קינדר זאלסט איין שרייבן אין דעם (ספר החיים) דער מיט דר (גזר דין) זאל פון אונז אלי צו ריסן ווערן דו ליבר הער גאט פאר צייטן האט דר (כהן גדול) פר טראגן אונזרי זינד וואס מיר האבן גטאן אבער אויך דר צייט האבן מיר קיין (כהן גדול) ניט מער פר נעם וואס מיר זאלן ריידן מיט אונזרי לעפצן ליבער הער גאט טוא אונז דאס גדענקן אלס מיר זיין בלוט און פלייש און דער (יצר הרע) האט אונז ליידר איבער גרעט זינד צוא טאן דרום טוא צו מיר בחסד פיל דר בארמיקייט דוא ליבר הער גאט לאז מיך לעבן און זאיי מיר (מוחל) מייני זינד די איך האב גטאן דו ליבר הער גאט וואס ווערט דיר זיין גהאלפן מיט מיין ארים בלוט (ח"ו) איך טוא ארים פרויא צו דיר בעטן מיט וויינן אז דוא זאלסט מיך (ח"ו) ניט פר צוקן פון דער וועלט פאר מיין צייט און לאז מיך לעבן דר מיט אלס איך זאל קענן נאך טאן צו דיר פיל (מצות) ווי גוט גהער צו זיין ליבר הער גאט דו זאלסט בחסד אן נעמן פון מיר דאס טרויערן וואס איך טוא אלס טרויערן אויף דיא זינד דיא איך האב גטאן ליבר הער גאט לאז מיך (ח"ו) ניט פאלן אין איין הענד פון איין מענטשן און לאז מיך גשפייזט ווערן פון דייער האנט און לאז מיך מיט מיין מאן און מייני קינדר אונזרי יארן אויס לעבן אין (עושר וכבוד) ליבר הער גאט היט אונז פר (בלבולים) היט אונז אויך פר שאנד און פר שמאך אויך פר (עין הרע) ליבר הער גאט מאך מיך גרעכט צו דער צייט וואס דא טוט אהער קומן פאר דעם (יום הדין) ליבר הער גאט מיט דעם לאז זיך בחסד אפ לעשן דעם צארן וואס דוא האסט אויף מיר . ליבר הער גאט דוא זאלסט דיך איבר מיר דער בארמן אלס איין פאטר איבר זיין קינד (אמן) :

רבש"ע פאר נעם מייני רייד וואס איך טוא דא זעלברט בקענן דען איך טרייא אלי טאג צו דיר אויף איין היל מיר צו איבר צייאן מייני טעג צו יונגי טעג . און לאז אונז (ח"ו) ניט פר צוקט ווערן יונגרהייט פון דר וועלט. טרעהרן פאלן אויס מייני אויגן . ליבר הער גאט איך טוא גינוגן אלי טאג וויינן . און דרום דוא ליבר פאטר לאז מיך (ח"ו) ניט אום זונסט פר גיסן מייני טרעהרן דיא איך טוא מיך גדענקן . וויא מיר מיט וואס קאן איך מיר ווידר גרעכט מאכן מיט מיין פר שמעהטן (פנים) אויף דיא זינד דיא איך האב ווידר גטאן קעגן דעם ליבן גאט · אבר איך טוא מיך אויף דעם פאר לאזן אלס דו בישט דר גאט דר דא טוט פיל גנאד צו דעם מענטשן . און איך בין אלי טאג פר זיכרט אויף דייני דר בארמיקייט . ליבר פאטר מיר טרייען צוא דיר צוא דער צייט וואס דא טוט אהער קומן אלס דו זאלסט מיט אונז אום גיין מיט דעם (מדת הרחמים) דו בישט גאט דר דא איז לאנגזאם צו דער צארנן . דרום בעט איך צוא דיר אז איך זאל זוכה זיין מיט מיין מאן אונזרי יארן צו פר ברייגן אין אייטל (עושר) און אין פיל (כבוד) : (רבש"ע) איך בעט דיך אז דוא זאלסט מיך אין מיין הארצן צוא געבן אלס וואס איך וועל טאן דס זאל איך אלס

טאן

סאן (לשם שמים) . ליבר הער גאט לאז קיין קראנקהייט (חס ושלום) אין מיין הויז קומן אונ דש איך זאל זוכה זיין מיט מיין מאן. צו זעהן פיל פריידן אן אונזרי קינדר. אונ אויך אן אונזרי קינדרס קינדר אזו אלט איך זאל (זוכה) זיין צוא לעבן מיט מיין מאן אימאר אונ איביג אין אייטל (שלום) מיט גרויס ליבשאפט דער מיט מיר זאלן בעהיט ווערן פר צאנק אונ אויך פר קריג : ליבר הער גאט אלט איך זאל (חן) האבן אין דייני אויגן דער נאך אין די לייטנס אויגן . אונ לאז מיך מיט מיין מאן בהאלטן מיין ערליכן נאמן (אמן) :

טר ווען איין מענש איין (תענית) האט זאל ער דש זאגן . עש מאג זיין איין מאן אדר איין פרויא נאך (מנחה) אדר נאך (מעריב) איי ער בייטט אן דר וייל דש איז אגרויסי (תפלה) צו דעם (תענית) · מען גיהער זיך צייט דער צו נעמן · האט ער דעם טאג (תענית) גיהאט זאל ער נאך איין ביסל פאסטן אונ זאל דאש זאגן :

רבון הער פון דער גאנצר וועלט איך מאן אדער ווייב איך האב היינט דעם טאג (תענית) גיהאט אבר נאך מייני זינד נאך וואש איך האב גטאן . ווער בילכר אלס איך זינדיגר מענש זאלט אן בייסן איין בעכר מיט טרעהרן וואש מיר זעלטן זיין אויס מייני אויגן דער מיט אז איך זעלט אפ לעשן דעם צארן פון דעם ליבן גאט אויף די זינד דיא איך האב גטאן : דוא ליבר גאט עש קאן קיינר פר דיר לייקנן . עש איז קיין מענטש אויף דער וועלט דער אלי טאג סוס ניט זינדיגן · נוא מיין גאט מיין הער נאך דעם בין איך ניט ווערט אז איך זינדיגר מענש זאל עסין פון דיין ברויט אדער וואש אנדרש וואש דו ליבר הער גאט האשט בשאפן · ווארום דוא ליבר גאט דו האשט די שפייז ניט בשאפן צו די לייט די דא האבן פיל זינד גטאן : (רבש״ע) איך האב (חרטה) אויף מייני זינד דיא איך האב גטאן . אזוי בעט איך דיך ליבר גאט אז דו זאלשט אויף אונז גדיינקן היינט דעם (תענית) דש בלוט אונ פלייש וואש מיר איז אוועק גגאנגן פון מיין לייב · דרום ליבר הער גאט סוא אפ פון מיר דעם (יצר הרע) . אונ מאך מיך לידיג פון מייני זינד גלייך אלט איך וואר ערשט נייא גבארן אונ גדיינק מיר אז איך האב מיר היינט מיין לייב גפייניגט אש האב איך גטאן פון (כבוד) דיין ליבן נאמענט וועגן אונ אויף מייני זינד גרינגר צוא מאכן פון מיר דען דר וייל דר (גוף) האט פיל זינד גטאן אזוי גהער ער איין ביסל ווידר אפ נעמן פון זיין פלייש דר מיט אלט איך מייני פלעקן וואש איך האב גטאן אין מיין לייב פון מייני זינד ווידר וייס ווערן אונ גרייניגט ווערן דוא ליבר גאט טוא נאר פון דיין דר בארמיקייט וועגן אונ לאז מיר וייטר קיין זינד מער גדאכט ווערן דען דוא ביטט איין מוחל וסולח) צו די לייט די דא האבן זינד גטאן דו ליבר הער גאט דו זאלשט מיר וייטר געבן (כח אונ גבורה) . אונ איך זאל ווייטר קענן האלטן איין (תענית אמן ואמן) :

מה איין (אלמנה) זאל דאש זאגן מיט איין גרויסי (כוונה) דער מיט דאש דער ליבר גאט זאל איר בשערן וואש זיא פון איר טוט בגערן (אמן) :

רבש״ע דא קום איך בטריבטי (אלמנה) צו דיר בעטן מיט איין צו בראכן הארץ נון מיין גאט מיין הער וואש איז ערגר אויף דער וועלט אלס איין (אלמנה) :

(רבש״ע) ווי קאן מיין הארץ פרייא זיין ווען איך טוא מיר נאר בדיינקן אלט איך בין איין (אלמנה) גווארן . דו ליבר הער גאט דו ווייסט אלס רעכט איך נעם דאס אן (באהבה) דען ס סו איך זעלברט זאגן זעלט איך נים גווען איין זינדיגרן וואלטסטו דס מיר ניט צו גשיקט . פר זיין די לייט אויף דר וועלט די דא ווען (ח״ו) שטרייטן קענן אזוי איין גאט אונ דו

ליבר הער גאט וויא זאל איך מיט אויך דעם אויס וויינן ליבר הער גאט נאר דש טוא איך
דיך בעטן אלס דו זאלסט נאר אן נעמן דיא טרעהרן וואש איך האב גיוואגן זינט אלס איך
בין אין ליידר איין (אלמנה) געווארן אונ זינט מיר איז דיא (צרה) צו גיקומן אבר איך האב
צו וויינן אלש מיר איז געווארן אויש איין (שמחה) איין (צרה) · נון דוא ליבר הער גאט ווען
איך טוא נאר גדיינקן אלס מייני קינדר זאגן מיר זיינן (יתומים) געווארן אונ אלס איך
בין איין אלמנה געווארן . נון מיין גאט מיין הער וויא קאן מיין הארץ פרייא ווערן איך
טוא גדיינקן וואש מיר פאר איין (חורבן) איז געשעהן דוא ליבר גאט וואש וואו איך ניט
אלט הערן נוטן טוט אויך מיר רופן ווער איז דיא ווים פרויא אדר ווער זיינן די (יתומים)
דש מוו מיין הארץ אלט הערן · דרום דוא ליבר הער גאט טוא איך צו דיר טרייטן אויס
מייני גרויסי נויט . דוא ליבר הער גאט דו זאלסט איין מאל הייאן מיין צוא ברחמן הארץ .
ליבר הער גאט אלט מייני קינדר זאגן האבן לייט זעליקייט פריער אין דייני אויגן דער
נאך אין לייטנט אויגן דר וויל דו ביסט איין פאטר פון (יתומים אונ אלמנות) : (רבש"ע)
לאז מיך ניט טפל געהאלטן זיין באייא די לייט דר וויל איך איין (אלמנה) בין לאז מיך בלייבן
אין (כבוד) דו ליבר הער גאט דוא זאלסט מיך שפייזן פון דיינר האנט דער מיט אז קיינר
זאל זאגן צו מיר אלס ער וויל איין (מלוה) מיט מיר טאן . דרום דו ליבר הער גאט בעט
איך דיך מיט מיין צו ברחמן הארץ אלס דו זאלסט דר הערן מיין (תפלה) וואש איך צו דיר
טוא אונ לאז מי(ח"ו)ניט לער ווידר קערן דו ליבר הער גאט איך בעט דיך ווידר איין מאל
אז דוא זאלסט מיך שפייזן פון דיינר האנט דר מיט אז איך (ח"ו) מיט מייני קינדר זאל
איבר קיין אנדרן טיש ניט זיין דר מיט מייני (יתומים) זאלן נוא טאגד קומן אלס איך זאל
דר לעבן מייני (יתומים) זאלברט אויף נוא גאבן אן לייטנט הייך אונ ליבר הער גאט טיק
מיר באלד ווידר איין טרייסט אויף מיין הארץ (אמן) :

מו דיא (תחנה) זאגט מאן ווען מאן (ראש חודש) בענטשט :

אנא איך בעט דיך גאט (יתברך) דר דא ברייט אן שפייז צו אלי בשפנים אונ ברייט
אן (מלבושים) דער זאל שיקן מיר איין דער נערונג דאש ער זאל שפייזן מיך אונ
מיין הויז גזינד אונ אלי מענטשן מיט (פרנסה טובה) פון (כבוד) מיט (ריוח) אונ ניט
מיט צער מיט (כבוד) אונ ניט מיט (בזיון) (פרנסה) דש ניט קיין (בושה) דר בייא איז .
(פרנסה) דאש איך זאל האבן מיט ווירדיקייט ניט מיט פר שעמטן פנים דר נעהר אונז
מיט אנדרי (צדיקים) פון (ישראל) · אונ נוא גוטן זאל זיין אונזרי גבעט מיט (ברכה) אונ
(הצלחה) אונ נוא פריידן זאל זיין אונזר האק אונ אונזרי (תפלות) אונ אונזר האפנונג דוא
זאלסט אונז אין אלי אונזרי גישעפטן אונ אונזרי ווערק זאלסטו בגליקן אונ צו ברענגן איך
אונ אלי די מיינע צו גוטן אונ צו לאנג לעבן אונ דו זאלסט דיך דער בארמן איבר אונז אין
אלים וואש מיר פון דיר גניסן האבן אונ דו זאלסט בגיטיגן אונזר (מזל) אונ בגערונג אונזר
הארץ נוא גוטן אונ בשפרן מיך פון אלי צרות אונ צער דאש יאר אונ נאך קומנדיגן יאר
אונ אלי (חדשים) אונ אלי וואכן אונ אלי שעה אונ אלי אויגנבליק אין דיינר האנט זיינן
מיין לייב בשירם איך פון אלי בייזי די איך נאך יאגן אונ בשווער איך ניט מיט בשווערניש
בשירם מיך פון פאר שוואלונג פאר מלחמות פר אלים בייזן זונדר אלין מיט רואונג אונ
מיט לושט מיינס הארצן מיט דעם (כח) וואש גייט ארויש אויש דעם (פסוק אנכי אדר
פנוך מלריאה ואנכי אעלך גם עלה) אונ זאלסט מיר לאזן הערן גוטי (בשורות) אונ
ווארהאפטיגי אונ רעלכם פארטיגי דו זאלסט מיר געבן איין גוט הארץ אונ זאלסט מיך פר

זיין

זינדן די (חטאים ועוונות ופשעים שחטאתי ושעויתי ושפשעתי) אונ זאל נית זיין אן מיר קיין (חטא) אונ זאל נית אן מיר געוועלטיגן דער (יצר הרע) אין אייביקייט אונ זאלסט בשירמן מיך פֿר (גזלנים) אונ גוואלט לייט אונ פֿר אלי (פורעניות) די דא שטורמן אויף דר וועלט אונ זאלסט מיך (מציל) זיין פֿאר (בלבולים) פֿאר (שדים רוחות ולילין ומזיקים) אונ פֿר בייזי בגעגניש פֿר בייזי לייט אונ פֿר אלי פֿאלענדיגי ווענט פֿאר פֿייאר אונ וואסר פֿאר דארשט אונ הונגר פֿר ארמקייט פֿר אלי בייזי צו קומניש אונ זאלסט מיר געבן (חן וחסד ורחמים) אין דייני אויגן אונ אין לייטנש אויגן וואש מיך זעהן דען צוא דיר טוא איך האפֿן אונ זאלסט מיר ענפֿרגאש מיינגאש דעמאן דיין נאמן שואה איך מיך פֿר ציכרן דרום הייליג דיין נאמן אויף מיר ביז דא ווערן זעהן אלי קרייסר דאש דיין נאמן איז גרופֿן אויף מיר אונ זיי צאלן זיך פֿארכטן פֿאר מיר אונ עש זאל קיין אום הייליג ווארט פֿון מיין מויל אויש גיין אונ מיט מייני הענט וואש איך ווערק זאל זיין אייטל (ברכה) אונ מיין (פנים) זאל מיך דר לייכטן אונ מיין פֿארכט זאל זיין אויף אלי בשעפֿניש אונ זאל גליבט זיין אויבן אין הימל אונ אויף דר ערד מיין גוטר נאמן זאל גיין אין אלי לענדר אונ מייני (אלמנות) זאלן מיר צו גוסן קומן מיט קראפֿט דעם הייליגן נאמן דר דא טוט לייכטן אונ פֿר שפרייט זיך פֿר דר (מרכבה עליונה) אונ דר (זכות) פֿון די דריי (אבות) אונ פֿון (י"ג מדות) דאש דו האשט פֿר צילט דורך (משה רבינו) דיין קנעכט דיא נית צאלן לער אפ לויפֿן דש צלבינגי איז :

יי יי אל רחום וחנון ארך אפים ורב חסד ואמת נוצר חסד לאלפים נושא עון ופשע וחטאה ונקה :

יהי רצון מלפניך) עס זאל זיין דער ווילן צוא פֿאר דיר גאט מיין גאט. אונ גאט מייני עלטרן דאש זאל ארויף גיין מיין(תפלה) פֿאר דעם (כסא הכבוד) אין דער צייט אונ זאל גגרייסט זיין (יי צבאות) . אונ זאלסט בקריינט זיין מיט (תפלות) אונ קיין (יצר הרע) זאל אן מיר געוועלטיגן . אויך קיין (מקטרג) צוגדרן אליין אין (מליץ יושר) דער דא סוט זאגן גוטש אונ לייגט דיא גרעכטיקייט אונ גדיינקט דיא (זכיות) אונ איך זאל ווערן בשירמט פֿון(שכן רע) אונ פֿון(פגע רע) אונ פֿון(יצר הרע) אונ פֿון אלי בייזי לייד אונ פֿון (מעשים רעים ושמועות רעות) דיא דא קומן אויף דעם (עולם) :

ויהי רצון מלפניך) עס זאל זיין דר ווילן צו פֿר דיר גאט מיין גאט אונ גאט מיין עלטר דאש דוא זאלסט מיר געבן לייט צעליקייט אונ דער בארמיקייט פֿריד אונ בגליקין אין מיין ווערק לייט צעליקייט אין דייני אויגן אונ אין אלי מייני צעהר ווי דר פֿלוס פֿון איין שטארקן באך וואסר אונ וויא איין קוואל ברונן דר זיך שטארקט אזוי זאלן דר לייכטן מייני קינדר אונ מייני קינדש קינדר אין אויגן אין דר(תורה)אונ צאלנים פֿר געטשאלט וואש זיי גלערנט האבן אונ צו מייני רייד זאלשטו געבן לויטרקייט אונ שוינהייט צעליקייט אונ גנאד אונ אלש וואש איך טוא בעטן אונ פֿארטשן אונ ווערקן אונ איך זאל נית פֿאר שעמט ווערן פֿון דיין האפֿונג אונ זאל זוכה זיין איך אונ אלי מייניגי (לחיים טובים) אונ מיין האפֿונג זאל בלאנגן אין גוטן (תכלית) אונ מיין ווערק זאל זיין (לברכה) אונ עס זאל זיין די דאזיגי צייט דש איך טוא בעטן צו דיר (עת רצון ורחמים) אונ אין צייט דאש דוא מיר אויף מיין (בקשה) זאלשט ענטפֿרן אונ זאלסט הערן מיין (תפלה) אונ פֿר נעם מיין (תחנה ובקשה) אלש איך טוא בעטן צו דיר גאט אין דר צייט פֿון בווילגן גאט מיט הילף אונ גנאד דיין וואראהאפֿטיגע ענטפֿר מיר (אמן סלה) :

איך בעט דיך שטארקר גאט פֿון (יעקב) אייניגר גאט ווגן דיין אייניגן נאמן דאש דא ווערט

וערם דר קענט דורך דייני (נביאים) חייניג מיין החרץ נוח פֿחרבסן פֿר דיין נחמן חוש ווילן דש חיך זחל כיס זיגדיגן פֿר דיר דו ביטס דר דח החס גהערס דחט גווין פֿון (יעקב חבינו) חוג החטס חים גהיס פֿון חלי טחדן חוג החטט גיענספֿרט מיט דיין נחמן נו געבן חים ספייז חוג החטס חים גיגעבן (מלבושי כבוד) מיט דיינר גוטר מחבט חוג החטס גטחן ווחוגדר חוג נייכן מיט ישרחל: דרום טוח חיך בגערן פֿון דיר דש דוח זחלטס דער הערן מיין גבעט חוג פֿר געם מיין גטריי חוג זחלטס העלפֿן חוג עפֿגן דיין החגס נוח געבן מיין טפייז חוג זחלטט מיך היטן הייגט דעם טחג חוג חלי טחג פֿחר בייזי זחכן פֿחר בייזי בגעגניט פֿר בייזי רוחות פֿר גזלנים פֿר טונחים פֿר חלי חיות רעות פֿחר חלי קרחנקהייס חוג זחלטט מיר טחן (ניסים) נוח גוטן חלי נייט חוג חלי חויגן בליק וועגן דיין גנחד חוג דיין (כסא הכבוד) חוג זחלטט גרייטן מיך חוג מיין מחן חוג מייני קינדר חויך מיין הויז גזינד חוג מיין נחמן ביז חייביג דרום בעט חיך דיך הייגט דעם טחג ווחט מען בענטסט (רחש חודש) דחס עס זחל חן גנומן ווערן מיין בקשה הייגט חוג חימר חוג חייביג דען דוח דער הערטט די גיבעט פֿון חלי מוגד (חמן סלה) :

יהי רצון מלפניך יי אלהי ואלהי אבותי שתחדש עלינו את החודש הזה לטובה ולברכה ותתן לנו חיים ארוכים חיים של שלום חיים של טובה חיים של ברכה חיים של פרנסה חיים של הלוץ עצמות היים שיש בהם יראת שמים ויראת חטא היים שאין בהם בושה וכלימה חיים של עושר וכבוד חיים שתהא בנו אהבת תורה ויראת שמים חיים שימלאו משאלות לבנו לטובה אמן סלה :

רבש"ע חיך בעט דיך דו זחלסט בגיסיגן מיין (מזל) חוג חויב מיין (מזל) כיס מיס ברייגגס הייטסו רחך (חל סדי) חוג נו ברעכסס דס סוופרן (מזל) חוג זייח דחט יחר חוג חלי יחר חוג דעם (ר"ח) חוג חלי (ר"ח) חוג דיח וווך חוג חלי וווך חוג חלי טחג חוג חלט (רגע מחרט לטובה ולברכה והצלחה) חוג הייל די גברחכני הערצר חוג גיב מיר (חן וחסד) חין דייגע חויגן חוג חין חויגן דיח לייטן דחט קיינר זחל פֿון מיר החבן נו ריידן מייני חויגן הויב חיך חויף קעגן הימל חוג מיין נו ברחכן החרץ נו דיר (דוד המלך ע"ה) החס חן גטריבן חיין נו ברחכן החרץ חוג חיין פֿר סטויסן החרץ טוטסו ניט פֿחר טמעהן חוג זיי מיר (מלא משאלות לבי לטובה כי חל רחום חתה). (יהיו לרצון חמרי פי והגיון לבי לפניך יי צורי וגוחלי. ברוך יי לעולם חמן וחמן):

כן חיין טייני (תחנה) נו זחגן חלי (ערב רחט חודש) מיט גרויט (כוונה) :

אלהי גחס חיבר חלי קרייטר חוג הער חיבר חלי הימלן חוג ערד דיין ווחוגדר חוג ווערק די זיינן ווירדיג. נו דיר חיז די חכפרקייט חוג דיח עהר חוג וויל מיר קענן כיס דר ליילן חוג דר פרייבן. דרום מוזן מיר עס לחזן בלייבן מיט שטיל שווייגן חין זיין לויב מער הז מען ווחלט דער ליילן פֿון זיין ווחוגדר דער דח זילט חין הימל רייך: דיח גחנלי וועלט זייגן דיר חלי נו גלייך. זון חוג (לבנה) חוג שטערן טוטסו חלט דער געבן. זיבן שטערן טוען חין דר וועלט רעגירן. חבר דוח טוטס זייח נחך דיין ווילן פֿירן. דוח החטט בשחפֿן חיין מעגטט דער חיז נחך בעטר ער חיז חיין קנעכט נו זיין בטעפֿר. גון וויח דר בטעפֿר החס נו גלייכן בטחפֿן די זון חוג (לבנה) החט גמיינט די (לבנה) זיח וועט העכר זיין חז חיר גיזעלן. חבר דו החטט עס גיט חזו מעלן. דו החטט גזחגט נו די (לבנה) זי זחל זיך מינרן פֿון חירן ליכט החט דיח (לבנה) גזחגט (רבש"ע) וויל חיך החב גרעדט חיין

וחך

זאך זאל איך ניך מיינרן האשטו איר גיזאגט דיא (צדיקים) זאלן נאך דיר הייסן אונ מען זאל זיילן נאך דיר (ימים טובים) אונ אלי (ראשי חדשים) זאל מען איין (קרבן מקריב) זיין אונ ווען דאש איז גשעהן נאך די (לבנה) וויל זיא האט איין ווארט גאר גרעס קעגן דיר וואש זאל איך ארמר מענטש טאן אז איך האב גיזינדיגט קעגן דיר · אונ דער מענטש זאל דאש מיט זיך אליין ריידן אז ער זאל גדיינקן אן טויט · וויא דיר דוא פֿאר שטעהטר (גוף) וויא דיר ארמר לייב דוא פֿאר וויסטי (נשמה) אונ דיין (שכל) איז נאריש איין מענש איין שלאפֿר איין (בן אדם) פֿון ערד וואש איז דיין האפֿנונג וואש ווערשטו ענטפֿרן דעם זעליגן טאג וואש דו וועשט ליגן אין(קבר)ווארום האשטו ניט גוטש גטאן אונ האשט גמוטוויליגט אונ אויך דעם שטאנד האשטו דיך ניט גריכֿט אויך ווען האשטו דיך פֿר זיכרט ווער איז דיין העלפֿר וואו איז דייני (אוהבים) אונ דייני ווארהאפֿטיגי אונ וואו איז דיין בקאנטי לאזן אויף שטיין אונ לאזן דיר העלפֿן אין דיין לייד דוא האשט דאש בייז גטאן אונ מוזט דרום ליידן דו האשט גייאט אונ וועשט ניט שניידן דו האשט פֿאר גוטש בייז גטאן אונ ווערשט אילונד פֿר שטעהט זוא בייגן דיין נארטן לייב זיך אן דיין גרונד אונ גדיינק דיין בשעפֿר אונ גדיינקן אן דיין קומנדיגי וואונונג אזוי דוא בקומשט איין הויז אויף אלי זייטן זיינן שראן ערד די ערד אונ די ווערים וועלן דיך שאן מאכן אונטר שפניג דיא ווערים וועלן זיך הינטר דיר נוא טיילן אונ קוילן אונ פֿאסן דיא וועלן דיך פֿר ברענן · דרום גדיינק דיין ביטערן טאג אלי דייני (ענות) זיינן פֿאר לארן אונ דיין (חכמה) וועט דיר שטינקן . גדיינק וויא מען וועט דיך אויף דער אקסל טראגן אונ אין דער ערד דיך אריין ווארפֿן אין דר ערד די איז פֿינשטר אונ אויף דעם (קבר) דא וועט אויף דיר פֿאלן איין גרויסי פֿארכֿט אונ עש וועט דיך נוא דעקן אייטל (חרפה) אונ דיין קלייד וועט זיין ערד אונ שטארבן דש איז אזו איין טאג דש דוא דיך ניט קאנשט אויש ריידן אונ אנטפֿלעקן דאש איז איין טאג איין ביטרר אייטל וויינען אונ קלאגן איין טאג מיט אייטל ליידן אונ ציטרנש איין טאג אייטל גשרייא אונ ביטרע קלאג . איין טאג אז (הקב"ה) איבר דיר (ברוגז) איז · איין טאג אז די (נשמה) וועט ארויש גיין פֿון דיר וועשטו ליגן אליין אונ וועשט דיך ניט קענן קערן פֿון איין זייט אויף דעם אנדרן . נוא דו מענש נו ווען וועשטו וויסן אדר ווער וועט דיך קענן בהאלטן פֿר דעם (יום הדין) וואש אויף דיר איז :

(ווען מען דש האט גזאגט אזוי זאל מען זאגן אין דעם לשון) :

וויא מיר וואש האב איך גטאן · אונ ווארום האב איך גאטש רייד פֿאר שמעהט נאך מיין מוטוויליקייט בין איך גגאנגן. ווען מען דש אלש טוט זאגן אזוי גדיינקט מען אן דעם טויט אונ זאל זיך (מוסר) זיין צו (הש"י) צום טויט וואש פֿאר איין טויט ער וויל :

אונ דר נאך זאל מען זאגן(לדוד אליך יי נפשי אשא קפיטל כ"ה) אונ דר נאך זאגט מען דש:

רבש"ע איך בין מקבל אויף מיר דיא (מיתה) ווען דוא וועשט אויף מיר שיקן פֿון דיין גוטן ווילן וועל איך זיא מקבל זיין וועגן דיין הייליגן נאמן :

(דער נאך זאל מען דש זאגן מיט קניען אונ בוקן)

רבש"ע זיי מיך (מזכה) פֿאר מיינם טויט אז איך זאל קענן (וידוי) זאגן פֿאר דיר . אונ ווען דיין ווילן איז דש דוא מיך ווערשט שטראפֿן פֿאר מיין טויט אז איך אלש (ח"ו) מיין שכל ניט האבן אדר איך וועל ניט זיבר זיין : (רבש"ע) דוא ביסט גרעכֿט אויך

אויך אלי די ריכטס וואס דו מיר שיקסט · דו שיקסט אייטל וואָרהייט אונ איך האב גזינדיגט
זו גאר שוואך איך מיין גבעט · אבער דיין (כבוד) מיט זאָך ברחמנות הארצן אונ זאלסט מיר
מייני גדאנקן רעכנען גלייך אלז ווען איך העט (תשובה) גטאן · ווען איך (ווידוי) זאג זאל
גלייך זיין ווען איך העט אבער מיין זונד (מתודה) זיין · אונ זאלסט מיר מינערן מייני
(מקטרגים) אונ מייני (עבירות) גלייך אז וויא דאָ האט גמינערט דיא (לבנה) ביז דעם
הייטיגן טאג אז גאר קיין (עבירות) אונ (מקטרגים) ווערט איבר בלייבן אונ ווי די (לבנה)
פון הייגט אן איר ליכט גרעסר ווערט אזוי זאל אויך זיך מערן מייני (זכיות) אונ (מצות)
אונ מייני גוטי פיר שפרעכר אונ זאלסט מיר אויס לייטרן מיין (נשמה) אונ זאלסט מיך
לאזן (זוכה) זיין אויף (עולם הבא אמן):

מח די (תחנה) זאל די ווייבר זאגן אויף זיך אונ אויף איר מאן אונ אויף אירי קינדר:

דוא ביסט גאט דער זוס באלד ענטפערן דיא דיך טוען אן רופן: (רבש"ע) לאז מיך
בהאלטן מיין ערליכן נאמן דער מיט אלט איך זאל (חס וחלילה) ניט קומן צו
(שפלות) אונ פון קיין מענטשן זאל איך ניט אבר שעמט ווערן דען איך וועל דא בעטן צו
גאט דר דא האט אלט אין זיין מאכט · ליבר גאט גיב מיר מיט מיין מאן אייטל (מזל אונ
ברכה) אונ איין גרינגע (פרנסה) . ליבר גאט היט מיך אונ מיין מאן אבר ארמוט אונ
לאז אונז אונזרי יארן אויס לעבן אין ערליכקייט דער מיט מיר זאלן קענן טאן אונזערי
קינדר איר גרעכטיקייט היט מיך אונ מיין מאן אבר (עין הרע) אונ אויך פון (דאגת) אונ
שפייז אונז פון דיינר האנט אונ צו קיין מענטשן זאל איך ניט בדארפן . איך אונ מיין מאן
זאלן זוכה זיין צו שפייזן פיל ארמי לייט איבר אונזר טיש ליבר הער גאט אלי דאט ביין
וואס מיך אונ מיין מאן אדער מייני קינדר העט זאל קומן דאט זאל באלד ווערן (בטל
ומבוטל) דט (ח"ו) קיין פר שטערונג זאל אין מיין הויז קומן דען דו ביסט דר בשילר פר
אלים ביזן ליבר גאט איך זאל (זוכה) זיין צו לעבן מיט מיין מאן אונ מייני קינדר אן
(צער) אויף דער וועלט אונ אלט מיר זאלן ניט וויסן צו זאגן פון קיין טרויארקייט אונ אלט
מיר זאלן אינזרי יארן פר ברייגגן אין אייטל (כבוד) אויך זאל איך (זוכה) זיין פיל (צדקה)
צו געבן אונ אויך זאל איך זוכה זיין מיט פיל ארמי לייט (גמילות חסד) צו טאן ליבר הער
גאט דוא זאלסט מיר אין מיין הארצן געבן אלט וואט איך ווער טאן דאט זאל זיין (לשם
שמים): (רבש"ע) לאז קיין קראנקהייט (ח"ו) אין מיין הויז קומן אונ מיר זאלן זוכה זיין פיל
פרייד צו זעהן אן אונזרי קינדר אונ אויך אן אונזרי קינדס קינדר ליבר הער גאט לאזן
מיר (רשות) האבן איבר אונזר גבאט דער מיט פיל גוטס צו טאן אויף דר וועלט ליבר הער
גאט לאז מיך אימר לעבן מיט מיין מאן אין אייניקייט אין אייטל שלום אונ אין גרויט
ליבשאפט היט אונז פר לאנג האדר (ח"ו) אבר קריג אונ אלט איך זאל האבן מיט מיין מאן
אונ קינדר (חן) אין דייני אויגן אונ אין די לייטס אויגן . דוא ביסט גאט דר אלמאכטיגר
דר זאל אונז היטן אלט אויף אונז (ח"ו) זאל ניט ארויט גיין איין (שם רע) מיר זאלן אונזר
ערליכן נאמן בהאלטן היט אונז פר שאנד אונ פר שפאט אונ לאז אונז (ח"ו) ניט קומן אין
די פר זוכונג וואט ארמוט איז לאז אין מיין הויז ניט אפ גיין די בענטשונג אונ פיל ברכות
דר מיט אלט איך זאל האבן מיט מיין מאן אונ מיט מייני קינדר אייטל (ברכה אונ הצלחה)
אין אלי אונזרי ווערק ליבר הער גאט איך זאל מיט מיין מאן זאל (ניצול) ווערן פר אלי (צרות)
אונ אבר אלי בייזי אום גליק פון דער וועלט ליבר הער גאט לאז אונז אימר בייא שטיין
מיט גרעכטיקייט ליבר הער גאט אבר שטער די רעט פון אלי מייני פיינד אן מיר קיין

שאנד

שאנד צוא זעהן : (רבש"ע) היט מיך מיט מיין מאן אונ מיט מיינע קינדר פאר איין
בייזן טאג אדר (ח"ו) פר איין בייזע (שעה) ליבר הער גאט היט מיך מיט מיין מאן אויך
מיינע קינדר פר (בלבולים) אונ פר שאנד די בייזי זיינן ווילן פון מייני פיינד די אויף
אונז בייז טראכטן אונ אירי בייזי (מחשבות) וואס זיא אויף אונז האבן לאזן צוא ריסן
ווערן · ליבר הער גאט טוא מיט מיר אונ מיט מיין מאן פיל (חסד חנם) אונ פר שפרייט
דיין האנד איבר אונז לאז אונז גאר קיין בייז צוא קומן דען איך זעלט לעבן הונדרעט יאר
קאן איך ניט גנוג לויבן אום די גנאד וואס דו האסט צו אונז טוסט אלי (שעה) אונ אלי (רגע).
ליבר גאט לאז מיך ווייטר ניט וויסן צו זאגן וואס ברעכנש גמיט איז אדר (שפלות) איז :
רבש"ע) טוא ווייטר פיל גנאד צו מיר דען דו ביסט דר מייכטסטר איבר די דר בארמיקייט
ו דעם מענטשן ליבר גאט היט מיך מיט מיין מאן פאר (יסורים) אונ לאז מיר אן לעבן אויך
יר זעלט אין מיטל פרייד צו איין גוטי עלטרן: (רבש"ע) טוא פון אונז אב אלי (צרות) אונ
אלי בייזע קריינק אונ לאז אונזרי פאר שטענדיקייט אייבינג אונ אונזרי אויגן זאלן אונז ניט
טונקל ווערן אויך אונזרי עלטר דער מיט מיר זאלן אויף אונזר עלטר צו קיין פאר שטאונג
קומן אונ אז מיר זאלן זוכה זיין אונזרי קינדר צו דר ציהן (לתורה ולחופה ולמעשים טובים):

מט דיא (תחנה) זאלן די ווייבר בעטן אלס זיי זאלן מיט אירן מאן פיל (פרנסה) האבן
מיט גאט זיין הילף :

ליבר הער גאט גיב מיר מיט מיין מאן אונ מייני קינדר איין גוטי(פרנסה)אונ אויך
איין גרינגי פרנסה אן (חילול השם) אונ אויך אן (עין הרע) דער מיט אלט
זיך אונ מיין מאן זאלן קענן שאן אונזרי קינדר אלע אירי גרעכטיקייט וויא עט געהער צוא
זיין/ליבר הער גאט לאז מיך אונ מיין מאן אונ מייני קינדר ניט קומן צו קיין(שפלות ח"ו)אונ
גיב אונז אייטל (מזל) אין אונזר (פרנסה) · דו ליבר גאט זאלשט אונז אויך באלד עפנן דש
שויער פון די פרנסה אונ אז מיר זאלן בגליקן אין אלי אונזרי וועג אונ שטעג אונ לאט מיר
קאן קיינר ניקט וויסן צו זאגן וואס (דלות) איז · ליבר הער גאט אונ מיר זאלן אלט ערליך
אויט פירן (מזון) :

דיא (תחנה) זאל מען זאגן אלי טאג מיט גרויט כוונה נאר (ח"ו) ניט גיך : איר מעגט
דער פון זאגן וואס איר ווילט אונ איר מעגט אייך אויך איבר לאזן אויף דעם אנדרן
טאג דר מיט איר זאלט זי ניט גיך זאגן נאר מיט גרויט (כוונה) וועט איר(הצלחה) האבן:

רבש"ע דו זאלשט צו מיר באלד אויף שטארט שויער פונפר געבונג אונ דו ליבר גאט
זאלשט צו מיר גרייכן דיין רעכטי האנט צו אנטפאנגן די (תפלות) וואס איך
בער צו דיר טאן · דוא ליבר הער גאט דש וויל איך צוא פאר בעטן אלט איין לייב זאל מיט
קיינרלייא זאך ניט געזינדיגט ווערן אונ אויך (ח"ו) ניט אין איין גביין נאר אלט איך זאל
אימר קענן גיין אין דיין רעכטן וועג דיך איאר צו לויבן אונ אויך צו דינן דיך מיטן גאנצן
הארצן דר מיט אלט איך זאל קענן האלטן דיינע ליבע (מצות) וואס דו האסט אונז געבאטן
אויט דיין ליבע (תורה) אונ דוא ליבר הער גאט צוא דעם אלים זאלשטו מיר געבן גוטע
דאנקן גלייך אלט האט געהאט דר (כהן גדול) דא ער האט (תפלה) פאר אונז געטאן (רחמן
דיק) טוא אונז באלד גדיינקן די פר זיכרהייט וואס דוא האסט געהאט מיט אונזר פאטר
אברהם) דא ער האט געוואלט זיין זון (יצחק) צוא אפפר בריינגן אונ דוא ליבר הער גאט
האסט פר געבן דיא זינד פון דייני ליבע קינדר : רבש"ע מיר זיינן יוא דייני ליבע קינדר
פון

פון אונזר פאטר (אברהם) אונ דא ליבר הער גאט האסטו אים אויך צוא גזאגט ווען זייא ווערן זיין אין עק וועלט אזוי ווילשטו זייא ניט פאר לאזן אונ אויך (ח"ו) ניט פאר דארבן (שדי צבאות) דו זאלשט אונז אימר צוא נעמן אונטר דיינע פליגל אונ לאז אונז קיין מאל קיין בייז געשעהן (אמן) :

רבש"ע אלס איך זאל אימר גיין מיט מיינע פיס אין דיין גוטן וועג אונ מיט מיינע הענט זאל איך (זוכה) זיין פיל צדקה צוא געבן אונ אויך זאל איך טאן וואס דיר ליבר הער גאט ווערט ליב זיין אונ מיט מיינע אויערן זאל איך (זוכה) זיין צוא הערן אי בר מיין טיש פיל (דברי תורה) אונ מיט מיינע אויגן זאל איך דער לעבן אן אלי מייניגן פיל גוטס אונ קיין שאנד ליבר הער גאט אזוי פיל (עבירות) דאש דא געשעהן איז אין דער וועלט אונ איך האב קיין שולד דראן אונ אלש איך ווייס גאר ניט דער פון צוא זאגן פון אלים דו ליבר הער גאט טוא איך מיר ביי דיר דש(ערבות) גאר אפ : (רבש"ע) אום דען טוא איך דיך אויך בעטן אלש דוא זאלשט היטן מיין גאנץ הויז דאש זיי זאלן איר ארבייס טאן אין מיין הויז מיט ווארהייט אונ אלש וואש זייא ווערן טאן דאש זאלן זייא אלש (בכשרות) טאן דער מיט עש זאל אין מיין הויז אום גיפער קיין (טריפות) געמאכט ווערן (ח"ו) אדר זיי ווען (ח"ו ווחלו טבת) זיין וואש איך פון דעם אלץ גאר ניט צוא זאגן ווייס דו ליבר הער גאט אויך דעקשטו איך מיר ביי דיר אויך דש(ערבות) אפ זאגן דענדו ביסט הער גאט דר דא טוט ניט בגערן אלש איך זאל (ח"ו) ליידן פון אנדרי לייט ווען דיא דא האבן פיל (עבירות) געטאן נאר אלץ וואש דא ווערט אין מיין הויז געטאן דש זאל אלץ געטאן ווערן (לשם שמים) וויל דו ליבר הער גאט עס ווילשט האבן :

דוא ליבר פאטר פון דר גאנצר וועלט ווען איך מענטש טוא מיך פאר ברייכקן אלש איך ווער מוזן קומן פאר דיר צו דעם (דין) אונ (חשבון) אפ צו געבן דש זעלביג מאל ווייס איך גאר ניט וואש איך זאל זאגן פאר גרויס פארכט אין דר צייט ווערט מיר גלייך מיין לייב אין גדארט אבר דוא ליבר הער גאט אויך דיר טוא איך מיר פר לאזן אלש דו ווערסט מיר פיל גנאד טאן גלייך אלש איין פאטר דער דא טוט פיל גוטש צוא זייני קינדר דען דוא ליבר הער גאט פון דייני וואונדר וואש דוא קאנשט טאן מיט דעם מענטשן דאש קאן קיין מענטש בחיי זיין לעבן אויס זאגן דוא ביסט אויך דער גאט דר דא קאן מענטשן אויך היילן פון זייני זינד וואש ער האט געטאן דרום ליבר פאטר טוא צוא אונז גדיינקן אלש מיר זיינר גאר ניט אויף דר נארטע וועלט אונ אלש מיר זיינן נעבך גקומן פון דר ערד אז מיר זאלן ווידר קומן אין דר ערד . דרום דוא ליבר הער גאט נעם באלד אן דיר (תפלה) פון מיר אונ לאז מיר מיין גרעבסטיקייט וואש איך האב געטאן בייא מיין לעבן אויף דר וועלט דאש זאל אלש איין פיר שפרעכר זיין אויף יענע וועלט (אמן ואמן) :

נא דיא (תחנה) זאל מען אלי טאג מיט גרויס (כוונה) זאגן דען עש איז אין דער (תחנה) זיבן לויב צו לויבן גאט קעגן זיבן היאלן אונ זיי זאלן זיך אויך פאר מעלדן מיט איר נאמן נאך איר מוטר נאך :

רחום וצדיק יושב על כסא רחמים) דר זאל מיר אויך שאן צו מיינר (תפלה) אלי דיא זיבן היאלן אונ מיך פאר נעמן וואש איך וויל האבן : (רבש"ע) איך טוא דיך בעטן אלש דו זאלשט פר געבן מייני זינד וואש איך האב ווידר דיר געטאן אונ וואש איך האב געטאן ווידר דיא לייט דער מיט אז איך זאל קענן ריין קומן אויף יענר וועלט דער מיט אלש איך זאל (זוכה) זיין (מנוחה) צוא האבן אין דעם (קבר) אונ בחיי מיין לעבן זאלשטו שאן

מיט

מיט מיר אונ מיט מיין מאן אונ מיט מייני קינדר מיטל דר בארמיקייט אונ דוא זאלשט
מיך אין דר (טעה) דר הערן גלייך דו האשט דר הערט אונזרי עלטרן אונ אויך גלייך אלש
דוא האשט דר הערט אונזר מוטר (חנה) דען איך ארום ווייב וויל פֿאר דיר קלאגן וואש
מיר טוט אלש אויף מיין הארצן ליגן אונ טוא צו דיר בעטן גלייך אז איין קינד טוט בעטן צו
זיין פֿאטר וויא גשריבן שטייט (כרחם אב על בנים) אזוי זאלשטו מיר אויך טאן אלש איין
פֿאטר טוט זיין קינד :

רבש"ע גיב מיר קראפֿט צוא מיינע (תפֿלה) וואש איך וועל דא טאן דר מיט אז איך
זאל קענן מאכן מיט מיינר (תפֿלה) אז דוא זאלשט זיא פֿון מיר גלייך (מקבל)
זיין אונ זיא זאל (ח"ו) פֿון דיר ניט לער ווידר קערן (שדי) דוא בישט דער אלמאכטיגר
גאט זאלשט באלד פֿון מיר אן נעמן מייני ווייען אונ קלאגן אונ דוא ליבר גאט דוא זאלשט
באלד (רחמנות) איבר מיר האבן אונ זאלשט מיך דער הערן אונ טוא אפ באלד פֿון מיר
דעם (יצר הרע) אונ איך זאל אויך גניסן דעם (זכות) פֿון (אברהם יצחק ויעקב) דש זאל
מיר אלש ביי שטיין אונ מיין (תפֿלה) וואש איך דא טוא צו דיר אונ דו זאלשט צו מיר אויך
טאן פֿיל (נסים) אונ (נפֿלאות) גלייך אלש דו האשט גטאן צו אונזרי עלטרן (אמן) :

רבש"ע דו האשט מיר גהאלפֿן אונ דו זאלשט ווייטר זיין מיין העלפֿר . דוא זאלשט
מיר שיקן מיטל גוטע מלאכים די מיך זאלן פֿירן אין דעם רעכטן וועג דר
מיט אז איך מיט מיין מאן אונ מייני קינדר זאלן ווערן גשפייזט פֿון דיר אונ ניט (ח"ו) פֿון
די לייט דר מיט אלש מיר זאלן (ח"ו) צו קיין (שפֿלות) קומן. דוא ליבר הער גאט היט אונזר
גאנץ הויז גזינד אלש קיין (עין הרע) זאל אן אונז קענן גיוועלטיגן אונ זיי אונז אויך (מציל)
פֿר אלי (צרות רעות ח"ו) אונ לאז מיך מיט מיין מאן אונ מיט מייני קינדר לעבן אין
(עושר) אונ אין (כבוד) אונ אין (שלום אמן) :

רבש"ע איך בעט דיך אלש דוא זאלשט מיר (מוחל) זיין אלש וואש איך דיין הייליגן
נאמן נים איין מויל אזוי פֿיל טו ריידן. אבר דו בישט דר גאט דר דא הערט
גערן די גבעט פֿון די לייט דיא דא האבן זינד גטאן אונ איך ארים פֿרויא קום צוא דיר
אונ איך וויל דיר אלי מיין אויך ליגן זאגן דער מיט דוא ליבר הער דוא זאלשט מיר באלד
העלפֿן ליבר הער גאט דער בארים דיך איבר מיר אונ אויך איבר אלי מיינע ליב האבר
אונ אויך איבר אלי מענטשן אונ לאז אונז אונזרי יארן אויש לעבן אין פֿריידן אונ לאז אונז שטארבן
אויף איינר בעט אונ היט מיך פֿאר אזוי איין (מיתה) וואש דא הייסט (מיתה משונה ח"ו)
אונ היט מיך פֿון אלי בייזי קרייינק אונ אויך (ח"ו) פֿר איין לאנגי קריינק דער מיט אז איך
זאל (ח"ו) ניט (עובר ובטל) ווערן פֿר איין טויט דר מיט אז עש זאל (ח"ו) די לייט ניט מיאוס
פֿר מיר ווערן . ליבר הער גאט דא צו איך דיך בעטן אויב איך בין שולדיג (יסורים) צוא
ליידן אויף דר וועלט פֿון מיינע גרוישי זינד וועגן וואש איך האב גטאן דוא ליבר פֿאטר פֿון
דר גאנצי וועלט אזוי וויל איך עש וויליגליך אן נעמן דער מיט איך וויל וואש ליידן אויף דער
וועלט אבר דוא גאט זאלשט פֿון מיר מיט גינאד אפ טאן מיינע זינד דער מיט איך זאל
קומן (לעולם הבא אמן) :

רבש"ע לאז מיך (ח"ו) ניט אום זונשט שטארבן פֿון דר וועלט אונ איך זאל דיא לייט
קענן (מחילה) בעטן דיא איך האב וואש צוא לייד גטאן אונ דוא ליבר הער
גאט דא די לייט ווערט קומן זאלשטו מיר עפֿנן די לעפֿצן דער מיט אלש איך מיט מיין מויל
זאל קענן ריידן מיטל ליב דען דו בישט דער דא אין דער צייט נוט אבר מאכן [illegible]

פון דעם מענטשן אונ דו בישט אלש (מוחל) דוא זאלשט מיר אין דר צייט אויך אלי מייני זינד (מוחל) זיין וואש איך האב גטאן דען דוא בישט דר גאט דש דו האשט אונז צוא גזאגט אלז דו וויאשט אן נעמן די (תפלה) פון איין (יחיד) דער דא ווערט צו דיר בעטן מיט איין טרויאריגן הארץ דו בישט דר דא איז (רחום וחנון) דער בארם דיך איבר מיר אונ פאר גיב מיר מיינע זינד וואש איך האב גטאן :

רבש"ע עס איז וואר אלש מיר האבן גזינדיגט מיר בעטן צוא דיר אלש דוא זאלשט אונזרי זינד פאר געבן אונ מיר טוען דיך אויך בעטן אלש דוא זאלשט אונז אויך גדיינקן דיין (ברית) פון אונזרי עלטרן אויך דעם (זכות) פון דיא צוועלף (שבטים) אונ אויך זאלשט אונז לאזן גניסן דעם (זכות) פון די (עניים) אונ (אביונים) דיא טוען שיער האפן אויף דיינר הילף טאג אונ נאכט. דוא ליבר הער גאט אלש מיר זאלן אויך גניסן דעם (זכות) וואש מיר האבן (מקבל) גוועזן דיא ליבע (תורה) אונ אויך לאז אונז גניסן דש דיין פאלק (ישראל) האלטן (תרי"ג מצות) וואש דו ליבר הער גאט האשט צו אונז געבאטן. אונ גדיינק אויף אונז דיא (תפלה) וואש מיר צוא דיר טוען אלי טאג מיט הייסע טרערין. דו בישט יוא דר גאט דער דא טוט דעם מענשן אייטל (חסד) אונ (רחמים) אונ דר דא איז (משגיח) אויף אלע דיא לייט דר זאל זיך איבר מיר אויך דער בארמן גלייך אלש ער האט זיך דר בארמט איבר (אדם הראשון). דוא ליבר הער גאט דו זאלשט מיך בענטשן מיט אלי (ברכות) פון דער וועלט. (רבונו של עולם) דוא זאלשט אויך פון אונז אן נעמן אלש וואש מיר טוען זאגן אלי אבינט אונ מארגן (שמע ישראל) מיר וויינן אונ שרייען צו דיר. דרום מיין פאטר אונ מיין הער ענטפר מיר צו מיינע ביטן אונ היט מיך פר די פולבר מיינע פיינט וואש זייא ווילן זעהן אן מיר דש זאל איך זעהן אן זייא אונ קיינר פון אלי מייני פיינד זאל מיך קענ (מזיק) זיין אדר מיין מאן אונ מייני קינדר. אונ לאז מיך (ח"ו) פר זיי ניט פר שעמט ווערן. אונ פר שטער זייערי (מחשבות רעות) פון די וואש ווילן (ח"ו) שלעכט טאן מיר אדר מיין מאן אדר מייני קינדר. ליבר הער גאט דיא זיבן לויב וואש מיר דא טוען צוא דיר זאל בייא דיר אן גנומן זיין גלייך וויא עס זעלטן האבן גטאן צו דיר דיא גרויסי (צדיקים אמן) :

רבש"ע מיר טרויערן אלש מיר האבן גזינדיגט דוא בישט דער גאט דער דא איז (יודע מחשבות) אונ (יודע כל הנסתרות). אלש איך האב גרויש (חרטה) אויף מייני זינד וואש איך האב גטאן. דוא ליבר הער גאט איך שעם מיך פון פר דיר מיט מיין טרויאריגן הארץ אלש דו זאלשט מיט מיר טאן (חסד) אויף מייני זינד וואש איך האב גטאן אונ טוא מיך ניט אזוי באלד שטראפן אויף מייני בייזי (מעשים). אונ לאז מיך פריער דרויף (תשובה) טאן: אבר דוא גאט דוא בישט איין (רופא חנם) דו ווייסט דאך וואש דער מענטש פאר איין (רפואות) ער בדארף האבן. דרום דו ליבר הער גאט טוא איך דיך בעטן אז דו זאלשט מיט מיר אום גיין מיט אייטל דר בארמיקייט אונ ניט (ח"ו) מיט דעם (מדת הדין) אונ פון אלי די (מקטרגים) זאל קיינר קיין מאכט האבן צוא מיר אלש ער זאל קענן אויף מיר (מקטרג) זיין נאר דוא ליבר גאט זאלשט מיין (מליץ יושר) זיין דר ווייל דו בישט איין פאטר צו אונז וויא עס שטייט גשריבן (כרחם אב על בנים) דר זאל באלד איין (רפואה) צוא מיר שיקן אויף מיינע זינד וואש איך האב גיטאן : (רבש"ע) לאז מיך זאל (זוכה) זיין צוא קומן (לעולם הבא) אונ לאז מיך דער פון קיין (עונש) ליידן פון אנדרי לייב מער די דא האבן גזינדיגט . דען דו ליבר גאט איך טוא דש (ערבות) אלי

טאג

סחג חס זחגן חוט חיך (ח"ו) זחל ניט ליידן וואס איין חכדערר החט גזינדיגט . וויח חויך דו ליבר הער גחט החטט גטריבן חין דר הייליגי (תורה) חז זיך דר מענטט זחל נחר העלפן חזוי וועטטו חיך זייני זינד (מוחל) זיין כון דו ליבר גחט בחיי דיר חיז חייטל (מטפט חמת) כון ליבר הער גחט וואחרוס זחל חיך זיין חיין (ערב) לו די לייט וואט החבן גזינדיגט דרום דו ליבר הער גחט כעמ חן פון מיר דחס חס זחגן דער מיט חוט חיך וויל קיין (עונט) פון חירנט וועגן ליידן (ח"ו) חויך דר וועלט חויך כיט חויך יענר וועלט : (רבט"ע) דוח וייטט גוט חוט חיך החב מיט מיר לוח טחן דער מיט חוט חיך זחל קענן דיין חיינליגן נחמן חזוי חיין גחט גלויבט חיזער . דרום דוח ליבר הער גחט חיך בעט דיך נחך חיין מחל עט זחל חן מיר קיין זינד פון לייטן חכטגעלטן (חמן) :

נב חיין טייני מעלטיגי (תחנה) זחל מען חלע טחג (מתפלל) זיין חויף (פרנסה) ווער דח חיז חיין (בעל משא ומתן) · בפרט חין חיין טחג ווען מען חיין (תענית) החט חויך חום (ערב ר"ח) חיז (יו"כ קטן) זחל מען פטיטח דיח (תפלה בכוונה מתפלל) זיין :

אנא החל) חיך בעט דיך גחט חלמחלטיגר גחט דוח טוטט חן ברייטן (פרנסה) לוח חן די בטעפניט חין דר גחנלי וועלט חונ טוטט בטערן קליידר חל דיח בטעפניט חין דר וועלט פון חל דיח מענטטן חויך טוטטו לוח טיקן חונ בטערן זייער דער נערונג חיך בעט דיך חלמחלטיגר חונ דר בחרמהערליגר פחטר קיניג דוח זחלטט חונז געבן חונזר דער נערונג חונ חונזר (מחיה בטופי) גחנל גרינג דט דו זחלטט חונז טפייזן חונ דער נערן מיך חונ מיין גחנלי הויז גזינד חונ חלי מענטטן מיט חיין גוטי (פרנסה) . חיין (פרנסה בכבוד) . חיין (פרנסה) וואט זחל זיין מיט פרייד חונ כיט (חליל"ה) מיט (לער) . מיט (היתר) חונ כיט מיט (חיסור) . חיין (פרנסה) וואט זחל זיין מיט (כבוד) חונ כיט מיט (בזיון) חויך כיט מיט פר טעמונג . חיין (פרנסה) דט מיר זחלן כיט דחרפן קיין טיינקונג חדר לייחונג פון חיין (בטר ודם) . נחר מיר זחלן חלי לייט גטפייזט ווערן פון דיין פולע החנט חונ גטרייע מילדי החנט . חיין (פרנסה) דט מיר זחלן דר בייח דיך קענן דינן חונ החלטן דיין הייליגי (תורה ומצות) דיח הייליגי . חונ חונזר (פרנסה) זחל זיין חיין זויברע (פרנסה) חונ דוח זחלטט מיר בטערן מיין טפייז מיט מיין הויזגזינד חונ חלע חונזרע בדערפנט חין דער לייט ווען מיר בדחרפן . דער וואחרטן דט חונזר החרץ זחל חונז קלחר זיין פון חלע (טרדות) חין דיח גחנלע וועלט דרום דחט מיר זחלן קענן לערנן דיין הייליגי (תוריה) חונ זחלן קענן (מקיים) זיין חונ החלטן דייכע (מצות) . חונ מיר זחלן (זוכה) זיין לו זינן בייח חונזר סיט מיט פרייד חונ מיט גטטילטן החרלן מיט כבוד מיט חלי חונזרי הויז גזינד חונ זחל כיט בדחרפן לו החפן חדר גדינן ווערן חיך חדר חלי דיח מייני (חליל"ה) חיבר פרעמדי טיטן לו קומן . חונ מיר זחלן כיט בדחרפן חונטר טעניג זיין חלי טחג חונזר לעבן לו קיין מענטטן . חונ נזיר זחלן חונזר לעבנט טחג חויף חונז כיט החבן קיין יחך פון קיין מענטטן כייערט חייביג זחל זיין חויף חונז דר יחך פון דיין הייליגי קיניגרייך לו דינן דיך חלי לייט מיטן גחנלן החרלן . חונ חונזרי קליידר זחלן זיין חייטל (בגדי כבוד) מיט פריידן חייטל ערליכע חונ ווירדיגי קליידר חונ כיט מיט פחר טעמטן (פנים) · חונ זחלטט חונז בהיטן חונ בטירמן פר חרמקייט חונ פר נויט בדערפנט חונ פר (דלות) חונ פר (טפלות) חונ חיך זחל (זוכה) זיין (חורחים) בייח חונזר טיט לוח החלטן · חונ מיר זחלן קענן (גומל חסד) זיין מיט חיטליכט מענטטן ווער חן חונז פחר לחגן טוט . חונ זחלטט חונז בטערן געלט דט מיר זחלן לדקה געבן זעלבי לייט די דח זיינן רחוי לדקה לוח נעמן חונ דוח זחלטט

אונז ניט שיקן זעלכי לייט די דא ניט ראוי צדקה צו נעמן דש וויין צדקה ניט אן גלייגט איז אן זייא · דו ליבר הימלישר פאטר מיר דאנקן דיר דאס דו אונז פון מוטר לייב אן ביז אן דעם הייניגן טאג דער צויגן האסט אונ דער נערט האסט אונ האסט אונז גשפייזט אונ אלס גוטש גטאן · אזוי בעטן מיר דיך דאס דוא אונז ווייטר זאלסט געבן איין פרייליך הארץ מיט שלום אונ מיט געזונד. אונ לאז דיין הייליגע שכינה לייכטן אויף אונז גלויבט ביסטו גאט אויף דעם הימל אונ אויף דר ערד דען אלס איז דיינע אונ אלס איז אין דיין הענט אונ מאכט. אויך דורך דיין גרויסי גנאד אונ בארמהרציקייט ווען מיר אלי די צרות דער האלטן . אונ פון דיינר הענט האבן מיר אלע טאג גנאד אונ בארמיקייט . איך בעט דיך דו זאלסט אונז געבן נאך דיינם ליבן ווילן עסין אונ טרינקן אונ קליידונג מיט כבוד · דען דו ווייסט דש מיר אויך דער וועלט אהני דש ניט קענן לעבן · מיר זעלבט אהני דייני גינאד אונ ווילן ניט ער ווערבן זונדרן דו דיין מילדע גטרייע הענט אויף טוסט . אונ לאזט אלס וואקסן דער פון ווערן מיר גנעטיגט אונ אלס וואס דא לעבט :

אל שדי אלמעכטיגר גאט העלף מיר דש מיר זאלן דר קענן דיין גרויס גנאד . אונ מיר זאלן דר קענן דיין ווירדיגן נאמן· אונ דש מיר אונזרי הערצר ניט מעכטן בשווערן מיט (תאוות הגוף) אונ מיט איברגי זארג פון (משא ומתן) דאס מיר ניט זאלן נאך געלט אונ גוטס טראכטן אונ מעכטן דעם (שטן) אין זיין נעץ ניט זיין גפאנגן אונ גיב אונז (חסד) דש מיר פון אלי זארג אונז איבר לייגן זאלן אונ ווענדן אויף דיין הייליגן נאמן זאלן זיך לאזן פאר גניגן (לחם חוקי) אונ מיר זאלן אונזר (פרנסה מקבל) זיין פון דיין הייליגע מילדע הענט . אונ מיר זאלן זיך אלי צייט בנוגן לאזן מיט וואס דוא אונז בשערן ווערסט · דען עס איז קיין בעסרי רייכקייט אלס איין מענטש בנוגיגט זיך מיט וואס דוא איבר גאט איז בשערסט . אונ מיט דעם זעלבגן זיך (משמח) צו זיין · אונ דו זאלסט אמאל גדייכן אן דיינם פאר ווסטן (בית המקדש) דאס עס זאל באלד אויף גריכט ווערן אין אונזרי טעג אונ דש מיר זיך אין דיינר גטליכי הייליג מעכטן רעכט דר פרייען . דען מיר האבן קיין האפונג, אונ הילף אלס אויף דיר גאט אליין וועלכר אלי צייט אין דער גרויסי נויט טוט העלפן · אונ דש האפן מיר דש דו אלמעכטיגר גאט ווערסט אונז ווייטר ניט פאר לאזן אונ אלי צייט העלפן ווען מיר דיך אן רופן צו גוטן (אמן) :

נג די (תחנה) זאל איין פרויא זאגן ווען איר מאן איז ניט אין דער היים :

שדי אלמעכטיגר גאט אונ בארמהרציגר פאטר דו ביסט פון אייביגן הער דוא האסט קיין ענד . דיא וועלט האסטו בשאפן אונ גגרונד פעסטיגט אליין דען עס איז קיין אנדרר גאט אז דו אליין אונ עס איז קיין בשעפר מער אן דיר דיין שטארקי קראפט אונ מאכט אונ ערליכקייט צו דר צייל בין איך פיל צו שוואך אונ צו גרינג. אונ ווען גלייך אלי וואסר ווערן טינט אונ אלי לייט ווערן שרייבר אזוי קאנן זייא ניט פולענדן איין (חלק) פון צעהן טויזנט דייני אפרקייט די וועלט האסטו בשאפן פון ניכטש אונ דיא דא פר הויזן זיין אונ די הימלשי הער ווי זיי פר שטייען צו דינן אונ (שירה) צו זאגן אויף אויף דר ערד פון אייר האנט קרייטר אין (ים) אונ אויף דער (יבשה) אונ דער (מדבר) אונ אין דער ווילדניש צוויטן דיא בערג פעלזן אונ שטיין קליפפן אונ ווא זייא זיך דער האלטן אין אירי נערונג צו האבן אונ דעם מענשן האסטו אויס דער ווילט פון אלי בשעפנס אונ (ישראל) האסטו אויס דר ווילט פר צייטן פון צווישן זיבציג היידן אונ האסט זייא גנומן אין דיין (גורל) אונ פון וועגן אלט רוא זיי גליבט האסט מער אז דיא אלי היידן האסטו זייא געבן

דיא

דיא (תורת אמת) מיט װעלכי דו דיך דער מייאט האסט איי דוא די װעלט האסט בשאפן
אונ' האסט אויס גשפראכן װען מיר װעלן פרום זיין זאלן קיין-מאל דיא היידן אן אונז ניט
גװעלטיגן אונ' האסט זייא גבראכט אין איין לאנד דאס מילך אונ' האניק פליסט אונ'
האסט דער שלאגן איין אונ' דרייסיג (מלכים) פון דיא (שבעה אומות) אונ' האסט
אויך גשטעלט (מלכים) אונ' (שרים) פון (ישראל) אונ' האסט זייא גלאזן בויאן איין (בית
המקדש) אונ' איין הויז צוא רואונג דייגר (שכינה) אונ' האסט גטאן פיל (נסים) אונ' (נפלאות)
צוא (ישראל) . אבר נאך דעם אז מיר האבן גזינדיגט צוא דיר אונ' האבן ניט גיװעלט פאלגן
צו דייני (שלוחים) אונ' (נביאים) די דו האסט גשיקט צוא אונז (התראה) צוא טאן דרום
האסטו דס (בית המקדש חרוב) גמאכט אונ' האסט אונז צו שפרייט אונטר די הייךן פון
איין עק װעלט צו דר אנדרר עק װעלט . אונ' מיר האבן (בעונותינו הרבים) קיין (בה"מ)
מער אלס מיר קענן (קרבנות) ברייגגן אויף אונז (מכפר) צוא זיין מיר האבן אויך קיין
איגגן לאנד אונ' קיין פעלדר אונ' קיין װיין גארטן אונ' אונזר (פרנסה) איז זייער טװער
גייערט דוא בישט אונזר פאטר אונזר קיניג אונזר בשעפר אונזר שפייזר אונ' אונזר דער
לייזר אונ' דו האסט אונז צו גזאגט אויב מיר װערן טון פאר טפרייס זיין צװישן דיא היידן
װילטו דאך דיין האנט איבר אונז האלטן דס מיר זאלן ניט פר לענם אונ' צו שאנדן גמאכט
װערן . דרום בעט איך דיך ליבר גאט בארמהרציגר פאטר הער צוא די שטים פון דייגר
מייד אונ' נייג דייני אויערן צו די שטים די דא גנעהנט צוא פר דיר מיט צו ברכן גאוים
מיט ציטרניש מיט דעמוטיקייט מיט איין גבוקטן לייב דו זאלשט אונז געבן אונזר (פרנסה
בכבוד) פון דייגר מילדי האנט אונ' לאז אונז ניט בדארפן צו איין גאב פון איין (בשר ודם)
דען איר גאב (ח"ו) איז קליין אונ' דיא פאר שמעהונג איז גרויס אונ' בהיט מיין מאן
פר אלי בייזי בגעגינש עס זיי צו װאסר אדר צוא לאנד ער מאג רייטן אדר פארן זיצן אדר
ליגן אדר שטיין שלאפן אדר װאכן ביי גרויש אדר קליין מיט (חברותה) אדר אליין אין די
הארבריג אונטר װעגן זיי אים (מציל) פר בייזי (חברותה) פר (גזלנים) פר (רצחנים) פר
(גנבים) פר (חיות רעות) פר בייזי (טעות) פר (שדים) פאר אלי פיגונג דר לייט פאר
(כלי זיין) אונ' פר פייאר פאר בייזי גװיטר אונ' אום גהייער פאר זייני פיינד אונ' אלי דיא
זעלביגי דיא אים װעלן בייז טאן פאר שטאפ אירי זינן ברעך אירי גדאנקן בטריב אירי
גמיטר דער טרעק אירי הערצר פאר פינצטר אירי אויגן מאך קריאן אירי פיס טיק איין
פארבס אנגשט אונ' ציטרניש אין אלי אירי גלידר שלאג (כלי זיין) אויס אירי רעכטי אונ'
לינקי האנט אונ' מאך זיי פאלן צוא דער ערדן אונ' צוא מיין מאן זאלשטו געבן איבר זיגונג
זייני גדאנקן אונ' איין פריש גמיט קראפט אונ' מאכט גנאד אונ' בארמהרציקייט אין דייגע
אויגן אונ' אין לייטנס אויגן אונ' גיב אים (מזל אונ' ברכה והצלחה) בגליק אלי זייני װעגן
אונ' שטעגן זיין אויס גאנג זאל זיין מיט פריידן זיין אן קומן זאל זיין מיט גזונד אונ' מיט
פריידן אונ' דאס ער זאל (זוכה) זיין אהיים צוא קומן אין זיין הויז װידר מיט לייבטרונג
מיט בגליקונג מיט גזונד מיט פיל גוטי פר ריכטונג מיט הייל װאול גמוטן הארצן . אונ'
װייל ער ניט דער היים איז זאלטטו מיך לאזן (בשורות טובות) פון אים הערן אונ' ער פון
מיר אונ' פון זייני קינדר אז מיר זאלן גזונד בלייבן אונ' זאלשט אונז היטן פר אל דאס ביי
גייערט דר פריי אונז אונ' אונזרי קינדר אלי צייט אונ' אלי אוגנבליק אונ' מיט אלי די זעלביגי די
דא טרויארין אונ' האפן אויף דיין איינציגן הייליגן גיבענשטן נאמן אונ' איך זאל גפינן דער
בארמהרציקייט אונ' (חן אונ' חסד) אין דייני אויגן אונ' אין מיין מאנס אויגן דס ער זאל
מיט

מיט מיר ניט לערנן . נייארט מיר זאלן לעבן מיט אנדר מיט פרייד מיט פרידיקייט מיט
גיזונד מיט בעשטונג מיט דר מייאונג אונזרי קינדר דער ציהן צו (תורה) אונ צו (מעשים
טובים) אונ מיר זאלן (זוכה) זיין גרויסע (שמחה) צו זעהן אן זייא אונ אן אירע קינדר
אונ קינדס קינדר אונ מיר זאלן (זוכה) זיין דש דו זאלשט שיקן (משיח בן דוד) דיין געזאלבטן
מאן אין אונזרי טעג אונ זאל אונז דר לייזן (ישראל אמן) : דש זיי וואר אונ ווערן וואר עס
זאל זיין בוויליגט צו פר דיר מיין בעטער אונ מיין העלפר מיין שפייזר דר לייזר (אמן סלה):

נד די טייטש (תחנה) זאל מען (מתפלל) זיין אלי (שלש רגלים פסח שבועות סוכות) .
ווען מען אויס הויבט זאל מען צום ערשטן זאגן (בכוונה) דיא (שלש עשרה מדות)
דרייא מאל נאך דעם זאל מען זאגן ווייטר :

יי יי אל רחום וחנון ארך אפים ורב חסד ואמת נוצר חסד לאלפים נושא עון ופשע
וחטאה ונקה :

רבש״ע דו העער פון דר גאנצר וועלט עס זאל זיין דר ווילן צו פר דיר דאס דו זאלשט
דר פילן אלי די אן הייסונג מיין הארץ צו גוטן אונ בעשטונג אונ דו זאלשט
מאכן אויס ציהן אלי מיין ווילן אונ דו זאלשט מיר געבן אלי מייני בגער צו גוטן אונ זאלשט
(מזכה) זיין מיך (פלונית בת פלונית) אונ אלי מייני הויז געזינד צו טאן דיין ווילן מיטן
גאנצן הארצן אונ זאלשט אונז מאכן אנטרינן פון דעם (יצר הרע) . אונ דוא זאלשט אונז
געבן אונזר (חלק) אין דיין ליבע (תורה) אונ (מצות) אונ (מעשים טובים) . דער מיט
דוא זאלשט מאכן דיין הייליגע (שכינה) אויף אונז רוען אונ דו זאלשט אונז טרייסטן אונ
בדעקין אונז מיט דעם (שטן) פון דיינר הייליגר (שכינה) אונ דוא זאלשט מיך (מזכה)
זיין דש מייני קינדר זאלן זיין געבענטש מיט (חכמה) אונ (בינה) אונ פר שטאנדיקייט אונ
פון שטארקייט · אונ די (נבואה) פון (דעת) אונ (יראת יי) ווישן שאפט דיא (תורה) אונ
(מצות) אונ געטע פארבט . אונ דרום זאל זיין דר ווילן צו פאר דיר גאט מיין גאט אונ
גאט פון מייני עלטרן דש דו זאלשט מיך (מזכה) זיין צו טאן (מעשים טובים) אין דייני
אויגן אונ צו גיין פר דיר אונ דו זאלשט אונז הייליגן דר ווארטן מיר זאלן (זוכה) זיין (לחיי
עולם הבא) · אונ צו אלנג לעבן אונ צו אין גוט לעבן · אונ דוא זאלשט מיך היטן פר אלי
(מעשים רעים) אונ פון דעם (יצר הרע) אונ פון הויך האפרדיגי מוגר אונ פון אלי בייזי
טעג אונ פון אלי בייזי (סבות) דיא דא שטורמן אונ פלעגן אויף דר וועלט צו קומן דען איך
פאר זיכר מיך אן דיר גאט . אונ ווער זיך פאר זיכרט אן דיר גאט איז פאר זיכרט אונ
ווערט אים אייטל (חסד) אום גרינגלט (אמן סלה) :

ג״פ ואני תפלתי לך יי עת רצון אלהים ברב חסדך ענני באמת ישעך :

בריך (שמיה) געלויבט זאל זיין דר נאמן פון דעם העררן פון דר גאנצר וועלט דיין ווילן
זאל זיין מיט דיין פאלק (ישראל) צו אייביג אונ דוא זאלשט אנטפאנגן אונזר
(תפלה) מיט דער בארמונג אונ עס זאל זיין דר ווילן צו פר דיר גאט אז דו זאלשט דער
לענגרן אונזר לעבן אין אייטל גוטס אונ איך זאל געצילט ווערן אונטר דיא (צדיקים) אונ
(צדקניות) פון (ישראל) דו זאלשט דיר דר בארמן איבר מיר אונ זאלשט מיך היטן אונ אלי
די מייניגן אונ אלי מענטשן דו בישט גאט דער דא שפייזט אלי : דו בישט גאט דער דא
געוועלטיגט איבר אלי קיניגרייך אונ דש קיניגרייך איז דיין אונ איך דיין מייד פר דיר טוא
איך נייגן אונ בוקן אונ איך פאר לאז מיך אויף קיין מענטשן ניט אויף קיין (מלאך)
נייארט אויף דיר גאט אליין טוא איך מיך פר לאזן דר איז אין אויבערשטן הימל דוא בישט
אין

אין ווארהאפטיגר גאט דר פיל גוטס טוט צו אלי בשעפניס אונ צו דיין הייליגן נאמן איך
אג לויבונג אונ דאנק זאגונג דאש עס זאל זיין דר ווילן צו פר דיר דש דוא זאלשט דער פילן
אונזר בגער אונ אן הייטונג צו גוטן אונ צו לאנג לעבן אונ גזונד (אמן סלה) :

ה די (תחנה) זאגט מען אום (עשרה בטבת) :

בשעפר פון אלי דער וועלט דוא ביסט גאנץ אין דיין ווערקן דוא שטראפשט דיא דייניגן מים גוטהייט אונ מיט גנאד אונזר עלטרן האבן ווידר געשפעניגט
אונ האבן ווידר דיר גיטאן אונ דו האשט צו זיי געשיקט דייני קינדר די (נביאים) דאש זיא
אונטר ווייזן אונ האבן ווען פירן דעם רעכטן וועג צו דינן דיר אונ צוא האלטן דיין געבאט
אונ דיין (תורה) אונ זיי האבן ניט געהערט צוא אינן אונ האבן אויש געשפאט אונ האבן
ניט וועלן גלויבן איר ווארט אונ האבן גרויש איבר מוט געטריבן אונ האבן דער
צאריכט דיין הייליגן נאמן אונ דיין הייליגר נאמן איז צאנגום צוא דר צערנן אונ האשט דיך
אויך געהאלטן צו פר געלטן איר בייזהייט ביז אויף דעם היינטיגן טאג האשטו געשיקט דיין
שטארקי האנט אונ האשט זיא געשלאגן אן דעם טאג דרייא ביטרי שלעק אונ האשט איין
(טר) איין אום דער בארנויגר מיט פיל פאלק געשיקט אונ האבן בלעגערט דיא שטאט
(ירושלים) דיא דא איז געוועזן איין קרוין פון דיא גאנצע וועלט אונ דיין הייליגר נאמן האט
גרואט דריקן אונ פון איר זיינן אויך גיגאנגן די (תפלה) פון דיין קינדר (ישראל) אונ האשט
אנגפאנגן דיא (קרבנות) אונ פון דאש (קטורת) איז אויך גיגאנגן איין געשמאק איין
ענטפעטיקייט אונ דר פיינט האט בלוואונגן זיי מיט גרויסן גדראנג הונגר אונ אין קאמר
זיינן זיי געוועזן פאר טאטן אין גרויסן נויט אזו האבן זיא געשריאן צו דיר אונ דוא האשט
זיא ניט וועלן דר הערן אונ האשט צוא געשטאפט אלי לעבר אונטר דעם שטול דיינר עהר
ווארו דיא (תפלות) פון (צדיקים) פלעגן צו גרייכן פר דיינר הייליקייט אונ
איר געשריי האט ניט גיקענט קומן אין די שטאט אונ איז פר צוקט געווארן דורך די הינדרר
די דא ווארטן אויף די (תפלות) צו הינדרן זיי אזוי האבר גאט מיין גאט מיר פאסטן היינט
אונ פייניגן אונזר לייב אונ געדענקן דעם גרויסן פאל דער דא איז געשען אונזרי עלטרן
אונ אונז דאש מיר נאך אויף דעם היינטיגן טאג ניט קאנן צוא קראפט קומן דאש מיר
צעלטן בקומן וואש מיר האבן פר לארן. דרום נעם אונזר פיין אונ שטראף אונ
אנטפאנג מיין גיבעט אונ הער מיין געשרייא אונ העלף ווידר דיין פאלק (ישראל) אונ
גדיינק די פר זיכרונג די דו האשט פר זיכרט אן אונזרי עלטרן (אברהם יצחק ויעקב) אז
אירי קינדר זאלן זיין געהאלפן איין היילף אייביגי אונ ווילשט דיך דר בארמן איבר אונז אז
איין פאטר איבר זייני קינדר פר קער די לייד צו פרייד היינט דעם טאג אלז דו האשט
אונז לאזן זאגן דורך דעם (נביא) דער צעהנטר (חודש טבת) זאל זיין צוא דיין פאלק צוא
איין פרייד אונ צו לוסט דאש זייא ווארר אין געטס נאמן (אמן) :

די (תחנה) זאגט מען אן (תענית אסתר) מיט גרויש (כוונה) :

אייניגר גאט דוא זיצט אין דיא הייך אונ ווארטסט אויף דיא (תפלה) פון דייני קינדר (ישראל) אונ דוא הערשט זייא פון טיפנש אירנט הארצן אונ בשירמסט
זיי פר אלי ליידיגר אלז די צייט וואש עס זיינן אויף געשטאנן ליידיגר צוא בשווערן אונ צוא
בליידיגן דיא קינדר (ישראל) אונ דיא זעלביגי ליידיגר זיינן קעסטליך אונ הויך געזעסן בייא
(מלך אחשורוש) ווארו דיינע קינדר זיינן אונטר אים געוועזן דא האט דער (מלך) דעם
זעלביגן

זעלביגן (המן) אבער ענטפערט דייני קינדר (ישראל) צוא טאן מיט זיי נאך זיינן וואול גפאלן אום צו ברייגן איר געלט צוא רויבן אין אלי זיין קיניגרייך אונ דער קיניג האט גטאן צוא גביטן אזוי ווייט אז די וועלט איז אונ צו פר טיליגן די גאנצע יודישקייט דש זייא ניאר זאלן ווערן גידאכט אזוי האבן זייא אלי צוא מאל גווייניט אונ איר הארן האט גיפלנט צוא דיין הייליגן נאמן אונ האבן (חרטה) גיהאט אויף איר זינד אונ האב גקליידט זעק אונ אש אויף איר קעפ גשאטן אונ הא־בן גפייניגט איר לייב מיט הונגר אונ דארשט דא האבן זיך דער באראמט אלי די ענגיל אין דיינע טויערן אונ האבן גשריען איין ביטרי גשרייא דא האט עס גהערט די הייליגי (תורה) אונ האט אן גקליידט קלאג קליידר אונ גווייניט איר הענט איבערן קאפף אונ האט גשריען אונ האט גווייניט דאש האט גיהערט דער הייליגר מאן (אליהו הנביא) אונ האט אן גגורט איין לענדן גארטל אן זייני לענדן אונ איז בהענד גיאפן צו אונזרי עלטרן (אברהם יצחק ויעקב משה) אונ (אהרן) אונ האט זייא לאזן וויסן די ביטרי (גזירה) די דא איז גבאטן אויף אלי (יהודים) אין גאנצן קיניגרייך (אחשורוש) · אונ (מרדכי) האט גבאטן אויף אלע די (יהודים) ווייבר אונ קינדר זייא זאלן פאסטן דריי טעג אונ דריי נעכט אונ זאלן אלע מיט אננדר בעטן אויף אמאל טרייען איין גשרייא איין ביטערע פאר דיין הייליגן נאמן אזו האסטו דיך דער באראמט אונ האסט זיי בשירמט פון הענט אירע פיינד אונ האסט זיי מאכן פאלן אין דיא גריבר דאש זיי האבן גגראבן : אונ (המן) דעם בייזן מאן מיט זיינע קינדר לאזן הייגן אן דעם בוים דש ער האט אן גגרייט צו לאזן הייגן דרויף דעם (צדיק מרדכי) אונ זיין הויז גאנץ האסטו גגעבן צוא (אסתר) · הער פון אלי וועלט מיר פייניגן זיך אלע מאל אונזר לייב אום ווילן אונזר זינד דוא זאלסט אונז פר געבן אונ זאיי נים גדיינקן אונ גיב אונז (כל ישראל) פרייד אז דו האסט דר פרייט די קינדר (ישראל) אין טעגן (מרדכי) אונ (אסתר) אונ (כל ישראל) זאלן פרייליך זיין (פורים) צו מאכן אלי צייט דאש וואר אין גאט נאמן (אמן) :

נז די (תחנה) זאגט מען (ערב ראש חודש סיון) :

אתה דוא ביסט גאט אונזר גאט דש דו דעם (עולם) האסט בשאפן אונ ביסט אונזר גאט פון זעלביג מאל אן איי דוא דעם (עולם) האסט בשאפן אונ פון (עולם) ביז ווידר צום (עולם) ביסטו גאט אונ האסט בשאפן דעם (עולם) צו מאכן דר קענן דיין געטליכקייט דורך דיין הייליגי (תורה) אונ האסט זייא גיגעבן דיין הייליגע (תורה) האסט זייא גנעהנט צוא דיין גרויש הייליגן נאמן אונ אויך אז דער עולם זאל איין (קיום) האבן אונ דיא (תורה) איז אונז פון דיר גאט גקומן · צווי גבאט האסטו געשריבן פרובבארט אונ מערט איך . אונ האסט געשריבן אז איר זאלט לערנן אייערע קינדר דיא צווי גבאט אין איין (כוונה) דאש ניט צוא לעהר האסטו דעם (עולם) בשאפן נייערט דיר צו איין עהר האסטו אים בשאפן דער דורך זאלן מיר זיין אין אונזר מויל גיין אלי דיין פאלק (ישראל) אלי צו וויסן דיין נאמן אונ לערנן דיין (תורה לשמה) אונ אזוי קום איך צו דיר גאט קיניג איבר אלי קיניגן אונ לאז פאלן מיין גיבעט אונ מייני אויגן צו דיר אז דוא זאלסט מיך לייס זעליגן אונ הערן מיין (תפלה) אונ מיר געבן זין אונ טעכטר אונ דוא זאלסט פרובבארן אונ מערן זייא אונ אירי קינדר אונ קינדס קינדר ביז צום ענד אלי גבירד צו איין (תכלית) אונ אלי צוא זאגן זאלן (עוסק) זיין אין דיא הייליגי (תורה) צוא לערנן אונ מיט אנדרי צו לערנן צוא היטן אונ צו טאן אונ (מקיים) צוא זיין אלי די רייד פון דיין (תורה) מיט ליבשאפט אונ צו לייכטן אונזרי אויגן אין דיין (תורה) אונ טוא בהעפטן

אונזר

אונזר הארץ אין דיין גבאט ליב צו האבן אונ צו פארססן דיין נאמן אונזר פאטר . פאטר דער בארמיגר גיב אונז אלי לאנג לעבן אונ גבענטשטי יאר ווער דיין גלויבן האלט . פאטר דר בארמיגר גדיינק דיין בשעפניש צו לעבן מיט דער בארמיקייט גדיינק אונז צוא אייביג לעבן וויא ער האט גבעטן אונזר פאטר (אברהם) ווער וואלט אז מיין זון לעבט אין דיין פארכט . דרום אזוי בין איך גקומן צו בעטן פון פר דיר עש זאל פון מיין זרע ביז אייביג קיין (פסול) אדר קיין מום האבן ניימרט פרומי אונ גוטי אונ רעכט פארטיגי אין גאנ[illegible] אויגן אונ אין מענשנס אויגן אונ זיי זאלן זיין הייליג אין דר (תורה) עש זיי אין (משנה) עש זיי אין (גמרא) עש זיי אין (סודות) עש זיי אין (מצות גמול חסד) צו זיין עש זיי אין הויכי (מדות) זיי זאלן דינן דיר מיט ליבשאפט אונ גיב צו אישליכן גוף פון זייא וואש מאנגלט אונ גיב זיי געזונד אונ קראפט אונ גיב זיי (חן וחסד) אונ זאל זיין צו וויסן זייא ליבשאפט אונ פריינד שאפט אונ זאלטש זיי צו שיקן גוטי (שידוכים) פון (זרע תלמידי חכמים) פון (זרע צדיקים) אונ זאל אויך אין גלייכן האבן אז דא איך אויך זייא גבעטן האב דורא גאט ווייסט אלי פר בארגני זאכן פר דיר אנטפלעק איך אלי מייני פאר בארגני זאכן פאר מיין הערן דש איך האב מיך גפליסן אונ דש אלט פון וועגן דיין גרויסן הייליגן נאמן אונ ווילן דיין הייליגי (תורה) . דרום אזוי ענטפער מיר פון וועגן דיא הייליגי (אבות אברהם יצחק ויעקב) אונ פון וועגן זיי זאלטשו העלפן די קינדר (ישראל) אונ זיי זאלן זיין גלייך דיא צווייג אז דיא ווארצל אונ וועגן דיין קנעכט (דוד) וואש האט גזונגן דאש :

שיר המעלות אשרי כל ירא יי ההולך בדרכיו : יגיע כפיך כי תאכל אשריך וטוב לך : אשתך כגפן פוריה בירכתי ביתך : בניך כשתילי זיתים סביב לשולחנך : הנה כי כן יבורך גבר ירא יי : יברכך יי מציון וראה בטוב ירושלים כל ימי חייך : וראה בנים לבניך שלום על ישראל : ואני זאת בריתי אותם אמר יי רוחי אשר עליך ודברי אשר שמתי בפיך לא ימושו מפיך ומפי זרעך ומפי זרע זרעך אמר יי מעתה ועד עולם : יהיו לרצון אמרי פי והגיון לבי לפניך יי צורי וגואלי אמן סלה :

נח דיא (תחנה) זאגט מען (שבעה עשר בתמוז) מיט גרויש (כוונה) :

לעבדיגר גאט דו ביסט דר אור שפרונג פון אייניג לעבן אונ האשט די וועלט דר לייכט פון דיינם ליכט אונ דוא האשט אונז געגעבן דיא הייליגי (תורה) די איז אייטל ליכט אונ איירי (מצות) די צייגען דר לייכטן אונ דר לייכטן דייני קינדר איירי אויגן אויך אונזרי עלטרן אין דער (מדבר) דיא דו האשט אויש גצויגן פון (מצרים) ווארן אירי אויגן פר פינשטרט אונ האבן גמאכט דעם (עגל) דר מיט האבן זייא גטאן ווידר דיר אונ דרום האט דר הייליגר (משה רבינו) צו בראכן די (לוחות) דיא הייליגי דיא דא זיינן גשריבן גוועזן מיט דעם פינגר פון גאט הייינט אן דעם טאג . דער נאך אין (ארץ ישראל) האבן אירי קינדר ווידר גשפעניגט אונ איבר אישטגרייפט פון וועגן גרויש וואול טאג אויך איבר פיל וואש אונ האבן דער צערנט דיך האשטו גשיקט אויף זייא אירי פיינד דיא דא האבן דיא שטאט (ירושלים) גשפאלטן אונ גבראכן אונ האבן גטאן אום ווירדיקייט אין דש הויז דש דיין (שכינה) האט דארטן גרואט: אונ די רייניקייט פר שמעכט אונ פר ניכט. אונ האבן אזו גנומן פון דייני קינדר אלי אירי צירונג . אונ אן שטאט דש מען האט אברינגט אונ מארגן (קרבנות) גבראכט דא האבן זייא גישלאכטן יונגע צייגנדיגע קינדר : גאט מיין קיניג איבר אלי קיניגן דר בארם דיך איבר דיין פאלק (ישראל) . פון וועגן דיא זינד פון אונזרי עלטרן אונ די זינד דאש מיר אלי טאג זינדיגן : העלף אונז איבר גאט אונ[illegible] גדיינק

אונז די זינד פון אונזרי עלטרן אונ אונזרי זינד . אונ נעם פר זיך די (צדיקים) אונ דיא
(צדקניות) די זיך אלי צייט האבן פר ציכרט אן דיר אונ האבן אבר גוט אן גטאן וויא דוא
האסט געשיקט אויף זיי אונ געדיינק דעם גרויסן (זכות) אונ (שם טוב) דאס זיי האבן נאך
זיך גלאזן אונ דר לייז אונז אונ זאמל אונז איינפון אלי די עקן דר וועלט אונ ברייניג אונז ווידר
אויף דאש הייליגן ארט דאש דיין (שכינה) ווערט רוען צווישן אונז נאך אבר דיינם נאמן דעם
הייליגן אויך האסטו גזאגט ווייטן דורך דעם (נביא) דעם פירטן (חדש תמוז) וועל איך
אייך פר קערן צו פרייד אונ פעסט דאש זיי ווארן אין אונזרי טעג אין גאנץ נאמן (אמן) :

נט אום (תשעה באב) זאגט מען דאש מיט דעמוטיגן זין :

שופט ריכטר פון גאר דער וועלט מיט גרעכטיקייט אונ אלי דייני גריכט איז מיט
ווארהייט איין גאט איין ווארהאפטיגר אונ ביי דיר איז קיין אום רעכט גריכט·
אונ רעכט פארטיג ביסטו צו אייביג הייגט אין דעם טאג האבן געמיסט אונזרי עלטרן
אין דר (מדבר) · דא דו האסט זיי אויס גצויגן פון (מצרים) דורך דיין קנעכט (משה) אונ
(אהרן) דא זיי האבן ווידר גזינדיגט אונ האבן ניט וועלן אן נעמן דאש לאנד דאש דוא האסט אבר
ציכרט אונזרי עלטרן (אברהם יצחק ויעקב) אונ האבן געטענט דיא הייליגע לאנד דאש דיין
(שכינה) האט דרינן גרואט · אונ האבן אלי צייט אויף דיין ווארהאפטיגן קנעכט ווידר
גישפעניגט אין דער נאכט האבן זיי אלי געוויינט . אונ זייערי אויגן האבן גרונן בעך וואסר
אונ האבן זיך ניט אבר ציכרט אן דיין פר ציכרונג · אונ האבן געטוויליגט אונ האבן ניט
געוואלט דר ווארטן די צייט די דו וואל גוואוסט האסט · אויס גנומן דייני קנעכט (יהושע)
אונ (כלב) . אונ האסט זייא לאזן ווייטן דורך דיינע געטרייע אונ ווארהאפטיגע קנעכט
(משה) אונ (אהרן) דאש זיי די גאב ניט זאלט האבן אויך אירע קינדר וועלן ווייזן אין דעם
טאג איין גרויסע ווייזונג צו ריכטן וועלכע דא איז געשעהן מיט ווארהייט דאש דא איז אין
דעם טאג אבר וויסט אונ אבר צשטערט גווארן דיין (בית המקדש) דא איז אש גמאכן פון
אונז אונזר טויגהייט אונ קעסטליכקייט אונ פון הויבט דייני קינדר איז די קרוין גפאלן צו
דער ערד · אונ מיר קענן טוין ניט מער ברייניגן אופפר אונ פריזאנד אונ דעמפונג אויף
דעם אופפר שטול דיינר הייליקייט . אונ מיר קענן אויך ניט אויף גיין דרייא מאל אין יאר
צו ווערן געזעהן אבר דיינר הייליגע (שכינה) צו פול ברייניגן אונזר גלויבנס אונ אונזר
בווילינג אונ די גרויסע פרייד דאש דיין הייליגי (שכינה) האט גרואט צווישן די (כרובים)
אונ האסטו גרעט מיט דייני קינדר פון דעם איבר ליד דיין הייליגי טרייןדאש די הייליגי
(לוחות) זיינן דרינן גלעגן וועלכי איז פר ברענט גווארן דורך איין פייאר פון דעם הימל אונ
אויס גרויט אום שאלקהייט פון ווען גרויס רייכקייט אונ אויך פון וואל טאג . אונ לוסט
אירן אונ גרויס האפרדיקייט זיינן זייא נאך גיגאנגן אין קרומע ווגן אונ ניט גוטי אונ
האבן דיך גאט אלמאכטיגר דר צערינט דר האלבן האסטו אבר שטערט דעם טעמל דייני
פיס אונ האסט זייא גנומן איר הערטשאפט אונ קיניגרייך אונ אלע אירע גרעסטיקייט
האסטו צו בראכן אונ האסט גיגעבן אין האנד זייערי ליידיגר אונ האסט אירע פאלק
געגעבן אין דיא בצווינגניס אונ אירע מויערן האסטו צו שטויסן אונ האסט זייא געגעבן אין
האנד אירע לידיגר אונ אירע ריגלן צו מורשט . אונ זיי פר זענקט אונ אירע ווייבר אונ
אירע קינדר די דא זיינן גווארן דער צו וויגן גווארן די זיינן גפירט גווארן אין געפענקניש אונ
דיא יונגן האבן ארבעטן מוזן אונ האבן מוזן מיל שטיינר טראגן אן אירע העלזר אונ
הערצר אן גבונדן אן דיא פיס צו מאכן שטרויכלן זייא . אונ מיר מיידן זיינן גאר שטעמש
גווארן

גוואָרן אונ האבן גליטן גרויש קימר אונ הונגר . זיי האבן בגערט ברויט ניאמנט האבן זיי מאט גגרייכט אונ קיין וואסר האבן זיי גהאט פר דעם דארשט אויך זעלבי גרויסי ביטרי פר שטערונג האבן אלי די פעלקר גקלאפט מיט אירי הענד אונ גשאקלט מיט אירי הויפט פר וואונדרט אונ גשפראכן איז דש דיא שטאט די גוועזן איז די קרוין פון אלי שטעט אונ פון אלי לענדר איין שטאט די דא גוועזן איז גוועלטיגט איבר אלי אונ אילונדרט איז זי צוא פירש אונ אז נטר שאן אירן פיינד מיט גרויש פיין אונ דר מארטונג אונ זיי רופן אין איר פרייד אונ זיי טרייסטן זייא ניט אונ זיי פרייען זיך אן אירן ברוך אונ איבר איר איבלונג אונ זיי רופן אויך הילך אונ דא איז ניאמנט דר ענטפרט אונ זיי ריידן נאך שלאקהייט אונ מיט שפאט פון איר פאר שטערונג אירי (שבתות אונ ימים טובים) אונ אויש לעשן אירי ליכט אונ פינשטרניש :

ס דיא (תחנה) זאגט מען גאנץ (ראש חודש אלול) :

רבש"ע דו האשט גבאטן דאש מען זאל (שופר) בלאזן אום (חודש אלול) אלע טאג ביז נאך (ראש השנה) דאש דער מענש זאל זיך גדיינקן אונ דער וועקן זייני גלידר אן צוא הויבן איין זיין הא"ץ צוא טאן (תשובה) צוא (הש"י) דרום זאלן אלי גלידר אן הייבן צו ציטרן ווען מען הייבט אן (שופר) צו בלאזן די (מלאכים הקדושים) האבן מורא פר (הש"י) אונ ציטרן פר דעם (יום הדין מכל שכן) מיר זינדיגי מענשן אז מיר גהערן מורא צו האבן פאר דעם (יום הדין) אונ גהערן צו וויינן מיט צוא בראכן הארץ דען דער (בן אדם) קומט אהער פון איין שטינקריגן טראפן אונ ווען דער מענש גשטארבן איז גוועלטיגן אין אים אלי די ווערים אונ אלי (נחשים ועקרבים) אונ שטעכן אים אונ ער קאן זיך ניט רירן נאך ווענדן דרום געהער זיך דר מענש צו בדענקן אונ פרום צו זיין אונ (מעשים טובים) מיט זיך צו נעמן פר (הקב"ה) דש ער זאל ניט (בחרפה) ווערן פר דר (שכינה) ווען דר מענש וויל זיך בדענקן ווען ער ניט פרום איז ווי עש אים גייט נאך זיין טויט וויא פינשטר ווערט אים זיין · ערשטן ווען דר (מלאך המות) קומט איי דער מענש שטארבט אזוי בווייזט ער זיך צוא דעם מענשן דער שרעקט ער זיך אונ לייגט זיך אויף דר זייט אונ ווידר אויף דער אנדרי זייט ער וואלט זיך גערן פר בארגן פון (מלאך המות) דא לויפט אים שווייס ארויש פר גרויש מורא אונ גרושי אנגשט פון איין שיין לייכטיג הויז צו קומן אין פינשטרן (קבר) וואו דא זיינן פיל ווערים אונ (נחשים ועקרבים) דש צווייטי ווען ער קומט צום (קבר) דא קומן דיא (מלאכי חבלה) אונ רייסן אים ארויש פון דער (מטה) אונ שלאגן אים מיט איין גרויסן שטעקן ביז ער (בלוי) ווערט . דאש דריטי איז ווען מען אים לייגט אין (קבר) אריין קומט איין (מלאך חבלה) אונ גיבט איין שלאק אויף דעם (קבר) · דא שפאלט זיך דש (קבר) אויף צווייען אונ פרעגט אים וויא זיין נאמן איז דא ווייש ער ניט דעם נאמן דען ווי ער שטארבט פר געסט ער אלש אזוי שלאגט ער אים ווידר ביז ער זיך דער מאנט אונ ווען איינר איין שלעכטר איז ווארפן זייא אים אין (כף הקלע) אריין אונ טוען דיא (נשמה) ווידר אין (גוף) אריין דא קומן (כמה מלאכי חבלה) וואש ער אויש זייני (עבירות) האט בשאפן אונ טרייבן דו שלעכטר ווארום האשטו (עובר גוועזן (על מצות עשה) אונ (על מצות לא תעשה) דא שלאגן זיי אים מיט פייערדיגי רוטן . דא ליגט דש (מת) אין גרויש (מורא) דא גדיינקט ער זיין ווייב אונ קינדר ערשט זיינן זיי פון (בית הקברות) שוין אהיים גגאנגן קלאגן אום איינליגע פיר וואלן דר נאך איז ער פר געסן אונ פר לאזן אים די ערשטי נאכט אין (קבר) . דא ווארפן די (מלאכי חבלה) דעם (מת)

(את) אין אונ הער · דרום ליבע (רבותי) אמן אונ ווייבר גדיינקט דאש טאג אונ נאכט וואש פר איין גרויזאמע צייט דש איז . אונ צוא בדענקן דעם טויט אונ ווען מען (שופר) בלאזט זאל ער וויינן אונ טרייען אונ זיפצן אונ קרעכצן אונ זאל זאגן מיט גרויש (כוונה) דעם (יהי רצון) :

רבש"ע הער פון דר גאנצר וועלט איך בין גיקומן צו פר דיר צו בעטן מיט זיפצן אונ וויינן פון דיינעם הייליגן נאמן אונ צו בעטן אום (מחילה) אונ (סליחה) אונ (כפרה) אויף מייני גרוישי ביטרי (עבירות) צו פר געבן . (שדי) אלמעכטיגר גאט דוא ביסט דאך (רחום וחנון) אונ דו ביסט קיניג איבר מיר אונ איבר די גאנצי וועלט . דו האסט ליב ווער דא קערט אפ פון דיא בייזי (מעשים) אונ ווידר קערט מיט גאנץ בראכנם-הארץ אונ מיט זיפצן (אוי לי) וויא איז צו מיר וואש האב איך פאר (מעשים רעים) גטאן · דורך מייני ביטרי זינד בשווערט אונ בפלעקט מיין (נשמה) דיא איז גקומן אויש איין הייך ארט אונ דו האשט איר זי גגעבן איך זאל זי היפש האלטן אז איין (אבן טוב) אונ האב טון פר אומרייניגט זי מיט מייני (עבירות) וואש זאל איך טאן איך בין איין (רגע) נים זיכר אז מען מיך ווערט רופן צום (יום הדין) פר דעם (כסא הכבוד). וואש וועל איך קאנטפערן:

רבש"ע הער פון דער גאנצר וועלט דער בארם דיך איבר מיר איך זינדיגר מענטש אונ פר נעם מייני רייד וואש איך טוא בעטן פאר דיר מיט מייני טרערין אונ מיט צו בראכן הארצן אונ מיט זיפצן אונ פאר נעם מיין וויינן וואש איך האב גזינדיגט זיי מיר (מוחל) דר בארמיגר פאטר זיי דיך (מרחם) איבר מיר וויא איין פאטר איבר זיין קינדר אונ פאר גיב מיר מייני זינד אונ שרייב מיך אונ מיין מאן אונ מייני קינדר אונ (כל ישראל) צו איין נייע יאר אונ צו גזונד אונ צוא לעבן אונ צוא (שלום) אז איך זאל קענן דינן דיין הייליגן נאמן :

רבש"ע הער פון דר גאנצר וועלט זייא מיך (מציל) פון דעם (יצר הרע) אונ פון אלים בייזן מיט (כל ישראל) צו לערנן דיין הייליגי (תורה) אונ צו האלטן דיא (מצות התורות) אונ צו דינן דיין נאמן (בכל יום ויום) אונ צוא טאן ווי דוא האשט גשריבן אין די הייליגי (תורה על ידי משה רבינו ע"ה אמן סלה) :

סא די טייטש (תחנה) זאל מען זאגן גאנץ (ר"ח אלול) אלי מארגנש פריא ווען מען הערט (שופר) בלאזן (בפרט דאש השכה) מיט גרויש (כוונה) :

אל מלך דיין שופט צדק ואמת) דוא ביסט איין ווארהאפטיגר גרעכטר גאט דוא ביסט גרעכט אונ דיין (משפט) איז גרעכט אונ דוא ביסט (דן) אלי קרייטר מיט ווארהייט אונ מיט גרעכטיקייט (ומה נאמר ומה נדבר) וואש זאלן מיר שפרעכן דער (מנהג) איז צווישן אונז (ישראל) דאש מען אן פאנגט דרייסיג טאג פאר (ר"ה שופר) צו בלאזן דער ווארטן צו דער וועקן די לייט צוא דר (תשובה) דרום זאל דער (בן אדם) ציטרן אונ דער שרעקן ווען ער הערט בלאזן אונ זאל זיך שטעלן מיט גרויש פארכט אונ אנגשט אונ ציטרנש אונ גבעט פאר (הקב"ה) קעגן דעם (יום הדין הגדול והנורא): (רבש"ע) דו הער פון דר גאנצר וועלט דא בין איך אונ קום צוא פאר דיר מיט איין צו בראכן הארץ אונ מיט איין שווערן גמיט צו בגערן פון דיין הייליגן פארצנומן נאמן אין (מחילה סליחה וכפרה) אויף אלי מייני (עבירות) דאש איך גטאן האב אלי טאג מיינש לעבן עש זייא די (עבירות) די איך גטאן האב (בשוגג) אדר (במזיד) עש זייא (בדבור) אדר (במחשבה) אדר (במעשה) בית איך דיך אלמעכטיגר גאט דו זאלשט דאך אן נעמן

מיין

מיין צער פון מיין הארצן וואס איך האב פון מיין (עבירות) ווען דוא זאלסט מיר (מוחל) זיין איין (מחילה גמורה) אונ אלי מייני (חטאים) דיא איך געטאן האב דען ווען דוא מיר (ח"ו) ווילסט ניט (מוחל) זיין נאך וועמן זאל איך מיך קערן אדר ווענדן דרום אויך דוא בארמהערציגר גאט פון דר גאנצר וועלט דוא האסט דאך ליב דעם מענטשן ווען ער זיך בדיינקט אונ האט (חרטה) אויף זייני (עבירות) אונ וויל ניט מער טאן אונ בעטן נאך דיר מיטן גאנצן הארצן (אוי לי ווי לי) וויא צו מיר וואס האב איך געטאן פר (מעשים רעים) ווי איך האב מיין (נשמה) בשמירט אונ בזילפרט דאס דא אהער קומט פון איין הייליגן ריינן אורט (הש"י) האט מיר זיא געגעבן דאס איך זאל זיא הייליגן אונ ריין האלטן אז (איין אבן טוב) וואס ווער איך טאן אונ וואס ווער איך אן הויבן אדר וואס ווער איך ענטפערן ווען מיך (הש"י) ווערט פאדרן אונ ווער מוזן (חשבון) געבן פאר זיין הייליגן (כסא הכבוד) דרום בעט איך דיך דו ליבר בארמהערציגר גאט או דו זאלסט זיך דער בארמן איבר מיר ארמן זינדיגן מענטשן אונ דוא זאלסט מיר געדיינקן מייני (זכיות) אונ זאלסט הערן מיין (תפלה) וואס איך פר דיר איצונדר טוא (מתפלל) זיין אונ נעם פר דיר מייני טרערן דען ווען שוין אלע טויערן זיינן געשלאסן אזוי זיינן דאך דיא טויערן פון דיא טרערן ניט פאר שלאסן אונ דו זאלסט דאך אן זעהן מיין צער פון מיינם הארצן אונ שוא דיך (מרחם) זיין איבר מיין (גוף) אונ (נשמה) אונ זאלסט מיר (מוחל) זיין (מחילה גמורה) אונ דוא זאלסט מיך מיט מיין מאן אונ קינדר אן טרייבן דו ליבר גאט צו איין (שנה טובה לחיים טובים ולשלום לששון ולשמחה גאולה ישועה למצוה ולצדקה) אונ זאלסט אויף אונז (גוזר) זיין אייטל (גזירות טובות ישועות ונחמות) אונ דוא זאלסט (מבטל) זיין אלי (צרות רעות) פון מיר אונ פון מיין מאן אונ מייני קינדר אונ פון אלי די מיר ליב זיינן אונ פון (כל ישראל א"ס) :

סב פון (ר"ח אלול) אן ביז איבר (יו"כ) זאל מען די (תחנה) זאגן מיט (כוונה) :

ליבר הער גאט אין דער נייט זיינן (שערי שמים) אופן אונ דיא נייט ביסטו אויך אנצוהם צו דר צערן אונ ווידרום באלד צו בווייגן · (רבש"ע) עס איז דיא נייט גקומן אלז דו זוטסט (משפט) צו דעם גאנצן (עולם). ליבר הער גאט טרייב מיך אן מיט מיין מאן אונ מייני קינדר צו דעם נייעם יאר וואס דא אהער קומט צו לעבן אונ געזונט · (רבש"ע) אויב עס זאלט (ח"ו נג"ר) ווערן אויף מיר אדר אויף מיין מאן אדר אויף מייני קינדר זאלסטו ליבר גאט פון אונז אלז מאכן (בטל ומבוטל) אונ טרייב אונז אלי אן אין דעם בוך צו לעבן אונ צו געזונט צום נייעם יאר דאס דא אהער קומט אונ אז איך זאל האבן מיט מיין מאן אייטל (ברכה) אונ (הצלחה) אין אלי אונזר וועג אונ שטעג · דוא ליבר גאט לאז אונז אויף לייגן איין (שנה טובה) אלז מיר זאלן (זוכה) זיין אונזרי קינדר זעלבר אויש צו געבן אין (עושר וכבוד) אונ מיר זאלן דער לעבן זיי צו דער ציהן (לתורה ולחופה ולמעשים טובים אמן) :

סג די דאזיגי (תחנה) זאל מען זאגן אין (חודש אלול) אלכסיג אונ דאנערשטיג ווען מען נעמט אויש די (ס"ת) איי מען זאגט (בריך שמיה בפרט ראש השנה ויום כפור) :

סד דוא ביסט איין דר בארמיגר גאט אונ דר בארמסט דיך איבר אלי מענטשן אבשי ער זינדיגט (יי) דו ביסט איין בארם הארציגר גאט אונ דר בארמסט דיך איבר מענטשן נאך דעם דז ער גזינדיגט האט אונ ביסט אים (מוחל) דורך (תשובה) : (אל) דוא ביסט איין גנעדיגר גאט אונ דו ביסט גנעדיג בארם הארציגר דער דיך ניט גאנצן האדן אן רופן טוט דר בארמסטו דיך איבר אים : (רחום) דוא ביסט איין בארמהארציגר גאט

אונ

אוג דר בארמשט דיך איבר דעם מענטן דעם זעליגן דער דא בגערט דוא זאלשט דיך איבר איק דער בארמן אוג דוא טוטש עש אוק זונטש אייטל (חסר) ווען ער קיין (זכות) ניט האט נייארט ווען ער דיך אאר רופן טוט מיטן גאנצן הארצן אוג דר בארימשט דיך איבר איק אוג ביסט איק (מוחל) זייני (עבירות): (וחנון) דו ביסט איין לייט זעליגר דו טוטסט לייט זעליגן דא דא קומט מיט (תפלה) צו פר דיר אזוי דר הערטסטו איק גאר באלדי· אוג דר בארמשט דיך איבר איק: (ארך אפים) דו ביסט לאנגזאם צוא דר צארנן אוג דער לייגרשט דיין גריק צארן (אפילו) דעם טלעכטן אוג הייליגט ניט צוא צאלן דעם מענטן נאך זייני (מעשים רעים) נייארט דוא טוטשט איק וארטן פיליייכט ווערט ער (תשובה) טאן (ורב חסר) בווייזט פיל גנאד צו זעלכע די (אפילו) קיין (זכות) האבן: (ואמת) דו ביסט איין ווארהאפטיגר גאט דאש דו דעם מענטן שטראפשט אויף זייני זינד אויף דער וועלט אבר דר נאך בצאלשטו איין (שכר טוב לעולם הבא) אויף דעם גוטש וואש זיי גטאן האבן ביי אירן לעבן אויף דר וועלט: (נוצר חסד לאלפים) דוא בהאלטש דש זעליגי גאטש וואש איין (צדיק) גטאן האט (בעולם הזה) אזוי גניסן עש זייני קינדר אוג קינדש קינדר (אפילו) ביז צו טויזינט גבירד: (נושא עון) דו פר טראגשט דעם מענטן זייני זינד (אפילו) ווען דר מענט זינדיגט מיט איין גרויש זינד אזוי פר גיבשטו זיי איק אויך ווען ער (תשובה) טוט: (וחטאה) אוג (פשיטא) דאש דוא פר גיבשט דורך (תשובה) ווען ער איין (עבירה) אוש גערן גטאן האט זעלבי (עבירות) וואש זיך דר מענט קען ניט היטן דר פר: עש זיי מיט הערן אדר זעהן אדר מיט ריידן: (ונקה) דוא רייניגשט דעם מענטן זיין זינד ווען ער (תשובה) טוט מיטן גאנצן הארצן דש (אפילו) אויש די (עבירות זכיות) ווערן:

רבש"ע הער פון דער גאנצר וועלט דוא זאלשט דער פילן מיין בגער אוג אלי מייני (בקשות לטובה) אוג דוא זאלשט מיר אוג מיין מאן אוג קינדר פאר געבן אונזר זינד וואש מיר האבן גטאן. איין פאר געבונג מיט (חסר) איין פאר געבונג מיט (רחמים) אוג זאלשט אונז היילגן אוג רייניגן פון אונזרי (חטאים) אוג (עונות) אוג (פשעים) וואש מיר האבן גזינדיגט אוג גשולדיגט אוג גמיסטייט קעגן דיין הייליגן נאמן אוג דוא זאלשט אונז גדיינקן אינזגר דעם (יום הדין) פאר דיר צוא גוטן צוא איין (כתיבה וחתימה טובה) אוג צו העלפן אונז מיט דר בארמיקייט אוג דו זאלשט מיר מיט מיין מאן אוג מייני קינדר גדיינקן צוא (אריכות ימים ושנים) אוג לאנג לעבן אוג איין גוט זיס לעבן מיט (שלום) אוג גזונד אוג זאלשט אונז געבן איין גוטי (פרנסה) דען אינזגרט איז דאך די לייט. ליבר גאט די לייט דש דו אויף לייגשט דיין (פרנסה) אויף דעם גאנצן יאהר אזוי בעט איך דיך אויך פאר אלמאכטיגר אוג בארמהרציגר-דש דו מיט אונז זאלשט(לפנים משורת הדין) טאן אוג זאלשט אונז אן טרייבן צוא איין (פרנסה טובה ומתוקה). צוא איין גרינגי (מחיה) אוג צוא איין גרינגי (פרנסה טובה וכלכלה). דאש מיר אונזר לעבנט טאג זאלן האבן (לחם לאכול ובגד ללבוש בכבוד) אוג ניט (ח"ו) מיט (בזיון). מיט (היתר) אוג ניט (ח"ו) מיט (איסור) דען דו ביסט דאך דר הער פון דר גאנצר וועלט דר דא שפייזט אלי קרייטר אוג אלי דיא בשעפניש פון דעם קלענסטן ביז דעם גרעסטן · אז וויא איין (פסוק) גשריבן שטייט (עיני כל אליך ישברו ואתה נותן להם את אכלם בעתו) דיא אויגן פון אלי בשעפניש וואש איין דר גאנצע וועלט די טוען צו דיר האפן אוג דו אלמאכטיגר גאט גיבשט איטליכן זיין בדערפניש אוג זיין עסן אין דר צייט ווען ער בדארפן טוט · אוג דו זאלשט אונז געבן (שכל) אוג (חכמה) דאש מיר זאלן קענן פאר שטיין אוג זאלן פרובן אוג

ווישן

ווישן דעם רעכטן (סוד) פון דיין הייליגי (תורה ומצות) אונ דוא זאלשט אונז שיקן איין
(רפואה שלימה) צו אלי ווייטאג . אונ גיב אונז (הצלחה) אין אלי אונזרי (משא ומתן) וואש
מיר טוען . אונ דו זאלשט (גוזר) זיין אויף אונז אייטל (גזרות טובות) צו דעם נייאן (יום
הדין) . אונ זאלשט פר שטאפן אונ צו רייסן פון אונז אלי בייזי (גזירות): אונ זאלשט געבן
אין די הערצר פון (מלכים) אונ די (יועצים) אויף אונז צו גוטן : עש זאל זיין דער ווילן פור
פר דיר אלמאכטיגר גאט די רייד אונ די זאג פון מיין מויל אונ די גדאנקן פון מיין הארצן
צו קומן פר דיר גאט דען דוא ביזט מיין בשעפר אונ מיין דער לייזר (אמן וכן יהי רצון) :

ס"פ ואני תפלתי לך יי עת רצון אלהים ברב חסדך ענני באמת ישעך :

סד די (תחנה) זאגט מען ווען די (כהנים) דוכנן אונ לאזן אויס (שלום) :

יהי רצון מלפניך) עס זאל זיין דער ווילן פאר דיר גאט מיין גאט אונ גאט פון מיינע
עלטרן דאש דו זאלשט מיר געבן לייט זעליקייט אונ דר בארמקייט אום ווילן דיין
הייליגן נאמן אויך ווען דיא צווי אונ צוואנציג (אותיות) וואש דא קומט ארויש פון דיא
(פסוקים) פון (ברכת כהנים) וואש דא איז גזאגט גווארן פון דעם מונד (אהרן) אונ
זייני קינדר דיין הייליגי פאלק אז דו זאלשט זיין נאהאנט צו מיר אין מיין שאן אן רופן צו
דיר אונ זאלשט הערן מיין גשרייא אונ פאר נעם מיין גיבעט אלי מאל אזוי וויא דו האשט
גהערט דש גשרייא פון (יעקב אבינו) דאש ער ווערט גרופן (איש תם) אונ זאלשט מיר
געבן אים מיין גאנצי הויז גזינד אונזר שפייז אונ (פרנסה) מיט (ריוח) אונ ניט (בצמצום)
מיט (היתר) אונ ניט (באיסור) אונ ניט (בצער) . נאר פון דיין ברייטע האנד אליין .
אזוי וואל וויא דו האשט גיגעבן ברויט צו עסן אונ קליידר אן צו קליידן צו (יעקב אבינו)
דאש ער ווערט אן גרופן (איש תם) אזוי זאלשטו אונז געבן צו (חן וחסד) אין דייני אויגן
אונ אין לייטנש אויגן אונ מייני רייד זאל ווערן גהערט צו דיין דינשט · אזוי וואל וויא
דו האשט גגעבן (חן) אונ (חסד) צו (יוסף הצדיק) אזוי זאלשטו מיר טאן וואונדרליכי
זייכן צו גוטן. אונ זאלשט מיך בגליקן אין אלי מייני וועגן אונ זאלשט דר לענגרן מייני טעג
אונ מיין נאכט אונ מייני קינדרש טעג צו גוטן אין איין זיס לעבן אונ איין שטארק לעבן
אונ איין פרייד לעבן (אמן סלה) :

סה די (תחנה) זאל מען זאגן (ערב יום כפור) פר(כפרות) שלאגן מיט גרויס(כוונה) :

שדי דר אלמאכטיגר גאט דר דא אייביג רואט אין הימל דר זאל אן נעמן היינט דעם
טאג פון מיר ארמי פרויא די הינר פר איין(כפרה)אויף מיינע זינד די איך האב
גטאן דר מיט אלש איך זאל ניט גשטראפט ווערן דעם (יום כפור) פאר דעם (בית דין)
אין הימל אויף מייני זינד. ליבר הער גאט איך ארמי פרויא בעט דיך בעטן אלש דו זאלשט
די הינר אן נעמן אן שטאט מיר : דיא הון זאל גיין צום טויט אונ איך זאל בלייבן לעבן :
ליבר גאט טוא מיר מיינע טעג בנאייען צו יונגי טעג דען דו ביזט דער בארמיג צו דעם
מענטשן דר דא האט גזינדיגט דו ביזט דער גאט דר דא שטראפט דעם מענטשן ניט אויף
איין מאל אונ ביזט דר גאט דר דא ניט בגערט דעם טויט פון דעם מענטשן ער זאל נאר
(תשובה) טאן אויף זייני זינד וואש ער האט גטאן : ליבר הער גאט דוא זאלשט מיר נאך
וכן מיין גרעכטיקייט וואש איך האב גטאן צו דר צייט וואש דא אהער קומט : (רבש"ע)
אז איך ארעם פרויא ניט אום זונשט פר גיסן מייני טרעהרן וואש פון מיר ווערט גיין אויס
מיינע אויגן דעם (יום כפור) · אונ נייג דיינע אויהרן צו אלע מייני (תפלות) וואש איך
וועל

וועל צו דיר טאן: (רבש"ע) אזו אלס ביי דיר אן גנומן זיין אלס איך ארום פרויא זעלט פר
דיר האבן גבראכט איין (קרבן) אונ אוים דר הון אלט איך טוא ארום שלאגן זאל מיר ווערן
אלי מייני זינד פר געבן צו דעם נייעם יאר דש דא טוט צו אונז קומן (אמן) :

כו אום (ערב יום כפור) צו זאגט פר (כל נדרי) זאל מען די (תחנה) זאגן מיט (כוונה):

רבש"ע אלי די (נדרים) אונ (שבועות) די איך האב גטאן דש יאר די איך זעלט ניט האבן גהאלטן די זאלן אלי ווערן (בטל ומבוטל) אונ עש זאל מיר (ח"ו) גאר ניט גדאכט ווערן צו דעם נייעם יאר וואש דא קומט . ליבר גאט וויא איין פארבלנואר שאג איז הייגט . כון וויל איך בעטן צו דעם אלמאכטיגן גאט דער דא איז באלד צו בוזיגן אונ דר דא טוט פיל (חסד) צו מענטשן די אים רופן . אונ ער איז דר גאט דר דא פר נעמט די (תפלה) באלד פון דעם מענטשן : (רבש"ע) איך בעט דיך לאז איך הייגט ליידיג פון מייני זינד אז איין קינד פון איין יאר : ליבר גאט זייא (מבטל) פון מיר אונ פון איין מאן אונ פון מייני קינדר אלי די בייזי (גזרות) אונ אלי (צרות): (רבש"ע) גדיינק אונז הייגט אלט מיר האבן (חרטה) אויף אונזרי זינד וואש מיר האבן גטאן · ליבר גאט גדיינק אונז אז מיר זיין נאר בלוט אונ פלייש . דרום קענן מיר ניט דעם (יצר הרע) בחיי קומן : (רבש"ע) איך קום צו דיר מיט איין צו ברעכן הארץ אונ בעט דיך (מחילה) דוא ליבר גאט איך בין דאך אליין (מודה) אלט איך האב גזינדיגט פאר דיר דר מיט דאט דר (מקטרג) זאל ניט קענן אויף מיר (מקטרג) זיין פאר דיר : ליבר גאט טוא מיט מיר גרויש דער בארמיקייט אונ שטראף מיר ניט אויף מייני (עבירות) וואש איך האב גטאן ביז אן דעם הייגטיגן טאג . ליבר גאט נעם די טרעהרן פר דיר וואש איך טוא הייגט לאזן אויף מייני זינד וואש איך מיין לעבן טאג האב גטאן . לאזן מיר קומן גרעכט אין דעם (יום הדין) פר דיין (משפט) . ליבר גאט טוא נוים מיר גנאד אלט איין פאטר מיט זיין קינדר · ליבר גאט לאז ניט פר טשטפט ווערן דר טויער פון איין (תפלה): (רבש"ע) אלי (בקשות) וואש איך טוא פון דיר בגערן זאלשטו מיך אלט בוויליגן לאז מיר גדאכט ווערן מיט איין
אמן אונ מיט מייני קינדר צו אלים גוטן צו דעם נייעם יאר (אמן) :

כז אום (יום כפור) זאל מען דש זאגן :

רבש"ע הייגט דעם טאג ווערשטו משפט טאן נוא דער גאנצי וועלט מיט דיינע פיל בירמכטיקייט ליבר הער גאט הייגט דעם טאג זאלשטו מיר ניט גדיינקן אלט וואש איך האב צו דיר ווידר גשפעניגט ליבר הער גאט אין דער צייט זאלשטו מיר דיא וואג טאל צו איין גנאד צו לייגן דו ביסט דר גאט דר דא טוט ניט פארשטן נאך דאש אום טולדיג בלוט ליבר גאט הייגט דעם טאג זאל איין בוויליגונג נוא מיר זיין אלט איך זאל מיט איין (תפלה) מאכן דעם מקטרג שטיל שווייגן . ליבר הער גאט איך בעט דיך אז דוא זאלשטו מיר איין משפט נוא גוטן אויש שפרכן . ליבר הער גאט לאז איין ליבש (ח"ו) ניט ווערן פר לאשן פר·איין לייט אז וויא דוא האשט אן גשריבן אלט דוא ווילשט פר געבן דיא זינד פון מענטשן אין די טעג פון (עשרת ימי תשובה) דען אין דר צייט איז דיר ליב דאש טרייען אונ דש פייניגן פון מענטשן וויל דו ליבר גאט ווילשט טאן איין פר געבונג צו דיא זינד וואש מיר האבן גטאן . אונ אין דער צייט האשטו פיל (רחמנות) איבר אונז דרום טוען מיר צו דיר בעטן אלט מיר זאלן (ח"ו) ניט ווערן אן גלייבנט מיט בייזן דרום טו ניט גדיינקן אונזרי זינד לאז אונז לעבן מיט פרייד אויף דר וועלט דען דו ביסט דר גאט דער דא טוט אונזר דריקן זינד פון דעם מענטשן . ליבר הער גאט הייגט דעם טאג זאלשטו

מיר

מיר ניט גדיינקן די ווילדיקייט די חיך החב גטחן חין מייגר יוגנט · היינט דעם טחג ווען דוח וועסט משפט לוח מיר טחן זחל פֿון מיר פֿחר טטערט ווערן דיין גרימ לחרן ליבר גחט היינט דעם טחג זחלסטו פֿון מיר נעמן מיין בקענונג וחט חיך לוח דיר טוח מיט ווינן חויך דעם זחלסטו לו מיר טחן חיין פֿחר לייחונג חוג חויך חיין פֿחר געבונג . ליבר הער גחט היינט דעם טחג זחל חיך החבן חייטל רעכֿטי פֿיר טפרעכֿר פֿחר מיר פֿון לעבן חוג לו גזונד · ליבר הער גחט היינט דעם טחג זחל חיך ליידיג חויט גיין פֿון חלי מיינע זינד דיח חיך החב גטחן . ליבר הער גחט היינט דעם טחג זחלסטו מיר חויך טחן דחט טויער פֿון די פֿר געבונג חוג חויך פֿון דיין דר בחרמיקייט[חן(יום כפור) זחל זי חזוי זחגן היינט דעם טחג חיז חן גבריים דיח פֿר געבונג לו דעם מעני׳ן] היינט דעם טחג חיז חן גברייט די פֿר לייחונג לו דעם מענטן היינט דעם טחג זחל קומן חיין חויט לייזונג חויך דיח זינד דיח חיך החב גטחן · ליבר הער גחט היינט דעם טחג טוח מיך פֿחרטטן חוג בגערן דיין דער בחרמקייט · (רבט"ע) היינט דעם טחג זחלסטו חן נעמן דט בלוט חוג (חלב)וחט זיך החט טחן מינרן פֿון מיין לייב חן טטחט דט בלוט וחט מען החט גטפרייגט חויך דעם (מזבח) היינט דעם טחג זייגן מיר פֿר זיכֿרט חין דיין דר בחרמיקייט היינט דעם טחג סוטטו פֿחרטטן חלע הערלר פֿון די מענטן היינט דעם טחג טוטטו(דין)לו דעם מענטן היינט דעם טחג זחלסטו דיין לחרן פֿון מיר חיבר פֿחרן היינט דעם טחג זחלסטו ליבר הער גחט חנטפֿחנגן מיין (תפֿלה) וחט חיך לו דיר טוח היינט דעם טחג זחל (ח"ו) גחר קיין חויף החלטונג זיין לוח מייגר (תפֿלה) : (רבט"ע) היינט דעם טחג זחל חיך פֿיל (מולים) החבן לו מיין גרעכֿטיקייס(רבט"ע)היינט דעם טחג זחל חיך גפֿינן לייט זמליקייט חין דייני חויגן דען היינט טוח חיך קומן מיט מיין ביטרן החרן חויף מייני זינד דיח חיך החב גטחן חוג טוח-דיך ביטן חום חיין פֿ׳ געבונג ליבר הער גחט היינט דעם טחג טוען מיר זיך חומזר לייב פייניגן פֿון דיין ליבן (כבֿוד) וועגן בין חן דעם חובֿנט ווייל דו החטט חונז חן גטריבן חלט מיר זחלן חומזר לייב פייניגן דעם לעהנטן טחג חין (תשרי) בין לוח חובֿנט דרום זחל מיין (תפֿלה ח"ו) פֿר דיר חויך ניט ווערן פֿר טוחמן בין חנדעם חובֿנט :

רבש"ע היינט דעם טחג זחל חיך מיין (חשבון) פֿחר דיר פֿר פֿול ברייגגן חוג חלע מייגע רעכֿם פֿחרטיגט (מולים) זחלן מיר פֿר דיר פֿר ענטפֿרן חויף די זינד די חיך החב גטחן חין דעם יחר טרייב מיך חין דעם (ספֿר החיים) מיט מיין מחן חוג מיט מייני קינדר היינט דעם טחג (יום כפֿור) זחל דער בייזר (גזר דין) פֿון מיר חוג פֿון מיין מחן חוג פֿון מייני קינדר חלעט לו ריסן ווערן היינט דעם טחג (יום כפור) זיינן מיר חין חנגטט חוג חין חיין גרויטי פֿחרכֿט ליבר גחט פֿר נייטן החט דר (כהן גדול) פֿר טרחגן חונזרי זינד וחט מיר החבן גטחן חבר חויף דר לייט החבן מיר קיין (כהן גדול) ניט מער גחר וחט מיר טוחן ריידן מיט חונזרי לעפֿן ליבר גחט טוח דחך לוח חונז גדיינקן חלעט מיר זיינן גחר פֿון פֿלייט חוג בלוט חוג חלט החט חונז דר (יצר הרע) חיבר דעם זינד לוח טחן דרום טוח חיך בעטן לו דיין דר בחרמיקייט דען דוח ליבר גחט וחט ווערט דיר זיין גהחלפֿן מיט מיין בלוט (ח"ו) דרום טוח חיך דיך בעטן טוח מיך (ח"ו) נים פֿחר לוקן פֿון די וועלט פֿר מיין לייט חוג לחז מיך לעבן לו החלטן חלי דייני (מצות) ווי עט גיהער לו זיין חלט חיך טו היינט דעם טחג טרויחרדט זחל מיר דט גחנלי יחר זיין לו פֿריידן חוג היינט דעם טחג זחלסטו טחן מיר ווית דוח החטט חונז גטחן חין דער לייט חז (בלעם) החט וועלן פֿלוכֿן חוג עט חיז דרויט גווחרן חיין בענטונג חזוי גלייך זחלסטו לוח מיר היינט דעם טחג טחן דיין גרויט הילך (חמן) : דיח

פח די ווידוי זאגט מען אין (ר"ה אונ יו"כ) :

אנא איך בעט דיך גאט פון (ישראל) מיין שעפער דוא האסט באשאפן מיך אונ האסט גשפייזט מיך ביז דעם היינטיגן טאג אונ איך האב דאש בייז אין דיין אויגן גטאן איך האב דר צארנט דיך מיט מיינע בייזי ווערק איך האב גזינדיגט צוא פר דיר גאט טוא איך בקענן מיינע זינד צו פר דיר אונ וויל פר לאזן זיא ניער צו טאן דען מיינע זינד טוען מיר גרייאן אונ וויל (מקבל) אויך מיר זיין מיין צו טאן אונ וויל מיר דר ווייטרן פון זינדיגן וועג דר בארמיגר גאט איך צוא ברעך מיין הארץ מיט מיין זינדן צו פר דיר אונ אין די פר בערגניש וויל איך פר בערגן מיין לייב אונ בגער דיין דר בארמקייט אונ גנאד אונ אוט איין ארמר מאן אין דר טיר צו העלפן מיר מיט ווידר קערן מיט גאנצן הארצן מיין שאטר מיין קיניג קער מיך ווידר מיט ווידר קערונג צו פר דיר מיין פאטר מיין קיניג · דר בארם דיך וועגן דיין הייליגן נאמן אונ ניט פון מיינט וועגן : (יהי רצון) עש זאל זיין בוויליגט צוא פאר דיר דער בארמיגר גאט דר דא בגערט אז מען זאל ווידר קערן צו איים אז די זינד זאל פר קערט ווערן צוא זיין (זכיות) אונ דיא גוטי (מלאכים) זאלן פיר טפרעכן פר מיר דיין וועג לאז מיך מיסן . בגליק מיך אין מיין שטעג איך טוא דיך אן רופן גאט מיט גאנצן הארצן ענטפר מיר אונ פאר גיב מיין זינד אן דעם הייליגן טאג : (יהי רצון) עש זאל זיין בוויליגט די זאג פון מיינם מונד אונ די דעמוטיקייט פון מיין הארצן מיין בשעפר אונ מיין דר לייזר אמן סלה :

סט די (תחנה) איז ארויס גקומן פון (ס"פ דמיין) דאש האט איין גרויסר (גאון) גמאכט דש זאלן די ווייבר זאגן אוף (ראש השנה ויו"כ) ווען דר (חזן) האלט (עלינו לשבח) צו (כורעים ומשתחוים) פאלן אין דר עבודה אזוי זאל מען דש זאגן :

עלינו לשבח לאדון הכל) . אויך מיר מענטש איז דר טויד צו לויבן דיין הייליגן נאמן מיט פארכט אונ צו בעטן צו גיסן דיין בארמהרציקייט אויב איך שוין בין פול מיט (עבירות בעונותינו הרבים בעל הרחמים נקראת ודרך התשובה הורית) דוא ביסט דאך בארמהרציג אונ האסט אונז גלערנט דעם וועג פון דר (תשובה) אזוי קום איך מענש פר דיין גהייליגטן נאמן (והתפלל על נפשי ועל ב"ב) צוא בעטן אויך אונ אויך מיין מאן אונ קינדר (בכריעה ובהשתחויה) אונ פאל אויף מיין (פנים בירמה) צו בעטן דיין הייליגן נאמן (מלך מלכי המלכים הקב"ה) דעם (חסד) וואס דו האסט גטאן מיר אונ מיין מאן אונ מייני קינדר פון יוגנט ביז היינט (אל מלא רחמים) לאז מיך דיין גנאד ניט פר לאזן מיט (רחמים) ווייל איצונד איז איין (עת רצון לפני כסא כבודך) אונ זאלסט אונז דיא (עבירות מוחל) זיין ווי דו האסט פר זיכרט צוא (משה רבינו) אין דיין הייליגי (תורה סולחתי כדברך) דוא זאלסט (מוחל) זיין די (עבירות) ווען אויך מיר מתודה זיינן אונ זייא מקבל אונזרי (תפלות כתפלת חנה) די דא האט גזאגט (אשה קשת רוח אנכי) איין פרויא מיט איין בטריבט ביטר געמיט בין איך (ואל תבא במשפט עמנו) . זייא מיך ניט (דן במשפט כי לא יצדק לפניך כל חי) ווייל קיין מענש ניט ריין איז פון (עבירות) אונ ווען (ח"ו) דר שטן וויל מקטרג זיין לאז מיך גניסן דיין מדה פון (חסד ורחמים) שטייא אויף (מכסא הדין) אונ זעץ דיך (על כסא רחמים) · ליבר גאט מאך דער ווקן דיין דער בארמהרציקייט אויף מיר מענש אונ מיין מאן אונ קינדר אויך וואש אש דיא (עבירות) מיט גרויש דר בארמיקייט אבר ניט מיט (יסורים וחלאים רעים) · (רבש"ע) וויא צו ברעכט מיר מיין הארץ ווען איך גדיינק ווי דש (בית המקדש) איז גשטאנן אונ דר (כהן גדול) האט די (עבודה) גטאן אין (קדשי קדשים) אזוי איז דער רויטר פאדים ווייש גווארן האבן דיא (ישראל) גוואוסט אז זייער תפלה איז אן גנומן גווארן איצונד (בעו"ה) האבן מיר קיין (בית המקדש) קיין כהן גדול קיין (קרבן) אויך אונז ווכפר צוא זיין נאר אונזר (תפלה) אזוי פר נעם אונזר (תפלה ברחמים) אונ גיב מיר (עשירות) איך זאל קענן מחזיק זיין (לומדי תורה) אונ געבן (צדקה לעניים ואביונים כשרים) אונ מיר זאלן אונזר (עשירות) ניט אן לייגן צו (גאוה) טרייבן אונ צו הערטן איבר (עניים פותח את ידיך) עפן דיין מילדי האנט אונ שפייז מיך פון דיין האנט (אב הרחמים יהיו לרצון אמרי פי) מיין רייד זאל זיין בוויליגט פאר דיר · אונ ווען איך (ח"ו) עש וואש זאלט גרעט האבן וואש ניט רעכט איז (בנה הגיגי) פרוב מיין צו בגאבן הארץ וועלכש בטריבט איז · מיין ווינן אונ טרייאן לאז איין אוין זיין פר מיר פר מיין מאן פר די קינדר אויב איך טוין ניט ווירדיג בין צו בעטן פר מיר אכל שכן אויף מיין מאן אונ קינדר דו האסט אבר פר זיכרט (עושה חסד לאלפים) דיין גינאד קער אויף פיל טויזנט גבירד פר נעם מיין (תפלה) אונ לאז מייני טרערן ניט לעהר פאלן · בויא דש (בית המקדש במהרה בימינו) אז דר (כהן גדול) זאל דיא (עבודה) טאן אין (בית המקדש אמן) :

דיא

ע די (תחנה) זאגט מען פֿר אתרוג בענטשן :

יהי עס זאל זיין דר ווילן פֿר דיר דו ביסט איין גאט אונ גאט אונזר פֿאטרן איך וויל האלטן די (מצות) ווי דו אונז געבאטן האסט דאס מיר זאלן נעמן (לולב) דאס הייסט (כפות תמרים) אונ צווייגן וואס זיין דיק געפֿלאכטן דאס איז דר (הדס) אונ ווייד די דא וואקסן ביי דעם באך וואס דאס זיין די (ערבות) אונ איין שיינע (פרי) דיא פֿון איין יאר צום אנדרן אויף דעם בוים בלייבן טוט דאס איז דער (אתרוג) אזוי ווי איך די פֿיר (מינים) צו זאמן בהעפֿטן טוא אלז וועהן זיי נאר איין (מין) ווערן אזוי זאלשטו ליבר גאט אויך מאכן דאס דו זאלשט דעם (שם הקדוש) אויך צו אונז בהעפֿטן אונ זאלן די פֿיר הייליגי (אותיות יהו"ה) אויך ביי אננדר שטיין אונ פֿון וועגן דעם שיטלן דאס איך הייט מקיים בין מיט דיא פֿיר (מינים) אזוי זאלשטו געביטן אויף אלי דיא (מזיקים) אונ (קליפות) אום צוגיסט אויף אלע דיא מיר בגערן בייז צו טאן דאס זיי זיך זאלן פֿארבלטן צו מיר גענעהן צו איבֿן מיר אונ וועגן דר (מצוה). זאלשטו אויף מיר שיהן פֿיל (ברכות) אונ ווייטן שאפֿט פֿון דייני אויבערשטי וואונוג אונ דאס דייני הייליגי (שכינה) זאל ווידר קערן צו רוען אין דיין הייליגן (בית המקדש) דר בארמהערציגר גאט איך בעט דיך פֿאר דיין הייליגן נאמן זאל די (מצוה) אן גנומן זיין גלייך דאס מיר העטן זיי (מקיים) געוועזן מיט די (כוונות) אונ מיט אלי (צדיקים) אונטר דיין פֿאלק (ישראל) אונ גיב איין (חלק) אונ איין ארבטייל צווישן דיא דא רוען אונ זיצן פֿר דיר אין (גן עדן העליון אמן) :

עא דיא (תחנה) זאגט מען אין (הושענא רבא) נאך דיא (הושענות) אפ שלאגן :

יהי רצון) עס זאל זיין דער ווילן פֿון צו פֿר דיר דו גאט ביסט מיין גאט אונ גאט מייני עלטרין וויל דו האסט אויס דער וויילט אן די הייליגע (נביאים) אונ אן אירי (מנהגים) אז אלז וואס מיר טוען אין דייני (מצות) טוען מיר אלז ווי מיר פֿון אונזרי עלטרן אנטפֿאנגן אונ גזעהן האבן אזוי בעטן מיר דיך דאס דו זאלשט הייט דעם טאג אנטפֿאנגן אונזר געבעט מיט אייטל דער בארמקייט אונ מיט גוטן ווילן. אונ דאס אום ריגנן דאס מיר האבן אלי טאג אום גריגעלט זאלשטו אונז גדייקן דעם זכות פֿון דיא זיבן גאנצן פֿרומע (אבות אברהם יצחק ויעקב משה ואהרן יוסף דוד) אונ פֿון וועגן אירי (זכיות) זאלשטו אב שאן די איירני וואנד די דא איז צווישן דיין הייליגן נאמן אונ צווישן (ישראל) דאס זיין די (קליפות) די זיינן אזוי שטארק אלז איין אייזן די אילן ניט ליידן אונזר (תפלה) זאל קומן פֿאר דיין הייליגן נאמן : דרום ליבר גאט טוא זיי אוועק פֿון דיר אונ פֿר נעם אונזר געבעט אונ זיגל אונז אן צו גוטן דען דו האסט בשאפֿן די גאנצע וועלט הימל אונ ערד אהני מיה אונ מיט גרינגהייט אזוי זאלשטו אונז אויך הייט אן זיגלן אין דעם בוך פֿון לאנג לעבן צו דר וועלט אונ צו יענר וועלט דאס דיר קיינר נים ווערן קאן. אין דעם הייטיגן טאג זאלשטו געבן איין דער ליבשטונג צו דיין הייליגי (שכינה) אונ דיא (מקטרגים) די אלי נייט ווילן זיך שטארקן אונ (מקטרג) צו זיין אויף אונז דיא צובליגי ווערן אונטר טעניג דורך אונזר אפ שלאגן די (ערבה) אונ דאס מיר אויך האלטן דעם (מנהג) פֿון אונזרי (נביאים). דרום זאלשטו ווידר דער וועקן דיא ליבשאפֿט פֿון אונזרי עלטרן אויף אונז אונ זאלשט אונז אויך קומן מיט דיין הייליגן וויל צו אונזר (נשמה) אלז וויא דוא אויך האסט געוועזן די (נשמות) פֿון דיא (אבות הקדושים) אונ דאס דר (מדת הדין) האט ניט אן זיי (שולט) געוועזן אונ דו זאלשט אויך אונז אויס גיסן דעם טויא וויא דו האסט גנאסן אויף דיין ליב פֿאלק (ישראל) ווי זיא האבן דיין הייליגי (תורה מקבל) געוועזן אונ אויס דעם הייליגן (אוצר) זאלשטו געבן מיר (סגולית בת פנינית) דיא דא שטייט אונ בעט אום פֿר געבן די זינד דאס דו זאלשט מיר (מוחל) זיין אויף אלי מייני (עבירות) אונ זאלשט אויס שטרעקן אויף מיר דיין רעכטי האנט מיט אייטל דר בארמקייט אונ זאלשט אן נעמן מיין (תשובה) וואס איך האב געטאן פֿר דיר אונ דו זאלשט מיר עפֿנן דיין גוטן (אוצר) פֿון דעם (גן עדן) אונ זאלשט מיר מיט מיין מאן אונ קינדר געבן איין גוטי (חיות) פֿון לאנג לעבן אונ גוטי (מטה ומזון) פֿון געזונדהייט אונ זאלשט געבן (מזל) אונ (ברכה) צו אלי מיין טאן אונ לאזן דאס איך זאל בגליקן אונ דאס קיין (עין הרע) זאל ניט געוועלטיגן אן אלי מיין טאן אונ לאזן. מיר וועלן זאגן (אמן) :

סימני תחנות

וואש פֿר איין (תחנה) מען זאל זאגן אין וועלכן (סימן) צוא געפֿינן נאך דעם (אלף בי״ת):

א די (תחנה) זאגט מען גלייך בייא אויף שטיין נאך די הענט וואשן:
ב דיא (תחנה) זאגט מען אויך אין דער פֿריא גלייך נאכן וואשן
ג איין בקשה וואש מען זאגט קוועמנדיג אין שול:
ד איין (תחנה) צוא זאגן אבינט אונ מארגן נאך (מה טובו):
ה איין תחנה זיך (מתודה) צו זיין פֿר דר תפֿלה פֿון (רבי אליעזר הגדול):
ו צו זאגן נאך דר ברכה מקדש את שמך ברבים:
ז צו זאגן אבינט אונ מארגינש פֿאר (קדושה):
ח צו זאגן אבינט אונ מארגן אין (שומע קולנו):
ט צו זאגן אז דער (חזן) האלט (שים שלום):
י (מתפלל) צוא זיין אויף גוטי קינדר
יא צו זאגן אז דר (חזן) זאגט (אנעים זמירות):
יב צו זאגן אלי טאג נאך דעם דאוונן:
יג איין (תחנה מתפלל) צו זיין אלי טאג (בכוונה):
יד איין (תחנה) מתפלל צו זיין אויף (פרנסה):
טו נאך איין (תחנה מתפלל) צוא זיין אלי טאג:
טז דעם (מזמור) צוא זאגן (בצורת המנורה):
יז איין (תחנה) צוא בעטן אויף גוטי קינדר:
יח איין (וידוי) צוא זאגן אלי טאג גזונטר הייד:
יט איין (תחנה) צו זאגן פֿר דעם (ארון הקודש):
כ נאך איין (בקשה) צו זאגן פֿר דעם דאוונן:
כא איין (מוסר מודעה) צו זאגן אבינט.אונ מארגן:
כב די (תחנה) אויך צו זאגן (בכוונה) אלי טאג:
כג צו זאגן אבנט אונ מארגן פֿר איטליכי (תפֿלה):
כד איין תחנה צו זאגן זונטאג (בכוונה):
כה איין (תחנה) צוא זאגן מאנטאג (בכוונה):
כו איין תחנה צוא זאגן דינשטאג (בכוונה):
כז איין תחנה צוא זאגן מיטוואך (בכוונה):
כח איין תחנה צוא זאגן דאנערשטאג (בכוונה):
כט איין תחנה צוא זאגן פֿרייטאג (בכוונה):
ל איין תחנה אז מען (חלה) נעמט:
לא צו זאגן אז מען האט אנגצונדן ליכט לכבוד שבת
לב פֿרייטאג צו נאכט נאך ליכט צינדן:
לג נאך איינע פֿאר ווייבר נאך ליכט צינדן:
לד (שבת ויום טוב) פֿאר דיא ליכט צינדן:
לה (שלום עליכם) פֿרייטאג צו נאכט:
לו נאך וואש מען זאגט פֿרייטאג צו נאכט:
לז צוא זאגן (שבת) פֿריא (בכוונה):
לח צו זאגן (מוצאי שבת) נאך (הבדלה):
לט (בתענית למנחה) פֿאר (אלהי נצור):
מ אלי טאג זיך צו נעמן איין האלבי שעה:
מא נאך איין תחנה צו זאגן (בתענית):
מב תחנה (מספר חסידים) צו זאגן (בתענית):
מג פֿאר ווייבר צוא זאגן דעם (וידוי):
מד נאך דעם (תענית) צו זאגן מיט אמן:
מה איין (אלמנה) זאל דאש זאגן:
מו צוא זאגן אז מען (ראש חודש) בענטש:
מז צוא זאגן (ערב ראש חודש בכוונה):
מח איין (תחנה) פֿאר ווייבר צוא בעטן אויף זיך אונ אויף איר מאן אונ קינדר:
מט איין תחנה צוא בעטן אויף (פרנסה):
נ איין תחנה צוא זאגן אלי טאג (בכוונה):
נא תחנה פֿון זיבן לויב קעגן דיא זיבן הימלן:
נב (תחנה מתפלל) צוא זיין אויף (פרנסה ובפרט בערב ראש חודש):
נג מתפלל צו זיין אז דר מאן איז אין וועג:
נד (לשלש רגלים) אז מען אויש נעמט די ס״ת:
נה (תחנה לעטרה בשבת):
נו (תחנה לתענית אסתר):
נז (תחנה לערב ראש חודש סיון):
נח (תחנה לשבעה עשר בתמוז):
נט (תחנה לתשעה באב):
ס תחנה צוא זאגן גאנץ (חודש אלול):
סא איין שייני תחנה צו זאגן (ר״ח אלול) אז מען הערט (שופר) בלאזן:
סב איין תחנה פֿון (ר״ח אלול) ביז איבר (יו״כ):
סג איין תחנה צו זאגן (ר״ח אלול) מאנטיג אונ דאנערשטיג פֿאר (בריך שמיה):
סד איין (תחנה בשעת) דיא (כהנים) דוכנן זאגט מען דש צו (שים שלום):
סה אז מען שלאגט (כפרות ערב יום כפור):
סו (ערב יו״כ) צו נאכט פֿאר (כל נדרי):
סז וואש מען זאגט אום (יום כפור):
סח איין (וידוי לר״ה ויום כפור):
סט איין שייני (תחנה) פֿון (פ״ב דוויין לראש השנה ויום כפור):
ע וואש מען זאגט פֿאר (אתרוג) בענטשן:
עא וואש מען זאגט אום (הושענא רבא) נאך (הושענות) שלאגן:

תם ונשלם

דיא הייליגע תחינה פֿון נייאן וואר זיא אויס גיטראכט · עס האט זיא קיין שלעכטער מאן גימאכט · ווער זיא ווערט מיט כוונה ליינען און וועט זיא נעמען אין אכט · ווערט ער פֿאר זיכערט זיין פֿון בייזע גישפענסט טאג און נאכט :

אזו באלד אז דער מענטש איז שול קומט זאל ער זיך בוקן און זאל (מה טובו) זאגן און ער זאל אן הייבן צו זאגן די תחינה און מען מוז זאגן די (תפלה) מיט גרויס כוונה וויא דאס איז גשריבן :

מלך מלכי המלכים הקב"ה אין דער צייט אז דאס (בית המקדש) איז גישטאנען · און דער מענטש האט גזינדיגט און האט צו דיר ליבר גאט גיבראכט איין קרבן מיט דעם קרבן האשם איז אים אלע זיינע זינד פֿאר געבן אבער אויף דער צייט האבן מיר קיין (בית המקדש) ניט מער אויך קיין מזבח ניט מער אויך קיין קרבן ניט מער דא זאל פֿאר געבן אויף אונזרע זינד וואס מיר האבן גטאן און אויף דער היינטיגע צייט האבן מיר אן גינומען די ליבע שול אן שטאט (ב"ה) און אן שטאט דאס קרבן זיינן די רייד וואס מיר טואן ריידן מיט אונזרע לעפֿצן און אויך דיא תפלה וואס מיר טואן צו דיר זאל אלז זיין ליבר גאט אן שטאט דאס קרבן רבש"ע ווען איך טוא אן דעם גידענקן דאס פֿאלט מיר דער שוויס פֿאר מורא און עס ציטרן מיר מיינע גלידער אין מיין לייב פֿאר גרויס מורא דען דוא ליבער הער גאט וויל איך טוא מיר גידיינקען אז איך האב צו דיר גזינדיגט און אלזוא זאל איך צו דיר קומן אין דער ליבע שול בעטין צו דיר וואס דו טוסט צוזין רוען דיין ליבע (שכינה) אבר וויל דוא ליבער גאט האשט ליב די (תפלה) פֿון דעם מענטשן דער דא האט צו דיר גזינדיגט אזו וויל איך ארעם ווייב צו דיר בעטין אז דוא זאלסט מיר אין מיין הארצן געבן אז איך זאל אין מיינע (תפלות) בעטן וואס איך ווער צו דיר טאן אין דער ליבע שול וואו דיא (שכינה) טוט רוען אז איך זאל (ח"ו) קיין בייזי גדאנקן ניט האבן ווען איך ווער צו דיר (תפלה) טאן · (שרי צבאות) שיק צו מיר באלד דיא הייליגי (מלאכים) דיא דא זיינן גזעצט איבר דיא (תפלה) וואס דער מענטש טוט צו דיר אין דער ליבר שול · און דיא (מלאכים) זאלן ברענגן אלע מיינע (תפלות) פֿר דיין (כסא הכבוד) · און דוא ליבר גאט זאלסט אויך מיין (תפלה) אן נעמן גלייך אז דוא האשט אן גנומן דאס ליב געזאנג פֿון די (לוים) וואס זייא האבן צו דיר געזאנגן אין דער צייט אז דאס (בית המקדש) איז גשטאנן · דוא ליבר גאט דוא זאלסט אונז אויך צו גוטן גניסן דעם (זכות) פֿון אונזערי מוטר (שרה רבקה רחל לאה) · דוא ליבר גאט זאלסט אונז גדיינקן פֿון זייא איז וואהרן גבארן דיא גאנצי הערטשאפֿט פֿון דיין ליבן פֿאלק (ישראל) דיא דא טוען צו דיר אלע טאג זאגן (שמע ישראל) : (מלך מלכי המלכים הקב"ה) דוא זאלסט צו אונז דאס גידיינקן דאס מיר זיינן דיין פֿאלק ישראל און דו האשט אונז אן גינומן פֿאר דיינע קינדר וויל מיר האבן אויך צו דיר גיטאן אז איין קינד קעגן צו טאן צו איין פֿאטר און מיר האבן פֿון דיר אנטפֿאנגן דיא (עשרת הדברות) אויף דעם בארג סיני דרום טואן מיר צו דיר (תפלה) אין דער ליבע שול ·

גלייך אז דו האסט אן גינומען דיא תפלה פון (כהן גדול) דא ער איז אריין גיגאנגן אין דעם (קודש הקדשים) אונ דו זאלסט אלז אן נעמן אונזער תפלה גלייך אז דוא האסט אן גינומן דיא תפלה פון אונזער עלטערן טוא אונז באלד אויך דאס זיר פון דיא פאר געבונג דרום דו ליבער גאט מיר בעטין נאך איין מאל צו דיר אז דוא זאלסט אן נעמן דאס וויינען וואס מיר צוא דיר טואן וויל מיר האבן קיין (בהמ"ק) מער אונ אויך קיין מזבח ניט מער אונ אויך קיין קרבן ניט מער דער דא זאל פאר געבן אויף אונזרע זינד וואס מיר האבן גיטאן דו ליבער הער גאט אז דאס (בהמ"ק) איז גישטאנן אונ דער מענטש האט צו דיר (תפלה) גיטאן אין דער צייט האט דער (מקטרג) גאר קיין מאכט גיהאט (מקטרג) צו זיין אויף אונזער תפלה אויף דער צייט האבן מיר אן שטאט דאס (בהמ"ק) דיא ליבע טאל מיט די (תפלות) וואס איך וועל דא טאן זאל איך מאכן דורך אל דאס בייז זאל באלד ווערן בטל ומבוטל פון מיר אויך פון מיין מאן אונ מיינע קינדר אמן :

ווייא איין פרויא זאל בעטין אויף זיך אונ פאר איר מאן אז זייא זאלן איין גוטע פרנסה האבן :

רבונו של עולם אלס וואס איך וועל דא צו דיר בעטן אונ וואס איך וועל ריידן מיינע רייד זאל זיין אין איין גוטע שעה ליבר גאט דו זאלסט מיר מיט מיין מאן געבן איין גרינגע (פרנסה) אן (חילול השם) אונ אויך אן (עין הרע) אונ אז מיין מאן זאל קענן דיא קינדער צייער גירעכטיקייט טאן ווייא גיהער צו זיין דער מיט דוא ליבער גאט מיר זאלן ניט וויסן צוא זאגן פון קיין (טפלות) איך אדער מיין מאן צו דיר טוא איך בעטן אז דו זאלסט אונז געבן פיל מזל אין דער פרנסה ליבר גאט לאז אים ניט פאר גיין (ח"ו) זיין קלוגהייט אונ זאלסט אים עפענן דאס טיר פון דער נערונג דו ליבר גאט דוא זאלסט אים שטארקן זיין גיביין דער מיט אלס ער זאל קענן זוכן איין נערונג אונ אז מיר זאלן בגליקן אין אונזר וועג אונ שטעג אלס מיר זאלן נים וויסן צו זאגין פון קיין נויט בדערפנס ליבר גאט דו זאלסט אונז היטן פון (בלבולים) אונ פאר אלע בייזע קרייגק אונ אלע אונזרע טעג זאלן מיר ניטס וויסן צו זאגן וואס דלות איז ליבער גאט אלס מיר זאלן אונזר וועלט ערליך אויס פירן ליבר גאט אלס מיר בעטן דיך נאך איין מאל אז מיר זאלן ניט קומן צו קיין (טפלות) אונ דאס מיר זאלן בהאלטין גוטן גינאד ביז הונדערט יאר דער מיט דאס מיר זאלן קענן דיין ליבן הייליגן נאמן רעכט דינען מיט גאנצן לייב · אויך בעט איך דיך רבש"ע לאז מיך מיין קינד האבן מיט ווייניג יסורים אונ ווייניג שמארצין אונ לאז ניט גשווערט ווערן מיין לייב אונ לאז מיך בלייבן בייא קראפט אונ גיזונד אמן :

ווען מען פארט אויף (קבר אבות) זאל מען דאס זאגין :

צוא די הייליגע נשמות די דא זיינן בגראבין האט מיך מיין הארץ גילוסט צו אייך מיט רשות אייך דער היים צו זוכן אייער נשמה . עס זאל בייא אייך אן גינומען זיין מיינע טרחות צוא דעם בשעפער דער וועלט דער נאך צו הייליגע נשמות · ליבר גאט דאס רעכט פארטיגע וועג אונזר קומן דאס זאל זיין אין גוטע צייט

ניט אונ איך זאל קומן אין דער נייט אז איך זאל איין עת רצון האבן בייא הש"י
מיט דער תפלה וואש איך ווער דא שאן איר הייליגע נשמות איין קומן וואש איך
בין דא גיקומן צו איך זאל זיין צו גוטן אז איר זאלט איין פיר שפרעכר זיין אונ
אויך איין גוטער מליץ זיין אויף יענער וועלט די הייליגע נשמות די דא רוען אויף
שוועבן אין די קברים אונ אויך איז איין גיבעט איר זאלט פאר נעמן מיינע
(בקשות) וואש איך ווער דא פון אייך בגערן פון מיר זאל בטל זיין אלע בייזע
גזירות: רבש"ע דוא זאלשט פון מיר אן נעמן די טרערין וואש איך טוא דא לאזן
אויש מיינע אויגן ליבר הער גאט גידיינק אז מיר זיינן נאר אייטל. בלוט אונ פלייש
רבש"ע הער אלע מיינע בקשות וואש איך מיט מיין מויל טוא צו דיר ריידן אונ
בעטן אונ איך זאל האבן מיט מיין מאן אונ קינדר (מזל אונ ברכה) אונ גיב אונז
פרנסה אמן:

רבונו של עולם היט מיך אונ אויך מיין מאן אונ מיינע קינדער פאר ארמוט אונ
אז מיר זאלן די יארן אויש לעבן אין ערליכקייט דוא ליבר הער גאט מיר
בעטן דיך נאך איין מאל גיב אונז איין גרינג יאר אז מיר זאלן קענען אונזרע
קינדר ווייטר גרעלסיקייט שאן ליבר הער גאט זאלשט אונז היטן פאר (עין הרע)
פאר אלע שפלות פון דער וועלט אויך (ח"ו) פאר דלות אונ שפייז אונז פון דיין
האנט אונ לאז קיין מענשן זאלן מיר ניט בדערפטיג זיין אונ אז מיר זאלן זוכה זיין
צו שפייזן פיל ארימע לייט איבר אונזר שיט רבונו של עולם אלע דאש בייז וואש
מיר אדער מיין מאן האט ווען צו קומען דאש זאל פון אונז ווערן בטל ומבוטל אונ
קיין פאר שטערונג זאל אין מיין הויז ניט קומן ליבר גאט דו זאלשט היילן אלע
קראנקע הערצר אונ זאלשט מיר באלד היילן אלע קראנקע וואונדן וואש איך דא
טראג אויף מיין הארצן דו בישט דער גאט דער ווייסט אלע מחשבות פון דעם
מענטשן דער זאל מיר העלפן פון אלע מיינע צרות אונ ער זאל געבן אונזער
בדערפניש דען דו ליבר גאט די הילף וואש דו טושט געבן צו דעם מענטשן דאש
איז איין אייביגע הילף ליבר הער גאט איך בעט דיך נאך איין מאל אין דער נייט
אז דו זאלשט מיר עפענען די טויערן פון די (תפלה) וואש איך טוא צו דיר אונ
לאז מיר ח"ו ניט פאר שלאסין ווערן אונ מיין תפלה זאל קומן אין איר ארט וואו
זיא גיהער צו קומן רבש"ע וויא קענן מיר אונזער פנים אויף הויבן אז מיר זאלן
קענן בעטן צו דיר מיר האבן ווידער גישפעניגט צו דיר צו אזו איין גאט דער האט
דעם גאנצן עולם אין זיין האנט אונ איך זאל קומען צו אים בעטן אז ער זאל
מיר מיינע זינד פאר געבן וואש איך האב גיטאן ווייא מיר ווארום האב איך ניט
פאר גידאכט איי איך האב זינד גיטאן ווייא מיר וואש בין איך אויף דער וועלט
אדר וואש ווערט אויש מיר ווערן נאר ווערים דוא ליבר גאט וואש איז דער מענש
זיין קראפט אדר זיין מאכט אויף דער וועלט דען די טעג פון אונזרע יארן אין
אייטל נארהייט וואש איז דען אונזער קלוגהייט ווען מיר האבן אונזר לייט פאר
בראכט מיט הבלי הבלים אויף דער וועלט ליבר גאט דו בישט איין פאטר מיר
זאלן זעלברשט מודה צו דיר דיא זינד וואש מיר האבן גיטאן ליבער גאט זאלשטו
אונזר הארץ פאר דיר נעמן דאש מיר זיינן גיקומן מיט זינד דורך אן ריילונג פון
(יצה"ר) אבר דוא בישט איין האר איבר די פאר געבונג צו דער בארעמן דעם
מענטשן דא ליבר גאט מיר טרייאן צו דיר מיט פארלאש אזו זאלשטו אונז ענטפרן:

רבונו

רבונו של עולם עס איז וואר אז עס איז אונזרע שולדיקייט דאס מיר געהערן אלע טאג גרויסע תפלות טאן אבער וויל מיר זענן ליידיג אויס געלאפרט פון מצות וואס מיר געהערן צו דיר צו טאן דרום זיינן מיר זינדיגע לייט אין גרויסע זארג אז מיר זאלן ניט ח"ו דרום פאר שעמט ווערן אויף יענער וועלט דרום מיין גאט נעם מיך אין דיינם אכט אונ שטארק מיר מיין הארץ צו דער תשובה מיין גאט מיין הער שטראף קיינם ניט פון אלע דאס מייניגע ח"ו מיט שמארצן אדר פיין רבונו של עולם אז איך זאל זוכה זיין מיט מיין ביסל צדקה וואס איך טוא זאל איך מיך דער מיט לייזן מיין לעבן אונ איך מיט דאס מייניגע זאלן אויס לעבן די יארן אין גרויסע פריידן רבונו של עולם לאז די תפלה פון מיר תיכף פאר דיר קומן אזו דא איז געקומן פאר דיר דיא תפלה פון אברהם דען ער איז געוועזן דער ערשטר מענטש דער דא האט תפלה גיטאן צו הקב"ה אונ דו ליבר גאט לאז אונז גניסן דעם זכות פון יעקב דאס זיין צורה איז אויס געגראבן אין דעם כסא הכבוד מיין הער וואס זאלן מיר זינדיגע לייט טאן מיר זיינען אויף דער זינדיגער וועלט עס וואר בעסר געוועזן אז מיר ווערן ניט בשאפן געווארין אזו האטן מיר קיין עבירות אויף דער וועלט גיטאן וואר אונזרי נשמה ריין געבליבן אונטר דיין כסא הכבוד דרום בעטן מיר אז דו זאלסט צו אונז טאן פיל דער בארמקייט · אונ מיר זאלן ווערן אן גשריבן לחיים טובים ולשלום :

איי מען שלאגט כפרות זאל מען דאס זאגן :

שדי דער אלמאכטיגר גאט דער אייביג רואט אין הימל דער זאל אן נעמן דעם טאג פון מיר ארעם ווייב די הון פאר אין כפרה אויף מיינע זינד דאס איך האב גטאן אז איך זאל ניט גישטראפט ווערן דעם י"כ פאר דעם ב"ד אין הימל אויף מיינע זינד ליבר גאט איך ארום ווייב טוא דיך בעטין אז דוא זאלסט די הון פאר שטויסן אן שטאט מיר : דאס זייא זאלן זיין צוא דעם טויט אונ איך . זאל בלייבן לעבן : ליבר גאט דו זאלסט טאן נויר פאר צייטן יונגע טעג דען דו ביסט דער בארמיג צו דען מענטשן דוא ביסט דער גאט דער דא שטראפט דעם מענטשן ניט אויף איין מאל אויך ביסטו דער דא ניטס בגערט דעם טויט פון מענטשן נייארט ער זאל ווידער תשובה טאן אויף זיינע זינד וואס ער האט גטאן ליבר גאט דו זאלסט מיר היינט פאר זכן מיין גרעבטיקייט וואס איך האב גטאן צו די צייט וואס דער הער קומט רבש"ע אז איך ארום ווייב ניט זאל אום זיסט פאר גיסן מיינע טרעהרין וואס מיר ווערין גיין אויס די אויגן דעם י"כ אונ נייג דיינע אויערן צו מיינע תפלות וואס איך ווער צו דיר טאן רבש"ע דיא הון זאל זיין בייא דיר אן גינומען אז איך ארום ווייב זאלט פאר דיר האבן אין קרבן גיבראכט אונ מיט דער הון וואס מען טוט מיר ארום שלאגן זאל מיר ווערן אלע מיינע זינד פאר געבן צו דעם נייאן יאר וואס דא הער קומט אמן :

מלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא) אויב עס זאלט ח"ו וואס נגזר אויף מיר אדער אויף מיין מאן אדער ח"ו אויף מיינע קינדער אזו זאל אלט באלד פון אונז ווערן בטל ומבוטל אונ דו ליבר הער גאט זאלסט אונז אן שרייבן אין בוך צו לעבן אז מיר זאלן האבן איין (שנה טובה) . שדי נצחות היינט דעם טאג איז דאך אויס גישטרעקט דיין ליבע האנט אן צו נעמן די תשובה פון דעם מענטשן מיר

סוען

טואן הייַנטיגן טאג צו דיר תפלה מיט גרויס מורא און אויך מיט גרויסע פֿארכֿט דרום ליבר פֿאטר מאך אונז הייַנט לויטר אין דער צייט איז יוא צו דיר תפלה צו טאן ווייל אין דער צייט זייַנן אפֿין אלע זיבן היאלן דרום ליבר גאט טוען מיר דיך בעטין אז דו זאלסט אין דער צייט גידיינקען אן די רייד וואס דוא האסט גיזאגט דרום בעטן מיר דיך אז דוא זאלסט די זינד פֿון דיין ליבן פֿאלק ישראל אין דער צייט ר"ה און י"כ פֿאר געבין און זאלסט זייא מיט איר תפלה ניט לאזן ווידר קערן לער דרום ליבר גאט טוען מיר צו דיר גאט זאגן מיט גרויסע וויינען (שחטאתי שעויתי שפשעתי) און מיר האבן חרטה אויף אונזרע זינד וואס מיר האבן געטאן ליבער פֿאטער טוא צו אונז נאך דאס גידיינקען דאס בה"מ איז גישטאנען און דער מענטש האט גיזינדיגט דא האט ער גבראכֿט איין קרבן מיט דעם קרבן זאלסטו אים אלע זינד פֿאר געבן אבר אויף דער צייט האבן מיר קיין (בהמ"ק) נים און קיין מזבח און אויך קיין כהן דער דא זאל פֿאר געבן אויף אונזרע זינד דען מיר האבן אויף דער צייט ניט מער אז די רייד וואס מיר טוען ריידן מיט אונזערע לעפֿצן אין דיין ליבר שול וואס דו טוסט לאזן רוען דיין שכינה דרום ליבער גאט זאל די תפלה פֿון אונז אויך ליב זיין אזו גלייך אז דיר איז ליב גוועזן דאס גיזאנג פֿון דיינע (לוים) דאס זייא האבן גיזונגען אין (בהמ"ק) דרום ליבר גאט טואן מיר דיך בעטין אז דו זאלסט פֿון אונז אויך אן נעמן הייַנט דעם טאג די תפלה וואס מיר צו דיר טוען גלייך אז דו האסט אן גינומען פֿון דעם (כהן גדול) דא ער איז גיגאנגען אין (בית המקדש) צו טאן זיין תפלה צו דיר ליבער גאט טוא אזו באלד אויף דאס טויער פֿון די פֿאר געבונג אויף די זינד די מיר האבן גיטאן אין דעם יאר ליבר גאט דוא זעלבסט זאלסט אונזר (מליץ יושר) זיין צו דעם נייאן יאר דאס דא טוט קומן דען דוא ליבר פֿאטער בייא דיר איז אייטל בארימקייט ליבר הער גאט נעם דוא אונז הייַנט זעלבן אונטר דיינע פֿליגל און לאז פֿון אונז אפ גיטאן ווערן אלע בייזע גזרות און נעם הייַנט דעם טאג אן דאס וויינען פֿון די (מלאכים) אין היכל דאס זייא האבן גוויינט אז אונזער פֿאטער (אברהם) האט וועלן זיין זון (יצחק צו איין קרבן) בריינגען דרום ליבר פֿאטר טוען מיר דיך בעטין אז דוא זאלסט מיט אונז אום גיין די צייט דאס דא טוט קומען מיט דעם (מדת הרחמים) און לאז אונזר תפלה באלד קומן פֿאר דיין (כסא הכבוד) רבש"ע שיק דאך באלד איין רפֿואה אויף די קראנקע און די מיתה פֿון די יונגע לייט וואס זייַנן גישטארבן פֿאר דער צייט זאל מכפר זיין אויף די קראנקע ליבר הער גאט שרייב מיך אן אין דעם בוך פֿון פרנסה אז מיר זאלן איין גוטע פרנסה האבן דער מיט מיר זאלן קענן טאן אונזרע קינדער אלע גירעכֿטיקייט און אויך קענן זיי ערלעך אויס פֿירן (מלך מלכי המלכים הקב"ה) דו זאלסט עפֿנן אונזרי קינדר די אויגן צו לערנן תורה אויך זאלן מיר גניסן דעם (זכות) פֿון די דא טוען פֿיל מאל אלע טאג זאגן (אמן יהא שמיה רבא) און איך זאל זוכה זיין מייַנע קינדר צו דער ציהן מיט מייַן מאן (לתורה לחופה ולמעשים טובים) און איך זאל דער לעבן מיט מייַן מאן צו זעהן קינדר און קינדרס קינדר אין פֿיל עושר און כבוד אמן:

איין אשה וואס מעוברת איז זאל זיא זאגן די תחנה

רבש"ע ווייל דיין הייליגר ווילן איז דער בייא גוועזן און האסט מיין תפלה דער הערט אז איך בין אויך טראגין גיווארין (רבש"ע) דוא האסט אונז גיבאטין

גיבאטין צו נעמן איין אתרוג אונ לולב איבר דעם זאגין מיר מאכן פיל ברכות
אונ דיין מצות האסטו אונז געגעבן אבר דו ליבר גאט איבר דעם האסטו געשטראפט
אונזר מוטר חוה ווייל זיא האט דער ווידער דיין געבאט גיטאן אונ זיא האט זיך
לאזן אן רייצן צו געבן עסין צו אדם הראשון פון דעם בוים וואס גאט איר זאלבן
פאר באטן האט אונ זיך לאזן איבר ריידן פון דעם נחש אונ האט איבר גיפארין
אויף דיין ליבן גיבאט ליבער גאט דורך די זינד אי׳ וואורן גיגעבן דער טויט אויף
דער וועלט די מיר מוזן ליידן דעם טויט איבער דעם האבן מיר צו ווייכען אונזר
הארץ איז איבר דעם טוועך אבער דוא ליבר גאט די פאר זיכרונג האבן מיר
פארט אלע טאג צו דיר גלייך אז איין קינד צו זיין פאטר אונ צו פאר אויט אז דר
צייט ווייל מיר טוען האלטן די מצוה פון דר בענטשונג מיט דעם אתרוג אונ לולב
(רבש"ע) מיין בעטין איז צו דיר אז דו זאלסט מיר איין קינד ניט לאזין שווער
טראגין אין מיין לייב ליבער גאט ווען די צייט ווערט קומן אז איך וועל מיין קינד
האבן זאל איך אזו גרינג האבן אז איך ווער דא ארויט רייסן די שטיל פון אתרוג
אין דר צייט זאל איך האבן מיין קינד אן אלע שאדן אין מיין לייב אויף דו ליבער
גאט טוא איך דיך בעטין ווען די צייט ווערט קומן אז איך וועל מיין קינד האבן
זאלסטו מיר געבן פיל קראפט אין מיין לייב דער מיט אז איך זאל מיר באלד
קענן העלפן צו ברייגנן מיין קינד אויף דער וועלט ליבר גאט אין דער צייט אז
איך וועל מיין קינד האבן זאלסטו איבער מיר האבן גרויט דער בארמיקייט ·
(רבש"ע) אויך אין די צייט אז איך וועל מיין קינד האבן אין דער צייט זאלסטו מיר
אויף שאן אלע זיבן הימלען אונ דו ליבר גאט זאלסט מיך באלד דער הערן דער
מיט אז איך זאל מיין קינד האבן אן אלע יסורים אונ אויך אן אלע שמארצן ליבר
גאט לאז די תפלה פון מיר גירעכינט ווערן גלייך אז איך האב גיבראכט צוא דיר
פיל קרבנות אין דיין (בהמ"ק) אונ ליבר גאט זאלסט אן נעמן מיין (תפלה) גלייך
אז דו האסט אן גינומן די תפלה פון דעם (כהן גדול) אז ער האט (תפלה) גיטאן
אויף זיין ווייב אז זיא זאל האבן איין זון איין (תלמיד חכם) · (רבש"ע) לאז מיר
דאס מאל אויך דאך האבן איין (תלמיד חכם) ליבר גאט אויב איך בין עס ח"ו
ניט ווערט טוא עס פון מיין קינד וועגן וואס איך טראג דו ליבר גאט דאס קינד
האט יוא נאך קיין זינד גיטאן וויא אויך דו ליבר גאט האסט גישריבן אין דער
הייליגע תורה אז דו ווערסט ניט פאר לאזן דיין ליב פאלק · דרום ליבר גאט טוא
איך דרום ווייב נאך אמאל צו דיר בעטן אז איך זאל זוכה זיין מיט מיין קינד, צוא
קומן אין די קינדר בעט אונ לאז מיר קיין קינד מער שטארבן בייא מיינעם לעבן
ליבער גאט ווען די צייט ווערט קומן אז איך ווער וועלן מיין קינד האבן אין דער
צייט זאל דער מקטרג גאר קיין מאכט אויף מיר האבן מקטרג צו זיין · ליבר גאט
זאלסט דער הערן מיין תפלה וואס איך צו דיר טוא בעטן אז דו האסט דער
הערט די (תפלה פון שרה רבקה רחל ולאה) אזו גלייך זאל איך אויך באלד דער
הערט ווערין אונ אויך זוא גלייך אז דו האסט דער הערט דיין ליב פאלק ישראל
אין מצרים ליבר גאט דו זאלסט באלד צו מיר בווייזן דער בארמיקייט אונ לאז די
תפלה אויף מיר גוטע (מליצים) זיין אונ אויך זאל איך האבן אין דער (תפלה)
אויף מיר נביאות גזאגט גלייך אז מרים הנביאה האט גיזאגט צו איר מוטר אז
זיא ווערט האבן איין זון דער דא ווערט אויט ציהן די ישראל אויס מצרים אויך זאל

די

די (תפלה) אזו ליב זיין אה ווא דיר איז ליב גיוועזין דאס זינגן פון מרים או ווא
האט צו דיר גיזונגן די שירה, דען דו ביסט דער דא קאן העלפן אלע די קראנקע
אונ אויך ביסטו דער גאט דער מיר האט גיהאלפן אונ דו ביסט איין רופא חנם
דער זאל מיר צו דער צייט אויך באלד העלפן או איך מיין קינד זאל גרינג
האבן אמן :

די תחנה זאל מען זאגן גאנץ אזו אונ ער"ה אויף דעם (בה"ק) אויך זאלסט נים
פאר געטין אלע טאג אין דער היים צו זאגן אויך אין דער שול :

ליבר גאט אין די צייט ווען אלע היאלן זיינן אפין אונ דו טוטט אויף משפט אין
דעם גאנצין עולם ליבר הער גאט דוא ביסט אונזער פאטר אונ מיר
זיינן דיינע קינדר ליבר הער גאט אין דער צייט זיצט דו אויף דעם כסא הדין
אונ ביסט דן דעם גאנצין עולם מיט פיל דער בארימקייט ליבער גאט זעלט ח"ו
וואט בייז נגזר גוואהרין אויף מיר אדער אויף מיינע קינדער זאלסטו אלץ פון אונז
אפ מעקין אונ עט זאל אלץ ווערין פון אונז בטל ומבוטל ליבר גאט דו זאלסט
הייכט דעם טאג אן נעמן די טרערין ווען איך די תחנה טוא זאגן · (רבש"ע)
טוא מיר אונ צו מיין מאן אונ צו מיינע קינדר פיל גינאד צו דעם נייעם יאר וואט
דא טוט קומן אונ דאט איך מיט מיין מאן אונ מיינע קינדר זאלן ווערן אן גשריבן
דעם (ראש השנה) צו איין גוט יאר אונ דו ליבר גאט זאלסט אונז העלפן אז מיר
זאלן אונזרע קינדר אויט געבן אין עושר אונ כבוד :

רבש"ע מאך מיך גירעכט צו דער צייט וואט דא טוט קומען פאר דעם (יום
הדין הגדול והנורא) ליבער גאט אין דער צייט זאלסטו מיך ניט אפאר
נעמין וואט איך מיינע זינד זעלבסט אויף מיר אן גשריבן מיט מיינע אייגנע האנט
ליבר הער גאט זאלסט מיר נאר אויף טאן דאט בוך וואט איך האב גיטאן פון
מעשים טובים אויף דער וועלט ליבר הער גאט איך בעט דיך אז איך מיט מיין
מאן זאל האבן אייטל ברכה אונ הצלחה אונ איך אונ מיין מאן אונ מיינע קליינע
קינדרלעך זאלן ווערן אן גישריבן צו איין גוט יאר ליבער הער גאט אז מיר זאלן
ווערן אן גשריבן (לחיים טובים ולשלום) ליבר הער גאט זאלסטו אונזר משפט צו
גוטן אויס שפרעכין ליבר פאטר אין דער צייט זאלסטו איבר מיר האבן פיל דער
בארימקייט רבונו של עולם דעם (ראש השנה) זאל דער בייזר (גזר דין) פון
מיר אונ פון מיין מאן אונ פון מיינע קינדר אלץ צו ריסין ווערין ליבר גאט מיט
אונזער בקענונג וואט מיר צו דיר טואן מיט אונזרע (תפלות) זאלן מיר דיך ווידער
בווילגן אויף די זינד מיר האבן גטאן פאר דיר גאט מיר טוען אויף אונזרע אויגן
צו דיר מיט וויינען אונ מיט טרייאן צו ברחמן האלץ אונ טוא בעטן
צו דיין דער בארימקייט ליבר גאט ווי מאכט דער מענטש איין שטאנד האבן
אויף דער וועלט ווען דו זאלסט (ח"ו) ניט זיינע זינד (מוחל זיין) : דרום
שיק אויף אונז איין גוט יאר אונ שרייב מיך אן אין דעם בוך די פאר געבונג ·
(רחום צדיק) איך בעט דיך אז דו זאלסט מיר אויף טאן די (שערי שמים) ליבר
גאט איך בעט דיך אז דו זאלסט מיר אום גיין מיט (מדת הרחמים) אונ אין
דער צייט זאל דער (מקטרג) גאר קיין מאכט האבן אויף מיר (מקטרג) צו זיין
היינטיגן טאג זאל ווערן פון מיר אפ גיטאן אלע בייזע קרייגק היינטיגן טאג
זאלסטו מיר שיקן פיל גוטע (מלאכים) זייא זאלן מייני גוטע (מליצים) זיין צו דעם
נייעם

נייעם יאר וואס דא טוט קומן נייג דיינע אויגן צו מיר ארום ווייב · ליבר גאט זאלסט גידענקן וואס דו האשט אן גשריבן אין דיין (תורה) דער מענטש ווער דא איז (מודה) איז ער פון זיינע זינד (פטור) דרום זאלשטו צו מיר זיין איין פאטר אונ זאלסט מיך מאכן צו דעם נייאם יאר פון מיינע זינד (פטור) אוי וויא מיר ווארום האב איך ניט וועלן האבן איין (בושת פנים) פאר דעם ליבן גאט · מוז איך זעלבן זאגן אז איך בין מיר זעלברט שולדיג · דו זאלשט פאר נעמן וואס איך ווער אלץ (מתודה) זיין מיט טרערין דער מיט זאלשטו מיר אלע מיינע זינד (מוחל) זיין וואס איך האב גיטאן ליבר הער גאט זייא מיר (מוחל) וואס איך האב ווידר דיין כבוד גיטאן וואס דיר אונ דיין גאנצן עולם איז ניט ליב גוועזין אונ אוך מיין זינד די איך האב אין בייזהייט גיטאן אונ אויך זאלשטו מיר (מוחל) זיין די פאלשקייט די איך האב צו דיר גיטאן אויך די זינד דאס איך האב גיטאן מיט האפרקייט וויא מיר אלץ איך האב ניט גיהאט איין גוט (פנים) אונ איך האב איך מיט מיין (עשירות) איבר גיטאן אונ האב גאר ניט גיטראכט מיר צו טאן פיל (רפואות) צו מיינע (מעשים) וואס איך האב גיטאן איבר די (תענוגים) וואס איך האב מיר אן גיטאן אויף דער וועלט : וויא מיר וויא וואל גמוט בין איך מיר גיוועזין אויף דער וועלט וויא מיר אז איך האב ניט גידאכט אז איך ווער קיין קיום האבן אויף דער וועלט וויא מיר אז איך האב פאר לאזן די רעכטע וועג אונ איך האב ניט גידאכט וויא מען מוז נערונג מיט זיך נעמען אויף יענר וועלט אונ קיין מאל האב איך מיר ניט בגערט צו גידיינקן וואס איך האב אויך צו לעבן וויא מיר אז איך האב גאר קיין (מורא) גיהאט פאר (הקב"ה) אונ איך האב ניט אלץ גיטאן (לשם שמים) קום איך צו דיר מיט איין בקענונג מיט איין מודה וויל דו ביסט אונזר פאטר אונ מיר זיינן דיינע קינדר דרום זייא אונז (מוחל) אונזער זינד אמן :

די ווייבר זאלן מיט געוויין די ווידוי זאגן אבער עס איז נאך ניט גוט צו דער (נשמה) ביז זייא מוזן אויף אלעס זאגן (שחטאתי שעויתי שפשעתי) :

רבונו של עולם אויב איך האב עובר גיוועזין אויף דיין (כבוד) שחטאתי שעויתי שפשעתי) זייא מיר מוחל ; רבש"ע אויב איך האב געזינדיגט מיט דעם אז איך זאל האבן לאזן זעהן מיינע בריסט (שחטאתי שעויתי ושפשעתי) זייא מיר מוחל אויב איך זאלט האבן לאזן הערן מיין קול פאר פרעמדע מאנן (שחטאתי ושעויתי ושפשעתי) זייא מיר מוחל · אונ אויב איך האב גלאזט זעהן מיין בלוסע לייב פאר מאנן (שחטאתי ושעויתי ושפשעתי) אדער אז מ'ר איינר זאלט האבן איין שאנד גירעט אונ איך האב ווידער גיענטפערט דרויף (שחטאתי ושעויתי ושפשעתי) רבש"ע זייא מיר אלץ מוחל · איך האב ניט בגערט אפילו לערנן פון די פרומע לייט אונ האב גימאכן פיל (מעשים רעים) רבש"ע זייא מיר מוחל איך האב גאר ניט בגערט (גומל חסד) צו זיין מיט לייטן אונ איך האב אפ גיטאן דיא מדה פון חסד וואס מען גיהער צו טאן · רבש"ע זייא מיר מוחל אז איך בין צו לייט גערן נארניג גוועזין אונ האב ניט אכט גנומען די רייד פון פרומע לייט · רבש"ע זייא מיר מוחל וואס איך האב גאר ניט בגערט צו דער קענען דיא (נסים) אונ (נפלאות) וואס דו האשט גיטאן אלע טאג צו מ ר. רבש"ע זייא מיר מוחל אז איך האב ניט אכטונג גיגעבן אויף די גוטע שטראף דיך צו הערן אויף

דעם

דעם טוא איך ביסר איינען : רבש"ע זאיי מיר מוחל אז איך האב ניט בגערט א
גידענקן ווען דער טאג וועט זיין אז דו וועסט מיך ברייינגען פאר דעם משפט ·
רבש"ע זאיי מיר מוחל אז איך האב מיך איבר גינומן מיט טוהיים איבער דעם
האב איך לויטר גרויס גאוה געטריבן רבש"ע זאיי מיר מוחל אז איך האב ניט
אכטונג גיגעבן אויף די גוטע שטראף רייד צו הערן אויף דעם טוא איך ביטער
וויינען : רבש"ע זאיי מיר מוחל אז איך האב גירעט (דברים בטלים) אין די
ליבע שול אונ אויך האב איך גירעט (לשון הרע) : רבש"ע אויב איך זאלט האבן
גזינדיגט מיט דעם אז איך זאלט האבן לאזן זעהן איינע הא"ר פון קאפ (שחטאתי
סעויתי ופשעתי לפניך) : רבש"ע זאיי מיר מוחל וואס איך האב גיטאן ווידר
דיין הייליגע תורה : רבש"ע אויב איך האב גירעט אז דער חזן האט (ט"ע)
גידאוונט (שחטאתי ושעויתי ופשעתי לפניך) רבש"ע זאיי מיר מוחל איינע זינד
וואס איך האב צו לייטן גלאזט איין בייזן ווילן פארט גיין : רבש"ע אויב איך זעלט
האבן פאר זינדיגט מיט דעם וויל איך בין איטור גיגאנגען מיט פיל (גאוה) זאיי
מיר מוחל רבש"ע אויב איך זאלט איין מענטשן האבן אויף גיבראכט אין (שם
רע) זאיי מיר מוחל : רבש"ע אויב איך זאלט האבן וועלכן מבייש גיוועזן פאר
לייט זאיי מיר עס מוחל וויא מיר אז איך האב ניט גידאכט וואס דא וועט קומן
צו דעם היכטרשטין טאג דאס איז דער טויט וויא מיר אז איך האב מיך דער
ווייטערט צו טאן גוטץ וואס ווער ליב גיוועזן אונ איך האב ניט מקנא גוועזן דיא
לייט די דא גוטץ טוען אויף דער וועלט וויא מיר איך האב גיזוכט אום רעכט
פאר רעכט אונ איך האב ניט גידאכט אז איך ווער אויף דעם אטעם בלאזט
ווערן : רבש"ע אויב איך האב גזינדיגט מיט דעם וואס איך האב בייז גיטראכט
אזש איך האב ניט בדארפט טראכטן זאיי מיר מוחל : רבש"ע אויב איך האב
גזינדיגט מיט דעם אז איך האב ח"ו לוסט גיהאט צו פרעמדע מאנען זאיי מיר
מוחל · רבש"ע אויב איך האב גזינדיגט מיט דעם אז איך ח"ו אן מיין פאטער
אונ מוטר ניט רעכט נוהג כבוד גוועזן וויא עס גיהער צו זיין זאיי מיר מוחל ·
רבש"ע אויב איך האב גזינדיגט מיט דעם אז איך האב ח"ו זיך ניט רעכט
גיהייליגט אין דער נייט דיא בהעפטונג צו מיין מאן זאיי מיר מוחל · רבש"ע אויב
איך האב מיט דעם גיזינדיגט וויל איך האב גירעט אין דער (תפלה) זאיי מיר
מוחל · רבש"ע אויב איך האב גזינדיגט מיט דעם אז איך זאלט ח"ו ניט רעכט
האבן גירייניגט דאס איך האב אויף מיר וויס אן גילייגט זאיי מיר מוחל · רבש"ע
אויב איך זאלט גזינדיגט מיט דעם דאס איך זאלט ח"ו ניט האבן גיהאלטן וויא
עס גיהער צו זיין מיט מיין מאן אין דער נדה זאיי מיר מוחל · רבש"ע אויב איך
זאלט האבן גזינדיגט מיט דעם אז איך זאלט האבן איין חילול שבת גיטאן זאיי
מיר מוחל ליבר גאט אויף דעם טוא איך לייהר מער וויינען אז איך האב דעם
(יצר הרע) צו פיל גיפאלגט אונ איך האב אים צו פיל נאך גיגעבן זאיי מיר פארט
אייגט מוחל · רבש"ע זאיי מיר מוחל די זינד וואס איך האב מיט מיין מויל ליגינס
גיזאגט אונ אויך גירעט (לשון הרע) אונ רכילות גטריבן · רבש"ע אויב איך זאלט
גיטאן האבן די גרויטע עבירות איך האב פאלשע שבועות גיטאן שווערן זאיי
מיר מוחל רבש"ע אויף דעם טוען מיר צו דיר בעטן מיט וויינען וויל איך האב ווידר
דיר ניט רעכט גיטאן אונ (לשם שמים) וויא עס גיהער צו זיין זאיי מיר מוחל

(רבש"ע) דיא עבירות וואס איך האב פאר דיר מתודה גוועזין די זאלן מיר אלע ווערן פאר געבן צו דער צייט וואס דא טוט קוומן דען דו ביסט דער וואס פאר גיט די זינד פון מיר אן :

דוא ליבר הער גאט ווייל איך סוא נור דער וועקן צו קומן אונ וויל בעטן צו דיר ליבר גאט איין סליחה אונ איין מחילה אונ איך זאל איין כפרה האבן אויף די זינד די איך האב גיטאן בעטן ליבר הער גאט האשטו אונז אן געשריבן אז דו ווילשט אין די טעג פון (עטרת ימי תשובה) אן נעמן די תפלה פון פאר געבונג אויף די זינד דען בייא דיר איז אין דר צייט אייטל דער בארימקייט דרום זאלשטו באלד אונז אן נעמן אונזר בקערונג אונ זאלשט מיין זינד מוחל זיין ליבר גאט וויא זאל איך צו דיר ניט וויינען ווען איך טוא גידיינקן אז די צייט ווערט קומן אז מען ווערט מיך (דן) זיין אונ מען ווערט משפט צו מיר טאן דרום זאל איך היינט דעם טאג צו דיר קומן מיט מיין תפלה וואס איך טוא צו דיר מיט אייטל גירעכטיקייט אז איך זאל פון דיר ליידיג אויס גיין פון די זינד די איך האב גיטאן : רבש"ע דו ווייסט אונ קיינר מער וויא לאנג אז מיר האבין נאך צו לעבן ליבר הער גאט ווען מיר האבן טון פיל געלט מוזן מיר פארט שטארבן דרום ליבר הער גאט טוען מיר צו דיר בעטן צו דער צייט וואס דא קומט אז דו זאלשט מיך מיט מיין מאן אונ מיינע קינדרלעך אן שרייבן אין (ספר החיים) אז דער בייזר (גזר דין) זאל פון אונז צו ריסן ווערן ליבר הער גאט היינט האבן מיר קיין (כהן גדול) ניט מער נאר וואס מיר קאנן בעטן מיט אונזרע לעפצין טוא אונז דאס גידיינקן אז מיר זענן נאר בלוט אונ פלייש אונ דער יצה"ר האט אונז איבער גירעדט בייז צו טאן דרום טוא מיר באלד דער בארמיקייט ליבר הער גאט לאז מיך לעבן אונ זאיי מיר מוחל מיינע זינד די איך האב גיטאן וואס ווערט דיר זיין גיאלפט מיין ארעם בלוט (ח"ו) דרום טוא איך אויך צו דיר בעטן מיט וויינן אז דו זאלשט מיך (ח"ו) ניט פאר צוקן פון דער וועלט פאר מיין צייט אונ לאז מיך לעבן אז איך זאל קענען נאך טאן צו דיר פיל מצות וויא עס גיהער צו זיין ליבר גאט דו זאלשט אן נעמן פון מיר דאס טרויערן וואס איך טוא אויף די זינד דא איך האב גיטאן ליבר הער גאט לאז מיך ח"ו ניט פאר פאלן ווערן אין איין האנט פון איין מענטשן אונ לאז מיך גישפייזט ווערן פון דיינער האנט לאז מיך מיט מיין מאן אונ מיט מיינע קינדער אונזרע יארין אויס לעבן אין עושר אונ כבוד ליבר גאט היט אונז פאר בלבולים אונ היט אונ פאר שאנדן אונ פאר שמאך אונ פאר (עין הרע) · ליבער גאט מאך אונז גירעכט צו דער צייט דא טוט קומן פאר דעם (יום הדין) מיט מיינע טרערין וואס איך טוא. לאזין אויס מיינע אויגן מיט דעם זאל באלד אפ גיוואשן זיין דיין צארין וואס דו האשט אויף מיר דער בארעם דיך איבר מיר אז איין פאטר איבר זיינע קינדר אן מלה :

רבש"ע פאר נעם מיינע רייד וואס איך טוא זאגן בעטן דען איך שרייא אלע טאג צו דיר אויף איין היילף צו מיר · איבער נייא די יונגע טעג אונ לאז מיך (ח"ו) ניט פאר צוקט ווערין הייגט פון דער וועלט דרום פאטר לאז מיך ניט אום קומן פאר גיסין מיינע טרערין די דא רינען אויס מיינע אויגן ליבער פאטר איך טוא גינוג אליין וויינען אונ טוא מיר גידיינקן וויא מיר מיט וואס קאן איך מיך גירעכט מאכן מיט מיין פאר שעמט פנים אויף די זינד די איך האב גיטאן

דער

דער ווידער דעם ליבן גאט אבר איך טוא מיך פאר לאזן אז דוא ביסט גאט איין
דער בארמיגר · ליבר פאטר מיר טרייען צו דיר אין דער צייט וואס דא קומט אז
זאלסט מיט אונז אום גיין מיט דעם (מדת הרחמים) ביסט גאט דער איז אנלום
צו דער נערן דרום בעט איך דיך אז איך זאל זוכה זיין מיט מיין מאן אונ מיט
מיינע קינדר דעם יאר צו פאר ברייגגען אין עושר אונ אין כבוד · רבש"ע איך
בעט דיך אז דו זאלסט מיר אין מיין הארצן געבן אז וואס איך וועל טאן דאס זאל
זיין (לשם שמים) ליבר גאט לאז קיין קראנקהייט (ח"ו) אין מיין הויז קומן אונ
איך זאל זוכה זיין צו לעבן מיט מיין מאן אין אייטל פרייד אין אייטל שלום מיט
גרויס ליבשאפט ליבער גאט איך זאל האבן אן אין דיינע אויגן אונ אין לייטנס
אויגן אמן :

אום יום כפור זאל מען דאס זאגן

רבש"ע היינט ווענסטו משפט טאן צו דער גאנצע וועלט מיט פיל גירעכטיקייט
ליבר גאט היינט זאלסטו מיר ניט גידיינקן אז איך האב צו דיר ווידער
גישפעניגט ליבר גאט אין דער צייט זאלסטו מיר די וואג שאל צו גינאד צו נייגן
דו ביסט דער דא ניט טוט שטיין נאך דאס שולדיג בלוס ליבר הער גאט היינטיגן
טאג זאל זיין איין (עת רצון) אז איך זאל מיט מיין (תפלה) מאכן דעם מקטרג
שווייגן ליבר גאט איך בעט דיך אז דו זאלסט מיר מיין (משפט) צו גוטן אויס
שפרעכן אז מיין ליבט (ח"ו) ניט זאל ווערן פאר לאשין פאר מיין צייט וויא דוא
האסט אן גישריבן דו ווילסט פאר געבן די זינד פון דעם מענשן אין די טעג
פון (עשרת ימי תשובה) דען אין דער צייט איז דיר ליב דאס טרייען אונ פייניגן
פון דעם מענשן ליבר גאט זאלסט טון טאן איין פאר געבונג צו אונזרע זינד
וואס מיר האבן גיטאן אונ אין דער צייט זאלסטו פיל דער בארמיקייט איבר אונז
טאן מיר בעטן צו דיר אז עס זאל (ח"ו) ניס ווערן אן גילייכיגט בייז דרום טוא ניט
גידיינקן אונזרע זינד אונ לאז אונז לעבן מיט פרייד אויף דער וועלט דען דו ביסט
דער גאט דער דא אויס טער דריקט די זינד פון דעם מענשן ליבער הער גאט
היינטיגן טאג זאלסטו מיר ניס גידיינקען די ווילדיקייט די איך האב גיטאן אין
מיין יוגנט ווען דו ווערסט משפט טאן זאל פון מיר פאר שטערט זיין איין
גרים צארן ליבר הער גאט זאלסט פון מיר אן נעמן מיין בקענונג גאט איך טוא
בעטן צו דיר מיט ווינן אויף דעם זאלסטו מיר טאן איין פאר לייאונג אונ אויך
איין פאר געבונג ליבר גאט היינט דעם טאג זאל איך האבן אייטל פיר שפרעכר
פאר מיר צו לעבן · ליבר גאט היינט דעם טאג זאל איך פאר דיר גירעכט זיין ·
ליבר גאט היינט זאל איך ליידיג אויס גיין פון אלע זינד וואס איך האב גיטאן ליבר
גאט היינט זאלסטו מיר אויף טאן דאס טיר פון די פאר געבונג אונ אויך פון
דיין דער בארמיקייט אן (יום כפור) זען דער טאג איז אן גיברייט דיא פאר
געבונג צו דען מענשן היינט זאל קומן איין אויס לייזונג אויף די זינד די איך האב
גיטאן ליבר הער גאט היינט דען טאג סוא איך פארשטין אונ טוא אויך בגערן
דיין דער בארמיקייט · רבש"ע היינט זאלסטו אן נעמן דאס בלוט אונ חלב וואס
זיך האט גיטאן מינערן פון מיין לייב אן שטאט דאס בלוט וואס מען האט
גשפרייגט אונ אן שטאט דעם חלב וואס מען האט מקריב גוועזן אויף דען מזבח
דעם

דעם הייליגן טאג זולשטו פאר שטיין אלע הערצר פון דעם מענטשן היינט
זולשטו (דין) זיין דעם מענטשן היינט זאלשטו דיין צארן פון מיר אריבר פארן היינט
זאלשטו אנטפאנגן מיין (תפלה) וואס איך צו דיר טוא היינט דעם טאג זאל (ח"ו)
גאר קיין אויף האלטונג זיין צו מיינר (תפלה) · רבש"ע היינט דעם טאג זאל
איך געפינען ליים זעליקייט אין דיינע אויגן דען היינט טוא איך קומן מיט איין
ביטער הארץ אויף מיינע זינד די איך האב געטאן אונ טוא בעטן אום איין פאר
געבונג ליבר גאט היינט טוען מיר זיך אונזער לייב פייניגן פון דיין כבוד וועגן
ביז דעם אבנט וויל דו האשט אזו אן געשריבן אז מיר זאלן אונזער לייב פייניגן
דעם צעהנטן טאג אין (תשרי) ביז צו אבנט דרום זאל אויך מיין (תפלה ח"ו) פאר
דיר אויך ניט פאר שלאסן ווערן ביז אן דעם אבנט. רבש"ע היינט טוא איך
אשבן פאר דיר פאר פול ברייגגן אונ אלע מיינע רעכט פארטיגע (אילים) זאלן
מיך פאר ענטפערן אויף די זינד די איך האב געטאן אין דעם יאר שרייב מיך איין
אין (ספר החיים) מיט מיין מאן אונ מיט מיינע קינדר · היינט דעם (יום כפור)
זאל דער ביזר גזר דין פון מיר צו ריסן ווערן היינט איז אויך מיר דיין גרויסע
פארבט : ליבר גאט פאר צייטן האט דער (כהן גדול) פאר טראגן אונזערע
זינד וואס מיר האבן געטאן : אבר אויף דער צייט האבן מיר קיין (כהן גדול)
ניט מער וואס מיר טוען ריידן מיט אונזרע לעפצין טוא דאך צו אונז גידיינקען
אז מיר זיינן נאר פלייש אונ בלוט אונ אונז האט דער יצר הרע אריבר גירעט דרום
טוא איך בעטן צו דיין דער בארימקייט . ליבער גאט וואס ווערט דיר זיין גיאכטס
מיין ארעם בלוט (ח"ו) דרום טוא מיך (ח"ו) ניט פאר לוקן פון דער וועלט פאר
איין צייט אונ לאז מיך לעבן צו האלטין דיינע מצות וויא מען געהערט צו זיין היינט
אלשטו טאן מיר וויא דו האשט אונז געטאן אין דער צייט ווען בלעם האט געוואלט
שאלטן אונ עס איז דרויס געווארן איין בענטשונג וועגן דיין גרויס היילג :

אן (ערב י"כ) פאר (כל נדרי) זאגט מען די תחנה מיט (כוונה)

*) רבש"ע אלע נדרים אונ אויך אלע שבועות די איך זאלט האבן געטאן אין
דעם יאר די איך האב ניט געהאלטן זאל אלע ווערן בטל אונ עס
זאל (ח"ו) ניט גידאכט ווערן צו דעם קייען יאר ליבר הער גאט וויא איין פארבנואר
טאג איז היינט אונ וויל בעטן צו דעם אלמעכטיגן גאט דער דא טוט פיל חסד צו
דעם מענטשן דער איק טוט אן רופן אונ ער איז דער דא פאר נעמט די אלע
(תפילות) פון דעם מענטשן · רבש"ע איך בעט דיך מאך איך היינט לער פון
מיינע זינד אז איין קינד פון איין יאר · ליבר הער גאט מאך בטל פון מיר אונ פון
מיינע קינדר אלע בייזע קריינק אונ בייזע צרות : רבש"ע גידיינק היינט האבן
מיר הרטה אויף אונזרע עבירות וואס מיר האבן געטאן ליבר הער גאט גידיינק
אונז

*) דאס מיינט מען נאר אזעלכע נדרים וואס מען זאגט אנדר ניט צו עסין
אדרומה אבער ווען מען שווערט נאך אנדרן העלפט ניט קיין התרה וזכ"ט
די שבועה צו דער מעשה איז פון די זאכן וואס שטייען ברומו של עולם
אונ עס העלפט קיין התרה בעולם אז דער וואס איז ח"ו עובר איז רע
לבריות ולרמון עולם

אונז אז מיר זיינן בלוט אונ פלייש מיר קענן דעם (יצר הרע) ניט באלד איבער ווינגען . רבש"ע איך קום צו דיר מיט איין צו בראכן הארץ אונ איך בעט דיך (מחילה) · ליבר הער גאט איך בין דאס מודה אז איך האב גזינדיגט פאר דיר נאר דער (מקטרג) זאל ניט קאנן אויף מיר (מקטרג) זיין ליבר גאט טוא גרויסע דער בארמהרציקייט אונ שטראף מיך ניט אויף מיינע זינד ליבר הער גאט נעם די טרערן פאר דיר וואס איך טוא לאזן אויף מיינע זינד אונ לאז מיך קומן גירעכט פאר דעם משפט · ליבר גאט טוא מיר גינאד אז איין פאטער מיט זיין קינד ליבר גאט לאז ניט פאר שטאפט ווערן דאס טיר פון מיין (תפלה) · רבש"ע אלע די בקשות וואס איך טוא פאר דיר בגערן דאס זאלסטו מיך אלץ בווילגן אונ לאז מיך גידאכט ווערן מיט מיין מאן אונ מיינע קינדר צו גוטן צו דעם נייעם יאר אמן סלה :

די תחנה זאל מען זאגן אלע טאג מיט כוונה

רבש"ע דו זאלסט מיר באלד גרייכן די האנט צו אנטפאנגן די (תפלה) וואס איך וועל צו דיר טאן ליבר גאט דאס וויל איך פון דיר בעטן אז מיין לייב זאל מיט קיינער לייא זאך גיטעדיגט ווערן אז איך זאל אימר קענן גיין אין דיין רעכטן וועג צו לויבן אונ צו דינן מיט גאנצן הארצן דאס איך זאל קענן האלטן דיינע ליבע מצות וואס דו האסט אונז געבאטן אונ דו ליבר גאט צו דעם אלעם זאלסטו מיר געבן איין גוטע גידאנקן גלייך אז ווי דער (כהן גדול) האט פאר אונז גיטאן (רחום צדיק) טוא אונז גידיינקן די פאר זיכרהייט וואס דוא האסט גיהאט מיט אונזר פאטער אברהם · דא ער האט וועלן זיין זון יצחק צו אופפר ברייאנגן דרום דו ליבר הער גאט זאלסטו פאר געבן די זינד פון זיינע קינדר רבש"ע מיר זיינן יוא דיינע ליבע קינדר האסטו אים אויך צו גיזאגט ווען זיי ווערן זיין אין איר יודישע פיינד הענט · ווילסטו זיי (ח"ו) ניט פאר לאזן אונ אויך (ח"ו) ניט פאר דארבן דרום (שדי צבאות) דו זאלסט אונז אימר נעמן אונטר דיין פליגל אונ לאז אונז קיין מאל קיין בייז גיטעהן אמן סלה : רבש"ע טוא אז איך זאל אימר גיין מיט מיינע פיס אין דיין גוטן וועג אונ מיט מיינע הענט זאל איך זוכה זיין פיל (צדקה) צו געבן אונ פיל גוטץ צו טאן ווען דיר דאס ליב זיין אונ מיט מיינע אויערן זאל איך זוכה זיין צו הערן איבר מיין טיט פיל (דברי תורה) אונ דער לעבן צו זעהן אין די מייניגן פיל גוטץ · ליבר הער גאט אזו פיל (עבירות) וואס דא גיטעהן איז אין דער וועלט אונ איך האב קיין טויל דריין אונ אלץ וואס איך וויס גאר ניט דער פון צו זאגן פון אלעם דו ליבר גאט טוא מיך היטן פון די ערבות גאר :

רבש"ע אום דעם טוא איך דיך בעטן אז דו זאלסט היטן מיין גאנץ גזינד אז זיא זאלן איר ארבעט טאן אין מיין הויז מיט וואהרהייט אונ אלץ וואס זייא ווערן טאן זאלן זייא (בכשרות) טאן עס זאל אין מיין הויז אום גיפערט קיין (טריפות) גימאכט ווערן (ח"ו) אדער זייא זאלן ניט (ח"ו מחלל שבת) זיין וואס איך וויס פון אלעם גאר ניט צו זאגן דען דו ביסט דער גאט דער טוט ניט בגערן אז איך זאל (ח"ו) ליידן פון אנדרע לייט וועגן די דא האבן פיל (עבירות) גיטאן גאר אלץ וואס דא ווערט אין מיין הויז גטאן · דו ליבר פאטער פון דער גאנצער וועלט איך טוא נאר מיר גדיינקן אז איך וויס גאר ניט וואס איך זאל טאן פאר

גרוסע

גרויסע לייכן אונ איין גידארט ווערט מיר מיין לייב אבר דו ליבר גאט פון דיינע
אונדר וואס דו קאנשט שאן אשפטן דעם מענטשן דא קאן קיין מענטש בייא
זיין לעבן אויש זאגן דו ביסט אויך דער גאט דער דא קאן דעם מענטשן היילן
פון זיינע זינד וואס ער געטאן האט דרום שוא צו אונז גידייכקן אז מיר זיינן גאר
נישט אויף די נארישע וועלט אונ מיר זיינן פון די ערד אונ אהין מוזן מיר אלע
ווידר קומן דרום דו ליבר הער גאט נעם אן די (תפלה) פון מיר לאז מיין
גירעכטיקייט וואס איך האב גיטאן בייא מיין לעבן דאס זאל מיין פיר שפרעכר
זיין אויף יענר וועלט מיט מיין פיל גרעכטיקייט אונ אויך מיט גרושע (שמחה)
שוא איך נויך פאר זאלן אן דיין הייליגן נאמן ליבר גאט דאס איז אונזר בעטן צו
דיר אז דו זאלשט אונז לאזן גניסן דעם זכות פון אונזר פאטר דען דוא האשט אים
פאר זאגט אונ ער האט דער קענט אין זיין יוגנט אז דו ביסט גאט אונ קיינער
מער אונ דוא ליבער גאט האשט צו אים גיזאגט ווען זייני קינדר וועלן וואס איבר
פארן וואס דיר ווערט ניט ליב זיין אונ זייני קינדר ווערן דרויף .(תשובה) שאן
דא וועשט דו (מוחל) זיין דרום קאנן מיר עש ניט לאזן אונ מיר בעטן צוא דיר
נאך איין מאל אז דוא ליבר גאט זאלשט אונז גידייכקן אן דער נייט אז
(אברהם) איז קראנק גיוועזן אן דריטן טאג פון זיינר (מילה) איז ער דיא
(מלאכים) אנטקעגן גילאפין דרום קענן מיר אלי טאג זיין (זכות) גניסן .
(רבונו של עולם) דו זאלשט אונז אויך אלי טאג גידענקן דעם (זכות) פון (יעקב)
דען דו האשט זעלבשט גיגראבן זיין (צורה) אונטר דיין (כסא הכבוד) אונ
הפוך אונז בחסד וואס מיר פון דיר שוען בגערן אונ שוא עש פון זיין (זכות)
וועגן (רחום צדיק) שוא בחסד אן נעמן אונזר (תפלה) וואס מיר שוען דען דוא
ביסט אונזר פאטר אונ אונזר קיניג דער דא קען (מוחל) זיין דעם מענטשין
דיא זינד ליבער גאט דוא זאלשט מיר געבן אין מיין הארצן אז מיין לעבין זאלין
אלץ דיר דינן מיט ווארהייט אונ מיט גאנצקייט מיינע (תפלה) וואס איך שוא
צו דיר זאל פאר דיר זיין מיט רעכטע פארטיגע פיר שפרעכער דען דוא ביסט
דער גאט דער בגערט ניט דיא (מיתה) פון דעם מענטשין מיר שוען צו דיר
זעלבשט בקענן אז מיר האבן צו דיר ניט גיטאן דיין גירעכטיקייט וויא מיר
האבן גיקערט צו שאן צו דיר גאט דער אונז שוט אלץ גוטש וואס מיר ווילן פון
אים האבן דרום דוא ליבער גאט וויא זאלין מיר אונזער פנים אויף הייבן צו
קומען בעטין צו דיר אז דוא זאלשט אונז אלץ גוטש שאן אונ דוא זאלשט אונזרי
זינד (מוחל) זיין וואס מיר האבן גיטאן . (שדי צבאות) מיט ווייכן שוען מיר
צו דיר בעטין דוא זאלשט אונזער רעכט פארטיגער (מליץ) זיין אונ דוא ליבער
גאט זאלשט בחסד אויש שטרעקין דיין האנט אונ אנטפאנגן דיא (תפלה) וואס
מיר האבן אינזונדר צו דיר גיטאן אונ וואס מיר נאך צו דיר ווערין שאן אמן:
יהי רצון) איך זאל בחסד ווערין גיהאלפין פון מיינע זינד וואס איך האב דען
איך זינדיגער מענטש שוא מיט ווייכן צו דעם גאט בעטין דער דא איז
אייטיל דער בארמקייט צו דעם ליבן גאט דער איז לאנזום צוא דער- צארנען .
אויך שוא איך בעטין צו דעם ליבן גאט דער דא שוט מיט דעם מענטשין פיל
גינאד אונ אויך שוא איך בעטין צו דעם גאט דער דא רעכנט מיט דעם
מענטשין מיט (מדת הרחמים) דרום זאגן מיינע אויגן זייער פאל מיט טרערין
דיא

דא האבין אלע שאג אייך דיינע הילף : (רבש"ע) עס איז וואר דוא האסט אונז בשאפין אויף דער וועלט אבער דאס לעצטע פון אונז איז דער טוט אונ מיר מוזין אוועק שטארבין פון דער וועלט אויף נאך דעם וועלין אונז דיא ווערים עסין נון דוא ליבר גאט וויא זאלן מיר ניט זאגין אז עס וואלט בעסר זיין אז מיר ווערין ניט בשאפין אויף דער וועלט וואס איז אונזער גנאד אדער וואס איז אונזער הילף (מלך מלכי המלכים הקב"ה) דוא ביסט דער העלפער דער דא קאן אונז העלפין דוא ליבער גאט וואס מיר טוען אלז ריידין אויס אונזער ליידין ווען מיר טוען נאר גידיינקען וואס איז דער מענטש אויף דער וועלט וואס איז זיין קראפט וואס איז זיין שטארקייט אויף דער וועלט דיא טאג פון אונזער לעבין איז אייטל נארהייט דרום ליבר גאט טוען מיר דיך בעטן וויא (שלמה המלך ע"ה) האט דיך גבעטין אז דו זאלסט געבן אונזר פאר שטאנדיקייט מיר זאלן אויך וויסן וויא מיר זאלן צו דיר (תפלה) טאן דאס זאל באלד זיין אמן :

דאס זאל מען זאגן אויף דעם (בית הקברות)

איר צדיקים) אונ אויך אלע איר (חסידים) אונ אויך אלע איר (אנשים ונשים צדקניות) די דא זיינן בגראבן אויף דעם (בית הקברות) איר ליבע נשמות עס גשיכט ניכט אויף דער ערד ביז עס ווערט אויס גירופן אין הימל (דער וואס וויל בעטן מוז פאר מעלדן זיין פאטר אדער זיין מוטר אדער זיינע פריינט אדער וואס זונסט איס' צו קערן מיט איר נאמן אונ זיא אויך פאר מעלדן נאך איר מוטר נאך) . מיין ליבר פאטר אונ מיין ליבע מוטר איך האב בייא אייער לעבן פיל גוטז פון אייך אנטפאנגן אויב איר זעלט וואס גיהערט האבן אויס רופן אין הימל אויף מיר אדער אויף מיינע קינדר זא זאלט איר פאר אונז בעטן אז פון אונז זאל (בטל ומבוטל) ווערן איך בעט צו אייך לאזט מיך (ח"ו) ניט לער ווידער קערן אונ לאז מיר מיינע טרעהרן ניט גיין (ח"ו) אום זונסט פאר גאט אונ צו איס טוא איך בעטן מיט ווינען ווייל יוא די טויערן פון די טרערין זיינען אפין · איר ליבע (נשמות) עס האט מיר טאן מיין הארץ גילוסטן מיט מיינע (בקשות) צו גאט איך טוא בגערין אז איך זאל קומן אין דער צייט עס זאל גלייך בייא דעם ליבן גאט זיין איין (עת רצון) צו דער (תפלה) וואס איך ווער דא טאן פאר צוא דעם ליבן גאט דער נאך צו די (נשמות) איך זינדיגר מענש איך בעט (הש"י) פאר (מחילה) דער נאך די דא זיינן בגראבן אויף דאס (בית הקברות) אונ זיי טוען אויך זיצן אין דאס (ג"ע) אונ האבן פיל הנאה פון די לויטרקייט די ליבע שכינה די אלע זאלן פאר מיר בעטן אלע די מייניגע זאל קיינר ניט (ח"ו) גמינדרט ווערן (שדי צבאות) דו ביסט איין פאטר צו אונז וויא אויך גשריבן איז אין דיין ליבע (תורה כרחם אב על בנים) דער זיך טוט איבור דער בארמן איבר זיינע קינדר (רחום צדיק) מיין הארץ איז מיר בשווערט אונ אויך פאר שטאפט פון וועגן ביטרקייט אויף מיינע זינד די איך האב גיטאן אויף דער וועלט מיט וויינן דו ליבר גאט איך טוא צו דיר זאגן וואר איז דער מענש אויף דער ערד דער דא קאן זאגן אז ער קעגן דיר האט ניט ווידר גישפעניגט אבר באיי דיר איז דאך אייטל בארמהרציקייט דרום טוען מיר דיך בעטן ליבר גאט אז דו זאלסט זעלבערס אונזר (מליץ יושר) זיין אמן :

היינט

היינט וויל איך גאנץ אן רופן מיט גרונד מיין הארצין אז ער זאל מיר לאזין גניסן
דעם זכות פון לייט די דא זיינן בגראבן אונ די זיינפן גיגאנגן אין
גאטס וועג אונ די האבן אלע נייט פארכט גיהאט פאר דיין הייליגן נאמן : אויך
דו ליבר הער גאט זאלסט מיך לאזן גניסן דעם (זכות) פון די לייט די דא האבן
צו דיר גיטאן אלע דיין גרעכטיקייט וויא דו האסט ווען האבן אויך זאל איך גניסן
דעם (זכות) די דא האבן פיל (מעשים טובים) גיטאן אויף דער וועלט מיך זאל
אויך גניסן דעם (זכות) פון די לייט די זיינן פרום גוועזן אויף דער וועלט אזא
אזונד זיינן זיי אין דאס ליכטיגן (גן עדן) אזו זאל אויך גניסן דעם (זכות) פון
די לייט די דא האבן פיל גוטע ווערק גיטאן אויף דער וועלט וואס דען ליבן גאט
איז גוועזן אין זיינע אויגן איך זאל גניסן דעם (זכות) פון אלע (צדיקים) אויך
חסידים די זיינען שוין אויס גילייטערט אונ זיצן אין (גן עדן) אונ האבן איין
הנאה פון די לויטרקייט פון די שכינה :

ווען מען גייט ארום דעם (בית החיים) זאל מען דאס זאגן ווארט ביי ווארט :

איך בין גיקומן אום צו ריגגלן די קברים פון די צדיקים אונ אויך צדקניות די
דא זענן בגראבן צו גניסן דעם זכות פון איר גירעכטיקייט וואס זיי האבן
ביי זייער לעבן גיטאן . איר ליבע נשמות גטוב'ס ניסט אויף דער ערדן ביז עס
ווערט פאר אויס גירופן אין הימל אונ אויך ווייסט איר פון אלים צו זאגן איך בין
גיקומן צו די נשמות דאס דא זיינן בגראבן . איך בעט צו גאט צו פאר אונ דער
נאך צו אייך אז איר זאלט פאר מיר בעטן אז איך מיט מיין מאן אונ מיט מייני
קינדר זאל בהיט ווערן פאר אלע בייזע צרות אונ אויך פאר אלע אום גליק אונ
פאר אלע בייזע קראנקהייט אונ פאר אלע בייזע יסורים פון דער וועלט אונ
ח"ו פאר איין מיתה משונה ליבר גאט טוא צו אונז אז איין פאטר דער דא טוט צו
זיינע קינדר אונ גיב אונז אונזר לאנג לעבן אויף דער וועלט אין פריידן אונ לאז
אונז בלייבן בייא אונזר קלוגהייט אונ פאר - שטאנדיקייט אז קיינער פון אונז זאל
ניט וויסן צו זאגן וואס ארומקייט איז אייביג רבש"ע איך האב די פארכט אין
מיין הארצן צו דיר צו טאן די רעכט פארטיקייט וואס זאל דיר ליב זיין אונ זאל
זוכה זיין אן מיר צו בקומן אלע מדות טובות פון דער וועלט ליבר הער גאט גיב
אין מיין הארצן אז איך זאל קענן טאן עס מאג זיין החרבע מצות אודער איין
גרינגע מצוה אז איך זאל ח"ו ניט ווערן פאר טעמט אויף יענר וועלט אונ זאל
דורך מיין תפלה ניצול ווערן פאר דין פון גיהנם אונ פאר חיבוט הקבר :
ליבר הער גאט לאז מיך בחוד גניסן דעם זכות פון די צדיקים אונ צדקניות די
דא זיינן בגראבן אונ די דא האבן ביי איר לעבן גיטאן מעשים טובים
אונ דער נאך דער דא איז איבר אלע די דא זיינען בגראבן דער זאל ברייגגען
מיינע תפלות צו די דא זיינן אין דעם ג"ע די זאלן בעטן פאר מיר אונ פאר מיין
מאן אונ פאר אלע די מיר ליב זענן פאטר פון דער וועלט דו זאלסט ח"ו ניט
סוויגן צו די טרערין וואס איך טוא לאזן פון מיינע אויגן אאן :

ווען מען פון (בית חיים) גייט זאגט מען די תפלות אויף פרנסה :

איר ליבע נשמות די דא זענן בגראבין . מיט איין פריילעך הארץ זאל איך פון

איך מעכט גיין אונ אלע נשמות דיא זיינען בגראבן דיא זאלן האבן פון מיר אן גינומן דיא תפלה וואס איך האב הייגט גיטאן בעטן דיא תפלה וואס איך האב צו גאט גיטאן אים פרעגן אונ מיט איין צו בראכן הארץ · דרום ליבער הער גאט לאז מיין גיבעט ח"ו ניט לער ווידר קערן אז איין טרייסט אין מיין הארצן זאל קומען איר ליבע נשמות איי ליך טוא פון אייך אוועק גיין זא בעט איך דעם ליבן גאט פאר מחילה דער נאך אייך אויב איך זעלם האבן וואס גירעט וואס איך האב ניט זאלן ריידן זאל עס מיר גאט מוחל זיין דער נאך איר הייליגע נשמות· ליבער גאט איך האב דיך טאן אן רופן אז איין קינד טוט רופן זיין פאטר אום איין פאר געבונג אויף זיינע זינד ליבר הער גאט זאלסט מיט מיר אום גיין מיט דעם (מדת הרחמים) אונ לאז אויך אונז בחיי שטיין אונזר גירעכטיקייט וואס מיר האבן גיטאן ה׳יך דער וועלט ליבר גאט לאז דיא תפלה זיין איין פיר ספרעכר וואס איך האב צו דיר גיטאן איר נשמות הקדושים איך זאל צו אייך גיין אין איין גוטע שעה אונ איך זאל ווידער פון אייך אוועק גיין אין איין גוטע שעה :

ליבער גאט גיב דיא גינאד אז איך זאל (ח"ו) ניט שווער טראגין ליבער גאט זאלסט מיך היטן אז איך זאל (ח"ו) ניט (מפיל) זיין אונ לאז דאס קינד אין זיין לייב בשטענדיג זיין ביז דיא צייט וועט קומען · ליבער הער גאט דוא זאלסט מיך אויך היטן דאס איך זאל (חס ושלום) ניט גלוסטן צו עסין וואס (אסור) איז ווען דוא ליבער גאט ווערסט דיא צייט אויף מיר שיקן אז איך ווער מיין קינד האבן זאל זיין אן ווייטג אונ אן שאדן אין מיין לייב אמן:

דיא ווייבר וואס האבין איין שווערין (כוכב) צו קינדער זאלין דיא תחנה זאגין :

איך קום צו דיר בעטין דוא זאלסט באלד פון מיר ליבר גאט אפ טאן דעם (צער) וואס איך טראג אויף מיין הארץ וועגין איך האב איין שווער (כוכב) צו מיינע קינדער איך בעט דיך ליבער הער גאט טוא צו מיר אז איין פאטער אונ טוא ווייטער פון מיר אפ דיין צארן אונ דיא קינדר דיא איך האב לאזין מיר אלע לעבין אונ אויך דיא קינדער דיא איך ווער נאך האבין (רבונו של עולם) לאז בחיי אונזער לעבין קיין קינד שטארבין אונ מיר זאלן זוכה זיין זייא צו דער ציען (לתורה ולחופה ולמעשים טובים) :

ליבער גאט גיב מיר אום מיין מאן אונ מיט מיינע קינדער איין גוטע (פרנסה) · אונ אויך איין גרינגע (פרנסה) אן (חילול השם) אונ אויך אן (עין הרע) אז איך אונ מיין מאן זאלין קענען טאן אונזרע קינדער אלס איר גירעכטיקייט וויא עס גיהער צו זיין ליבער גאט לאז מיך אונ מיין מאן אונ מיינע קינדער ניט קומען צו קיין (שפלות ח"ו) אונ גיב אונז מיטל מיט דאז זאלסט אונז אויך באלד שיקן דאס טייער פון (פרנסה) אונ אז מיר זאל בעגליקן אין אלע אונזער וועג אונ שטעג אז מיר זאלין קיינער ניט וויסן צו זאגן וואס (דאגה) איז ליבער גאט אז מיר זאלין פרייליך אויס פירן אמן :

ווען איין (אשה) האט (ח"ו) איין קראנקהייט אן זיך זאל זיא דיש (התחנה)
מיט (כונה) זאגן :

גאט איך טוא דיך בעטן אונ טוא דיך, אום אלש לובין אונ אן נעמען פון דיר אלז (באהבה) : (רבונו של עולם) דאש איז מיין שולד אז איך בעט נאך דיר אום איין (רפואה שלימה) אויף מיר אונ אויף אלע קראנקע ליבער גאט טוא מיר גידיינקען מיינע יונגע יארין אונ מאך מיך באלד ווידער גיזונד אונ לאז מיך באיי מיין מאן אונ באיי מיינע קינדער ליבער גאט זייא זיך איבער מיר (מרחם) אז איין פאטער איבער זיינע קינדער אונ לאז מיך ווידער קומען צו מיין (כח) אונ קראפט דען דוא ליבער גאט דוא ביסט דער גאט דער דא טוט העלפין אלע קראנקע ליבער גאט טוא אב פון מיר באלד אלע (יסורים) דאש איך האב אין מיין לייב אונ מאגן :

פון ראש חודש אלול ביז (יום כפור) זאל מען דאש זאגן :

ליבער גאט אין דער צייט זיינען די (שערי שמים) אפין אין דער צייט בישטו אויך אנגנום צו דער הערן אונ ווידער באלד צו בעווילגן · רבונו של עולם עס איז דיא צייט גיקומען אז דוא שופט (משפט) צו דעם גאנצין עולם ליבר גאט שרייב מיר אן מיט מיין מאן אונ קינדר צום נייאן יאר וואש דא קומט צו לעבין אונ גיזונד · רבונו של עולם אויב וואש זעלט (ח"ו) זיין (נגזר) גיווארין אויף מיין מאן אדער אויף מיינע קינדער זאלשטו מאכין (בטל) אונ שרייב אן אז איך זאל האבן מיט מיין מאן אייטל (ברכה) אין אלע אונזער וועג אונ שטעג · ליבער גאט זאלשט אונז אויף לייגן איין (שנה טובה) אונ מיר זאלן זוכה זיין אונזר קינדר זעלבן אויס צו געבן אין (עושר אונ כבוד) אונ מיר זאלן דער לעבן צו דער ליהן זייא (לתורה ולחופה ולמעשים טובים) :

די תחנה זאגט מען אלע טאג עס איז לויבין צו (הש"י) קיגן די זיבן הימל (אונ זאל מעלדין איר נאמן נאך איר מוטר) :

רחום צדיק יושב על כסא רחמים) דער זאל מיר אויף טאן אלע זיבן הימלען אונ זאל פאר נעמען וואש איך וויל האבן רבש"ע צו פאר טוא איך דיך בעטן דו זאלשט פאר געבן מיינע זינד וואש איך האב גיטאן אונ איך זאל קומן אויף יענר וועלט איך זאל (מנוחה) האבן אין מיין קבר אונ ביי מיין לעבן זאלשטו טאן מיט מיר אונ מיט מיין מאן אונ קינדר אייטל דער בארמיקייט אונ זאלשט מיך אין דר שעה דער הערן גלייך אז דו האשט דער הערט אונזר עלטרן אונ אונזר מוטר חנה דען איך וויל דיר אלז קלאגן וואש מיר טוט אלז אויף מיין הארצן ליגן דען איך טוא דיך בעטן וויא עס גשריבן שטייט (כרחם אב על בנים) דו זאלשט מיר אויך טאן אז איין פאטער טוט זיין קינד · רבש"ע גיב מיר קראפט צו מיינר (תפלה) אונ דו זאלשט פון מיר גלייך (מקבל) זיין אונ איך זאל (ח"ו) פון דיר ניט לער ווידר קערן, (סרי) דו ביסט דער אלמאכטיגר גאט דער זאל באלד פון מיר אן נעמן מיין ווייגען אונ קלאגן ליבר פאטר גאט זאלשט באלד (רחמנות) איבער מיר

האבן

האבן אונ זאלסט מיך דער הערן אונ טוא באלד פון מיר אפ דעם (יצר הרע) אונ איך זאל אויך גניסן דעם (זכות) פון (אברהם יצחק ויעקב) אונ דו זאלסט צו מיר טאן פיל (ניסים אונ נפלאות) גלייך אז דו האסט גיטאן מיט אונזר עלטרן · רבש"ע דו האסט מיר גיהאלפן אונ דו זאלסט ווייטר זיין מיין העלפר דו זאלסט מיר צו שיקן הייליג גוטע (מלאכים) די מיך זאלן פירן אין דעם רעכטן וועג אז איך מיט מיין מאן אונ קינדר זאל ווערן גשפייזט פון דיר אונ (ח"ו) ניט פון די לייט ליבר גאט הים אונזר גאנצע הויז גזינד אז קיין (ע"ה) זאל אן אונז ניט קענן שולט זיין אונ זאיי אונז מציל פאר אלע (צרות ורעות ח"ו) אונ לאז מיך מיט מיין מאן אונ מיט מיינע קינדר לעבן אין (עושר אונ כבוד) אונ (שלום) אמן :

רבונו של עולם איך בעט דיך דו זאלסט מיר (מוחל) זיין אז איך טוא דיין הייליגן נאמן מיט מיין מויל אזו פיל ריידן אבר דו ביסט דער גאט דער דא הערט גערן די גיבעט פון די לייט די דא האבן זינד גטאן אונ איך ארום מענטש קום צו דיר אונ וויל דיר אלע מיין הויט קלאג זאגן ליבר גאט דו זאלסט מיר באלד העלפן דער בארם דיך איבר מיר אונ איבר אלע מיינע ליבע פריינד אונ איבר (כל ישראל) מיר זאלן הויט לעבן אונזרע יארן אין פריידן אונ צו שטארבן אויף אונזער בעט אונ הים מיך פאר איין (מיתה משונה ח"ו) אונ פאר אלע בייזע קראנקהיים אונ אויך (ח"ו) פאר איין לאנגע קריינק אז איך זאל (ח"ו) ניט (עובר ובטל) ווערן פאר מיין טויט עש זאל (ח"ו) די לייט ניט מיאוס זיין פאר מיר ליבר הער גאט דאס טוא איך דיך בעטן אויב איך בין (ח"ו) שולדיג (יסורים) צו ליידן אויף דער וועלט פון מיין גרויסע זינד וועגן זא וויל איך עש גלייך נעמן פון דיר אן שאדין באלד אונ גיך אבר דו גאט זאלסט פון מיר מיט גינאד אפ טאן מיינע זינד דער מיט : רבש"ע לאז מיך (ח"ו) ניט אום גיזאמט שטארבן פון דער וועלט אונ לאז מיך קענן די לייט (מחילה) בעטן די איך האב וואס וויא גטאן אונ דוא ליבר גאט אז די לייט ווען קומן זא זאלסטו מיר עפנן מיינע לעפצן אז איך מיט מיין מונד זאל קענן צו דיר ריידן הייטל ליב דען דו ביסט גאט דער דא אין דער הים טוט איבר פארן די זינד פון מענשן אונ ביסט אלץ (מוחל) זא זאלסטו מיר אויך אלע מיינע זינד (מוחל) זיין וואס איך האב גיטאן דען דו ביסט דער גאט וואס דו האסט אונז צו גזאגט אז דו ווילסט אן נעמן די (תפלה) פון איין יחיד דער דא ווערט צו דיר בעטן מיט איין טרויאריג הארץ דו ביסט דער גאט דער דא איז (רחום וחנון) דער בארם דיך איבר מיר אונ פאר גיב מיר מיינע זינד וואס איך האב גיטאן אמן סלה :

די (תפלה) זאל מען טאן פאר איין (חולה) נאר עס איז איין (רפואה) צו דעם חולה אז מען זאל צו אים אזו זאגן :

מיין קינד דא וועלן מיר גיין פאר דיר בעטן אבר מיר בגערן פון דיר דו זאלסט אימליכן (מוחל) זיין דער וואס האט גטאן אונ מיין ליב קינד פארלאס דיך ניסט עש ווערט דיר איין (רפואה) זיין דו זאלסט ווידוי זאגן מען זאל פאר דעם צדקה גע[illegible] נאך זאל מען די (תפלה) אויף אים טאן אין דער טור אדר אויף דעם (בית החיים) :

[illegible] אויף דעם (סב"ם) איין (רפואה שלימה) אונ טויך אלע די קראנקע

די

די דא זיינן גווארפן אויף דאס בעט אים ווייסאג איר געלעגר א ליבער גאט געדיינק איס דאס אלז צו גוטן אונ ניט צו בייזן אונ מאך אים אנטרינען פון דעם טויט ליבר גאט דו ביסט איין היילער דער דא קאן היילן אלע קראנקע דער זאל אויך היילן דעם (פב"פ) ליבר גאט דו זאלסט אים היטן אז ער זאל אויף אים ניט קומן קיין פאר טומלונג אז ער זאל (ח"ו) ניט קומן צו נארהייט ליבר גאט די דא טרייבן פון זיינט וועגן צו דיר אום איין (רפואה שלימה) זאלסט באלד דער הערן ליבר גאט דו זאלסט גדיינקן דעם (פב"פ) דער איז ווארן געווארפן צו דעם געלעגר אויף זיין בעט מיט קראנקהייט · רבש"ע לאז פון אים צו ריסן ווערן אלע בייזע (גזירות) אונ לאז אים זיינע יארן אויס לעבן אויף דער וועלט נאך צו ליבן דיך אז ער זאל (זוכה) זיין צו דעם איביגן לעבן אונ אלע די האבן צו אים איין פיינט שאפט די זאל דאס אלז ניט דער הערט ווערן אונ קיין מקטרג זאלן אים ניט קענן שאן צו דער צייט אונ איצונד ליבר גאט טוא אים אפ די (יסורים) אונ שטארק אים דאס אלז גינעדיגליך אונ גיב באלד ווידר זיין (כח) אז זיין גידאנקן זאל אים (ח"ו) ניט געשוואכט ווערן אונ ער זאל בלייבן ביי זיין קראפט: רבש"ע ווען דו ווילשט אים איין (רפואה) שיקן שיק אים בצייטן · ליבר הער גאט דו זאלסט דאס הארץ פון אים שטארקן אונ פון אים אפ טאן אלע זיינע (יסורים) אמן סלה:

רבש"ע שיק באלד איין גוטע רואונג אויף אים אונ טוא אים (ח"ו) ניט פאר צוקן פון דער וועלט פאר דער צייט דען דו ביסט איין (רופא) צו העלפן וויל אלע (רפואות) זיינען אין דיינר האנט אונ העלף אים באלד גלייך אז דו האסט גיהאלפן (חזקיה מלך יהודה) פון זיינער קראנקהייט אמן סלה:

СЕДЕРЪ ТЕХИНОТЪ

т. е.

Порядокъ Молитвъ для Женщинъ.

Печатать позволяется, Вильно 14 Января 1848 года.

Исправляющій должность Ценсора,
И. Фокъ.

ВИЛЬНО

въ Типографіи Р. М. Ромма

1848.

תחנה
קודם התפלה

דיא הייליגע תחנה פון נייען וואר זיא אויש גטראכט : עש האט זיא איין גוטר אונ פרומר מענש גמאכט דער וואס האט אימר גאטש פארכט אין זיין הארץ . ווער עש וועט (בכוונה) בעטן אונ נעמן אין זיין הארץ . וועט ער (בוודאי) פאר זיכרט זיין פון זיין ליבן נאמן פון אלעם בייזן ביי טאג אונ ביי נאכט :

דיא תחנה זאל מען זאגן אין דער פריא צו (סליחות) פאר (ראש השנה) :

אדון עולם הער פון דער גאנצר וועלט דוא בישט געוועזן איין קיניג איי דוא האשט בשאפן די וועלט אונ דוא האשט באשאפן אלז נאך דיין לוסט פון דיין (כבוד) וועגין אונ בישט נאך היינט אויך אונ אויך אייביג בלייבשטו מיט דיינער טונהיים . דוא בישט איין קיניג ווער קאן זיך צוא דיר גלייכן אדער אנטקעגן שטען · ווער קאן זאגן דיין אן פאנג אדער דיין ענד · דיא שטארקייט אונ דיא הערשאפט איז אין דיינע הענט . דוא בישט איין איינציגער גאט . דוא קענסט מיך דער לייזן אונ אויך דער פרייען ווען איך רוף צוא דיר . אין דיין האנט בפעל איך מיין זייל אז איך שלאף אונ אז איך טוא וואכן . אין מיין לייב גיבשטו היר ווידער מיין זייל אלע מארגן . ווען גאט איז מיט מיר דארף איך ניט זארגן . פאטר גאט זעה אונזר גרוסע לייד אונ שמארצונג . זעה פון דיין הייליגן ארט אונ דער בארם זיך אז דוא זאלשט אונז העלפן . אונ אז אונזר (בית המקדש) איז גשטאנן איז בייא אונז וויניג זינד גוועזן דען דאס הייליג הויז האט אונז דיא זינד פר געבן אויך קיין זינד איז ניט גבליבן איבר נאכט דען דיא (קרבנות) האבן (מכפר) גוועזן · אז די פיינט האבן אלז (חרוב) גמאכט אים וואס זאלן מיר היינט צו דיר קומן . דרום זאלשטו פאר דיר נעמן אונזרע צוא בראכנע הערצר אונ שמארצונג אונ זאל [illegible] דיר אן גנומען זיין אז איין (תפלה) אונ (קרבן עולה) אונ היינט

 סוען

סוסן מיר ווייכן און טרייבן אז דוא זאלטט אונזער (בית המקדש) בויען
און זאלטט טיקן אונזר מטיח (במהרה בימינו אמן) :

רבש"ע הער פון דער גאנצר וועלט איך קום בעטן פאר דיר מיט ביטרן הארץ מיט צוא בראכן גמיט איך ווייס מיר קיין (עצה) ניט צו גבען ווי איך זאל טאן צוא דעם נייען יאר וואט דא קומט צו דעם (יום הדין הגדול והנורא) . אונזרע (חכמים) האבן (מתקן) גוועזין עטליכע טעג פאר (ראט הטנה) פריא אויף צוא טטיין בעטין מיט גרויט (תפלה ובקטה) אז עט זאל אן גנומן ווערין פאר (הטם יתברך) אבר זייא האבן גמיינט זעלבע לייט וואט זיינן ריין פון זינד דיא זאלן בעטן פאר (הטם יתברך) ער זאל זייא געבן איר בדרפנעט אבער ניט אזו איין זעמנט ווי איך בין . דען איך ווייט אז איך בין לויסטער זינד ווי קאן איך (הטם יתברך) בעטן אז ער זאל מיר פיל גוטט געבן דען דאט בדערפניט פון מענטטן איז פיל און איך האב נים פאר דינט (אפילו) דאט מינסטע . דאך האב איך מיך פארט דער וועקט מיט גרויט (מורא) און מיט ציטרנעט צו בעטן פאר (הטם יתברך) · איך ווייט נים ווי איך זאל טאן מיט וואט קאן איך איבער בעטן דיין (פנים) און מיט וואט קאן איך בווילגן דיך אז דוא זאלטט פאר געבין מיינע זינד וואט טוין עובר זיינען · אויב מיט (תשובה) און מיט (ווידוי) קען איך מיר בווילגן צוא דיין ליבן נאמן זוא טוא איך ווידער קערן פון מיינע בייזע (מעטים) און בקען פאר דיר מיין גאט און גאט מיין עלטרין איך האב גזינדיגט גטולדיגט און ווידער גטפעניגט און דוא ליבר גאט דוא ביטט דער בארמיג און פאר טראג' דיא זינד . און אויב מיט תחנה און (תפלה) ביטטו (מוחל) מאך איך כאון ליבער גאט מיין גבעט צוא פאר דיר און אויב מיט ווייגען און גטרייא פאר גיבטטו אזו טוא איך ווינן און זיפצן אין מיין לעבן אויף מיינע זינד · דען דוא ביטט אזו איין גאט אז מען דארף צוא דיר ניט פיל טרייען דוא פאר נעמטט דיא צוא בראכנע הערצער זוא ווייא (אליהו הנביא) האט גזאגט צוא דיא פאלטע (נביאים) טרייט נ א אייערע אפ געטער פיליכט וועלן זייא הערן . אבר אונזער גאט לעוט פאר זיך אונזער גבעט און אויב מיט צוא בראכן הארץ פאר גיבטטו דיא זינד אונזא צוא ברעך איך מיין הארץ פאר דיר · אין דער לייט · און דוא [illegible] דאך וואול זועלבע הערצר צוא בראכן זיינן :

רבונו

רבונו של עולם איך טוא דיך בעטן אונ דוא זאלסט זיך איבער מיר דער בארמען אונ זאלסט אליין מיין (מליץ) זיין בייא דעם (משפט) דען איך ארעם פרויא וואלט גערן האבן (עולם הזה) אונ (עולם הבא) אבר מיט מיינע (מעשים) האב איך גוויש ניט פֿר דינט נאר מיינש אן דאש אנדרע קאן ניט זיין (מחמת דאגות פרנסה) קאן מען ניט גאט רעכֿט דינען. דריבר וואלט איך גערן ביידע האבן ווייש איך אבר ניט וועלכֿע זאל איך פֿריער אן הויבן צו בעטן אז עס זאל פֿאר דיר אנגנומן ווערן · זא וויל איך אן הויבן צו בעטן דעם (זכות) פֿו דיא (אבות) זאל מיר בייא שטיין פֿאר דעם (יום הדין) אונ איך בעט דיך הער פון דער גאנצר וועלט אז דו זאלשט עפֿנדיא טויערן פֿון הימל וויא דו האשט געעֿנט אז דיא (ישראל) זיינען געשטאנען ביים בארג (סיני) אונ האבן דיא (תורה מקבל) גוועזן האשטו געעֿפֿינט אלע דיא הימלן צוא זעהן אז דוא בישט איין (יחיד) אין אלע (עולמות) אזו אויך זאלשטו עפֿענן דיא טויערן צוא מיינער (תפלה):

רבונו של עולם וויא דו האשט אנגנומדיא טרערן וואש די הייליגע (מלאכים) האבן גוויינט ווען (אברהם) האט זיין ליבן זון גוואלט ברייגגען אויף דיא (עקידה) זיינען די טרערן געפֿאלן אויף דעם מעסר אז (אברהם) האט ניט געקענט שעכֿטן דורך דיא לעבער וואש די טרערן פֿון דיא (מלאכים) זיינן געפֿאלן אזו זאלין אונזרע טרערין פֿר דיר אויך קומן צו דעם נייעם יאר אונ דער (מלאך) וואש מיט (יעקב) איז געראנגען ווען ער האט גנומן דיא ברכֿות פֿון זיין פֿאטר (יצחק) האט זיך (יעקב) געפֿארכֿטן. איז דער גוטר מלאך מיט אים געגאנגן צו זיין פֿאטר דער זאל אויך (מליץ יושר) זיין פֿר דעם הייטיגן משפט אונ אויך דיא (מלאכים) וואש האבן (מלחמה) געהאלטן מיט (עשו) ווען ער איז געגאנגן אנטקעגן זיין ברודר (יעקב) אונ דיא (מלאכים) האבן אים (מנצח) גוועזן זייא זאלן הייגט אויך (מנצח) זיין אונזרע מקטריגים בייא אונזר משפט: אויך ליבר גאט וויא (אסתר המלכה) וויא זיא איז נעבך געגאנגן צוא דעם מלך בעטן פֿאר דיין פֿאלג (ישראל) אזו האשטו ליבער גאט געשיקט איין מלאך אז ער האט דורך דיין מאכֿט געמאכט אז (אסתר) האט בקומן (חן) [illegible] זיינע אויגן אזו זאלשטו ליבר גאט אויך שיקן (מלאכים) בייא אונזר משפט שיקן זייא זאלן מאכֿן טריפֿן אויף אונז (חן וחסד) אין דייני הייליגע אויגן צו איך בין פֿר זיכרט אזן דיין גרוש גנאד אז דוא ווערשט מיר העלפֿן

דען

דען עס איז קיין גליק אין דער וועלט ניט פרהאנדין וואס זאל ניט זיינדיג
און איך הרעט מענטש איך קען מיך ניט צו קיין רעט מאכן און איך
זאל זאגן פט איז (חס ושלום) קיין הילף ניט נוא מיר און מיר גליבן או
הש"י האט דאך געוואוסט ווען ער האט דיא וועלט בטאפן אלע דורות וואס
ווערט זיין ביז (לעתיד לבא) און וועלכער מענטש ער האט געזעהן פון איט
וועס כון זיין האט ער בטאפן . און וועלכער מענטש ער האט געזעהן
ער ווערט ניט כון זיין האט ער ניט בטאפין איך דיינק אן מיר ווען איך
בין יוא בטאפן געווארין מוז איך עט וואט כון זיין אויף דער וועלט אדער
עט ווערט וואט כון פון מיר ארויס קומען . דרום בעט איך דיך ליבער
גאט דוא זאלסט דיך דער בארמן איבר מיר נוא דעם נייעם יאר . דען
דוא ביסט אונזער דער בארמיגר גאט און מיר זיינן דיין ליב פאלק וויא עט
שטייט געשריבן ווער איז אזו וויא דיין פאלק (ישראל) און דוא ביסט אונזר
גאט . דרום ליבר גאט דוא זאלסט אונז אליין משפטן דען נוא דיר איינציגר
גאט איז ביליך או דוא זאלסט אליין משפטן דיין פאלג אזו ווערט אויף אונז
מקוים ווערן דער (פסוק) גאט וועט טאן איין צייכן צו גוטן דאט אונזרע
פיינד ווערן דאס זעהן און ווערן ווערן פאר שעמט . דען דוא גאט ביסט
אונזער גאט אונזער טרייסטער און זאלסט טיקן אונזר (גואל צדק) דאט
יאר (אמן סלה) :

שמע דער הערר מיך ליבער גאט מיין ווייניג (תפלה) מיט נוא ריסן
גמיט גלייך או איך האב געברענגט איין (קרבן עולה) וויא איין
(פסוק) שטייט איין נוא ברחמנ דער און נוא שטויסין גמיט איז גלייך
או איין (קרבן) נוא גאט . דרום זאלסטו ניט פאר שמעהן מיין צו ברכין
הארץ און דיא זאג פון מיין שטאמעלדיגע צונג זאל דיר גלייך זיין או איך
האט דיר געברענגט אפפר שטולן און זאל אן גנומן ווערן פאר דיין (כסא
הכבוד) או דוא זאלסט דיך איבר מיר (מרחם) זיין און זאלסט מיר (חס
ושלום) ניט פאר דארבין ווען גלייך מיינע זינד זיינען אזו גרויס דען דיא
לייט לעבן נאר מיט דיין גנאד דען דוא טוסט (חסד חנם) דורך דיין
גרויס דער בארעמקייט . אלמאכטיגר גאט לאז מיך געבן מיט אלע
מיינע פריינד או דער לעבן זאל זיין אן זינד און אן טאנד און זאלט דיך
דער בארמען מיט דיין גרוס דער בארמיקייט וויא עס שטייט איין
(פסוק) גאט איז איין דער בארמיגער איבער אלע זיינע בטעפנים .
און מיר זיינען דאך דיינע קינדר . דען פון אונזערט וועגן האסטו

אלץ

און באשאפן אויך דער וועלט . דרום ליבער גאט דער בארם דיך איבר אונז פון דיינעם ליבן כבוד וועגן מיר זאל ניט (טפל) זיין בייא אלע לייטן :

אנא יי אלהי ישראל איך בעט דיך, אלמאכטיגער גאט או דוא זאלסט דיך איבר מיר דער בארמן (אל מלא רחמים) דוא ביסט דאך פול מיט דער בארמיקייט דער בארעם דיך איבער מיר ליבער גאט דאס מיר קיין קינדער און קינדס קינדער ניט שטארבן זאלן בייא מיינעם לעבין שטראף מיך ניט ליבער גאט דוא ביסט איין דער בארעם הארציגר גאט אונ האסט אן געשריבן אין דיין הייליגער (תורה) ווען איינר קומט איבר איין נעסט פייגל זאל ער דיא מוטר אוועק שיקן אונ זאל דיא קינדער נעמן ביסטו דאך ליבער גאט איין דער בארמיגער (אפילו) איבער איין פויגל (מכל שכן) געהערסטו דיך נאך דער בארמען איבער איין מענטשן . דען ווען דיא פייגל ווערן דער וואקסין קענן זיי זייער פאטער אונ מוטר ניט אונ דיא פאטר אונ מוטער קענן זיי אויך ניט אבר מיר זינדיגע לייט מיט גרויס מיה וואס מיר האבן אלע צייט מוזן מיר אונזרע קינדער דער ציהן דורך דיין גנאד דרום געהערסטו דיך נאך דער בארמן איבער אונז אונ אונזרע קינדר זאלן דר צייגן ווערן אונ אונזרי קינדר זאלן (זוכה) זיין צו דער ציהן זייערי קינדר צו גאטס פארכט אונ עס זאל אן אונז מקוים ווערן דער פסוק (עטרת זקנים בני בנים ותפארת בנים אבותם) דאס איז טייטש איין קרון דיא קלוגהייט פון דיא עלטערן איז איין (כבוד) צו די קינדר אונ צו די קינדרס קינדר אונ דיא קלוגהייט פון דיא קינדער איז איין (כבוד) צו די עלטרן ווען איך ליבר גאט האב עס ניט פאר דינט אן דיינעם ליבן נאמען בעט איך אום (מתנת חנם) :

אב הרחמן פאטר דער בארמיגער גיב מיר מיט מיין מאן אונ מיט מיינע קינדר איין (פרנסה) פון דיין האנט אונ ניט דורך איין מענטשנס האנט דען דיא גאב פון איין מענטשן איז גאר ניטש . קאן דען דער מענטש געבין וואס דער אנדרער בדארף און ווען ער גיט שוין עפיש גיט ער ניט צו דער צייט אבר דו ליבער גאט דוא ווייסט איטליכן מענטשן זיין בדערפניש אין איטליכע (רגע) וואס איין מענטש בדארף דרום רבש"ע זאלסט אונז שפייזן פון דיין האנט אזון :

רחום צדיק דער בארמיגער גאט רעכט פארטיגר גאט לאזן מיר

אזו

אזו גוט זיין וויא איין מינסטע בשעפֿניש אויף דער וועלט . אזו וויא איין קליין ווערמיל ווערט גשפייזט דורך דיין האנט וויא עס שטייט אין פסוק (פותח את ידך ומשביע לכל חי רצון) דאס איז טייטש דוא עפֿינסט דיין האנט און מאכסט זעטין אלע בשעפֿניש אויף דער וועלט דורך דיין גוטס : ניט פֿאר לאז מיך פֿאטר דער גנעדער וועלט איך זאל דיך קענן דינן ביז מיין רעכטע צייט ווען קומן צו שטארבן דען דער נאך וועל איך דיך ניט קענן דינן . דרום אלמאכטיגר גאט זאלסט מיר ניט פֿאר לאזן צייט מיין לעבן אונ ניט פֿר שלאפֿין מיינע גלידר אז איך זאל דיך קענן דינן וויא עס געהער צו זיין . אונ ווען איך וועל שטארבן לאז מיר שטארבן פֿון דיין רייכע האנט און מיין (מיתה) זאל זיין איין (כפרה) אויף מיינע זינד . עס זאל זיין בוויליגט דיא זאך פֿון מיין מויל אונ דיא גדאנקען פֿון מיין הארצן פֿאר דיר גאט מיין בשעפֿר אונ דער לייזער ביז אייביג (אמן סלה) :

יהי רצון מלפניך עס זאל זיין דער ווילן פֿר דיר גאט מיין גאט אונ גאט מיינע עלטרן עס זאל זיין די היינטיגע צייט וואס איך שטיי פֿר דיר צו בעטן אויף מיר אונ אויף מיין מאן אונ אויף מיינע קינדער אונ אויף (כל ישראל) איין דער בארמיגע צייט אונ איין בוויליג צייט אונ איין צייט אז דוא זאלסט אונז בהיטן פֿאר אלע קרייניק אונ פֿאר (טפלות) אונ שעמונג אז מיר זאלן ניט פֿאר שעמט ווערן פֿר אונזרי זינד . אונ איך זאל ניט פֿר שעמט ווערן פֿר גרויס (עניות) ליבר גאט זאלסט אונז שיקן דעם גואל צדק אמן :

ליבר הער גאט וויא וואול דאך די וועלט איז איין קליינע וועלט אבער ווען מען קיין גוטס ניט האט אויף דער וועלט קאן מען יענע וועלט אויך ניט האבן . דרום בעט איך דיך ליבר פאטר אז דוא זאלסט מיין (תפלה) ניט פֿאר שמאן און זאלסט דער פֿרייאן מיין הארץ דען מיינע וואונדן זיין אזו גרויס אז איך קען ניט אויס ריידן . זאל איך זאגן פֿאר איין מענטש וואס קאן ער מיר העלפֿן ווען ער ווער טוין רחמנות האבן . אונ סמאר איז ער מיין שונא ווערט ער זיך פֿרייען אויף מיין צער . אוי פֿאר ווען זאל איך קלאגן מער אז פֿאר דיר ליבער גאט איך בעט דיך דוא זאלסט מיינע יודישע פֿיינט ניט דער פֿרייאן דיין אויף מיר שטייען אויף. דוא ביסט דאך איין שטארקער גאט אונ זעה דען צער וואס איך טראג אין מיינם הארצן אונ שטראף מיינע יודישע שונאים

וואס

וואס ווילן אין מיר צו לעבט זעהן · און זאלסט מיר גדענקן דעם זכות
פון די (אמהות) איך זאל שוין מער קיין צער ניט האבן ביי מייני קינדער
און בייא מיינע אלע גוטע פריינד און מיר זאלן גשפייזט ווערן פון דיין
היליג (בכבוד) און קיינם מער בדארפין . ליבער גאט לאז אונז גניסן
דעם זכות פון אונזר מוטר חנה אז זיא איז גגאנגן אין דעם בית המקדש
תפלה צו טאן פאר (עלי הכהן) האט זיא גרירט מיט אירע ליפן דא האט
דער נביא צו איר גזאגט גיי ארויס דו בטרונקענע פרויא וואס האסטו אין
(בית המקדש) צו טאן דא האט זיא געענטפערט ניין מיין הער איך בין איין
פרוי וואס איין שווער געמיט האט און האסט איר מיט דיין גרויס דער
בארמיקייט גענטפערט אזו זאלסטו מיר ליבר גאט אויך ענטפערן :

ליבר גאט שטראף מיך ניט מיט דיין צארן . ווען איך האב שוין (אפילו) גזינדיגט בעט איך דיר דער בארמיגער גאט
גייא מיט מיר אום (מדת הרחמים) און ניט אום (מדת הדין) ווייא
(יעקב אבינו עליו השלום) האט גבעטן ווען זיינע קינדער וועלן חס ושלום
שולדיג זיין זאלסטו זייא גדענקן וואס פר צרות האט ער פון זייא גליטן אי
ער האט זייא דער צוגן · (מכל שכן) ווייא זאל איך דיך ניט בעטן אז איך
זאל קיין (צער) ניט האבן אן מיינע קינדער · און איך ווייס וואול האב
איך בעט צו פיל איך בין ניט ווערט צו שטיין פר דיר דוא בגערסט אז דר
מענטש זאל דיך בעטן און דער בארימשט דיך איבר אים . דרום בעט
איך דיך גאט אז דוא זאלסט ניט אוועק ווארפן מיך אויף מיין עלטער ווען
מיין (כח) אנטגייט :

ליבר גאט לאז מיך ניט פאלין אין איין מענטשנס האנט דען עס איז קיין גרעסרר (צער) ניט ווען איין מענש צום
אנדרן בדארף . דרום בעט איך דיך אז דוא זאלסט מיך היטן פר דעם
און זאלסט מיר געבן (חן) און (חסד) אין דיינע אויגן און אין לייטנס
אויגן מיט מיין מאן און קינדער צו לעבן אין (עושר וכבוד) און אונזרע
קינדער און קינדס קינדער זאלן (עוסק בתורה) זיין טאג און נאכט
און מיר זאלן אויס פירן בכבוד דיזא וועלט און ווען דוא וועסט מיר
שיקן דיא לעצטע צייט זאל קיין שטן און מקטרג קיין מאכט ניט האבן
איבער מיין נשמה · און זאלסט שיקן (מלאכי רחמים) · און מיין
(חלק) זאל זיין צווישן (נשים צדקניות) אויף דער וועלט און אויף יענער
וועלט

מעלט. ליבער גאט פאר טעם איך ניט ווען איך טוא פאר דיר בעטן
וואס איך קען ניט פאר קיין מענטשן אויס ריידן זאג איך פאר דיר
מיין טוועער געמיט ווארום דוא ביסט איין שטארקער אונ דער בארמיגר
גאט. דוא נעמסט אן אלע געבעט. איך בעט דיך ליבער גאט ניט
דער ווייטער דיך פון מיר ווען מיר וועט (חס ושלום) איין צרה זיין
אונ ווען איך וועל דיך אן רופן זאלסטו מיר ענטפרן או מיינע גוטע
פריינט זאלן זיך פרייען ווען זייא ווערן זעהן אויך מיר פיל גוטס אונ מיר
זאלן פון זייא זעהן פיל גוטס אמן סלה :

СЕДЕРЪ ТЕХИНОТЪ УБАКУЩУТЪ
т. е.
Порядокъ Молитвъ для женщинъ.

Печатать позволяется. — Вильно, 20 Декабря 1849 года.
Исправляющій долж. Цензора, Кол. Сов. и Кав.
А. МУХИНЪ

ВИЛЬНО
въ Типографіи Р. М. Ромма.

1850.

תחנה פון ראש חודש בענטשן

שרה רבקה רחל לאה

אנא איך בעט דיך גאט (יתברך) דער וואס בריית אן דיא שפייז אלז בשאפנט אונ בריית אן אוך (מלבושים) שיק מיר צו מיין דער נערונג איין (פרנסה טובה) או דוא זאלשט מיך שפייזן אונ מיין הויז גזינד אונ אונז אלעמען מיט (נחת רוח) אונ ניט וויט נער ניט מיט בזיון או איך זאל פר שעמט ווערן נאר מיט (כבוד) אונ צו גוטן זאל זיין. אונזר ארבעט מיט (ברכה והצלחה) אונ עס זאל זיין איין בענטשונג אין אונזער ווערק אונ זאלשט אונז בגליקן אונ אויך צו הייבן אונז דער בארם דיך איבער אונז אויך אלעם וואס מיר פאר לאנגן אונ דוא זאלשט בעגיסיגן אונזר ווילן אונ אונזער הערץ צו גוטן אונ בשירם אונז אונ ליא אונז אויש פון דעם פינסטרן יצה"ר אונ דער לייכט אונז אונ זיי איין בשיצר צו מיר אונ צוא מיין הויז גזינד אונ צוא אלעמען בשירעם מיך פון אלע מיינע צרות אין דעם יאר אונ אין אלע נאך קומנדיגע יאר אלע (חדשים) אונ וואכן אונ (שעות) אונ אלע אויגן בליק בשירעם מיך פון אלע פאר טומלונג אונ פון אלי בייזי דער שרעקנש מיט דעם (כח) פון (שם) וואס ארויש קומט אויש דעם פסוק (אנכי ארד עמך מצרימה ואנכי אעלך גם עלה) אונ זאלשט מיך לאזן הערין (בשורות טובות) וואר האפטיגע אונ רעכט פארטיגע אונ זאלשט מיר פאר געבן מיינע (חטאים ועונות ופשעים שחטאתי ושעויתי ושפשעתי) אונ עס זאל ניט זיין אן מיר קיין (חטא ועון) ער זאל ניט גלוסטן אן מיר דער (יצר הרע) אונ זאלשט מיך בשירמן פאר (גזלנים) פאר בייזע לייט פון קריינק אונ פון (בלבולים) פר (שדים רוחות לילין ומזיקים) פון אלע בייזע בגעגנעש אונ פר הונגער אונ פאר בייזע צוא קומענס אונ פאר טרויערקייט זאלשט מיר געבן (חן וחסד ורחמים) אין דיינע אויגן דען צו דיר טוא איך האפן אונ דוא זאלשט מיר ענטפערן נאך דיין נאמן טוא איך מיך קערן דיין הייליגער נאמן זאל גירופן זיין אויף מיר. די (יודישי שונאים) זאלן זיך פארכטן פר מיר מיין (פנים) זאל דער לייכטן. מיין פארכט זאל זיין גיווארפן אויף אלע בשעפנש איך זאל גלויבט זיין אויבן אין אלע הימלען אונ אונטין אויף דער ערד איין גוטר נאמן זאל זיין אין אלע לענדר מיינע (תאוות) זאל מיר זיין צו גוטן מיט דעם קראפט דער הייליקייט דער זיך שטארקט פון דער (מרכבה עליונה) אונ דער זכות פון דיא הייליגן (אמהות) דיא

וואש דוא האשט פֿר זיכרט דורך משה דיין קנעכט די זאלן ניט ווערן ווידר גקערט אונ זאלן מיר בייא שטיין דאש זעלביגע זיין די דרייא לעהן מדות :

יי יי אל רחום וחנון ארך אפים ורב חסד ואמת נוצר חסד לאלפים נושא עון ופשע וחטאה ונקה :

יהי רצון עש זאל זיין דער ווילן פֿאר דיר גאט מיין גאט אונ גאט פֿון מיינע עלטרין אז דוא זאלשט מיר געבן לייב זעליקייט אונ דער בארמיקייט פֿריד אונ דער פֿרישונג אונ מאך בגליקן מיך אין אלע מיינע ווערק אונ זאלשט מיר געבן (חן וחסד) אין דיינע אויגן דער לייכֿט די אויגן פֿון מיינע קינדר אין דער תורה אונ מיינע קינדר זאלן ניט פֿר געסין וואש זייא האבן גלערנט אונ אין מיינע רייד זאלשטו געבן זיסקייט אונ טונהייט לייב זעליקייט אונ גינאד אונ אלן וואש איך בעט דיך זאלשטו מיר בשטערן נאך גוטן :

אנא איך בעט דיך גאט פֿון יעקב וועגן דיין אייגנעם נאמן ווערשטו דאך דער קענט אין דער גאנצר וועלט דען דוא בישט דער וואש האט צו געהערט דאש געבעט פֿון יעקב אונ האשט אים בהיט פֿון אלעם בייזן אונ האשט אים גיגעבן זיין (מלבושי כבוד) מיט דיין גוטע מאכֿט אונ האשט גמאן וואונדר אונ צייכֿן מיט די ישראל · דרום קום איך בגערן פֿון דיר אז דוא זאלשט עפֿענן דיין האנט צו מיין שפייז אונ זאלשט מיך בהיטן היינט אונ אייביג פֿון אלע בייזע בגעגעניש פֿון אלע בייזע קראנקהייט זאלשט מיר גשיק טאן צו גוטן אלע צייט אונ אלע אויגן בליק · דרום בעט איך דיך העפֿר צו מיין געבעט וויל דוא הערשט די געבעט פֿון אלע מונד · (רחום נדיק יושב על כסא רחמים) דער זאל מיר אויך טאן צו מיין (תפלה) אלע זיבן הימלן אונ מאך פֿר נעמן וואש איך בעט :

רבש"ע איך טוא דיך בעטן דוא זאלשט מיר פֿר געבן מיינע זינד וואש איך האב ווידר דיר גיטאן אונ וואש איך האב ווידר לייטן גטאן נאך דעם דאש איך האב זיי בעגיטיגט דער מיט זאל איך קענן קומן ריין אויף יענר וועלט דער מיט איך זאל מנוחה האבן אין קבר : בייא מיין לעבן זאלשטו מיט מיר טאן לויטר דער בארמיקייט דוא זאלשט מיך דער הערן מיין געבעט גלייך אז דו האשט דער הערט אונזרע עלטרן · אויך וויא דוא האשט דער הערט די פֿרומע חנה דען איך ארעם ווייב איך וויל דיר גווייזן וואש מיר אויף מיין הארץ ליגט איך טוא דיך בעטן גלייך אז אין קינד טוט צו זיין פֿאטר בעטן אזו וויא עש שטייט גשריבן (כרחם אב על בנים) דרום זאלשטו מיר אויך טאן אזוא וויא אין פֿאטר טוט מיט זיין קינד :

רבש"ע

רבונו של עולם דוא האסט מיר געהאלפן בײ: אהער דוא זאלסט מיר ווײטער העלפן דוא זאלסט מיר שיקן גוטע מלאכים דיא מיך זאלן פירן אין רעכטין וועג דר מיט אז איך מיט מײני קינדר אונ דאס מײניגי זאלן ווערן געשפײזט פון דײן האנט אונ ניט חס ושלום פון דיא לײט · דאס מיר זאלן צו (שפלות) ניט קומען אונ דאס קײן (עין הרע) זאל ניט (שולט) זײן אן אונז אונ זײא אונז מציל פון (גזירות רעות) מיר זאלן לעבן אין שלום :

רבונו של עולם הער פון דער וועלט דוא האסט באשאפן דעם מענשן ניט אום זונשט דוא האסט געעפינט מײנע אויגן צו זעהן דײן קיניגרײך אונ מײנע אויערן צו הערן דײני וואונדר פון די גאנצע וועלט · מײן מויל צו דר צײלן די גדולה מײני הענט צו טאן דײני מצות וואס דו האסט געבאטן אונז חלה צו נעמן אונ ליכט צו צינדן אונ בודק צו זײן זיך פון נדה אז דיא נשמה זאל רײן בלײבן · אונ מײנע פיס צו גײן אין דר שול אונ צו לויבן דיך · אונ צו גײן אין דײן וועג · מײנע בריסט צו זײגן קינדר דאס זײא זאלן שטארק זײן · דרום בעט איך דיך ליבר גאט עס זאל אן זײא ניט שולט זײן קײן (עין הרע) קײן (שדים) קײן (רוחות רעות) קײן (מיתה משונה) · אונ זאלסט מײני קינדר דאס הארץ שטארקן אין דר תורה אונ זײער הארץ זאל זײן אז דיא טויערן פון (אולם והיכל) אונ צו זעהן פון זײא (בנים עוסקים בתורה ובמצות) אונ אין מײנע טעג זאל ניט זײן קײן טרויערקײט פון דאגה אונ ניט צו הערן קײן יאמר אונ קלאג אין מײן הויז אונ ניט געשפײזט ווערן דורך דיא הענט פון (בשר ודם) אונ איך זאל זוכה זײן צו זעהן (ישועות ונחמות) :

רבונו של עולם איך בעט דיך דוא זאלסט בגיסיגן מײן מזל אונ אויב דאס מזל ניט איז ברײנגט הײסטו דאך (אל שדי) אונ צו ברעך דעם שווערן מזל דש יאר אונ אלע וואך אונ אלי טאג אונ אלע (רגע) אונ בנײא דעם (חודש לטובה ולברכה והצלחה) אונ הײל די צו בראכנע הערצר אונ גיב מיר (חן וחסד) אין דײנע אויגן אונ אין לײטנס אויגן דאס קײנר זאל אויף מיר ניט האבן צו רײדן · מײנע אויגן הײב איך אויף קעגן דעם הימל אונ מיט אײן צו בראכנע הארץ טוא איך צו דיר זאגן אזוא וויא (דוד המלך עליו השלום) האט אן געשריבן אײן צו בראכן הארץ אונ אײן פאר שטויסן הארץ טוסטו ניט פאר שמעהן · אונ זײא מיר (ממלא כל משאלות לבי לטובה כי אל רחום אתה יהיו לרצון אמרי פי והגיון לבי לפניך יי צורי וגואלי) :

תחנה אמהות

שרה רבקה רחל ולאה

רבש"ע דוא הער פֿון דר וועלט דו אלמעכטיגר גאט דו האשט באשאפֿן מיט דיין גרויש דער בארמהרציקייט הימל אונ ערד אונ אלש בשעפֿנט אין דיא זעקס טעג נאר מיט צעהן ווערטר · אונ אין זיבעטן טאג דאש איז דער (שבת קודש) דער הייליגר (שבת) האשטו אין גלאזן דיין ווערק אונ אויך האשטו גיבאטן צוא דיין פֿאלק ישראל וואש דוא טושט זיך בריאן מיט זייא אז דער פסוק זאגט (ישראל אשר בך אתפאר) איז טייטש איר פֿאלק ישראל מיט אייך טוא איך מיך בריאן · אז זייא זאלן אויך אם (שבת קודש) רוען פֿון אלע ארבעט · אונ אויך פֿון פֿרעמדע רייד נישט מער וואש מען דארף נאר צוא ריידן (דברי תורה) אונ צוא לערנען איטליכר נאך זיין יכולת נאך אונ וואש ער קאן לערנן · אונ אויך די ווייבר זאלן ווישן וויא צוא האלטן אירע מצות וואש גאט האט זייא גבאטן · אויך האשטו אונז גיגעבן חדשים וואש דיא (סנהדרין) פֿלעגן זייא הייליגן דיא חדשים אונ הייגט אז מיר זיינן פֿאר טריבן גיווארן איז אונז נאר גבליבן וואש מיר זיינען (מקדש החודש) אז מיר בענטשן אום שבת וואש פֿאר ראש חדש · אונ דענטשט מאל איז ניט מען זאל בעטן · דרום טוען מיר פֿאר שפרייטן אונזרע הענט צו הש"י אונ טוען תפלה אז דוא זאלשט אונז ווידר קערן אין ירושלים אונ זאלשט דער נייען אונזרע טעג אז וויא צום ערשטן דען מיר האבין אינונד קיין (בית המקדש) אונ קיין (מזבח) אונ קיין (כהן גדול) וואש זאל אויך אונז (מכפר) זיין · נאר אונזרע (תפלות) איז אן שטאט דיא (קרבנות) · דרום פֿאר נעם אונזרע (תפלות) · (ותהא אל נקמות) אונ דוא גאט בישט זיך (תמיד נוקם) אונ טושט רעכטונג אן דיא (רשעים) · דרום טוען מיר דיך בעטן (רבון העולמים) זאיי דיך (נוקם) אין דער צייט אז עש וועט זיין (תחיית המתים) אן דיא (רשעים) וואש האבן שלעכֿן גיטאן · דוא גאט אזוא וואל אז דוא האשט גיענטפֿרט אונזרע (אבות) אזוא זאלשטו אונז אויך ענטפֿרן אין דעם (חודש) אום וועגן דעם (זכות) פֿון אונזער מוטר :

שרה וואש דוא האשט פֿון אירנט וועגן גבאטן אונ האשט גיזאגט (אל תגעו במשיחי) איז טייטש איר פֿיינד זאלט אייך ניט דער וועגן אן צוא רירן איר צו ביישן אונ דער (זכות) פֿון אונזר מוטר :

רבקה וואש זיא האט גורם גוועזן אז אונזר פֿאטר יעקב זאל די (ברכות מקבל) זיין פֿון זיין פֿאטר יצחק דיא ברכות · זאלן באלד מקוים ווערן אן אירע קינדר · אונ דר זכות פֿון אונזר גיטרייע מוטר :

רחל

רחל וואס דו האסט איר צו גזאגט אז מיט איר זכות וועלן אירע קינדר
ווידר קיין ארץ ישראל קומן · דען אז מען האט דיא ישראל אין גלות
אריין גפירט האט מען זיי גפירט ניט וייט פון דעם קבר וואס אונזר מוטר
רחל דרינן ליגט האבן זיך ישראל אויס גבעטן בייא דעם שונא אז זיי זאלן גיין
אויף דעם קבר אונ וויא דיא ישראל זיינן גקומן אויפן קבר פון די מוטר רחל
אונ האבן אן גהויבן צו וויינן אונ צו שרייען מוטר וויא קאנסטו דאס צו זעהן
מען זאל אונז פירן אין גלות אריין · איז רחל אויף גיגאנגן צו הש"י מיט איין
ביטערן גישרייא אונ האט גישפראכן :

רבש"ע דייני רחמנות איז דאך פיל גרעסר וויא דאס רחמנות פון
מענטשן אונ איך האב דאך רחמנות גיהאט איבר מיין שוועסטר
לאה ווען מיין פאטר האט זיא פאר ביטן אונ האט זי גיגעבן צו מיין מאן יעקב
אן שטאט מיר אונ איך האב נאך איר די סימנים גזאגט וואס מיין מאן האט
מיט מיר גרעדט דער ווארטן מיין מאן זאל מיינן אז איך בין דאס וויא וואול
עס איז מיר דיא זאך זייער וויא גיוועזן האב איך דאך גרויס רחמנות אויף
מיין שוועסטר גהאט אונ איך האב איר גזאגט די סימנים · (וכל שכן) דו
גאט ביסט דאך גאר (רחום וחנון) קערסטו (פשיטא) רחמנות האבן · אזוא
האט גאט איר גיענטפערט דוא האסט בייא מיר גרעכט איך וויל דיינע קינדר
העלפן · דאס זאל באלד מקוים ווערן אין איר זכות · אונ אין דעם זכות
פון אונזר מוטר :

לאה וואס זיא האט טאג אונ נאכט גוויינט זיא זאל ניט פאלן אין גורל
פון עשו ביז אירע אויגן זיינן טונקל גווארן · איר זכות זאלסטו דר
לייכטן אונזרע אויגן פון דעם פינסטערנש מיר ווערן דאך גרופן (בני
אברהם) די קינדר פון (אברהם אבינו) וויא זאלן מיר הייסט זיין אזוא פר
לאזן · (הרב כבסני) טוא מערן צו וואשן אונזרע זינד דער נייא אונ ברייניג
אויף אונז דעם חודש צו פרייד אונ עס זאל אונז פאר קערט ווערן אלז צוא
גוטן (גאון עוזנו) דוא ביסט דאך אונזער גרויסטר הערשאפט דוא זאלסט
דער הויבן אונז הוך זאלסט אלז פאר קערן צו גוטן אין זכות אונזרע פרומע
(אבות הקדושים אברהם יצחק ויעקב) :

יהי רצון מלפניך יי אלהי ואלהי אבותי שתחדש עלינו את החודש הזה
לטובה ולברכה · ותתן לנו) אונ דוא זאלשט געבן צוא אונז (חיים
ארוכים חיים של טובה חיים של ברכה) מיר זאלן גשפייזט ווערן פון
גאט ב"ה (חיים של פרנסה טובה) מיט נחת רוח אונ ניט מיט צער · (חיים
של חילוץ עצמות) אונזרי ביינר זאלן גשטארקט ווערן · (חיים שיש בהם
יראת שמים ויראת חטא) מיר אונ אונזרע קינדער זאלן גלויבן אן גאט

ברוך

ברוך הוא · יי זאָלן גיין אין גאָטס וועג · זייא זאָלן בגליקן זייערי וועגן (חיים שאין בהם בושה וכלימה) מיר זאָלן ניט קומען צו איין פר שעמונג אונ מיר זאָלן ניט פר שעמט ווערין (בעולם הזה) אונ ניט (בעולם הבא) אחר דעם (בית דין של מעלה) · (חיים של עושר וכבוד) מיר זאָלן אונזרע קינדר מגדל זיין (לתורה ולחופה ולמעשים טובים) אז וויא (דוד המלך ע"ה) האט גבעטין · רבש"ע לאז מיך שטארבן וויא איין מלכות ניט וויא איין אביון · (חיים שתהא בנו אהבת תורה ויראת שמים) אייני קינדר זאָל געלויבן אין גאָט ברוך הוא וויא דיא קינדער פון (יעקב אבינו ע"ה) · דען אז (יעקב אבינו ע"ה) האט גיוועלט שטארבן האט ער גיוואלט (מגלה) זיין דעם (קץ) פון דער גאולה האט זיך דיא נבואה אפ גיטאן פון אים · זוא האט ער זיך דער שראקין אונ זאגט צו זייא אפשר (חלילה) איז איין פסול אין מיין בעט וויא בייא מיינע עלטרן (כלומר) אפשר איז צווישן מיינע קינדר איין שלעכטר אז מיין עלטר פאטר אברהם האט גיהאט איין שלעכטן זון ישמעאל אונ מיין פאטר יצחק האט גיהאט איין שלעכטן זון · האבן זייא גענטפרט (שמע ישראל יי אלהינו יי אחד) דאס איז טייטש הער אונזר פאטר ישראל דער גאָט וואס איז דיין גאָט דער גאָט איז אונזר גאָט אונ איז איינר · ליבער גאָט זאָלסט אונז געבן (טימלא משאלות לבנו לטובה אמן וכן יהי רצון) :

איין תחנה פון ליכט צינדן

ראש זאגט מען מיט גרויש כוונה ווען
מען צינט אן ליכט שבת ויום טוב :

גאָט פון דיין פאלק ישראל דוא ביסט הייליג אונ האסט גהייליגט דיין פאלק ישראל אונ האסט גהייליגט דעם שבת · דוא ביסט אליין אונ דיין פאלק האסטו אויס דער וויילט פון דיא פעלקר וואס דינן דיא זון אונ שטערן · אונ נוא דיין דינסט אליין נוא רוען האסטו דער וויילט דעם שבת אליין · נוא זענפטיגן זיך צו לייבטן מיט ליבט · נוא האבן פרייד אונ לוסט אין דיין דינסט הייגס אן דעם הייליגן (שבת) וועלכע מיר זיין שולד צו האלטן מיט אלע זאכן אז איין (מלך) דיא(מלכה) אדר איין (חתן) דיא (כלה) וויא דיא רייד פון אונזרע (חכמים) · אז זייא האבן גהייסן דעם (שבת) (מלכה) אונ (כלה) אונ איך מייד שאבטר דיינר מייד · איך האב אן גלונדן צווייא ליכט אונ האב גהיט דיא רייד פון דיינע (חכמים) דיא וואס

וויסן

ווייטן דיין הייליגע תורה צו עהרן אונ צו הייליגן דיין נאמן אין דיין תורה דוא אלמעכטיגר גאט גיב מיר אונ מיין מאן אונ מיינע קינדר אונ מיין הויז גזינד דעם הייליגן שבת צו רוען אונ צו הייליקייט אונ צו זענפטיקייט · בהים אונזר אלע בייזע גשיכטע די וואס פלעגן צו קומען הייטס ביי נאכט וועגן דיא רעגירונג דעם בייזן שטערן · אונ אויך פון דיא רשעים וואס מען לאזט הייגט רוען פון דאס (גיהנם) דא גייען זייא זייער וויל נוא שטעדיגן · אונ דאס מיינע ליכט זאל וויטר ברענגן צו פר טרייבן אלע בייזע (רוחות) אונ (שדים) אונ (מזיקים כת מחלת) אלע דיא וואס קומען פון (לילית) דאס זייא אלע זאלין אוועק פליהען פאר דיא ליכט וואס איך צינד אן · אונ דיא (תורה) אונ דר (שבת) זאל זייא פר טרייבן אז זייא זאלין ניט קענן בשעדיגן קיין מאן אויך קיין פרויא נאך קיינס אונטער דיין פאלק · הכר פון דער גאנצר וועלט גיב מיר קינדער דיא וואס זאלן לייכטן אין דער (תורה) אונ שיק אונז דיא (ברכה) דורך דעם גוטן (מלאך) דער וואס גייט אויף די רעכטע האנט פון דעם מענשן · אונ דער בייזר (מלאך) זאל דרויף אמן זאגן אונ אז מיר זאלין (זוכה) זיין דאס מיר זאלין ארבין דעם טאג דער וואס איז אייטל שבת וואס ער רואט דער גאט וואס לעבט אייביג (אמן סלה) :

איין שפראך פון עין הרע

איין גוויסע רפואה פון (עין הרע מחכמת רב מהגמרא) ·
דער וואס זאגט דיא שפראך מוז זיך די הענט וואשן ·
אונ מוז לייגן דיא הענט אויף דעם קאפ פון דעם קראנקן עס שאדט איין קליין קינד אדער איין אלטער מאן אדער איין ווייב · אויך זאל ער וואס נעמן פון דעם (חולה) איין הויב אדער איין טוך אונ זאל ניט ווייט האלטין פון זיין מויל אונ זאל דעם אן שפראך זאגין אונ זאל דער נאך דיא הויב אדער דאס טוך דעם (חולה) אונטער זיין קאפ לייגן :

מיט די הילף פון גאט דעם אלמעכטיגן דער דא היילט אלע קראנקע דער זאל אפ טאן פון דיר אלע ווייטאג אונ בייזע בגעגניש וואס דיר איז אן גקומען עס שאדט פון איין בייזן אן בליק עס שאדט פון איין מאן אדער פון איין פרויא עס שאדט פון אלט אדער יונג זאל דיר ניט שאטן אן דיין לייב אונ לעבן נאך אן דיין האר נאך ניט אן דיין נאגל דען (אליהו הנביא) האט בגעגינט

בגעגינם דעם (מלאך אישטרבו) דא שפראך (אליהו הנביא) צו איהם וואו ווילסטו אהין גיין דא זאגט ער איך וויל גיין צוא דעם (פלוני בן פלוני) אונ וויל צין אין זיין קראפט אונ אין זיין הארצן אונ אין זיינע אלע גלידער אונ וויל טרינקן זיין בלוט דא זאגט (אליהו הנביא) צו איהם אזו וואול אז דוא ניט רשות האסט אויש צו טרינקן אלע וואסר אויש דעם מער אזו אויך זאלסטו ניט (רשות) האבן צוא שעדיגן איהם זיין לייב נאך ניט אין איינם פון זיינע גלידער אויך קיינם מער פון דער גאנצע וועלט · האט איינר גיגעבן איין בייזע אויג זאל עס איהם ניט שאטן נאך בייא טאג נאך בייא נאכט אזו וואול אז דיא קינדר פון (יוסף הצדיק) האט מען זייא קיין בייזע אויג ניט גקענט געבן אין קיין צייט · אזו זאל דיר אויך ניט שאטן אונ (השם יתברך) זאל דיך היילן אונ צו דיזער שטונד זאלסטו ווערין פריש אונ גזונד · דרום זאיי וואר אין גאטס נאמן · (אמן סלה) :

СЕДЕРЪ ТЕХИНОТЪ

т. е.

Порядокъ Молитвъ для Женщинъ.

Печатать позволяется.— Вильно. 1 Мая 1851 г.
Цен. Кол. Сов и Кав. А. Мухинъ.

ВИЛЬНО
въ Типографіи Р. М. Ромма.
1851.

תחנה אמהות

פון ראש הודש אלול

וואש מען זאל לייענן גאנץ (אלול) אלע טאג · אויך איז דרינן (תחנות) פון (ראש השנה) בשעת מען נעמט ארויש דיא (ספר תורה) אונ מען זאגט (שלש עשרה מדות) · אויך תחנות פון (שופר) בלאזן · דש איז ארויש גנומן אויש פיל (ספרים) · (בזכות זה) וועט איר זוכה זיין אין (ארץ ישראל) צו קומן (במהרה בימינו אמן סלה) :

אָנָּא יְיָ סָמַכְתִּי בְּרַחֲמֶיךָ הָרַבִּים לְבַקֶּשְׁךָ :

איך בעט דיך גאט איך טוא מיך אן לעהנן אן דיין דער בארמיקייט צו בעטן דיך · דר הער מיין (תפלה) מיט מיין צו ברחכן הארץ אונ טוא מיר ענטפרן אויך מיין גיבעט ווי אין דיין הייליגי תורה שטייט גשריבן :

בְּטֶרֶם תִּקְרָא וַאֲנִי אֶעֱנֶה :

איי דוא ווערשט רופן וועל איך דיר ענטפרן (אל מלא רחמים) דוא בישט פול מיט דער בארמיקייט דער בארם זיך אויף מיר אונ פאר נעם מיין גיבעט דאש איך וועל שאן בעטן נעם אן מיינע (ווידוים) וואש איך בין זיך פר דיר (מתודה) אויף מייני ביטרי (עבירות) וואש איך האב אידר גישפעניגט דייני הייליגי מצות איך האב ניט גיהאלטן דיין געבאט וואש דו האשט אונז געבאטן העך פון דער גאנצר וועלט איי איך הייב אן פאר דיר מתודה צו זיין טוא איך פאלן אויף מיין פנים אונ טוא בעטן דיך דש דיין (רחמים) זאל זיך שטארקן איבר דעם (רוגז) זאלשט מיין ווידוי צו הערן מיט גרויש דער בארמיקייט דוא זאלשט מיר מיין מויל עפנן דאש איך זאל רעכט מתודה זיין פר דיר (אמן) :

עֲשֵׂה עִמָּדִי כְּחַסְדְּךָ הַגָּדוֹל :

טוא מיט מיר (חסד) אונ משפט מיט גרויש דער בארמיקייט איך טוא דיך בעטן נעם אן מיין גיבעט איך האב דאך גאר קיין (מליץ יושר) ניט פאר דיין הייליגן נאמן כייערם דיין הייליגע (מדה) פון רחמים טוא איך בעטן אז דוא זאלשט מייני ווידוים אן נעמן אונ זאלשט עפנן די טויערן פון תשובה אונ די טויערן פון די זיבן הימלן אזוי ווי דו האשט גיעפנט די טויערן פון די הימלן אז ישראל האבן די (תורה מקבל) גיוועזן אויף דעם בארג סיני אונ איך טוא בעטן אז דו זאלשט אן נעמן מיינע ביטרי טרעהרן אזוא

איז דו האשט אן גנומן די טרעהרן פון די אמהות וואס האבן גוויינט אז
אברהם אבינו האט גבראכט זיין ליבן זון יצחק צו דר עקידה זיינן די טרעהרן
פון די אמהות גפאלן אויף דעם מעסר פון אברהם אונ האבן אים ניט
גלאזט שעכטן זיין זון יצחק אזוי זאלן אויך מייני טרעהרן פאלן פר דיר ·
אונ זאלן ניט לאזן אוועק ברייגגן מיך אדר מיין מאן אדר מייני קינדר אונ
אלי מייני גוטי פריינד פון דר וועלט · אונ איך בעט דיך דו זאלשט זיך איבר
מיר דער בארמן אונ זאלשט אליין זיין מיין (אליץ יושר) ביי דעם משפט
וואס דו ווערשט מיך משפטן · אונ נעם אן מיין גבעט אונ פר גיב מיר אויך
מייני זינד אמן :

רַחֲמֶיךָ הַגְּדוֹלִים יָגוֹנוּ עָלַי :

דיין גרויס דר בארמיקייט זאלן מיך בשיצן איך טוא מיך זייער שרעקן פר
מייני זינד דען איך האב אים מייני מעשים גוויס ניט פאר דינט איך ווייס
ניט וויא זאל איך אן הויבן דיך צו בעטן דו זאלשט מיר פאר געבן נאר מיין
גבעט זאל פר דיר אן גנומן ווערן (מכח זכות אבות) וויא אין דיין הייליגע
תורה שטייט גשריבן איך וועל טאן גנאד אונ וועל גדיינקן דעם זכות פון
די אבות אויף זייערי קינדר אונ קינדס קינדר דו ביסט גאט אונזר גאט
אונ גאט פון אונזרי עלטרן אונ גאט אונזר טרייסטר דוא זאלשט זיך איבר
אונז דר בארמן אונ זאלשט אונז טרייסטן אונ דר פרייען אמן :

יְהִי נָא חַסְדְּךָ לְנַחֲמֵנִי :

עס זאל זיין דיין גנאד צו מיין טרייסטונג דו זאלשט מיך טרייסטן אויף מיין
צער וואס איך האב · אונ עס זאל מקוים ווערן דר פסוק גאט ווערט טאן מיט
אונז דר בארמיקייט צוא גוטן אונ אונזרי יודישע שונאים זאלן פאר שעמט
ווערן דען דוא ביסט גאט וואס איז אין העלפר אונ איין טרייסטר צוא אלע
ואש טוען דיך רופן מיט איין צו בראכן הארץ :

לְמִשְׁפָּטְךָ נַעֲמוֹד כֻּלָּנוּ :

צו דיין משפט וועלן מיר זיך שטעלן · דרום טוא איך וויינן אונ שרייען
פאר דיין הייליגן נאמן אונ דוא זאלשט דיך אן רופן מיט גנאד אונ דער
בארמיקייט אונ דוא זאלשט דיך אליין זעצן איבר מיין משפט · אונ שטראף
אונז ניט ח"ו מיט גזרות אכזריות . אונ לאז אונז דער ציהן אונזרי קינדר צו
גוטן אונ אונזרי קינדר זאלן זוכה זיין צו דר ציהן זייערי קינדר דען דו ביסט
גאט דר וואס איז זיך מרחם איבר די קלייני קינדר :

בְּמָה אֲקַדֵּם לְחָנְנֶךָ :

מיט וואס זאל איך מיך פעדרן פר דיין הייליגן נאמן צו בעטן נאר דאך בעט איך דיך אז דו זאלשט אויף מייני עבירות פר געבן · איך וויים דאך אז איך האב גאר קיין מעשים ניט נאר איך האב אין אלץ מייני טרעהרן ווי עס שטייט געשריבן :

כֻּלָּם נִנְעֲלוּ רַק שַׁעֲרֵי דְמָעוֹת לֹא נִנְעָלוּ :

אלע טויערן זיינן פר שלאסן נאר דיא טויערן פון טרעהרן זיינן ניט פאר שלאסן דרום פאטר דער בארמיגר נעם מייני טרעהרן וואס איך טוא דיך בעטן טוא אריין אין לאגל וואס אפ מיט דיא טרעהרן אונזרי זינד אונ זאלסט דיך זעצן פון (מדת הדין) אויף דעם (מדת הרחמים אמן) :

תִּקְרַב רִנָּתִי לְפָנֶיךָ :

עס זאל געשעהן פר דיר מיין געבעט אונ קיין בייזע מלאכים אונ קיין מקטרג זאל ניט קענן מפסיק זיין צווישן מיין געבעט אונ צווישן דעם (כסא הכבוד) דו זאלשט אויין דיין האנט אויס שטרעקן נאך מיין תפלה זי זאל ניט דארפן גיין דורך דיא מלאכים וואס זיינן בשאפן געווארן דורך מייני בייזי מעשים וואס איך האב גיטאן זייא זאלן ניט אוועק נעמן מיין תפלה אום ווילן ניט צו דר לאזן דט מיין תפלה זאל צו דיר אן קומן · אונ איך טוא דיך בעטן אז דוא זאלשט אריין טאן דיין שווערד אין דיין שייד אונ זאלשט דיין האנט האלטן איבר אונז אונ איבר אונזרי קליינע קינדר אמן :

הַט אָזְנְךָ לִתְפִלָּתִי :

טוא נייגן דייני אויערן צו מיין (תפלה) ליבר הער גאט בהיט מיך פר אלעם בייזן פר שאנד אונ פר לעסטרונג אונ פאר איין מענטשנס גאב אונ לאז אן מיר מקוים ווערן וויא אין פסוק שטייט · דוא טוסט עפנן דיין האנט מאכסטו זאט צו אלי לעבדיגע :

רְאֵה בְעָנְיֵנוּ וְהוֹשִׁיעֵנוּ :

זעה איין פיין דוא זאלשט מיר העלפן נעם אן מיין גיבעט איך וויים דאש איך בין ניט ווערט אויף צו עפנן מיין מויל צו בעטן דיך דען איך האב מיט מיין מויל גרויסע עבירות גיטאן אונ האב ליצנות גיטריבן · אונ האב נבול פה גירעט נייערט דוא ביסט איין דער בארמיגר גאט דער בארם דיך איבר מיר אונ איבר מיין גיבעט ווי דו האשט אן גנומן די גיבעט פון אונזר

צדקת

צדקת חנה אונ זאלשט אן נעמן מיין (תפלה) אונ פאר מייד מייני עבירות :

בְּכָל לִבִּי אֶקְרָאֶךָ :

מיט מיין גאנצן הארצן טוא איך דיך אן רופן דוא זאלשט מיר העלפן וויא דו האשט מיר גיהאלפן ביז אהער דען איך טוא דיך בעטן וויא איין קינד איין פאטער זאלשטו מיר ענטפרן · אונ דער בארם זיך איבר מיר וויא איין פאטער איבר זיינע קינדר · וויא אין (פסוק) שטייט (כרחם אב על בנים כן תרחם ה' עלינו) · אזוי זאלשטו דיך גאט דער בארמן איבר אונז אמן :

הַעֲבֵר מִמֶּנִּי אַפְּךָ וַחֲרוֹנְךָ :

טוא אפ פון מיר גאט מיין גאט דיין רוגז אונ דיין גרויטן צארן · אונ טוא אן נעמן מיין גיבעט וואס איך טוא בעטן זאלשטו מיר פר געבן מייני זינד דען איך וועל טוין נימר טאן · איך וועל טאן דייני מצות אונ בעט דיך זאלשט שטארקן מיין הארץ (מקיים) צו זיין דייני מצות וואס דוא האשט גבאטן דר סימן איז (חנה) אונ זאלשט שטארקן מיינע הענט (צדקה) צו געבן אונ ליכט צו צינדן אונ מיינע פיס צוא שטארקן אין שול צוא גיין דיך צו לויבן (אמן) :

מַה נֹּאמַר וּמַה נְּבַקֵּשׁ :

וואס זאלן מיר ריידן אונ וואס זאלן מיר בעטן איך ווייש אן מיינע אונ־ווירדיקייט וואס איך האב גיטאן נייערט איך לעהן מיך אן אויף דעם זכות פון מייני קלייני קינדר וואס וועלן לערנן דיא תורה אונ אין דעם (זכות) זאלשטו מיר העלפן אז עס זאל בייא מיר קיין מאל ניט זיין קיין טרויערקייט אונ קיין יאמר נאר פרייד אונ (שמחה אמן) :

אוֹדְךָ בְּכָל לִבִּי :

איך טוא דיך לויבן מיט מיין גאנצן הארצן דען דוא גאט ביסט איין בשיצער בייא אלע צייט דען דוא טוסט פאר געבן אלע עבירות וואס מיר האבן גיטאן דען דוא ביסט פאר הויזן פאר אלע צייט דו טוסט הערן אריינע דוא ביסט הייליג אונ פארכטיג נייערט איך טוא בעטן דיין ליבן נאמן דאס דוא זאלשט אריין לאזן אין דיין (מדת הדין מדת הרחמים) וויא מען טוט אריין אין איין שארפע זאך אביסל זיסע אונ אונזרע מעשים זאל זיס זיין אמן :

אַל תּוֹכִיחֵנִי בַּחֲמָתְךָ :

דוא זאלשט מיך ניט שטראפן מיט דיין צארן דען דיין נאמן ווערט גרופן (שופט אמת) דיין משפט איז אמת אונ טושט חסד ואמת אונ פאר גיבשט

אונזרי

אונזרי זינד דרום טוא איך מיך פֿרייען דען איך האב צו דיר אז דו וועסט
מיר פֿר געבן מייני זינד דען איך האב חרטה דרויף איך וועל טוין מער קיין
עבירות ניט טאן נייערט איך וויל לויבן אונ דינן דיך מיט גאנצן הארצן אמן :

רָחַקְתִּי מַעֲשֶׂיךָ הַטּוֹבִים :

איך האב דער ווייטרט דיינע גוטע גיבאט איך האב גזינדיגט איך האב
ווידר גשפעניגט דיינע ליבע (מצות) וואס דוא האסט ניט גהייסן טאן האב
איך דאס יוא גטאן · אונ וואס דוא האסט (גיאסרת) האב איך (מתיר) גיאאכט
וואס דוא האסט (מתיר) גיאאכט האב איך (גאסרת) וואס דו האסט (טמא)
גיאאכט האב איך (טהור) גיאאכט נייערט גאט איין גאט איך האב דאך
נים מתכוין גיוועזן דיך צו דער צערנן · נייערט מער דער (יצר הרע) האט
מיך אן גרעט דרום פֿאר גיב מיר ליבר גאט אויך מיינע זינד :

חַקֵם לַאֲמָתְךָ הַסֶּדֶךְ :

מאך באיי שטיין דיין דער בארמיקייט אויף דיין דינסט מייד דען איך טוא
מיך איין בייגן אונ בעט דיין גינאד דען וויא זאל איך מיך ניט דער שרעקן
וויא זאל מיך ניט אן נעמן איין ציטרניש אונ איין פֿארכט ווען איך וועל מוזן
שטיין צום משפט פֿאר (ב"ד של מעלה) אונ וועל מוזן ענטפֿרן אויף מיינע
עבירות · נאר דוא אלמאכטיגר גאט טושט אלז אין משפט בוויזן איין דער
בארמיקייט · דרום דער בארם דיך איבר מיר אונ טיינק מיר אונ מיין מאן
אונ מיינע ליבע קינדר לעבן אונ גיזונד אמן :

גַּל מֵעָלַי חֲרוֹנֶךָ :

אנטפלעק פֿון מיר דיין רוגז דוא זאלשט מאכן איין שטילן דעם שטן וואס
ער איז אויף אונז תמיד מקטרג · מיט דעם קול שופר · אונ פֿאר גיב אויף
אונזרי זינד דורך דעם קול שופר דען וויא דער שופר איז איין גבויגן אזוא
ווען מיר אונזר הארץ איין בייגן צו טאן תשובה אויף אונזרי זינד אונ מיט
דעם קול פֿון שופר זאלשטו ארויש ציהן דיא פֿלעקן וואס מיר האבן גמאכט
אן אונזר נשמה · דען מיט דעם ווינט וואס מען טוט בלאזן אין שופר זאלשטו
מאכן בלאזן אויף דיא שאל פֿון (מצות) זייא זאלן איבר וועגן דיא עבירות אונ
מיר זאלן זוכה זיין דעם יאר צו הערן בשורות טובות :

דָּבַקְתִּי בְּמַעֲשֵׂי הָרָעִים :

איך האב מיך בהעפֿט אן מייני בייזי מעשים דען איך האב זיך גלאזט
דעם (יצר הרע) אן ריידן איך האב גאר ניט גיטראכט איך וועל מוזן שטיין
צום

צום מספט איך בין נאך גגאנגן נאך (תאות לבי) · רבש"ע אפר פון דער גאנצר וועלט ווען איך זאל זיך וועגן מתודה זיין פאר דיין הייליגן נאמן אויך מיינע עבירות וועלן דיא טעג אוועק גיין דען איך וועל ניט קענן אויס זאגן מייני ביטרי עבירות וואָרום זייא זיינן צו פיל אויך וועלכי עבירות וואס איך האב גיטאן (במזיד) אדר אויך די וואס איך האב גיטאן בשוגג · רבש"ע איך בעט דיך דען איך האב גוואשן מיט מייני טרעהרן די עבירות וואס איך האב גיטאן אזוא מאך מיך ריין פון זינד אמן :

וְאֶשָּׂא שְׂפָתַי לְבַקְשֶׁךָ :

איך טוא אויך הייבן מיינע לעפצן צו בעטן דיין גנאד נייערט איך הייב אן צו ריידן מיט גרויש ציטרנש דען ווייא אוג אך איז מיר ווייא האב איך מיך נים גפארכט פר מייני צווי(מלאכים) די צוויי(עדות) וואס זוגן(עדות) זאגן אויף מייני ביטרי זינד דערנטש מאל אז מען טוט איך טטפן צום מספט אז מען טוט מיר ווייזן דעם צעטל וואס מיין האנט האט אליין גשריבן מיינע עבירות ווייא איז מיר ווייא האב איך קיין רחמנות ניט גיהאט איבר מיינע קלייני קינדר עס זאל פון מיר אוועק קומן ח"ו פר מייני עבירות דרום טוא איך בעטן דיין גנאד אז דו זאלסט דיך דר באַרמן אויף מיר אמן :

לוּלֵי חֲסָדֶיךָ עַל מָה אֶסְמוֹךְ :

ווען ניט דיין גינעדיקייט אויף וואס העט איך מיך גיהאט אן צוא לעהנן אין זעלבע טעג דען דיא טעג זיינן זייער ביטר דען מען זעהט איטליכן איבר אוג מען טוט לייענן איטליכנס מעסים וואס איטליכר האט גיטאן אוג אויך וואס האב איך זיך סומך צו זיין · נאר אויף תשובה וואס דוא האסט בטחפן פריער פאר דיא עבירות · דרום בין איך (מקבל תשובה) צו טאן אוג ווידר דינן דיך מיט מיין גאנצן הארצן אמן :

כְּחַסְדְּךָ תְּדִינֵנִי :

גאט מיין גאט טוא מיך מספטן מיט דיין גנאד מיר טואן פאדרן גיבעט אז דוא זאלסט אונז פר געבן אונזרי זינד אוג זאלסט נעמן אונזר תשובה דר וועקט אייך אונזרי אבות וואס ליגן אין דר מערת המכפלה צו אונטר לעהנן מיך דען קיין מעסים טובים זיינן אין מיר ניט פר האנדן נאר גאט זאל זיך אויף מיר דר באַרמן · גאט קער אונז ווידר צו דיר · מיר זאלן ווידר גרופן ווערן דיין הייליג פאלק לאז מיך דר באַרמן דיין גנאד פון וועגן (זכות אבות)

מֵצַר לִי בְּמַעֲשִׂים רָעִים :

עס טוט מיך באנג אויף מיינע בייזי מעשים וואס איך האב גטאן מיט וואס פאר איין פרייאנט זאל איך דיך איבר בעטן צו פר געבן מייני עבירות דאס איז גוט דיך איבר צו בעטן מיט תשובה טאן אונ מתודה זיין פאר דיר איך האב גזינדיגט קעגן דיר אויף פאר דיר איז אן גינומן דאס וויינן און שרייען פר גיב מיר אלע מיינע זינד (אמן) :

הֵן רַחֲמֶיךָ חָפַצְתִּי :

דיין דר בארמיקייט בגער איך עס זאל קומן מיט אונז צום משפט · דען מיר וועלן ניט קענן שטיין ביי דעם משפט · דיין גנאד אונ דר בארמיקייט זאלן זיך פעדרן פר דיין (פנים) · פון פאר דיר זאל אונזר משפט אויס גיין דיינע אויגן זאלן זעהן רעכט פארטיקייט אונ גנאד זאלסטו אונז געבן דוא ביסט דאך אונזר פאטר אונ מיר זיינן דיינע קינדר ווי קענסטו צו הערן גוויין זייא זיך מרחם איבר אונז אונ טוא אויס הערן אונזר געבעט אמן :

וְעַל בָּנֶיךָ תְּרַחֵם :

אונ אויף דייני קינדר זאלסטו זיך דר בארמן ווען מיר זיינן דייני קינדר דר בארם זיך אויף אונז וויא איין פאטר איבר זייני קינדר · אונ ווען מיר זיינן דייני קנעכט גהערסטו דאך דר בארמן אויף אונז ווי איין הער איבר זייני קנעכט אלי טאג ווערן מיר ווייניגר טוא דיך דר וועקן אונ העלף אונז אמן:

רַעַשׁ יוֹם מִשְׁפָּט יִקְרַב :

דר רעט פון דעם טאג (יום כפור) טוט גנעהנן טוא מיט אונז גנאד וויא לאנג נאך וועסטו אן אונז פר געסן דר מאן דיך אן אונזרי עלטרן העלף אונז אין אונזרי נויטן ליבר גאט דר בארם זיך איבר אונז אונ העלף אונז :

רַחֲמִים יָלִיץ בְּעַד חֲתוּמִים בַּכִּסֵּא :

דיין גינאד אונ דיין דר בארמיקייט זאלן זיין פיר שפרעכר פר די (ישראל) דען דר נאמן איז אויס גקריצט אויף דיין היליגן כסא הכבוד אונ אויך דר זכות פון יוסף דש ער האט אן גטאן כבוד צו זיין פאטר (ישראל) אונ דער בארם דיך דש איך זאל ניט קומן צו קיין (שפלות) אונ צו קיין ארימקייט :

יָדַעְתִּי כִּי סַרְתִּי מִמִּצְוֹתֶיךָ :

איך ווייס אליין דאס איך האב ווידר גשטעניגט דייני ליבע גבאט איך טוא

האפ! –

אָהפֿן אַן דיין הייליגן נאָמן אַז דו ווערשט מיט מיר ניט מדקדק זיין אַלז אַן מיר מקוים ווערן דער פסוק וואָס שטייט געשריבן גאַנץ טוט אַוועק וואַרפֿן דיאַ גרויסי עבירות דאָס דר זכות זאָל אונז איבר וועגן די עבירות אמן :

עֵת תָּקוּם לְמִשְׁפָּטֶךָ :

עס איז דיאַ צייט צו שטיין צו דיין משפט איך טוא דיר בעטן דו זאָלשט דיך אויף הייבן פֿון (דין) אונ זעצן דיך אויף דער שטול פֿון (מדה"ר) זאָלשט אונז משפטן מיט רחמים אונ זאָלשט מיך ניט שטראָפֿן נאָך מיינע עבירות נאָך אונ איך וועל מיר טוין מאַכן איין חוק דאָס איך זאָל טוין נימר טאָן עבירות :

קוֹל שַׁוְעָתֵנוּ תִּשְׁמַע וְתַאֲזִין :

פֿר נעם מיין געשריי אונ מיין געבעט איך טוא טוין תשובה אויף מייני זינד עס זאָל אויף מיר מקוים ווערן אַז: מען ווער טאָן תשובה אויף די עבירות ווערט דר פֿון ווערן (זכיות אמן) :

בְּצִדְקָתְךָ תַּדִּיחַ כְּתָמִים :

מיט דיין גרעכטיקייט זאָלשטו אָפּ מעקן די פֿלעקן וואָס איך האָב געמאַכט אין דר קלייד פֿון מיין (נשמה) מיט מייני גרויסע עבירות דען וואָס ווערט דיך אַרויס קומן אויס אונזר ביטרן טויט אָדר (חס וחלילה) אויס דעם טויט פֿון אונזרע קינדרלאַך · וואָס האָבן מיר דען געטאָן צו דיין הייליגן נאָמן מיט אונזרי (עבירות) נייערט מיר האָבן זיך שולדיג געמאַכט דיין נאָמן איז הייליג אונ אימר אונ אייביג דרום דער באַרם דיך איבר אונז אונ לאָז אויף אונז מקוים ווערן דר פסוק דו ביסט נאַהנט צו די וואָס טוען דיך אָן רופֿן מיט געבעט אונ דר באַרם דיך איבר דיין קינגרייך דען מיר זיינן דיאַ שאָף פֿון דיין ווייידונג אונ עס זאָל אויף אונז מקוים ווערן (ובא לציון גואל אמן) :

די תחנה זאָל מען זאָגן אַז מען נעמט אויס די (ספר תורה)
אויס (ארון הקדש) זאָל מען דאָס זאָגן דרייא מאָל :

יי יי . אל רחום וחנון · ארך אפים ורב חסד ואמת · נוצר חסד לאלפים
נושא עון ופשע וחטאה ונקה :

רבש"ע איך טוא מיך אָן לעהנן אָן דיאַ (י"ג מדות) וואָס זיינן אייטל דר באַרמיקייט · איך טוא מיך דאָ שטעלן בעטן דיין הייליגן נאָמן דען אַזוי וויאַ מען טוט עפֿנן דיאַ טיר פֿון דעם ארון הקודש דאָס מען זאָל אויס נעהמן דיין הייליגע (ס"ת) אַזוי זאָלשטו עפֿנן דיינע טויערן פֿון דער באַרמיקייט אונ זאָלשט אונז פֿאַרגעבן אונזרע זינד וואָס מיר האָבן קעגן דיר ווידר גשפעניגט

גשפּעניגם וואל זיין אזו ווי מיר האבן אן גטאן דיינע הייליגע (ס"ת) אין
ווייסע מענטעליך אזוי זאלסטו מאכן ווייס אונזרי פלעקן פון דר נשמה וואס
מיר האבן איין גיפלעגט מיט אונזרי זינד וויא אין דער תורה שטייט ווען
אייערע זינד וועלן זיין רויט וויא רויטא פאדים וועל איך זייא ווייס מאכן :
רבש"ע אזו וויא מיר טוען איינונד אויש נעמן די תורה וואס ווערט גרופן ספר
אזוי זאלסטו אונז הייכט אן שרייבן אין ספר החיים אונ ספר ברכה אונ
אויך ווען מיר טאן לייענן איינונד אין דיין (ס"ת) וויא דו האסט (שרה) איר
תפלה צו גהערט אונ דש וואר אום (ר"ה) אונ אויך ווען מיר הייכט לייענן צו
(מפטיר) ווי דו האסט צו גהערט די תפלה פון דיין צדקת חנה אזוי זאלסטו
אויך הייכט צו הערן דיא גיבעט וואס מיר טוען דיך בעטן : אזוי וויא דוא
האסט אום ר"ה ארויש גיטאן דיין קנעכט יוסף פון דר תפיסה אזוי זאלסטו
אונז אויך ארויש נעמן הייכט פון דעם יום הדין אונ דו האסט אן גשריבן
אין דיין הייליגע תורה אז: אלי טויערן ווערן ניט פר שלאסן אויף תפלה צו
טאן צו דיר צו שרייען אונ וויינן : דר הער אונזר גיבעט טרייב אונז אן לאז
איין גזונד יאר : אונ זאלסט אונז ניט אוועק נעמן (חלילה) פון דר וועלט פר
זיבציג יאר כדי מיר זאלן חלילה ניט לאזן קליינע יתומים מיר זאלן זיי קענן
דער ציהן זייא זאלן לערנן דיין הייליגי תורה פון דיין הייליגן נאמן וועגן אונ
זאלסט אויך ניט אוועק נעמן אונזרי קינדר פר אונזר לעבן אויך האסטו אונז
אן גשריבן אין דער תורה אז מען זאל ערליך האלטן פאטר אונ מוטר אויף
זייער עלטר : דרום ליבר פאטר דער בארמיגר מיר טוען וויינן אונ בעטן
דיין נאמן אז דו זאלסט חלילה ניט אוועק נעמן אונזרי קלייני קינדר פר אונזר
לעבן : פאטר דר בארמיגר גאט מיר טוען פאלן אויף אונזר פנים אונ מיר
בעטן דיך זאלסט פון אונז ניט אוועק נעמן אונזרע מאנן דען דו האסט אן
גשריבן איך וועל טאן קלאגן זייער ביטר ווי איין (אשה) טוט קלאגן אויף איר
מאן : דרום (רבש"ע) בעט איך דיך דוא זאלסט אונז ניט שיידן אונ אויך
פאטר דר בארמיגר טוען מיר דיך בעטן דו זאלסט ניט (חלילה) אוועק נעמן
אונזרי ברידר אונ שוועסטר דען אונזרע טרעהרן זאלן דורך לעכרן איין
לאך אונטער דיין הייליגי שטול אונזר תפלה זאל קומן אין דיין האכט אריין אונ
אויך טוען מיר בעטן די (ספרי תורות) וואס מען איינונד אויש נעמט זאלן
פר אונז (מליצי יושר) זיין אז דר (שטן) זאל אויך אונז ניט (מקטרג) זיין אונ
דער (מדת הרחמים) זאל ביי שטיין ביי אונזרי מעשים דען איר הייליגי
(ספרי תורות) גהערט פאר אונז צו בעטן כאטשע מיר האבן ניט גהאלטן
פיל מצות וואס דרינן שטייט : נייערט מיר טוען זיך אן לעהנן אויף דעם
וואס אין אייך שטייט גשריבן עס וועט זיין איין צייט דאס ער וועט (מוחל)

זיין

זיין דיא (ישראל) זייערי זינד · דרום בעטן מיר אויך אז היינט זיין דיא לייט אונ זאלסט (מוחל) זיין אונזרי זינד דען אין דיין הייליגע תורה שטייט עס איז ניט פר האנדן איין זאך וואס דו זאלסט ניט מוחל זיין דורך תשובה פאטר דער בארמיגר מיר טוען איצונד צו ברעכן אונזרי הערצר אויך דריילעהן שטיק קעגן דייגע דריילעהן (מדות) . מיר וועלן טוין מער ניט זינדיגן נייערט פר גיב אונזרי זינד · דייני הייליגי נביאים האבן גזאגט צו די ישראל עס וועט זיין איין צייט עס וועט קומן (משיח צדק) אונ וועט אויס לייזן דרום בעטן מיר דיך אז דו זאלסט מקיים זיין זייערי רייד · אונ זאלסט אונז געבן שפע וברכה פון דיין הייליגע האנט אז מיר זאלן (חלילה) ניט דארפן אן קומן צו איין (בשר ודם אמן סלה) :

רבש"ע פאטר דער בארמיגר דער בארם זיך איבר אונז נעם אן אונזר גיבעט דען דוא האסט גהייסן דיין פאלק ישראל זיי זאלן (שופר) בלאזן זיי זאלן פר מישן דעם שטן אז ער זאל אויך אונז ניט קענן מקטרג זיין דו האסט גהייסן דיין פאלק ישראל זאלן בלאזן תקיעה שברים תרועה דיא ערשטי איז תקיעה דען תקיעה מאכט מען זייער גלאט אונ איין גבויגן · אזו טוען מיר זיך איין בייגן פר דיר אונ בעטן פאטר דר בארמיגר אז דר שטן זאל אויך אונז ניט מקטרג זיין די אנדרי בלאזט מען שברים איז טייטש צו ברעכן דרום טוען מיר צו ברעכן אונזרי הערצר אזוי וויא אין דיין הייליגי תורה שטייט איין צו ברעכן הארץ טוט גאט ניט פר שמעהן · אונ מיר זיינן אויך זיך מקבל אז מיר וועלן צו ברעכן דעם יצה"ר דאס דריטי איז (תרועה) איז טייטש גשריי אונ קלאג · דרום טוא זיך דער בארמן איבר אונז אונ פאר מיט דעם שטן וואס איז אויך אונז מקטרג אז ער זאל ניט מקטרג זיין · אונ עס זאל חס וחלילה ניט נגזר ווערן אין אונזרי הייזר איין קלאג אונ גשריי אונ זאלסט ניט אוועק נעמן אונזרי קלייני קינדר · אונ דוא דער בארם זיך אין אונזר משפט דען דו טוסט היינט אנטפלעקן דאס משפט :

רבש"ע ווען איך בין שון יוא שולדיג צום משפט זאל דאך דיין (מדת הרחמים) גובר זיין דעם (מדת הדין) אונ פר גיב אונז אונזרי זינד · דען צווישן דייני י"ג מדות איז דיא ערשטע (רחום וחנון) איז דאך גוויס דיין מדה פון רחמים זייער גרויס · אונ בפרט איצונד מיט דעם קול פון שופר · דען דו האסט אין דיין הייליגי תורה אן גשריבן אז עס קומט (יום כפור) זאל מען בלאזן מיט אשופר דאס איז אסימן אלע קנעכט אין (א"י) זאלן פריי ארויס גיין פון זייערע הערן · פאטר דער בארמיגר זיינן מיר אזויא וויא דייגע קינדר גרעכנט דער בארם זיך וויא איין פאטר איבר זייגע קינדר אויב (חלילה) מיר האבן מיט אונזרי ביטרי (עבירות)

גורם

גורם געוועזן אז מיר זיינן נאר גיר עכֿינט וויא איין קנעכֿט זאלן מיר דאך מיט דעם קול פֿון שופֿר ארויס גיין פֿרייא פֿון דעם משפט אלע אונזרע זינד זאלשטו אוועק בלאזן מיט דעם קול פֿון שופֿר אונ מיט דעם וואש מיר טוען כיין מאל שופֿר בלאזן זאל אונז בייא שטיין בייא דעם משפט · דער זכות פֿון דיא פֿיר אמהות אונ דער זכות פֿון דיא דרייא אבֿות אונ זכות פֿון (משה ואהרן) דען זייא זיינן אויך ניין · צום ערשטן בעטן מיר אונזר מוטר (שרה) אז זיא זאל פֿאר אונז בעטן בשעת משפט אז מיר זאלן פֿרייא ארויס גיין פֿון דעם משפט דען השי"ת ב"ה האט איר מוסיף געוועזן דעם ה' פֿון שם הוי"ה ברוך שמו אזוי אויך האבן דיא מדה פֿון רחמים · דרום דער בארם דיך אונזר מוטר אויף דייני קינדר · אונ בפֿרט צו בעטן פֿאר אונזרי קינדר זייא זאלן זיך ניט אפ שיידן פֿון אונז דוא ווייסט דאך וואול אז עש איז זייער ביטר אז מען נעמט אוועק א קינד פֿון דער מוטר וויא עש איז דיר געוועזן אז מען האט אוועק גנומן דיין זון יצחק פֿון דיר האט דיר באנק גיטאן אונ היינט האשטו צייט צו בעטן דען מען טוט איצונד בלאזן מיט איין שופֿר (של איל) כדי ער זאל גדיינקן דעם זכות פֿון יצחק וואש ער האט זיך גלאזט בינדן ווי איין שאף צו דר עקידה · דרום ווערט דר שטן צו מישט אונ קאן איצונד אויף אונז ניט מקטרג זיין דרום האשטו איצונד צייט פֿאר אונז צו בעטן אז עש זאל מתעורר ווערן אויף אונז די מדה פֿון רחמים · אויך טוא איך בעטן אונזר מוטר רבֿקה זיא זאל בעטן פֿאר אירי קינדר אונ זיא זאל בעטן פֿאר אונזר פֿאטר אונ מוטר אז זיי זאלן זיך ח"ו ניט אפ שיידן פֿון אונז דען דו ווייסט וואול וויא עש טוט באנק נאך פֿאטר אונ מוטר דען אז אליעזר דער קנעכֿט האט דיך אוועק גנומן פֿון דיין פֿאטר אונ מוטר צו דיין מאן יצחק האשטו אויך זייער גוויינט · דרום ווייסטו וויא עש איז שלעכֿט אן איין פֿאטר אונ מוטר דרום בעט פֿר אונזר פֿאטר אונ מוטר אז זיי זאלן האבן (שנת חיים) יארן פֿון לעבן (שנת טובֿה) איין גוט יאר אז איך מיט מיין מאן אונ קינדר זאלן האבן פרנסה · אויך טוען מיר בעטן אונזר מוטר רחל אז דוא זאלשט פֿאר אונז בעטן אז מיר זאלן איין (כתיבֿה וחתימה טובֿה) האבן אונ מיר זאלן קיין מאל קיין צער ניט האבן מיר ווייטן וואול אז דוא קאנשט קיין צער ניט הערן דען אז מען האט דיין ליבן זון יוסף גפֿירט קיין מצרים האבן אים די (ישמעאלים) גרויש צער אן גטאן אז ער גפֿאלן איז אויף דיין קבֿר אונ האט אן גהויבן צו וויינן מוטר דער בארם דיך איבר דיין קינד וויא קאנשטו צו זעהן איין צער אזוא ליב האשטו מיך גיהאט אונ היינט בין איך אזוא פֿאר פֿינשטרט אונ דו דער בארמשט זיך ניט איבר מיר אזוא האשטו ניט גקענט צו הערן דעם צער פֿון דיין קינד האשטו אים גיענטפֿרט מיין ליב קינד איך

הער

הער דיין גוויין אונ דיין ביטר גשרייא · איך וועל איך תמיד דר בארמן אונז
בעטן פר איך אונ וועל הערן אייער נער · דרום דר בארם דיך אויף אונזר
נער אונ אנגשט אונ ניטרנט פר דעם משפט אונ בעט פר אונז עס זאל אונז
אן גשריבן ווערן איין גוט יאר אז מיר זאלן קיין מאל קיין נער ניט האבן
(אמן)·אויך טוען מיר בעטן אונזר מוטר לאה אז זיא זאל אויך בעטן פר אונז
דען אילונד קענט איר פאר אונז אלי בעטן דען היינט איז דער ערשטר טאג
פון (עשרת ימי תשובה) דס איז שוין דיא לעצטי צייט דען איך ווייס אז איך
האב וויא פיל צייט אוועק גלאזן אונ האב קיין תשובה ניט געטאן :

רבש"ע דו האסט אונז געגעבן אלע חודש איין טאג (ראש חודש) דר איז
(יום כפרה וסליחה) אויף אונזרי זינד דאס מיר זאלן אלי (ערב
ר"ח תשובה) טאן אונ אום (ר"ח) ווערן דיא זינד פר געבן · אבר מיר האבן
איין גאנץ יאר קיין תשובה ניט גיטאן נייערט נאר היינטיגן טאג (ר"ה) איז
(ר"ח) וואס מיר האבן צייט תשובה צו טאן · דען דר יו"ט פון ר"ה שטייט
דעם זיבטן חודש דעם ערשטן טאג אין חודש זאל זיין צו איך נייערט דאס
מיינט דר פסוק דר טאג (ר"ה) גיהער זיין·צו אייך יו"ט אז איר וועט תשובה
טאן אונ חרטה האבן אויף אייערי עבירות אונ רוען פון בייזע מעשים וועט
דר טאג זיין (יו"ט) אבר חלילה אז מיר טוען ניט קיין תשובה איז דער טאג
קיין (יו"ט) עס איז חלילה איין פינצטער טאג · דרום טוען מיר צוא ברעכן
אונזרי הערצר·פאטר דר בארמיגר נעם אילונד אן אונזר תשובה דען אילונד
איז דר (שטן) פר מישט אונ קען ניט מפסיק זיין אונזר גבעט דען אילונד
האבן מיר אלי איין דעה אונ מיר טוען אלע אן רופן דיין הייליגן נאמן מיט
גרויס צו בראכנע הערצר דען אונזר (תשובה) הייסט (תשובת רבים) אונ
אין דיין הייליגע תורה שטייט דס דר חילוק איז צווישן דיא תשובה פון איין
יחיד אונ צווישן דיא תשובה פון איין רבים ווארום דיא תשובה פון איין יחיד
העלפט נאר איי דער גזר דין איז: אבר חלילה אז דער גזר דין איז שוין
העלפט קיין תשובה פון איין יחיד ניט · אונ דיא תשובה פון רבים העלפט
אפילו ווען עס איז שוין דער גזר דין אויס גוועזן·· דרום בעטן מיר אונזרי
אמהות זייא זאלן בעטן פאר אונז אז אונזר תשובה וואס מיר טוען אילונד
אונ אלי טאג זאלסטו איר דיא תשובה בריינגן פאר דעם (כסא הכבוד) אונ
ווען חלילה דער גזר דין איז שוין גוועזן צוא בייזן זאל דיא מצוה פון תשובה
בייא שטיין אז הש"י זאל אונזרי זינד אוועק ווארפן אונ אונזרי מצות זאלן
מכריע זיין דיא עבירות אז וויא דיין מדה איז (נושא עון) ער פאר טראגט
אונז דיא עבירות אז די מצות זאלן איבר וועגן · אויך טוען מיר בעטן אונזרי
אמהות איר זאלט בעטן פר אונז מיר זאלן ניט דארפן קומן חלילה צוא איין
מענטשן

מענטשנט גאב · דען דיא שאנד פֿון דעם מענטשן איז גרעסר איידר זיין
גאב · מיר זאן גיטפייזט ווערן פֿון דיין ליבע הייליגע האנט אמן :

דאש זאגט מען ווען מען איז (מזכיר נשמות) :

יזכור אלהים את נשמת אבי מורי (פב"פ) שהלך לעולמו בעבור שאני נודר צדקה בעדו · בעבור זה תהא נפשו צרורה בצרור החיים עם נשמת אברהם יצחק ויעקב · שרה רבקה רחל ולאה · ועם שאר צדיקים וצדקניות שבגן עדן אמן :

יזכור דוא זאלשט גדייכקן גאט דיא נשמה פֿון מיין פאטר ער הייטש מיט זיין נאמן (פלוני בר פלוני) דער וואש איז גגאנגן אויף יענר וועלט זאלשטו איצט אייך גידייכקן אום ווילן דאש איך בין מנדר פֿון זיינט וועגן אום דעם ווילן זאל זיין נשמה רוען אין (גן עדן) מיט דיא (נשמות אברהם יצחק ויעקב שרה רבקה רחל ולאה) אונ אנדרי צדיקים אונ צדקניות דיא וואש זיינן אין (גן עדן) אונ מיר ווען זאגן אמן :

יזכור אלהים את נשמת אמי מורתי (פב"פ) שהלכה לעולמה בעבור שאני נודר צדקה בעדה בשכר זה תהא נפשה צרורה בצרור החיים עם נשמת אברהם יצחק ויעקב · שרה רבקה רחל ולאה · ועם שאר צדיקים וצדקניות שבגן עדן אמן :

יזכור דוא זאלשט גידייכקן דיא נשמה פֿון מיין מוטר זיא הייטש מיט איר נאמן (פב"פ) וואש זיא איז גיגאנגן אויף יענר וועלט זאלשטו זיא היינט גידייכקן אום ווילן דש איך בין (מנדר צדקה) פֿון אירט וועגן אום ווילן דאש זיין זאל איר (נשמה) רוען אין גן עדן מיט דיא נשמות (אברהם יצחק ויעקב שרה רבקה רחל ולאה) אונ מיט אנדרי (צדיקים וצדקניות) וואש זיינן אין (גן עדן) אונ מיר ווען זאגן אמן :

יזכור אלהים נשמת אבי ואמי זקני וזקנותי דודי ודודותי אחי ואחיותי קרובי וקרובותי בין מצד אבי בין מצד אמי שהלכו לעולמם בעבור שאני נודר צדקה בעד הזכרת נשמתם בשכר זה תהיינה נפשותם צרורות בצרור החיים עם נשמת אברהם יצחק ויעקב · שרה רבקה רחל ולאה · ועם שאר צדיקים וצדקניות שבגן עדן אמן :

יזכור דו זאלשט גדייכקן גאט דיא נשמות פֿון מיין פאטר אונ מוטר אונ מיין עלטר פאטר אונ עלטר מוטר אונ פעטר אונ מומי אונ שוועסטר אונ שווגר ברידר אונ שוועסטר וואש זייא זיינן גיגאנגן אויף יענר וועלט זאלשטו היינט גדייכקן אום ווילן דש איך בין (מנדר צדקה) פֿון זייערט וועגן אום דעם זאלן זייערי (נשמות) רוען אין (גן עדן) מיט דיא (נשמות אברהם יצחק ויעקב שרה רבקה רחל ולאה) אונ מיט אנדרי (צדיקים וצדקניות) דיא וואש זיינן אין (גן עדן) אונ מיר ווען זאגן אמן :

יזכור

יזכור אלהים נשמת (פב"פ) ונשמת כל קרובי וקרובותי הן מצד אבי והן מצד אמי. הן שהומתו הן שנהרגו הן שנשחטו ושנשרפו ושנטבעו ושנחנקו על קדושת השם בעבור שאני נודר צדקה בעד הזכרת נשמתם ובשכר זה תהיינה נפשותם צרורות בצרור החיים עם נשמת אברהם יצחק ויעקב. שרה רבקה רחל ולאה. ועם שאר צדיקים וצדקניות שבגן עדן ונאמר אמן :

יזכור דוח זאלט גדיינקן גאט דיא נשמה וואש הייסט (פב"פ) אונ דיא נשמות פון אלי מייני פריינט פון מיין פאטערש צד אונ פון מיין מוטרש צד. טמיי דיא וואש זיין גיטשארבן אויף איר בעט אונ טמיי דיא וואש האבן זיך גילאזט איין וואסר ווארפן פון דיינט וועגן אונ דיא וואש האבן גלאזט זיך ווערגן פון דיין הייליגן נאמן וועגן. זאלסטו היינט גדיינקן אוס וויל איין צדקה זייערי נשמות צו גדיינקן אום דעם ווין זאן רוען זייערי נשמות אין ג"ע מיט דיא נשמות אברהם יצחק ויעקב שרה רבקה רחל ולאה אונ אנדרי צדיקים וצדקניות אמן :

אום ימים טובים זאגט מען דאש :

מי שברך אבותינו ווער עש האט גבענטשט אונזרי עלטרן אברהם יצחק ויעקב דער זאל בענטשן (רבי פב"פ) פון וועגן דש ער האט אנדר גוועזן אין דר צדקה אום ווילן די רייני נשמות וואש מיר האבן היינט מזכיר גוועזן פר הקב"ה פון וועגן זיין הייליגי תורה. אונ פון וועגן דעם הייליגן טאג דר דא היינט איז. דעסט וועגן זאל זיין דר לוין אז הקב"ה זאל אים היטן אונ בטירמן פון אלי קראנקהייט אונ זאל שיקן איין בענטשונג אונ זאל בגליקן אלי זייני ווערקן אים אונ כל ישראל אלי זייני ברידר אונ מיר וועלן זאגן אמן :

אום יום כפור זאגט מען דאש :

מי שברך אבותינו ווער עש האט גבענטשט אונזרי עלטרן אברהם יצחק ויעקב דר זאל בענטשן (רבי פב"פ) אום ווילן דש ער האט אנדר גיוועזן אין צדקה וועגן די רייני נשמות וואש מיר האבן היינט מזכיר גיוועזן פר הקב"ה אונ פון זיין הייליגע תורה וועגן אונ פון וועגן דעם הייליגן טאג דר היינט איז: דענטט וועגן זאל אים הקב"ה היטן אום בטירמן פון אלי לייד אונ ליידיגר אונ פון אלי קראנקהייט אינדר וועלט אונ זאלשט אים אנטרייבן אונ אן התימן צו לעבן אונ צו אלי גוטן אין דעם יום הדין וואש היינט איז אונ זאלשט שיקן איין בענטשונג אונ זאל אים בגליקן אין אלי זייני ווערקן. ער אונ כל ישראל אלי זייני ברידר אונ מיר וועלן זאגן אמן :

אב הרחמים פאטער דר בארמיגר דר וואס רואט אינהויכן הימל מיט זיין שטארקי דר בארמיקייט זאל ער גדיינקן די חסידים

די גאנץ פרומי אונ די רעכט פארטיגי אונ די הייליגי קהלות · די וואש האבן איבר געזעצט זייערי לייבר אויף (קדוש השם) די גליבטי אונ די ליבליכי ביי זייער לעבן אונ צו דעם טויט האבן זיי זיך דר געבן מער אז די אדלר זיינן זיי גוועזן גרינג אונ מער אז ווי די לייבן האבן זיי זיך געשטארקט צו טאן דעם ווילן פון זייער באשעפר אונ דעם בגער פון אירן באשעפר · ער זאל זיי גדיינקן גאט צו גוטן מיט די אנדרי צדיקים פון דער וועלט אזוי ווי געשריבן שטייט אין (תורת משה) דער געטליכר מאן לויבט איר פעלקר זיין פאלק · אונ דורך דייני קנעכט די (נביאים) איז געשריבן צו זאגן · איך וועל רייניגן זייער בלוט וואש איך האב ביז אהער גרייניגט · ווארום גאט רוהט אין ציון :

די תחנה זאל מען זאגן נאך (מזכיר נשמות) :

יהי רצון עש זאל זיין דער ווילן פאר דיר גאט מיין גאט אונ גאט מייני עלטרן אז דו זאלשט טאן היינט מיט דיין גרויש גנאד אויף די הייליגי נשמות דיא דא זיפצן מיט ליב אונ בעטן אויף דיין הייליג פאלק אונ צוויטן זיי זאלשטו לייכטן אויף די נשמות פון אלי מייני פריינד (הן מצד אבי והן מצד אמי) אונ אלי נשמות וואש שטייען אין דרייא שורות אין (ג"ע) אונ אלי טוען ליבן גאט אונזר קיניג אונ בעטן לעבן אונ פרייד . איך בעט דיך מיט גרויש קראפט דיין דר בארמיקייט · דייני אויערן זאלן נעמן צוא מיין געבעט פר נעם מיט בארמיקייט · דו זאלשט מבטל זיין פון דיין פאלק אלע גרים נארן אונ אלי משחיתים אונ זאלשט געבן חיים ושלום ופרנסה טובה ועושר וכבוד ואריכת ימים ושנים מיר אונ מיין מאן אונ מייני קינדר · אונ זאלשט אונז געבן איין גוט הארץ אז מיר זאלן דיר דינן מיט גרויש נחת · אונ זאל דיין גנאד גרייכן אויף אלי הייליגי נשמות · אונ אויך דיא נשמה פון מיין פאטר אונ מוטר אז זייא זאלן אויף גיין אונ זאלן קומן אונ זאלן ווערן גדאכט פר דיין הייליגן דר בארמיגן שטול אונ דארטן זאל זיין זייער רואונג אונ דו זאלשט איין בינדן זייערי (נשמות) אונ די נשמות פון מיין פאטר אונ מוטר (לפני ולפנים) אויף דעם היכל וואש קיין אויג קען ניט פר שטיין נייערט דו איין אונ דוא זאלשט מאכן שיינן אויף זייערי נשמות דש ליטרקייט אונ דו זאלשט זיי זעטן מיט פעטיקייט דיין הויז אונ פון דעם באך פון (ג"ע) זאלשטו אן טרינקן אונ אויך די נשמות פון מייני קרובים בעט איך דיך ליבר גאט דר דא לייכט אויף דר ערד אונ דיא לייט וואש וואונן אויף דר ערד · דר לייכט דיין שכינה אונ זאלשט זאגן צו דעם מלאך וואש איז ממונה איבר זיי צו דר גרינגרן פון זיי דעם משפט אונ זיי זאלן געפינן מיטליבר זיין רואונג אונ זאלן זיין בשלום אונ זיי זאלן גיין פון איין מדרגה צוא דער אנדרר מדרגה אונטר די פליגל פון די כרובים אכי"ר :

דעם

דעם יה"ר זאגט מען ווען מען שופר בלאזט צו די ברכה צווישן אימליבן סדר ווען דר חזן דר פאר זאגט: ווען ער זאגט (טב) דש ערשטי מאל:

יהי רצון עס זאל זיין דר ווילן פר דיר גאט מיין גאט אונ גאט פון מיינע עלטרן דאס בלאזן (תקיעה שברים תרועה תקיעה) וואס מיר האבן הייכט געבלאזן זאלשטו מאכן איין קרוין דורך דעם מלאך וואס דריבר געפעלט איז אונ מען זאל אויף ברייגן אונ זעצן אויף דעם קאפף פון מיין גאט אונ זאלשט שאן מיט אונז איין צייכן צום גוטן אונ זאלשט דיך דר פילן אויף אונז מיט דער בארמיקייט · גלויבט בישטו גאט דער בארמיגר:

דאס אנדרי מאל ווען דר פאר זאגר זאגט (טב) זאגט מען דעם יהי רצון:

יהי רצון עס זאל זיין דר ווילן פר דיר גאט מיין גאט אונ גאט פון מייני עלטרן דאס בלאזן (תקיעה שברים תקיעה) וואס מיר האבן הייכט געבלאזן זאלשטו אן כעמן דורך דעם (ממוגה) וואס איז דרויף געזעצט אזו וואול וויא דוא האשט אן גינומן דורך (אליהו) אונ זאלשט דר פילן זיך אויף אונז דר בארמקייט גלויבט בישטו דר בארמיגר גאט:

דאס זאגט מען דעם דריטן מאל ווען דער פאר זאגר זאגט (טב):

יהי רצון עס זאל זיין דער ווילן פאר דיר גאט אונזר גאט אונ גאט פון אונזרי עלטרן עס זאל אויף גיין דיא (מלאכים) וואס דא גייען ארויס פון דעם (שופר) אונ פון (תקיעה) אונ (שברים) אונ (תרועה) אונ פון (תקיעה שברים תרועה תקיעה) · אונ פון (תקיעה שברים תקיעה) · אונ פון (תקיעה תרועה תקיעה) פאר דיין (כסא הכבוד) אונ זאלן אויף אונז פיר שפרעכר זיין צו פר געבן אויף אלע אונזרי זינד:

СЕДЕРЪ ТЕХИПОТЪ

т. е.

Порядокъ Молитвъ для Женщинъ.

Печатать позволяется.— Вильно· 1 Мая 1851 г.
Цен. Кол. Сов и Кав. А. Мухинъ.

ВИЛЬНО
въ Типографіи Р. М. Ромма·
1851.

שערי דמעות

איר ליבע ווייבר אונ מיידן טוט לייאנן די (תחינה) וועט אייך אייער האַרץ דר פֿרייען דען זיא איז גאר ארויס גינומן גוואָרן אויס ספֿרים (בזכות זה) ווערט איר זוכה זיין אין (ארץ ישראל) צו קומן. אויך האבן מיר גישטעלט איין טייטש (תחינה) וואס מען זאל זאגן אלי טאג (בזכות זה) וועט איר האבן די וועלט אונ יענע וועלט (אכי"ר):

יהי רצון עס זאל זיין דער ווילן פֿאר דיר גאט דו זאלשט מיר פֿאר געבן אלע מייני זינד אונ זאלשט מיך גדיינקן צו גוטן מיט מיין מאן אונ קינדר. ליבר גאט איך בקען פֿאר דיר דאס איך האב אַפּ גקערט פֿון דיין ליבן נאמן דרום בעט איך דיך גאט אז דוא זאלשט מיך בווירטן מיט גוטן אונ מאך מיך לויז פֿון מייני זינד וואס איך האב גזינדיגט בטירעט מיך פֿון יצה"ר אונ פֿון אלע לייד איך זאל האבן אויס גיבעטן בייא דיר אז עס זאל בייא מיר קיין גשרייא זיין אין מיין הויז ליבער גאט איך בעט דיך אז דו זאלשט מיך אויף מיין עלטר ניט פֿאר לאזן אונ דוא זאלשט מיך שפייזן מיט דיינער אייגנער האנט אן לייטנש גאב. ליבר גאט ווען דער מענש קיין שפייז האט אזו טוט ער ח"ו גנבֿן אונ גזלען דרום בעט איך דיך גאט זאלשט מיט מיר אום גיין מיט (מדת הרחמים) אז איך אונ מיין מאן אונ קינדער זאלן גיזונד זיין אונ פרנסה האבן פֿון דיין מילדי האנד אונ זאלשט אונז בענשן אז עס זאל קיין (חילול השם) פֿון אונז ניט קומען אונ עס זאל ניט זיין (ח"ו) קיין פֿאר שניטנע יאר קיין (כרת ח"ו) די טעג אַפּ צו שניידן דוא זאלשט מיר העלפֿן אין אלע מיינע ווערק:

ליבר גאט לאז מיך דער פֿרייט ווערן אז איך זאל בהיט ווערן פֿר צער דז איך זאל קיין צער האבן אן מייני קינדר אונ מיינע פֿיינד זאלן אן מיר קיין נקמה האבן אונ קיין שטן אונ קיין מקטרג אונ קליפה זאל אן מיר ניט גיוועלטיגן צו דר תפֿלה ווען איך טוא דען איך קאן אזו פֿיל ניט בעטן וואס איך בדארף. ליבר גאט אויך וואס זאל איך צום ערשטן בעטן זאל איך דיר בעטן דו זאלשט מיר מיין זינד פֿאר געבן אדער זאלשט מיר שפייז געבן. איך ווייס אז איך בין ניט ווערט גאר אזו פֿיל צו בעטן. ליבר גאט דוא בגערשט ניט פֿון דעם מענשן נאר ער זאל (תשובֿה) טאן אויף זיינע זינד. דרום בעט איך דיך ליבר גאט דער בארם דיך איבר דייני קינדר אונ ענטפֿר מיר: גנעדיגר גאט דר בארם דיך איבר דעם דר וואס בגערט דיך צו לויבן עס שטייט דאך גשריבן וויא מען זאל דיך לויבן: גלויבט ביסטו גאט איבר אלע געטר אונ הער איבר אלע הערן איך זאל

האבן אויש גיבעטן איין גוטע צייט פֿון דיין הייליגן נאמן אמן :
אב הרחמן דו ליבר הער גאט דו ווייסט דאך וואל מיין אויש לייגנס דו ווייסט דאך מיין פֿר באַרגניש אונ וואס איך טראג אין מיר אונ דו ווייסט וואס מיר נייטיג איז דר יצה"ר זיצט ביא דעם מענטשן אונ רייצט אים אן צו ביזן דר קעגן בישטו (יודע נסתרות אונ בוחן לבבות) דו ווייסט דאך אלי צו בראכני הערצר אונ אלי שוואכי הערצר אונ אלי די דא טראגן אויף זייער הארצן אונ קאן ניט זאגן פֿאר לייט נייערט פֿר דיר אליין . דו ווייסט מיין זיפֿצן אונ מיין פֿאר באַרגנע וואונדן דאש איך טראג אין מיינם הארצן · ליבר הער גאט וואו נעם איך אזו איין רופֿא דער דא זאל פֿאר שטיין מיין צער אונ ווען ער יוא פֿאר שטייט קאן ער דען מיר העלפֿן . ליבר הער גאט דו העלפֿשט ווען מען דיך אן רופֿט דו נעמשט אן אונזר גבעט דו בישט איין פֿאטר פֿון (יתומים אונ דיין אלמנות) איין ארמאן קאנשטו רייך מאכן אונ איין שלאפֿן קאנשטו גיזונט מאכן · דוא טושט קיינעם קיין אום רעכט דו גיבשט איטליכן נאך זיין פֿאר דינשט נאך אלש איז דיין מאכט · דרום בעט איך דיך ליבער גאט דער בארם דיך איבר מיר אונ לאז מיך ניט פֿאלן אין מייני איטלי יארן אונ בפֿרט אויף מיינע אלטע יארן אז קיין פֿיינד זאל אן מיר קיין (נקמה) ניט זעהן וויא (דוד המלך ע"ה) האט גבעטן עש איז איין גרויש ווייטאג ווען איין שונא ח"ו דער פֿרייט זיך אן דעם מענשן . דרום בעט איך דיר ליבר גאט לאז ניט ווידער אנגדר פֿאלן מיין בקשה אונ זאלשט מיר שפייז געבן (במילוי ובריוח) אונ זאלשט מיר געבן (הצלחה) אין אלע מיינע זאכן אונ איך זאל קענן (מטיב) זיין מיט ארמע לייט מיין צדקה זאל אן געלייגט זיין אונ איך זאל קיין צער ניט האבן אן מייני קינדר אונ איך זאל זייערי ניט בדארפֿן · איך ווייש וואול דאש איך בעט דיך צו פֿיל איך בין דאש ניט ווערט וואש דו האשט ביז אהער גטאן אונ טושט מיר נאך · דרום בעט איך דיך אז דו זאלשט מיך ניט אוועק ווארפֿן אויף מיין עלטר אז איך זאל ניט פֿר שעמט ווערן אויף דר וועלט אונ איך זאל מיין חלק האבן מיט גוטע פֿרומי לייט · אז דו ווערשט מיך אויש ציהן מיט פֿרייד פֿון (עולם הזה לו עולם הבא):
ליבר גאט וויא וואול די וועלט איז איין קלייני וועלט אבר ווען מען קיין גוטש ניט האט אויף דער וועלט קאן מען אויף יענע וועלט אויך ניט האבן. דרום בעט איך דיך ליבר פֿאטר אז דו זאלשט מיין תפֿלה ניט פֿאר שמאן אונ זאלשט מיר דר פֿרייען מיין הארץ דען מיינע וואונדן זיינן אזו גרויש אז איך קאן ניט אויש ריידן זאל איך זאגן פֿר איין מענשן וואש קאן ער מיר העלפֿן ווען ער ווערט אויף מיר רחמנות האבן . אונ טאמער איז ער מיר איין שונא וועט ער זיך נאך פֿרייען אויף מיר אונ
אויף

אויף מיין צער · נאך פר וועמן זאל איך קלאגן מער אז פר דיר דו ליבר גאט איך בעט דיך דו זאלסט מיינע פיינד ניט דער פרייאן די אויף מיר אויף שטייען . דו ביסט דאך איין שטארקר גאט אונ מיין׳ אן זעהן איז פאר דיר וואס איך טראג אין מיין הארצן · שטראף דעם דער וואס גראבט אונטער מיר אונ עס זאל קיין בארמיקייט ניט דארפן זיין פון איין מענש נייארט פון דיר ווען דו ווילסט. אן זעהן מיין פיין אונ מיין אן געיצט פון מיר אונ גדיינק מיר (זכות אבות) אז איך זאל קיין צער האבן אן מיינע קינדר אונ די קינדר אן מיר אונ מיר זאלן גשפייזט ווערן פון דיין האנט (בכבוד א"ם) :

ליבר גאט לאז איך גניסן דעם זכות פון אונזר פרומע (חנה) זיא איז גגאנגן אין (בהמ"ק תפילה) טאן פר (עלי הכהן) האט זיא נאר גרירט מיט איר ליפן דא האט ער גזאגט גייא ארויס דו פר טרונקני פרויא דא האט זיא גיענטפערט ניין מיין הער איך בין אזו איין פרויא די איין שווער געמיט האט אונ האשט. איר גיענטפרט דרום בעט איך דיך דו זאלסט מיר אויך ענטפרן אונ בעט דיך ליבר גאט שטראף מיך ניט מיט קיין צארן אונ גייא מיט מיר אום (במדת הרחמים) ווייא יעקב אבינו ע"ה האט גבעטן ווען זיינע קינדר ווערן ח"ו חייב זיין זאלסטו גידיינקן וואס פר צרות ער האט גליטן איי ער האט זיי אויף גצויגן (מכל טבן) ווייא דארף. איך בעטן אז איך זאל קיין צער ניט האבן אן מיינע קינדר איך וויים וואול דאס איך בעט צו פיל איך בין ניט ווערט צו שטיין פר דיר נאר דו בגערסט אז דער מענש זאל דיך בעטן אזו דער בארמסטו דיך איבר אים · דא בעט איך דיך גאט אז דו זאלסט מיך ניט אוועק ווארפן אויף מיין עלטר :

ליבר גאט לאז מיך ניט פאלן אין איין מענטשינס האנד דען עס איז קיין גרעסטרר צער ניט ווען איין מענש צום אנדרן בדארף דרום בעט איך אז דו זאלסט מיך בהיטן פר דעם אונ זאלסט מיר געבן (חן וחסד) אין לייטנס אויגן מיר מיט מיין מאן אונ קינדר אונזרע יאהרן אויס צו לעבן אין עושר וכבוד אונ אונזרע קינדר אונ קינדס קינדר זאלן עוסק בתורה זיין אז עס זאל דיר ליב זיין אונ אלע לייטן ליב זיין אז מיר זאלן אויס פירן בכבוד די וועלט אונ ווען דו ווערסט צו שיקן די רעכטי צייט זאל קיין שטן ומקטרג קיין מאכט ניט האבן איבער מיין נשמה דרום זאלסט מיר שיקן מלאכי רחמים אונ מיין חלק זאל זיין צווישן (נשים צדקניות) אויף דער וועלט אונ אויף יענע וועלט · ליבר גאט פאר שעם מיך ניט ווען איך טוא פאר דיר בעטן דו ביסט איין שטארקער דער בארמיגר גאט דו פר נעמסט אלע גבעט איך בעט דיך ליבער גאט ניט

דער

דער חייטר דיך פון מיר אין אזו איין לייט ווען מיר ווערט איין נויט זיין אונ ווען איך וועל דיר רופן זאלסטו מיר ענטפרן אונ מיינע פיינד זאלן ניט דער פרייט ווערן :

רבש"ע ווען איך ניט ווערט בין דאס דוא זאלסט טאן פון מיינט וועגן אזו טוא עס פון וועגן זכות אבות אונ זכות פון די זינדיגע קינדר וואס האבן נאכניט גזינדיגט אונ זכות (תינוקות של בית רבן) וואס זאגן (אמן יהא שמיה רבא) וואס דרויף שטייט די וועלט ליבר גאט הער איך הויט אונ פר נעם מיין טווער גמיט דען דו ווייסט מיין גדאנקן וויא מיין הארץ וויינט אין מיר אזו בעט איך דיך ליבר גאט בהיט מיך פר מייני פיינד אז זיי זאלן ניט קענן מיר קיין בייז טאן אונ איך זאל ניט ח"ו קומן צו איין בשר ודם אויף מיין עלטר אונ זיי מקבל מיין תפלה איך זאל האבן (מולי יוטר) פאר דיר טוא מיר וויא דוא האסט גטאן מייני עלטרן אונ שפייז מיך פון דיין מילדי האנט בעסער איז דאס ביטרע בלאט פון דיר אז דאס זיסע פון דעם מענטשן וויא די טויב האט גיבעטן ווען זיא איז אויס גיגאנגן פון הער לאר פון נח אזו האט זיא איין בלאט פון אייל בערן גינומן אונ האט תפלה גיטאן דו ליבר גאט בעסר דאס ביטרע בלאט פון דיר אז די זיסע פון דעם מענטשן מכ"ש איך זינדיגר מענש · ליבר גאט איך האב חרטה אויף מיינע זינד וואס איך האב גזינדיגט צו פאר דיר · דרום בעט איך דיר אז איך זאל דיך מפייס זיין מיט תפלה אונ תחנונים קום איך אילנד אונ פאל פאר דיר וויא איין קנעכט פר זיין הערן אונ וויא איין דינסט מייד פר די ווערטן אזו טוא איך מיינע אויגן אויף הייבן צו דיר אונ בעט אום פר געבונג אונ דו בגערטס אז איר זאלן וויינן אזו וויין איך אונ טרייא אונ מיין הארץ קלאפט אין מיר פאר מורא · דרום בעט איך דיך ליבער פאטר זייא דיך מרחם איבר אונז אונ זייא מוחל אונזער זינד אונ טוא אפ דיין צארין פון מיר אונ גייא מיט מיר אום (במדת החסד ורחמים) וויא דיין מידה איז אייטל (חן וחסד) אונ בהיט מיך פר זינד וויא עס שטייט אין פסוק נאך אונזר ווידר קערן ווערסטו אונז דער בארמן :

ליבר גאט וויא לאנג נאך ווארטסטו אויף אונז ברוגז זיין מיר האבן גהאט גרויסע צרות אונ מיר זיינן דאך גבליבן בייא אונזר גלויבן ליבר גאט בוויז אונז דיין כח אונ העלף אונז וויא דו האסט צו גזאגט צו פירן אונז אין הייליגן לאנד דען דו ביסט אמת נאר מיר בעטן דיך אז עס זאל באלד זיין אין אונזר טאג אויס צו לייזן אונז · ליבר גאט ווען מיר האבן גזינדיגט אין דער מדבר דא האט משה רבינו ע"ה פר אונז תפלה

גטאן

גטאן פאטר פר גיב דיין פאלק ישראל די זינד וואש זיי האבן גטאן וואש דו האשט אליין בריאט אונ גזאגט (בני בכורי ישראל) אזו אויך ליבר גאט זאיי אונז מוחל אונ הער נאך מיין גבעט ווייא דו האשט געהערט דאש קול פון אונזרע עלטרן די פרומע ווען זיי האבן צו דיר גבעטן דר הער מיך היינט אויך דען דו בישט איין (בוחן לבבות) אויך בעט איך גאט ווארף מיך ניט אוועק אויף מיין עלטר איך זאל דיר קענן דינן מיטן גאנצן הארצן וואש איך האב גזינדיגט זייא מיר מוחל אונ היט מיר פר זינד ווייטר אונ לאז מייני שונאים ניט דר פריים ווערן ווייא דוד המלך ע"ה האט גבעטן פאר שטאפ די מייליר פון די פיינד זיי זאלן מיר ניט קענן קיין בייז טאן אונ די דער בארמיגע מלאכים זאלן גדיינקן פר דיר מיין תפלה אונ דו גאט זאלשט זיך דער בארמן איבר מיר אונ זאלשט מיך גרעכט מאכן צו פאר דיר אונ דו זאלשט דיך נוהג זיין מיט מיר מיט (חסד ורחמים) .
פר דיר פר גיס איך מיין רייד אז איין וואשר דען איך האב קיין אנדרן פריינד אז איך זאל פאר אים מיין שווער הארץ אויש זאגן ליבר גאט דו ווייסט וואול אלץ דרום בעט איך דיך אז דו זאלשט זעהן אין מיין פיין דו בישט איין צדיק ויושר . דען דאש האט אלץ גמאכט מיין זינד איך מוז טראכטן פר מיין שפייז אונ מיין גוף איז צו ערד . ליבר גאט דר בארם דיך איבר מיר אונ לאז מיך אויש לעבן מיינע יארן אונ איך זאל ניט בדארפן ווידר מגולגל צו ווערן אויף דר זינדיגר וועלט אונ אז איך וועל דיך אן רופן אזו זאלשטו מיר ענטפרן דרויף אמן סלה :

די אויך גלויבטע תחנה קומט ארויש אויש דעם ספר חסידים אונ מען זאל זיא זאגן אלע תענית מיט גרויש גוויין אזו וועט די תפלה אן גנומן ווערן פר השם יתברך:

יהי רצון עש זאל זיין דר ווילן פר דיר מיין גאט אז עש זאל אויש לעשן מיינע טרערן וואש איך טוא מיין עבירות אונ מיינע בייזע מעשים אונ מיין הארץ איז צו גאסין ווייא וואסר פאר לעשט די קוילן דיא זאלן ווידר קערן דיין צארן אונ מיינע תעניתים זאלן זיין אייטל רחמים אויף מיר היינט · איך האב היינט מיין טיש ניט אן גריכט זאל זיין גלייך אז איין קרבן פר דיר אונ פאר דעם טאפ וואש איך האב ניט גשמועלט אויף דעם פייער זאל גלייך זיין אז ווייא דאש פייער אויף דעם מזבח אונ דאש בלוט וואש מיר איז היינט אנטגאנגן זאל פר געבן אויף מיר גלייך אז דאש בלוט אז מען האט גשפריינגט אויף דיא הארן עקין פון מזבח אונ דאש בלוט וואש מען האט מקריב געוועזן אויף דעם מזבח אונ די טרערן פון מיינע אויגן זאל זיין אזו ווייא דער וויין וואש מען האט מנסך געוועזן

אויף

אויף דעם מזבח אונ דאס שטיק פֿון מיין לייבן זאל זיין גערעכֿנט אזו וויא דאס שטיק פֿון די לייב די דא שירה האבן געמוגן אויף דעם (קרבן) אונ דאס גיפֿט פֿון מיין אויגן די מיר אנטגאנגן ווען מיין פֿאסטן זאל זיין גלייך אז די לייבט די גלייך האבן אין בית המקדש אונ דאס געשמאק פֿון קטורת אונ די טרערן די איך פֿאר גיס זאלן אפ מעקן מיין עבֿירות אונ דאס שוועריקייט פֿון מייני גלידר ווען מיין פֿאסטן זאל זיין אז וויא איין קרבן אויף דעם מזבח אונ דאס איך צו ברעך מיין הארצן אין דר תשובֿה זאל זיין אז וויא דיא שטיין פֿון מזבח אונ דיא ווייטאג פֿון מיין הארצן זאל זיין אז וויא איינס פֿון דיא קרבנות אונ דו זאלשט ניט פֿאר שמעהן מיין הארץ די צו בראכֿן איז אונ דאס פֿאר ענדרן מייני קליידער זעלבֿי גוטע קליידר אן טאן זאל זיין אז די (בגדי כהונה) אז דר כהן גדול האט זיך געוואשן הענט אונ פֿיס אז ער האט געזאלט גיין אין בית המקדש אריין אונ וואס איך טוא מיך רייסן צו דער תפֿלה אזו זאל אויש גריסן ווערן מיין עבֿירות אויש דעם בוך וואס דרינען שטייט אונ אויך מיין תפֿלה וואס איך איצונד טוא דער מיט זאל פֿאר שטאפֿט ווערן אלע מייני שונאים די בייזע מיילער אונ מיין תפֿלה זאל ניט ליידיג אוועק גיין פֿאר דיר אז מיין הארץ זאל דער פֿרייט ווערן אונ אויך מיין תשובֿה וואס איך איצונד טוא זאלשטו ניט אוועק שטויסן פֿון דיר ליידיג דען איך האב גרויס חרטה דרויף אויף דיא עבֿירות וואס איך האב געטאן הן געווירן אדר אום געווירן איצונד בעט איך דיך רבש"ע דו בישט דאך איין רחום וחנון אונ זאלשט מיין תשובֿה אן נעמן אז עס זאל קיין הינדרר ניט פֿר האלטן מיין תפֿלה אונ זאלשט מיר העלפֿן דער צו איך זאל ווייטר שוין ניט זינדיגן אונ מייני גוטע מעשים אונ מיינע גוטע מחשבֿות וואס איך האב בדיעה ווייטר צו טאן דאס זאל ווערן אן גבֿרייט צו פֿאר דיר אייביג מיט מיר אונ מיט (כל ישראל) מטיבֿ צו זיין אונ אונז צו העלפֿן צו דער תשובֿה אמן כי"ר :

איין שיינע מעכֿטיגי (תחנה) זאל מען אלע טאג מתפלל זיין אויף פרנסה ווער דא איז איין (בעל משא ומתן) בפֿרט אן איין טאג ווען מען איין תענית האט (לכֿל הפחות ערבֿ ר"ח צו יום כפור קטן) זאל מען פשיטא די תפֿלה בכוונה גדולה מתפלל זיין :

אנא האל איך בעט דיך גאט דו אלמעכֿטיגר גאט דו טושט אן ברייטן (פרנסה) צו אלע בשעפֿעניש אין דער גאנצע וועלט אונ דוא טושט אויך צו שיקן אונ בשערן איטלע דר נערונג אזו בעט איך דיך ליבר אלמעכֿטיגר בארמהרציגר פֿאטר קיניג דאס דו זאלשט אונז געבן אונזרי דער נערונג אונ אלע אונזרע (מחיה בשופֿי) גאנצן גרינג דאס דו זאלשט אונז

אונז שפייזן און דער נערן מיך און אלע אונזרע הויז גזינד און נאך כל
ישראל מיט איין גוטע פרנסה פון כבוד אזו איין פרנסה די דא זאל זיין
מיט פרייד און ניט חלילה מיט צער מיט היתר און ניט מיט איסור איין
פרנסה די זאל זיין מיט כבוד און ניט מיט בזיון און פר שעמהפטיקייט
אזו איין פרנסה דאש ניט דר בייא זאל זיין קיין פר שעמונג איין פרנסה
דאש מיר ניט ברויכן זאלן נאך קיין שיינקונג אדער לייאונג פון איין בשר
ודם נאר מיר זאלן אלע צייט גשפייזט ווערן פון דייני ווייטי פולע האנד
און גיטרייאה מילדע האנד אזו איין פרנסה דאש מיר זאלן דר בייא קענן
דינן און האלטן דיין ליבע (תורה און מצות) די הייליגע און דיינע גיבאט
און אונזר פרנסה זאל זיין איין גוטע פרנסה און דו זאלשט בשערן מיין
שפייז און די שפייז פון מיין הויז גזינד און אלע אונזרע בדערפנש איי
מיר זיי ווערן ברויכן דער ווארטן דאש אונזר הארץ זאל ריין זיין פון
אייטל (טרדות) אין דער גאנצע וועלט דער מיט דאש מיר זאלן קענען
ריידן אין דיינר הייליגער תורה און זאלן קענן בשטעטיגן און האלטן
דיינע מצות און מיר זאלן זוכה זיין צו זיצן איבער אונזר טיש מיט פרייד
און מיט גשטילטן הארצן מיט כבוד מיט אלע אונזרע הויז גזינד און זאלן
ניט ברויכן צו האפין אדר גיצוגן ווערן איך אדער אלע די מייניגע חלילה
איבר פרעמדע טיש צו קומן און מיר זאלן ניט ברויכן אונטר טעניג צו
זיין אלע טאג אונזער לעבן צו קיינם מענשן און מיר זאלן אונזר לעבנש
טאג אויך אונז ניט האבן קיין יחך פון קיינם מענשן נייארט זאל אייביג
אויף אונז זיין דאש יחך פון דייני הייליגע קיניגרייך צו דינן דיר אלי צייט
מיטן גאנצן הארצן און אונזר קליידר זאלן זיין אייטל (בגדי כבוד) מיט
פריידן אייטל ערליכע שיינע ווערדיגע קליידר און ניט מיט פאר שעמט
פנים און דו זאלשט אונז בהיטן און בשירמן פאר ארעמוט און פאר נויט
בדערפטיקייט און פאר דלות און פאר (שפלות) און מיר זאלן זוכה זיין
(אורחים) איבר אונזר טיש צו נאך האלטן און מיר זאלן קענן (גומל חסד)
זיין מיט אלע לייט ווער אן אונז וואש פאר לאנגט און זאלשט אונז בשערן
געלט דאש מיר זאלן קענן צדקה געבן זעלבי לייט די דא זיין ראוי צדקה
צו נעמן און דו זאלשט אונז שיקן זעלבע לייט דאש אונזר צדקה אן גלייגט
איז און מיר זאלן ניט גשטרויכלט ווערן מיט זעלבע לייט די דא ניט ראוי
זיין צדקה צו נעמן דאש מיין צדקה ניט אן גלייגט איז אן זיי נון דריבער
הימלישר פאטר דאנקן מיר דיר דאש דו אונז פון מוטר לייב אן ביז אויף
דעם הייטיגן טאג גצויגן און דר נערט האשט און האשט אונז גשפייזט
און אלש גוטש גטאן אזו בעטן מיר דיך דאש אונז ווייטער זאלשט געבן
איין פרייליך הארץ מיט (שלום) און גזונד און לאז דאך דיין הייליגע

שכינה

(שכינה) לייכטן אויף אונז אונ דער לייט אונז אמאל דער מיט אז דיין הייליגר נאמן זאל דער קענט ווערן אויף דער ערדן פאר אלע פעלקער געלויבט בישטו גאט אויף דעם הימל אונ אויף דר ערד אלש אין: אין דיינר הענד אונ מאכט אונ דורך דיין גרויסע גינאד אונ בארעם הארציקייט ווערן מיר עהר האלטן אונ פון דיינר הענד האבן מיר אלע טאג (חסד ורחמים) איך בעט דיך דו זאלשט אונז געבן נאך דיינם ליבן ווילן עסן אונ טרינקן אונ קליידונג מיט (כבוד) דען דו ווייסט דאס מיר אויף די וועלט אהני דאס ניט קענן לעבן אונ קיין זאך קאן אהני דיין גינאד זיין אזו האפן מיר דאס דו אללמעכטיגר גאט ווערשט אונז ווייטר ניט פר לאזן אונ אלע צייט טוא אונז העלפן ווען מיר דיך אן רופן צו גוטן אמן וכן יהי רצון:

יהי לרצון עס זאל זיין צו ווילן די זאג פון מיין מויל אונ גדאנקן מיינס הארצן פאר דיר מיין בשעפר אונ מיין אויס לייזר אמן כן יהי רצון:

СЕДЕРЪ ТЕХИНОТЪ

т. е.

Порядокъ Молитвъ для Женщинъ.

Печатать позволяется. — Вильно, 10 Декабря 1848 г.
Исправляющій долж. Ценсора, И. Фокъ.

ВИЛЬНО
въ Типографій Р. М. Ромма.

1849.

תחנה חדשה

אײן קורצע בשרייבונג פון חשיבות דיא מצות חלה · וויא גידאכט איז אין דער הייליגער גמרא אונ מדרש מיט אנייע שיינע תחנה דער בייא וואש יעדערי אשה זאל זאגן דיא תחנה בשעת זיא שייד אפ חלה :

כתב שרייבט דער רבינו מאיר (גדולה מצות חלה) די מצוה פון חלה איז זייער גרוס אונ געליבט פאר השי"ת · אונזרי חכמים שרייבן אין מדרש · בזכות דרייא זאכין איז די וועלט בעשאפין געווארן אונ איינע פון זיי איז דיא מצוה פון חלה · דער פסוק זאגט (בראשית ברא אלקים וגומר) דאש איז טייטש בראשית פון וועגין (ראשית) דאש מיינט מען חלה וואש ווערט אן גירופין (ראשית עריסותיכם) האט גאט בשאפין די הימל אונ די ערד · זאגט (ר' יוחנן) ווארום שטייט די מצוה פון חלה בייא דער אזהרה פון עבודת כוכבים צו לערנן דאש ווער עש איז מקיים דיא מצוה פון חלה איז גלייך וויא ער איז מבטל דיא עבודת כוכבים אויך דיא אותיות יזכ"ו טרעפט אן וויא אותיות חל"ה : מען מיינט דאש בזכות דיא מצוה חלה האבן מיר זוכה געוועזן אריין צו גיין אין ארץ ישראל · אונ אזו דרשנן אונזרי חכמים אויף דעם פסוק (בבואכם אל הארץ וגו' אלא תרימו תרומה) · אויך די ווערטר (זו היא מצות החלה) טרעפט אן (תרי"ג) צו לערנן דש ווער עש איז מקיים דיא מצוה פון חלה איז גלייך וויא ער וואלט מקיים זיין אלע תרי"ג מצות . שרייבן אונזרי חכמים דאש די מצוה פון חלה איז מוטל אויף דיא נשים · אונ זייא זיינען מחויב אין דער מצוה נזהר צו זיין מעהר וויא איין מאנש פארשון לערנט אונז דיא משנה אין (פרק במה מדליקין על שלשה דברים כו') · אז מחמת דיא עבירה וואש נשים זיינן ניט נזהר אין חלה שטארבן זייא חלילה בשעת זייער גווינן · אויך זאגט ר' אליעזר דאש דיא אשה וואש איז ניט נזהר אין חלה איז דער סוף פון איר זיא ווערט איין זונה · אונ דרשנת פון דעם פסוק (כי בעד אשה זונה) דאש איז טייטש פון וואנען קומט דאש איין אשה אזונה ווערט · (עד ככר לחם) ווייל זיא ניט אפ גישייט האט חלה פון איר ככר לחם :

דיא מצוה פון חלה איז געוועזן אין גאנצין וויא זיא דארף צו זיין אז (כל ישראל) זיינן בעאנאנד אין (ארץ ישראל) געוועזין · איז דיא מצוה געוועזן אפ צו שיידן איין פיר אונד צוואנציגשטע חלק פון די טייג · אונ מען האט אוועק געגעבן צו איין כהן וואש ער האט געהאט איין יחוס בריב דאש ער איין כהן באמת איז · אונ דער כהן האט געגעסן דיא חלה בקדושה וטהרה גלייך אלש תרומה · אונ בשעת מען האט געגעבן דיא חלה איז דיא שמחה אזו גרויש געוועזן וויא פון (ביכורים) ברייגן וויא מיר האבן געלערנט דאש די שמחה פון ביכורים ברייגען איז זייער גרויס געוועזן · אונ בזכות דער מצוה האט ארופ גענידערט (כל טוב) אויף דער הייליגר לאנד · אונ עש איז געוועזן אברכה אין אלש · נון אבער זיא דער (בית המקדש) איז דעם ערשטין מאל חרב געווארן · אונ ישראל זיינען פאר טריבן געווארן פון זייער לאנד · איז (בעונותינו הרבים) די מצוה פון חלה בטל געווארן

נור כדי עס זאל חלילה ניט גאר געשין ווערין דיא גרויסע מצוה האבן אונזרע חכמים מתקן גיוועזן אז מען זאל אפ שיידן פון דיא טייג איין קליינעם שיעור אונ אריין צוא ווארפין אין פייער: גלייך ווי מיר זיינען זיך נוהג · דאס איז נור (לזכר עולם) · אונ מיר האפן דאס הש"ית ווערט אונז אום קערן צו אונזר לאנד ווען מיר די מצוה מקיים זיין ווי מיר האבן אמאל מקיים געוועזן כבן ווייל מיר האבן די מצות ניט בשלימות האבן מיר בעונותינו הרבים קיין גוטס ניט · אונ די קללה איז אלץ אין ארץ ישראל · גלייך ווי אונזרי חכמים זאגן אז מען איז עס ניט מקיים די מצוה פון חלה איז קיין ברכה אין די אוצרות פון תבואה ניט : אונ איין קללה ווערט אריין געשיקט אין אלע אוצרות . אויך דאס איז ידוע וואס אונזרי חכמים זאגן · דאס דער דור וואס דער בית המקדש ווערט ניט גיבויט אין זיין צייט · איז גלייך אלס ער וואלט חרוב ווערן אין זיינע צייטן · דרום בשעת מען שיידט אפ די חלה אונ מען ווארפט אין פייער דארף מען זיך דר מאנען אן חורבן בית המקדש ווייל מיר קענן דיא מצות פון חלה ניט מקיים זיין ווי מען דארף · אונ יעדער מענטש דארף קלאגן אונ וויינן אויף זיינע עבירות וואס מחמת זיי קען דער בית המקדש ניט גיבויט ווערן עס איז גלייך ווי ער מאכט חרוב דעם בית המקדש · אונ מחמת דעם חורבן פעלט אונז דיא מצוה פון חלה · וואס דורך איר זכות האבן מיר גיהאט כל טוב · אויך איז אונזרי עבירות מכופר געווארין דורך דעם וואס די כהנים האבן גיגעסן · והנה עס איז ידוע אז פון חורבן אן האבן מיר קיין אנדער תקנה ניט צו אונזרי זינד נאר תפלה וואס דאס איז אן שטאט קרבנות אונ צדקה · גלייך ווי אין פסוק שטייט (וחטאיך בצדקה פרוק) דאס איז טייטש דיינע זינד זאלסטו מיט צדקה אויש לייזן · אויך דורך דר מצות פון צדקה ווערין מיר אין אונזר לאנד צו ריק גיקליבן ווערן גלייך ווי עס שטייט אין (פסוק ציון במשפט תפדה ושביה בצדקה) · דרום איז דער רעכט בשעת אפ שיידן די חלה צו געבן צום ווייניגשטן איין גראשן צדקה · אונ די גרעסטי מצוה פון צדקה · איז אויף ארעמי תלמידי חכמים ווי אונזרי חכמים לערנען אונז אין ספרים · אונ בפרט דיא צדקה פון חלה איז בוודאי רעכט צו געבן אויף זיי · ווייל זיא זיינען היינט גלייך ווי דיא כהנים וואס שטייען אויף דער עבודה זייא זיינען מתפלל אויף אונז תמיד אונ אויף (אדמות הקודש) · אויך איז רעכט אז די אשה פר איר אפ שיידן זאל זאגן דיא תפלה :

רבון העולמים דער הער פון אלע וועלטן · דער גאט איבר אלע געטער הער איבער אלע הערן · דוא האסט אויף גריכט די וועלט אונ זיא האט איין בעשטאנד · די זאך מיט אירע אלע דער פילונג האסטו גיגרונט פעסטיגט פון איין ענד וועלט ביז די אנדרי איז דיין נאמען גרויס · אונ גילובט זייער אין דער מונד פון אללע בעשעפנים · אללע זיינען דיינע קנעכט אונ דינען דיך · נייערט פון דיא ליבשאפט וואס דוא האסט ליב גיהאט אונזרי עלטרן · האסטו אונז דער ווילט פאר איין עם סגולה · אונ דיין כבוד האט אראפ גינידערט אויף דעם בארג סיני צוא לערנען אונז תורה ומצות · האסט אונז געוויזן געזעצין פון לעבן . וועלכע דורך זיי זאלין מיר מאריך ימים זיין אויף דער הייליגער לאנד אונ פון. אונז האסטו ווידער אויס דער ווילט די קינדר פון אהרן

דיא

דיא כהנים דיין הייליג פֿאלק זייא זאלן שטיין פֿר דיר צו דינען דיך אונ צו בענטשין די ישראל מיט דיין נאמן אין דיא הייליגע הויז וואס דוא האסט דר וויילט צו דיין פֿאלק ישראל האסטו גיבאטן צו געבין זייא דיא ערשטע פֿון אלע פֿרוכֿט: אויך די ערשטע פֿון אלע טייגן · דאס איז זייער שכֿירות פֿר זייער הייליגר דינסט. אונ די אכֿילה פֿון די כהנים האט מכפר גיוועזן די זינד פֿון דיא ישראלים וואס האבן זייא גיגעבן. יעצונד איז בעונותינו הרבים דער בית המקדש חרב. פֿון אונזר צנד זיינן מיר פֿאר טריבן · אונ מיר קענן ניט טאן אונזר שולדיגקייט צו געבין דיא חלה דעם כהן וויא די מצות פֿון דר תורה איז בעטן מיר דיך רבונו של עולם עס זאל חשוב זיין אונ בעוויליגט אונ אן גינומן ווערן פֿר דיר דיא אפּ שיידונג פֿון אונזר חלה וואס מיר ווארפֿין אין פֿייער גלייך מיר וואלטן מקיים זיין די מצוה פֿון חלה וויא דר עיקר מצוה איז מיט אלע תרי״ג מצות וואס עס איז כלול אין דער מצוה · אונ בזכות דר צדקה וואס מיר גיבן יעצט וועגן דיינע ארמע לייט וואס דינען דיין דינסט זאלסטו ווידער קערן דיין הייליגע שכינה אין דיין הייליגן טעמפיל · עס זאל ווידר קערן די כהנים צו דיין דינסט אין בית המקדש דארטין וועלן מיר מקיים זיין די מצות ויא גישריבן איז אין דיין תורה אמן סלה:

רבונו של עולם דו האסט אונז אין יענען צייטן דר וויילט אונ האסט אונז גירופֿן ראשית ערסט אונ דו האסט אונז גבאטן די מצוה ראשית דאס מיינט מען חלה אויך אנדרי מצות אונ איבר אונזרי זינד האסטו אונ פֿר שפרייט צווישן פֿעלקער בעטן מיר רבש״ע בזכות די מצוה קער אונז צו דיר וויא דר פסוק זאגט (מרום מראשון מקום מקדשנו) · אונ גיב אונז אונזר חלק אין דער תורה דאס ויא איז אויך ראשית · אונ מיר וועלן פֿר דיר מקריב זיין דאס קרבן ראשית · אונ וועלן געבן דיינע בעדינער די כהנים פֿון אלע ראשית ערסטע אונ בעגיטיג אונזר צעלט נאך מער דיא ראשית וואס מאר צו פֿר אמן סלה:

תחנה פֿון שבת

דאש זאגט מען פרייטיג צו נאכט דרייא מאל

שלום פֿריד אויף אייך הייליגע מלאכים די וואס זיינן פֿון הקב״ה דער דא איז מלך 1) מלכי המלכים אייער קומן זאל זיין צו פֿריד איר מלאכים דש ביי אייך איז אייטל פֿריד די איבערשטע מלאכים פֿון הקב״ה דער דא איז מלך מלכי המלכים בענטש מיך דאס מיר זאלן האבן שלום דען ביי אייך איז אייטל שלום איר אייבערשטע מלאכים פֿון הקב״ה דער דא איז מלך מלכי המלכים: ווען איר פֿון מיר גייט אוועק דא גייט מיט פֿריד איר אויבערשטע מלאכים פֿון הקב״ה דער דא איז מלך מלכי המלכים:

דער נאך זאל מען זאגן דיא (פסוקים)

כי מלאכיו יצוה לך לשמרך בכל דרכיך
יי ישמר צאתך ובואך מעתה ועד עולם :

דען

1) שם מלך ומצוותיו גדולים בעיני עמו אונ זיין אייגנע גרויסע מעלה דאס זיא געפינען קיין שטערבין נאמן פֿר גאט אלס דען נאמען מלך :

דען זיינע מלאכים ווערט ער געביטן צו היטן דיך אין אלע דיינע וועגן גאט זאל היטן דיין אויס גיין אונ דיין קומן פֿון איצונד ביז אייביג :

רבון העד פֿון אלע וועלטן הער איבר אלי נשמות דוא גאט ביסט אין שטארקר אונ אין געליבטר אונ אין גרויס גישאפֿטר אונ אין אונ דער דא רעט אייטל פֿריד אין בשיינטר אונ אין גירעכֿטר אין ווערדיגר אונ אין איינציגר אונ אין גוטר אונ אונ טוסט גרויס גוטס מיט אלי דיינה בשעפֿנס אין אונ דר וואס איז בקלייד מיט אייטל דער בארמונג אין אונ איבר אלי מלכים אין אונ דער איז גרויס מיט פֿארכֿט אין אונ דער טוט אונטר לעהנן די דא זיינן גפֿאלן אין אונ דער אלע בשעפֿנעש האט בשאפֿן אין אונ דר דא דר לייזט אונ בשירמט די דא זיך אן האלטן אן אים אין אונ דער דא איז לויטר אונ ווייש מיט דער בארימקייט אויף דיא וואס זיין ווארהייט האלטן אונ טוט נקמות אן די וואס איבר טרעטן זיין גזעץ אין הייליגר אונ דער דא איז הויך אונ דר הויבן אין אונ דער דא איז גאנץ אין זיין וועג אין אונ דער אונז זעלט גערעכֿטע מלכים דיא איבר אונז מיט בארם הארציגקייט הערשן :

מודה איך בקען אונ לויב פֿר דיר גאט מיין גאט אונ גאט מייני עלטרן אויף אלע די גנאד די דו האשט גטאן מיט מיר ביז דעם הייניגן טאג אונ וואס דו האשט טאן מיט מיר אונ מיט מיין הויז גזינד אונ מיט אלע דיינע בשעפֿנס קינדר מיינע זיפֿרונג אונ גיבענטשט זיין דיינע מלאכים דיא וואס טוען דיין ווילן . הער פֿון די פֿריד אין זאך וואס די פֿריד איז זיין . בענטשט מיך מיט פֿריד אונ זאלשט גידענקן מיך אונ מיין הויז גזינד אונ אלע פֿאלק ישראל צו פֿריד אונ צו אייך גוט לעבן . גאט איבר אלי די הערין פֿון הימל אונזר בשעפֿר אונ בשעפֿר פֿון אן הויב דיא וועלט איך בעט דיך אום דעם הייליגן שבת דוא זאלשט ווערדיג מאכן אז איך אונ מיין הויז גזינד זאלן געפֿינן חן אין דיינה אויגן אונ אין די אויגן פֿון אלע מיינע זעהר אונ אין די אויגן אלע לייט די דא זיינן פֿון אדם וחוה אונ מאך אונז ווערדיג דאס מיר זאלן קענן דעם שבת מקבל זיין אונ האלטן מיט פֿיל פֿרייד אונ קליידר אונ קענן זעגנפֿטיגן דעם שבת מיט גוטע אונ זיסע שפייז אונ געטראנק צו עהרן דעם שבת מער אז די אנדערע טעג אונ בשירעם אונז אונ בהיט אן אונזר דער נערונג. ניט מיט צער אונ אן זינד דש מיר זאלן דעם שבת רעכֿט קענן עהרן אונ טוא אפ פֿון מיר אונ פֿון מיין הויז גזינד אונ פֿון אלי מענטשן אלערליי ווי טאג אונ אלערליי קראנקהייט און אלערליי דאגות און עניות און עס זאל ניט אויס גיין פֿון אונז אונ פֿון אונזרע קינדר אונ ניט פֿון אונזרע קינדס קינדר קיין בייז צו אייביג דר דא זעלטיפֿר שטערן דיין גזעץ נייערט עס זאל פֿון אונזרע קינדר אונ קינדס קינדר אויס גיין גוטע קינדר זיא זאלן פֿרום זיין און זיי זאלן גיין אין דיין געזעץ אונ זאלן היטן דיין געבאט און צו טאן דיין ווערק אונ זאלשט זיי געבן איין הארץ צו טאן דיין ווילן אונ עפֿן זייער הארץ צו לערנן דיין תורה און זיי זאלן דר לייכֿטן אין דר תורה און זאלשט אונז געבן איין יצר טוב צו היטן דיין געזעץ און צו דינן דיך מיט ווארהייט און מיט טונהייט אונ מיט גאנצן הארצן פֿון וועגן ליבשאפֿט און מיר זאלן געהערט זיין אין דייני אויגן אונ אין די אויגן וואס זעהן אונז איך בעט דיך קיניג איבר אלי קיניגן הער איבר אלע הערן געביט אויף דייני מלאכים די דא דינן פֿר דיר דאס

זײ איך זאל בענטשן אין איר קומן אין מײן הויז אין טאג דעם הײליגן שבת דען איך האב גבעט מײן בעט מיט ליהרונג אונ איך האב איבר גביטן מײני קלײדר אונ האב אן גלונדן מײני ליכט צו עהרן דײן הײליגן נאמן דעם (שבת) אונ איך בעט פר דיר אז דו זאלשט מאכן איבר פארן אונ זאלשט מאכן אװעק גײן אונזר זיפצן אונ זארג אונ איך האב (עדות) גזאגט צװײ מאל (ויכלו) דש דו גאט האשט בשאפן די גאנצי װעלט אין דיא זעקס טעג אונ איך װעל עש זאגן דש דריטי מאל אין (קידוש) אז דו האשט גבאטן אז מיר זאלן גדענקן דעם (שבת) צו זענפטיגן די (נשמה יתירה) די דו אונז געבן האשט צו זאגן דײן אכפרקײט מיט גזאנגן אונ לוב אין אלי זאכן אונ אן (שבת) װעל איך רוען אז װי דו גבאטן האשט אונ איך װעל טאן גאט קעגנװיר אינאלי מײני װעגן אונ שטעגן פאטר דר בארמיגר אונ גאט מײן גאט דר װעק אונזר אבות צו דײנר ליבשאפט אונ דר לײ: אונז דר נאך װעלן מיר היטן דײן גבאט אונ געבן אן טרויעריקײט אונ אן זארג אונ מיר װעלן קענן תפלה טאן װי עש רעכט אונ ביליך איז איר (מלאכים) פון שלום אײער קומן זאל זײן צו פריד אונ בענטשט מיך מיט פריד אונ זאגט גבענטשט זאל זײן דר טיש אונ אײער אויש גאנג זאל זײן מיט פריד פון אצונד ביז אײביג א"ס :

יהי רצון עש זאל זײן דר װילן פר דיר אײנגאט אונ דר גאט פון אונזרי עלטרן אז דו זאלשט מאכן ארבן אונז דעם (שבת) אן זארג אונ אן לײד אונ אן טרועקײט אונזר טאג דעם הײליגן אבער אז אלי טאג װײל דו גאט האשט פר לענדט דײן װערק אין זעקס טעג אונ אין דעם זיבטן טאג האשטו גרואט אונ האשט דעם טאג גזעגנט אונ גישטעלט פר אין טאג אז מן זאל רואן אונ זענפטיגן צו דײן פאלק ישראל צו אײביג איז אויך אונזר גאט זאלשטו אונז (מזכה) זײן אונ דײן פאלק ישראל אז זײ זאלן רואן מיט (מנוחה) װאש קײן ענד האט אוף (עולם הבא) אונ פון דײן (ברכה) זאלשטו בענטשן אונז (אמן סלה) :

ברוך גלויבט איז דײן שטארקר נאמן אזו װי דײן נאמן איז װאר זוא איז דײן לויב גלובט איז דײן נאמן פון אלי גבירט גלובט בישטו אין דײן װאונונג אין הימל גלובט איז דײן װערדיקײט גלובט איז ער פון די פײער פון פלאם גלובט איז ער זײן נאמן פון די װאלקן גלובט איז ער מיט שטארקײט און טונקהײט גלובט איז דײן נאמן פון בליץ אונ גלובט איז ער מיט זײן ליכט פון בליץ גלויבט איז זײן נאמן פון אלי (מדבריות) גלויבט איז ער פון די אינדן װאש איז אין (ים) גלויבט איז דײן נאמן פון מײלר זילר די ערד גלובט בישטו פון אלי בשעפנש גלויבט בישטו פון דײן שטול אונ גלויבט בישטו פון דײן שטאל פון שטול גלויבט בישטו פון די זיבן הײליגע הימלן אונ פון די זיבן הײליגע פאלשן װאש זײן אין הימל :
אונ גלובט איז ער אין מויל פון די װאש דריבר זײנן גזעצט אונ גלובט איז ער אין מויל פון אלי די פר אים שטײאן אונ דינן פר דעם כסא הכבוד אונ זינגן אונ לויבן מיט הלרלויא גזאנג אונ גלויבט איז דײן גדעכנש אין דעם הימל דער װאש הײשט װילון דר איז אין צװישן טײר צװישן גשמאק פון דעם עולם אונ צװישן דער קדושה פון אויבן גלויבט איז דײן נאמען פון זיבן ערדן װאש איבר אנאנדר זײן אונ פון די מײלר פון אלע מלאכים װאש זײנן גזעצט צו היטן די לײט אונ אויך פון די (רוחות) אונ (שדים) אונ (מזיקים) װאש דא זײנן אין די זיבן ערדן אונ גדאנקט פון אלע

מײלר

מייאר פֿון דעם (עולם) גלויבט איז דיין נאמען פֿון זיבן אונ צוואנציג (אותיות) פֿון (אלף בית) אונ פֿון דיא זיבן אונ צוואנציג איז געשטעלט געווארן דיא גאנצע (תורה) גלויבט איז דיין גדעכניש פֿון די ווייל וואש דר היאל דרויף שטייט גלויבט איז דיין נאמען פֿון דיא ווייל אונ פֿון דיא (תורה הקדושה) די הייסט (ראשית חכמה) אונ גלייטרט אז זילבר אז מען האט גלייטרט איין טעסט אריין פֿערציג מאל אונ איז איין דר מייאונג אונ הייסט (עץ חיים) אונ לקח טוב אונ תורת אמת אונ הייסט איין גאנצע (תורה) די דר קוויקט דעם מענטשן אונ מאכט קלוג די נארן אונ דר פֿרייט דש הארץ אונ דר לייכט די אויגן אונ איז איין קרוין פֿון לעבן אונ איין קרוין פֿון (חכמה) אונ פֿר שטאנד ווישן שאפֿט אונ הייסט גלייך אז איין (כלה) אונ איז גקריינט אונ בשיינט מיט זעקס הונדרט אונ דרייצען גבאט ביז אייביג אונ גלויבט איז דיין גדעכניש פֿון אלע דייני גבאט די דא זיינען ווערדיג מער אז גים גאלד גלויבט זיינן אלע די זיך קליגן אין דיין תורה פֿון דעם טר וואש איז געזעלט איבר דר תורה אונ גלויבט איז דיין גדעכניש פֿון דיא פֿיר זייטן פֿון עולם די דא בויען איין בה"מ צו ישראל גלובט איז דיין נאמען פֿון די צוועלף שבטים אונ צוועלף מזלות אונ גלויבט איז דיין גידעכניש פֿון אלי די דא געזעלט זיינן איבר זיי גלויבט איז דיין נאמען פֿון די צוועלף טויערן אין ירושלים אונ גלויבט איז דיין גדעכניש פֿון די זיבן אפ גרונדן אונ פֿון אלע בשעפֿנים וואש דרינן איז אונ פֿון די וואש דריבר געזעלט זיינען גלויבט איז דיין נאמען פֿון די זיבן טעג אונ גלויבט איז דיין גידעכניש פֿון מויל אל די חיות גרויש אונ קליין וואש דרינן זיין אונ פֿון דיא וואש דריבר געזעלט זיין גלויבט איז דיין נאמען אין דיא זיבן וואונונג אין גיהנם אונ גלויבט איז דיין גדעכניש פֿון די מלאכי חבלה די געזעלט זיינן איבר דעם גיהנם אלע פֿייער וואש אין גיהנם זיין אונ פֿון דעם פֿייער דר דא עשט אנדרי פֿייער און פֿון אלי בשעפֿניש וואש דארטן ווערן גבריכט אונ זיי זיינן אויף זיך מקבל דעם יחד פֿון הקב"ה אונ זאגן גרעכט בישטו גאט אויף אלעם וואש דא קומט אויף אונז דען דו בישט אייטל וואר הייט אונ מיר האבן גשולדיגט אונ דיין האשטו גזור גווען אונ דיין האשטו גהאנות גאר דיין האשטו גשולדיגט די רשעים אין גיהנם גאר דיין האשטו מזכה גווען צו די צדיקים אין גן עדן גאר דיין בישטו גרופֿן הצור תמים פעלו מיר לויבן דיך דו בישט אמת אונ דיין נאמען איז אמת דו טושט קיינם קיין אום רעכט אונ נעמשט קיין שוחד דוא טושט קיינם ניט פֿר זעהן גלויבט בישטו גאט אין גן עדן מיט אלע וואסר מיט אלי בוימר מיט אלי פירות וואש וואקסן אויף די בוימר אין גן עדן דש מעקדיג האלץ און גראז גלובט איז דיין נאמען פֿון די צדיקים די רוען אונטרן עץ החיים אונ זיי לובן דר דא איז גאט אונ וואש לובן די צדיקים וואש האבן כח צו דק ליידן דאש גרויש זענפֿטיקייט אונ גרוש גוטן גלובט בישטו אין הייך דש בעך אין גן עדן עש ווערט גיהערט איין קול ברונן אין דאש ים אונ טואן בשיינן גאט (ב"ה) דר איז הויך אונ הייליג גלויבט איז ער פֿון אלע בעך אונ פֿון אלי אויש גוס וואסר און פֿון אלי גלאזלט וואסר גלויבט בישטו פֿון אלי זיילן וואלקן וואש מיט ישראל זיינן גגאנגן אין דער מדבר בייא נאכט גלויבט בישטו פֿון דער שירה וואש מען האט גזונגן דען פֿון אנטפֿאנג די וועלט האט גזונגן אדם הראשון פֿון וועגן דעם הייליגן שבת אונ די שירה וואש משה האט גזונגן גלובט בישטו אין בה"מק וואש

וועט

וועט גיבויאט ווערן אונ אלס בויער ווען טאגלן אונ זינגן פֿר ישראל אז זיי וועלין דר לייזט ווערן גלויבט בישטו אין ירושלים אונ אין בה"מק וואש דא ווערט גבויאט ווערין פון אייטל (אֲבָנִים טובות) אונ דריי מויערן וועלין זיין איינר פון גאלד אונ איינר פון זילבר, אונ איינר פון אייטל (אבנים טובות) וואש וועלן זיין פון אלרליי פארבן, אונ אירטליכר מויער וועט זיין זעקס איילן, אונ פון דעם מויער וואש פון אייטל אבנים טובות איז הונדרט אונ צוואנציג טויערן אונ הונדרט איז אויט פייער, אונ טויזנט פיר הונדרט אונ אכט אונ צוואנציג טאגן בויאר אונ דריי אונ ציינציג טויערן אין אלע גאסן אונ צוויי טויזנט אונ דרייסיג טויערן אויף דריכן אונ הונדרט אונ פיר אונ אכציג גערטנער אונ טייכע פיר בערג איין בארג (חרמון) איין בארג (כרמל) העכר פון אלע בערג אונ פון אלע גיבייא וואש דא זיינן דריק טויזנט אונ אכט גערטנר אויף איטליכן ארט איז טויזנט אונ אכטצעהן טויזנטן (מלאכים) וואש לויבן אונ בטיינן אונ בקריינן דיך אלע טאג אונ נאכט אונ בפרט אין דעם היליגן שבת מיט אלרליי גיזאנג אונ לויבונג · גלויבט בישטו מיט דעם (קול) וואש עש ווערט גהערט אויף דעם בארג סיני אז מען האט די היליגע תורה גגעבן אום דעם היליגן שבת אזו האט דיא גאנצע וועלט גליטערט גלויבט בישטו מיט דעם (שופר של משיח) אונ ישראל וועלן דער לייזט ווערן אונ די מתים וועלין לעבדיג ווערן, אונ מען וויסן אונ דער קענן אז הש"י מאכט טויט אונ לעבדיג אונ ברייגגט די רשעים אין גיהנם אריין אונ נעמט זיי ווידער ארויס גלויבט איז ער אין דיא זעקס טאג אין וואך ער איז גלויבט אין דער (קדושה) פון שבת ער איז מער חשוב אונ גירופן רואונג צו אלע לעבדיגע אונ אזו וויא דער הייליגער שבת איז מער חשוב אז אלע טאג אזו איז דיין פאלג ישראל מער חשוב אונ הייליגער אז אלע פעלקר אין דען היידינשטן לייטן געווען גלויבט בישטו דער דא האט גיהייליגט זיין פאלג ישראל אונ דעם הייליגן שבת אמן סלה:

רבש"ע דוא בישט איין גאט אונ דוא האשט בשאפן די וועלט אז מען זאל דיך דער קענן אז דוא בישט איין גאט דורך דיין היליגע תורה אונ האשט אונז גיבאטן מצות צו טאן אונ תורה צו לערנן אונ האשט אלז בשאפן דאש מען זאל קענן דינן דיין הייליגען נאמן אונ לערנן (תורה לש"ש) דרום בעט איך דיך (רבש"ע מלך מלכי המלכים) דוא זאלשט דיך דער באראן איבר מיר אונ זיי מקבל מיין (תפלה) מיט דיין גרויש דער באראמיקייט צוא געבן מיר זין אונ טעכטר אז זייא זאלן גוט אונ פרום זיין אונ זאלין גאר קיין חסרון אן זיך ניט האבין אונ זאלין (וותרנים ומפלגים אונ יראי אלהים) זיין אונ זייא זאלין האבין גאטש פארכט אונ זייא זאלין רחוי זיין צוא לעבן אונ עש זאל אן זייא ניט (שולט) זיין קיין (עין הרע) אונ קיין (דבר רע) אונ איך זאל (זוכה) זיין זייא (מגדל) צו זיין אז זייא זאלין לערנן (תורה לשמה) דאש זיי זאלן לערנן זייער פיל אונ צו טאן וויא אין דער תורה שטייט (צדיקים גמורים יראי שמים) וואש זאלין (חן) האבן אין די אויגן פון גאט ב"ה אונ אין די אויגן פון לייטן דאש די וועלט זאל זיך מיט זיי בענטשן אונ עש זאל מקויים ווערין דער פסוק (ואני זאת בריתי אותם אמר ה' רוחי אשר עליך ודברי אשר שמתי בפיך לא ימושו מפיך ומפי זרעך ומפי זרע זרעך

זרעך אומר ה' מעתה ועד עולם) דאס איז טייטש איך וועל דאס ברית פון דער תורה שאן לאז דיר אונ צו דיינע קינדער ביז אייביג אמן : (יהיו לרצון אמרי פי והגיון לבי לפניך ה' צורי וגואלי) עס זאל בוועליגט זיין מיין תפלה וואס איך זאג מיט מיין מויל פאר דיר גאט מיין בשעפר אונ מיין דער לייזר אמן סלה :

לכבוד גאט לכבוד אונזר גיבאט לכבוד שבת קודש וואס אונזר הער גאט האט אונז גיבאטן דעם ליבן (שבת קודש) אונ האט אונז גיבאטן דיא ליבע מצוה מיר זאלן רעכט מקיים זיין דאס זי זאלן גיוואגן זיין ווי (תרי"ג מצות) :

יהי רצון מלפניך ה' אלהינו ואלהי אבותינו שיבנה בית המקדש במהרה בימינו ותן חלקנו בתורתך : ושם נעבדך ביראה כימי עולם וכשנים קדמוניות :

רבש"ע איין מצוה פון די ליכט צינדן זאל צוא אן גינומען זיין ווי די מצוה פון כהן גדול ווען ער האט ליכט אין ליבן בית המקדש גצונדן אונ זיין מצוה איז אן גינומען גווארן (נר לרגלי דבריך ואור לנתיבתי) דיינע רייד איז איין ליכט צו מיינע פיס מיינע קינדר זאלן גיין אין גאטס וועג אונ דיא מצוה פון מיינע ליכט זאל אן גינומען ווערן או מיינע קינדרס אויגן זאל לייכטן אין דר ליבר תורה : אויך טוא איך בעטן בייא דיא ליכט דעם ליבן גאט ב"ה איין מצוה פון די ליכט זאל אן גינומען ווערין וויא דיא ליכט האט גברענט פון דעם בוים אייל אין (בית המקדש) אונ איז ניט ווארן פר לאשן דער זכות דיא ליכט פון דעם ליבן שבת זאל מגין זיין וויא עס האט מגין גיוועזן פר (אדם הראשון) דאס ער איז בהיט גיוועזן פר איין גיכן טוט אזו זאל אונזר (זכות) פון דיא ליכט מגין זיין או אונזרע קינדער זאלן קענן (מפרנס) זיין ווייב אונ קינדער (בעין יפה) אונ דער זכות פון אונזרע (אבות ואמהות) זאל מגין זיין או מיר זאלן ריין זיין פון זינד וויא איין קינד וואס ווערט ערשט גיבארן פון זיין מוטר אמן :

СЕДЕРЪ ТЕХИНОТЪ

т. е.

Порядокъ Молитвъ для Женщинъ.

Печатать позволяется. — Вильно, 10 Декабря 1848г.
Исправляющій долж. Цензора, И. Фокъ.

ВИЛЬНО
въ Типографіи Р. М. Ромма.

1849.

תחנה

תשובה תפלה וצדקה

דיא נייע שיינע (תחנה) האט גימאכט (האשה הרבנית
מרת ממאל בת הרב המפורסם ונאמן מוהר"ר צבי
הירש אשת הרב המאור הגדול והקדוש מוהר"ר יצחק
זצ"ל אב"ד דק"ק בלפוי :

דיא הייליגע (תחנה) זאל מען זאגין איין גאנץ יאר ובפרט
אום (עשרת ימי תשובה) זאל מען דאש זאגן (בכוונה) :

אדון כל העולמים דוא הער פון דער גאנצר וועלט דוא האשט
דעם מענשן בשאפן אז ער זאל דיך דינען
אונ איך האב ווידער גיזינדיגט קעגין דיר אז דוא זוסט מיך שטראפין
קער איך ווידער ערשט צו דיר מיט מיין (תפלה) אונ מיין גיבעט · נאר
דוא דער בארמיגער גאט וועמן דוא האשט ליב שטראפשטו : (כי חסדך)
דען דיין גנאד איז גרויס איבער דעם הימל אונ דיין קיניגרייך איז
שטארק אונ האשט ליב גערעכטיקייט · דרום בישטו גרוסן דער גאט
פון (משפט) אונ ווען זיך איינר אונזר זעניגט אים (תשובה) בישטו
אים (מוחל) דען דיינע (מדות) איז דער בארמיקייט · דוא בישט גוט
צו דיא בייזע לייט אונ צו דיא גוטע · דען דוא דער בארימשטע
דיך איבער זייא דען דוא בישט איין (בעל הרחמים) אונ איך האב אז
דוא וועשט מיין (תפלה) אן נעמען דען (דוד המלך עליו השלום) האט
גיזאגט איין צו ברכין הארץ זולסטו ניט פאר שמאהן אונ צעהשט
אן דעם פיין די וואש יאמרן אונ קלאגן · איי דר קלאגר רופט זולסטו
ענטפרן · אום דען דוא בישט דער גאט וואש דער פריים איין
טרויעריגן · אונ דיא זויערין פון טרערין זיינען אפין · אונ מיין
הארץ איז טרויעריג איך קען ניט פרייליך ווערין דען איך ווייס מיר
קיין (עצה) ניט צו געבן וואש זאל איך פריער בעטין · צוא אויך איינץ
ביית

ביינז

בייזע (מעשים) וואס איך האב גיטאן דוא זאלסט מיר העלפין ווייטר
נים לו סמן · ניא אויף אונזערן ליבן (בית המקדש) וואס זאל גבויאט
ווערין אין גיכע צייטין (אמן סלה):

ליבר גאט לאז מיך נים פאלין אין איין מעכטטיגט האגס דען עס איז
קיין גרעסערר צער ניט ווען איין מענטש צום אנדרערין
בדארף דרום בעט איך דיך אז דו זאלסט מיך בהיטן פאר דעם אונ
זאלסט מיר געבין (חן וחסד) אין לייטינט אויגין מיט מיין מאן אונ
מייני קינדער אונזערע יארין אויז לאז לעבן אין (עושר וכבוד) אונ
אונזרע קינדער אונ קינדש קינדער זאלין (עוסק בתורה) זיין אז עס
זאל דיר ליב זיין אונ אלע לייטין ליב זיין אז מיר זאלין אויז פירן
(בכבוד) דיא וועלט אונ ווען דוא ווערסט מיר שיקן די רעכטע צייט
זאל קיין (שטן מקטרג) קיין מאכט נים האבן איבר מיין (נשמה)
דוא זאלסט מיר שיקן (מלאכי רחמים) אונ מיין (ח'ק) זאל זיין
צווישן (נשים צדקניות) אויף דער וועלט אונ אויף יענע וועלט · ליבער
גאט פאר טעמ איך נים ווען איך טוא פאר דיר בעטין וואס איך קען
נים פאר קיין מענטשן אויז ריידין זאג איך פאר דיר מיין טוועער
גימיט · דוא ביסט איין שטארקער דער בארמיגער גאט דוא פאר
נעמסט אלע גיבעטע איך בעט דיך ליבר גאט ניט דער ווייטער דיך
פון מיר אין אזוא איין צייט ווען מיר ווען איין נויט זיין אונ ווען איך
וועל דיך רופין זאלסטו מיר ענטפערן אונ מיינע פיינט זאלן ניט דער
פרייט ווערן אמן:

ליבער גאט ווייא וואל דיא וועלט איז איין קליינע וועלט אבר
ווען מען קיין גוטן נים האט אויף דער וועלט קאן
מען אויף יענע וועלט אויך ניט האבן · דרום בעט איך דיך ליבר
פאטר אז דוא זאלסט מיין (תפלה) ניט פאר טמאן אונ זאלסט מיר
דער פרייען מיין הארץ דען מיינע וואונדן זיינען אזוא גרויט אז
איך קען נים אויס ריידן זאל איך זאגן פאר איין מענטש וואס קאן
ער מיר העלפן ווען ער ווערט אויף מיר (רחמנות) האבן · אונ
טאמר איז ער מיר איין טובה וועט ער זיך נאך פרייען אויף מיר
אונ אויף מיין (צער) · נוא פאר וועמן זאל איך קלאגין מער אז פאר
דיר דוא ליבער גאט איך בעט דיך דוא ביסט דאך איין שטארקער גאט
אונ מיין אן לעבן איז פאר דיר וואס איך טראג אין מיין הארצן ·
אונ

אונ עס זאל קיין בארמיקייט ניט דארפין זיין פון איין מענטשין נייערט פון דיר-ווען דוא ווילסט אן זעהן מיין פיין אונ מיין אן גזיכט פון מיר אונ גדיינק מיר (זכות אבות) אז איך זאל קיין צער האבן אן מיינע קינדער אונ דיא קינדער אן מיר אונ מיר זאלין גישפייזט ווערין פון דיין האנד (בכבוד אמן סלה) :

ליבר גאט לאז מיך גניסן דעם (זכות) פון אונזער פרומע (חנה) זיא איז גיגאנגן איין (בית המקדש תפלה) טאן פאר (עלי הכהן) האט זיא נאר גירירט מיט אירי ליפן דא האט ער גומיינט גייא ארויס דוא פאר טרונקנע פרויא דא האט זיא גיענפרט ניין איין הער איך בין אזוא איין פרויא דיא איין שווער גימיט האט אונ האט מיר גיענטפרט · דרום בעט איך דיך דוא זאלסט מיר אויך ענטפערין אונ בעט דיך ליבער גאט שטראף מיך ניט מיט קיין צארין אונ גייא מיט מיר אום (במדה"ר) וויא (יעקב אבינו עליו השלום) האסט גיבעטין ווען זיינע קינדער ווערין (חם ושלום) איבל זיין זאלסטו גידיינקן וואס פאר (צרות) ער האט גליטן איי ער האט זייא אויף גיצויגן (מכל שכן) וויא בדארף איך בעטין אז איך זאל קיין צער ניט האבין אן מיינע קינדער איך ווייס וואול דאס איך בעט. לאז פיל איך בין ניט ווערט לאז שטיין פר דיר נאר דוא בגערסט אז דער מענטש זאל דיך בעטן אזוא דער בארמשטו דיך איבר אים . דא בעט איך דיך גאט אז דוא זאלסט מיך ניט אוועק ווארפין אויף מיין עלטר :

דיא הויך גלויבטע (תחנה) קומט ארויס אויס דעם (ספר חסידים) אונ מען זאל זיא זאגין אלע (תענית) מיט גרויס גוויין אזוא וועט דיא (תפלה) אן גנומען ווערין פאר (השם יתברך):

יהי רצון עס זאל זיין דער ווילן פאר דיר גאט מיין גאט אז עס זאל אויס לעשין מייני סרפרין וואס איך זאג אויף מייני (עבירות) אונ מיינע בייזע (מעשים) אונ איין הארץ איז נאך גאסין וויא וואסר פאר לעשט דאז קוילין זייא זאלין ווידער קערין דיין צארין אונ מיינע (תעניתים) זאלן זיין אייטיל (רחמים) אנגיל מיר היינט · איך האב היינט איין טיט ניט אן

אן גריבט זאל זיין גלייך אז איין (קרבן) פר דיר אונ פר דעם טאש
וואש איך האב היינט ניט גשטעלט אויף דעם פייער זאל גלייך זיין אז
וויא דאש פייער אויף דעם (מזבח) אונ דאש בלוט וואש מיר איז היינט
אויסגאנגן זאל פר געבן אויף מיר גלייך אז דאש בלוט אז מען האט
געשפריינגט אויף דיא הארן עקין פון (מזבח) אונ דאש חלב וואש מיר
איז היינט אויסגאנגן איז גלייך קעגן דעם חלב וואש מען האט (מקריב)
געוועזין אויף דעם (מזבח) אונ דיא טרערין פון מיינע אויגן זאל זיין
אזוא וויא דער ווין וואש מען האט (מנסך) געוועזן אויף דעם (מזבח)
אונ דאש שטים פון מיין וויינן זאל זיין גירעכינט אז וויא דאש שטים
פון דיא לוים דיא דא שירה האבין גזונגען אויף דעם (קרבן)
אונ דאש גזאלץ פון מיינע אויגן דיא מיר איז אויסגאנגען וועגין מיין
פאסטין זאל זיין גלייך אז די ליכט דיא גלייכט האבן אין (בית המקדש)
אונ דאש געשמאק פון (קטורת) אונ דיא טרערין דיא איך פאר גיס
זאלין אפ מעקין מייני (עבירות) אונ די שווערקייט פון מיינע גלידער וועגן
מיין פאסטן זאל זיין אז וויא איין קרבן אויף דעם (מזבח) אונ דאש
איך זא ברעך מיין הארץ אין דר תשובה זאל זיין וויא די שטיין פון מזבח
אונ די ווייטאג פון מיין הארצין זאל זיין אז ווי אייכט פון די קרבנות אונ
זאלשט ניט פאר שמעהן מיין הארץ דיא נוא ברעכין איז אונ דאש פאר
ענדרן מייני קליידר זעלבש גוטע קליידר אן טאן זאל זיין אז דיא (בגדי
כהונה) אז דער (כהן גדול) האט אן גיטאן דיא קליידער צוא דער
עבודה · אונ דאש וואשין אונ באדין זאל זיין קעגין דעם וויא דער
(כהן גדול) האט זיך גוואשין הענט אונ פיס אז ער האט גיואלט גיין
אין (בית המקדש) אריין אונ וואש איך שוא מיך רייסן צוא דער תפלה
אזו זאל אויס גריסן ווערן מייני (עבירות) אויש דעם בוך וואש דרינען
שטייט אונ אויך מיין (תפלה) וואש איך איצונד שוא בעטין
זאל ניט לידיג אוועק גיין פאר דיר אז מיין הארץ זאל דער פרייט
ווערין אונ אויך מיין (תשובה) וואש איך אצונד שוא זאלשטו ניט אוועק
שטויסין פון דיר לידיג דען איך האב גרויש חרטה · דרויף אויף דיא
(עבירות) וואש איך האב גיטאן (הן במזיד והן בשוגג) הן געטרין אדער
אום געטרין איצונד בעט איך דיך (רבונו של עולם) דוא בישט
דאך איין (רחום וחנון) אונ זאלשט מיין (תשובה) אן נעמן אז עס זאל
קיין הינדרר ניט פאר האלטין מיין (תפלה) אונ זאלשט מיר העלפין

דער

דער צוא אז איך זאל ווייטר שוין נים זינדיגן אונ מיינע גוטע (מעשים) אונ מיינע גוטע (מחשבות) וואס איך האב בדיעה ווייטר צוא טאן דאס זאל ווערין אן גבריים צוא פאר דיר אייביג אים מיר אונ מיט (כל ישראל) מטיב צוא זיין אונ אונז צוא העלפין צוא דער (תשובה אמן כי"ר):

יהי רצון עש זאל זיין דער ווילין פאר דיר גאט דוא זאלשט מיר פאר געבין אלי מיינע זינד אונ זאלשט מיך גדיינקן צוא גוטען אים איין מאן אונ מיינע קינדר · ליבער גאט איך בקען פאר דיר דאש איך האב אפ גיקערט פון דיין ליבן נאמן · דרום בעט איך דיך גאט אז דוא זאלשט מיך בוואליגן אים גוטן אונ מאך מיך לויז פון מייני זינד וואש איך האב גזינדיגט בשערט מיך פון (יצ"הר) אונ פון אלע לייד איך זאל האבין אויך גבעטן ביי דיר אז עש זאל בייא מיר קיין גשרייא זיין אין מיין הויז · ליבער גאט איך בעט דיך אז דוא זאלשט מיך אויך איין עלטער נים פאר לאזין אונ דוא זאלשט מיך שפייזן אים דיינר אייגנער האנט אן לייטנס גאב · ליבער גאט ווען דער מענש קיין שפייז האט אזו שוט ער (ח"ו) גנבען אונ גזלן דרום בעט איך דיר גאט זאלשט אים מיר אוט גיין אים (מד"הר) אז איך אונ מיין מאן אונ קינדער זאלין גיזונד זיין אונ פרנסה האבן פון דיין מילדי האנד אונ זאלשט אונז בעהטן אז עש זאל קיין (חילול השם) פון אונז נים קומען אונ עש זאל נים זיין ח"ו קיין שפר שניטני יאר קיין (כרת חס ושלום) דיא שעג האט נאך שניידען דוא זאלשט מיר העלפן אין אלע מיינע ווערק:

ליבער גאט צוא איך דר פריים ווערן אז איך זאל בהים ווערן פר נער דאס איך זאל קיין נער נים האבן אן מיינע קינדר אונ מיינע פיינד זאלן אן מיר קיין נקמה האבן אונ קיין שטן אונ קיין מקטרג זאלן אן מיר נים גוועלטיגן צוא דער תפלה ווען איך שטא דען איך קאן אזו פיל נים בעטן וואש איך בדארף · ליבר גאט אויך וואש זאל איך צום ערשטן בעטן זאל איך דיר בעטן דוא זאלשט מיר מיין זינד פאר געבן אנדר זאלשט מיר שפייז געבן · איך ווייש אז איך בין נים ווערט גאר אזו פיל צוא בעטן · ליבר גאט דוא בגערשט נים פון דעם מענשטין נאר ער זאל (תשובה) טאן אויף זיינע זינד · דרום בעט איך דיך ליבער גאט דער בארם דיך איבר דיינע קינדר אונ ענטפר מיר · גינעדיגר גאט דער בארם דיך איבר דעם דער וואש בגערט דיך צוא לויבן · עש שטייט דאך גשריבן וויא מען זאל דיך לויבן גלויבט ביטשו גאט איבער אלע

אלש געטעטר אונ הער איבר אלע הערן איך זאל האבן אויש גיבעטן איין גוטע צייט פון דיין הייליגן נאמן (אמן):

אב הרחמן דוא ליבער הער גאט דוא ווייסט דאך וואל מיין אויט לייגנט דוא ווייסט דאך מיין פאר באַרגניש אונ וואש איך טראג אין מיר אונ דוא ווייסט וואש מיר כייטיג אין דער (יצר הרע) צילט בייא דעם מענטשן · אונ ריצט אים אן צור בייזן · דער קענן ביסטו (יודע נסתרות) אונ (בוחן לבבות) דוא ווייסט דאך אלי צוא בראכני הערצר אונ אלי שוואכי הערצר אונ אלי דיא דא טראגין אויף זייער הערצין אונ קאנין ניט זאגין פאר לייטן נייערש פאר דיר אליין · דוא ווייסט מיין ציפלין אונ מיין פר באַרגני וואונדין דאש איך טראג אין מיינם הערצן · ליבער הער גאט וואו נעם איך אזא איין רופא דער דא זאל פאר שטיין מיין (צער) אונ ווען ער יוא פאר שטייט קאן ער דען מיר העלפן · ליבער הער גאט דוא העלפשט. ווען מען דיך אן רופט דוא נעמשט אן אונזער גיבעט דוא ביסט איין פאטר פון (יתומים) אונ (דיין אלמנות) איין ארמאן קאנסטו רייך מאכן אונ איין טאפן קאנסטו גיזונט מאכן דוא טוסט קיינעם קיין אום רעכט דוא גיבסט איטליכן נאך זיין פאר דינסט נאך אלש איז אין דיין מאכט · דרום בעט איך דיך ליבער גאט דער בארם דיך איבר מיר אונ לאז מיך ניט פאלן [illegible] אין מיטל יארן אונ בפרט אויף מיינא אלטי יארן אז קיין פיינד זאל אן מיר קיין (נקמה) ניט זעהן זויא (דוד המלך ע"ה) האט גיבעטן עש איז איין גרויש ווייטאג ווען איין צונא ח"ו דער פרייט זיך אן דעם מענטשן · דרום בעט איך דיר ליבער גאט לאז ניט ווידער אנגדר פאלן איין בקשה אונ זאלשט מיר שפייז געבין (באילוי ובריוח) אונ זאלשט מיר געבן (הצלחה) אין אלא מיינע זאכן אונ איך זאל קענן (מטיב) זיין מיט ארמע לייט אין צדקה זאל אן גלייגט זיין אונ איך זאל קיין צער ניט האבן אן מייני קינדער אונ איך זאל זייערט ניט בדארפן · איך ווייש וואל דאש איך בעט דיך צו פיל איך בין דאש ניט ווערט וואש דוא האשט ביז אהער גיטאן אונ טוסט מיר נאך · דרום בעט איך דיר אז דוא זאלשט מיך ניט אוועק ווארפן אויף מיין עלטער אז איך זאל ניט פאר שעמט ווערין אויף דער וועלט אונ איך זאל מיין חלק האבין מיט גוטי פרומי לייט · אז דוא ווערשט מיך אויש ציהן מיט פרייד פון (עולם הזה צו עולם הבא):

רבונו של עולם בין איך דען אזו איין גרויסע (רשעת) אונ איין (חוטא)
אונ איך האב קיין (מליצי ישרים) ניט פֿר דיין (בית
דין של מעלה) איך בעט דיך טוא מיט מיר ווי דו האסט גיטאן מיט (מנשה
מלך יהודה) אונ האסט זיין תפלה מקבל גווען אזו בעט איך דיך אויך בוויז
מיט מיר דיין (חסד) וויא דיין (מנהג איז) דו דער בארימסט דיך איבעל
דיין בטעפֿניט בוויז מיר אויך גרויש (חסד) זייא מקבל מיין (תפלה) אונ
לאז אונז ניט פֿאר טעמט ווערן גיב מיר מיין (פרנסה בכבוד) אונ ניט
(בצער) אונ איך זאל ניט בדארפֿן (כל ימי לידי מתנת בשר ודם) אונ אויך
ניט זייער (הלואה) נייערס פֿון דין מילדי האנט פֿון הייגט ביז אן טאג פֿאר
מיין טויט איך זאל האבן מיין שפייז אונ מיין וואוכונג (כל ימי חיי) אונ
אויך אלע מיינע בדערפֿנעט אלי טאג פֿון מיין לעבן וויא דיא טויב האט
גבעטן ליבר גאט גיב מיר דאש ביטערט בלאט פֿון דיינר האנט דיא מילדי
איידר זיסע בלעטר פֿון לייטן אזו זאלסטו אויך (מלך רחמן) מיר געבן פֿון
דיינר האנט דיא דר בארמיקייט אונ ניט פֿון איין (בשר ודם) דוא ליבר
פֿאטר גיב מיר אין מיינע גדאנקן אז איך זאל דיר קענן דינען (בלב שלם)
אונ גיב מיר אין מיין מויל וויא איך זאל ריידן אונ איך בעט אז איך זאל דך
קענן בוויינן מיט מיין (תפלה) אונ מיט מיינע הייסע טרעהרן אונ ווידוים
בין איך גיקומן צו בקענן מיינע זינד פֿר דיין הייליגן נאמן אז איך האב
גזינדיגט אונ גשולדיגט אונ זאל דיך (מפיים) זיין מיט (תפלה) אונ
(תחנונים) דא קום איך אילנד אונ מאך פֿלין מיין גיבעט צוא פֿר דיר
וויא איין קנעכט פֿאר זיין העררן וויא איין דינסט מייד פֿר איר ווערטין
אזו טוא איך אויך הייבן מיינע אויגן צו דיר אונ בעט אום איין פֿאטר
געבונג אונ איב דוא ליבר גאט ווילשט אז מיר זאלין ווייכן אונ טרייען
צוא דיר, פֿאטר מיינר אזו ווייגט איין הארן אונ מיין לייב איז דער טלאגען
אונ מיין אטום קלאפֿט אין מיר פֿר (מורא) ווארום איך ווייס איך האב
גזינדיגט אזו בעט איך דיך ליבר פֿאטר דער בארמיגער זיי דיך (מרחם)
איבר מיר וויל די (נשמה) איז אין מיין (גוף) איך וועל דער הויבן גאט
מיין פֿאטר מיין שטארקר העלפֿר איך וועל פֿר לאזן מיינע בייזע (מעשים)
נאר דו גאט זאלסט מיר העלפֿן וואס איך אין מיין (מחשבה) האב דא בין
איך (מוסר מודעה) אונ נעם צוא עדות (השם יתברך) דער דא איז איין
(יחיד ומיוחד) אונ ער זאל זיין אין מיין הילף אונ דיא הייליגע (ספרי
תורות

תורות) וואס אין (מקום קדוש) שטייט אז דער (שטן) וועט קומן און
וועט מיך (ח"ו) אן ריידן איבר דאנק זאל אלז זיין (בטל ומבוטל כחרס
הנשבר) אז מיין (נשמה) זאל זיין ריין און זאל זוכה זיין צו קומן קלאר און
לויטר פר (הקדוש ברוך הוא) און זאל זוכה זיין (תחיית המתים) וויא גרויס
איז מיין (גלות) וואס איך בין זוכה צו טאן (תפלה) פר (האל הגדול הגבור
והנורא) וויא זאל איך מיך ניט שעמען צו זינדיגן קעגין אזוא איין דער
בהרמיגן גאט וואס פר לאזט מיך ניט פון מיין יוגינט אן ביז אהער און
איך זאל זוכה זיין צו טאן תפלה) פר דיר מיט גרויס (אהבה) און מיט גרויס
פרייד אין אונזערן ליבן (בית המקדש) זאל גבויאט ווערן (במהרה בימינו
אמן) - גלויבט ביסטו (בעל הרחמים) . (ברוך אתה שומע תפלה) :

СЕДЕРЪ ТЕХИНОТЪ

т. е.

Порядокъ Молитвъ для Женщинъ.

Печ. позволяется.— 17 Января 1859 года.
Ценсоръ, *П. Кукольникъ.*

ВИЛЬНА

въ Типографіи Р. М. Ромма.

1859

תחנה

משיב נפש

דיא (תחנות) איז געשטעלט וואָרן פֿאַר דיא
פֿרומע ווייבר זאָלן זאָגן אַ גאַנץ יאָר בפֿרט פֿון
(ר"ח אלול) ווי מען הייבט אָן שופֿר צו בלאָזין
זאָלן זיי זאָגן מיט גרויס (כוונה) בייא טאָג
ביז נאָך (יום כפור) :

אל מלך שופט צדק .

דוא ביסט איין וואַרהאַפֿטיגר גאָט דיין (משפט) איז גירעכט דו ביסט (דן) אַלע בשעפֿנש מיט וואַרהייט (מה נאמר ומה נדבר) וואָס זאָלין מיר ריידן אָדר שפּרעכן (אוי לי ווי לי) אַז מיינע גרויסע (חטאים) וואָס איך האָב געטאָן מיט מיינע (מעשים רעים) אונ איך האָב דער צעריגט דעם (מלך מלכי המלכים) וואָס איך האָב אים דאַרפֿן דינן אונ לויבן אים גדאַנקן האָרען אונ היינט אַז איך האָב געהערט דאָס (קול) פֿון (שופֿר) וויא דוא גהאָט האָסט גהייטן דרייסיג טעג פֿאַר (ראש השנה) צו דער מאָנן די לייט דאָס די לייט זאָלן זיך אָן גרייטן צום משפט גרויס אונ קליין · אַז אויך מיר איין גרויס מורא אָן גיקומן אונ איין גרויס דער שרעקניש האָט מיך בגריפֿן מיינע גלידר האָבן גציטרט פֿר מורא פֿאַר דעם הייליגן טאָג וואָס דאָ קומט דער (יום הקדוש הגדול והנורא) אונ אויך דר גאַנצר וועלט אונ אויך אַלע בשעפֿנש אונ עש מוז אַלן צום דין שטיין אונ זיי ווערן געפֿירט ווי די שאָף דען דיין (דין) איז ניט ווי דער (דין) פֿון איין (בשר ודם) דען איין (בשר ודם) קאָן מאַכן פֿאַר לייקנן אָבר דו ליבר גאָט דו ווייסט אַלע פֿאַר באָרגנע זאַכין פֿון דער גאַנצע וועלט פֿאַר דיר ווערט ניט פֿאַר הוילן .
דרום האָט מיך אָן גיקומן איין גרויש (מורא) אונ דר שרעקניש אַז איך מיר גדיינק איך ווער מוזן רעכנט (חשבון) אָפּ געבן אונ צום משפט שטיין אויך מיינע (מעשים רעים) וואָס איך (בעונותינו הרבים) האָב גיטאָן איך האָב דער צריגט דעם גרויסן הערן דעם ליבן אַלמעכטיגן גאָט איך שעם מיך זייער מיינע אויגן אויף צו הייבן · וואו זאָל איך מיך קערן אָדר ווענדן וועמן זאָל איך בעטן אַז ער זאָל פֿאַר מיר ריידן אָדר בעטן בייא יענם (משפט) · איך קום (בעונותינו הרבים) אָן (מצות) אָן (צדקה) אָן (מעשים טובים) וויא קאָן איך איין (מליץ יושר) פֿאַר מיר שטעלן · דרום

ואו ליבר

ליבר גאט איך האב מיך צו קיינם צו קערן אונ ווענדן טיידן צו דיר דען דו ביזט דער העלפֿער פֿון דער גאנצר וועלט אונ האזט אין דער האנט דאז (משפט) פֿון דער גאנצר וועלט צו טאן ווי דיין גוטר ווילן איז אייטל (חסד חנם) אונ דו האזט ליב ווער זיך צו דיר קערט מיטן גאנצן הארצן · דא בין איך זינדיגר מענש געקומן צו דיר מיט איין צו בראכן הארץ אונ אלע מיינע אדרן ציטרן אין מיר פֿאר דעם (יום הגדול והנורא) דא בין איך געקומן ווייגן אונ קער אפ פֿון מיין בייזן וועג אונ האב תשובה אויף אלע (מעשים רעים) אונ בעט דיך ליבר פֿאטר אז דו זאלשט דיך איבר מיר דער בארמן אונ זאלשט אפ מעקן מיינע (חטאים) אונ זאלשט אפ וואשן מיין (טומאה) פֿון מיינע (עונות) וואס איך האב די (טומאה) דער מיט אין געפלעקט אונ דא נעם איך אויף מיר אז איך וועל טוין ניט נאך גיין בייזע (דרכים) ווי איך בין ביז אהער גיגאנגן אונ דו ליבר גאט זאלשט מיר אויך דער צו העלפֿן אונ זאלשט מיר כח געבן צו ברעכן דעם (יצה"ר) אונ דינן דיך מיטן גאנצן הארצן אונ איך נעם אויף מיר צו טאן (מצות) . דו ליבר גאט נעם אן מיין (תפלה) וואס איך בין צו דיר (מתפלל) מיט הייסע טרערין · אונ דו ליבר גאט עפֿן מיר דיינע טויערן פֿון (דמעות) אונ זיי זאלן ניט פֿאר הוילן זיין אונ קיינר זאל ניט מקטרג זיין פֿאר דיר ווען איך (תפלה) טוא · אונ טרייב מיך אן אונ מיינע קינדר אונ אלע מענטשן צו איין גוט יאהר אונ צו איין געזונד יאהר אז מיר זאלן קיין (יסורים) האבן איך אונ אלע מיינע קינדר זאלן אונזר פרנסה האבן מיט (בטפֿלות בריוח) אונ ניט (בצער) אונ זאלן ניט בדארפֿן צו קיין (בשר ודם) · אויך ניט צו מיינע קינדר אונ מיינע קינדר זאלן אויך ניט דארפֿן צו מיר אונ זאלן ניט פֿאר שעמט ווערן פֿאר דיר אונ זאלן זוכה זיין פֿיל פֿרייד אונ אונזרי קינדר אונ קינדס קינדר זאלן זיין (תלמידי חכמים) מיט געזונט פֿארכט אונ טרייב אונז אן צו לעבן מיט מיינע קינדר אונ (כל ישראל אמן) :

הער פֿון דר גאנצר וועלט אזוי איך הייב אן צו ריידן בעט איך דיך (מחילה) דען איך שטאמל מיט מיין צונג איבר מיינע גרויסע זינד דיא ניט זיינן צו פֿאר דיר צו דער ציילן דיא איך גיטאן האב אונ זיינן אויף מיר ווי איין גרוסר לאסט אונ די זינד קאן איך ניט דער ציילן אונ גדיינקן · דען זיי זיינן (בעונותינו הרבים) גאר פֿיל אונ מיין מויל קאן אלז ניט ריידן דען זיי האבן מיר בדעקט פֿון קאפ ביז די פֿיס אונ האב מיך גאר אונטר טעניג געמאכט אז איך קאן ניט פֿריי אויס גיין פֿאר גרויסע שאנד אונ מיין לייב ציטערט אין מיר פֿאר (מורא) וויא זאל איך עפֿנן מיין מונד וואס איז

אום ריין (בעונותינו הרבים) מיט זינד. דאך בעט איך דיך דו ביסט איין
דער בארמיגר גאט דו זאלסט אן נעמן די גיבעט די דא צו דיר בעטין אונ
(תשובה) טואן מיטן גאנצן הארצן דען דו בגערסט ניט אז ער זאל שטארבן
אין זיינע בוזהייט נייערט ער זאל (תשובה) טאן מיטן גאנצן הארצין אונ
זאל חרטה האבן אויף זיינע זינד ווערסטו דיך דער בארמן אונ זיין תשובה
אן נעמן. דרויף איז מיין פר זיכרונג דען פר מיינע (מעשים רעים) קאן
איך ניט בשטיין פר דיר נאר איך בעט דיין דער בארמיקייט אז דו זאלסט
טאן מיט גינאד אונ זאלסט מיין מונד עפנען אונ מיין שטים אונ מיין
(תפלה) זאל אויש בעטן ביי דיר מיין (בקשה) אונ מיין בדערפנט (חטאתי)
איך האב גזינדיגט ביסטו דאך איין (רחום) איך האב גזינדיגט פר דיר
מיט מיין הארצן ביי טאג אונ ביי נאכט מיט מיין ליגן אונ מיין אויף שטיין
אונ מיין לייב איז בזולפרט מיט זינד. דרום ליבר גאט איך בעט דיך אונ
שעם מיך פאר דיר מיט מיינם מונד דרום איז מיר וויא אויף מיין הארץ
אונ איז פר שטאפט אין מיר ווען איך טוא גדיינקן ווען איך ווער פון דיא
וועלט גיין ווי זאל איך בשטירמעט ווערן פון דעם (דין) פון וועגן מיינע זינד
דאס איך האב גטאן אונ מיין לייב פאר דארבן פון וועגן מיין (הנאה) דיא
איך האב גהאט אונ דאש האט נאר גיווערט איין אויגן בליק אונ האב מיין
(נשמה) פר דארבן אויף אייביג אונ איך זעלברט האב איינג רוט אויף מיין
לייב גיבראכט דאש זיינן דיא (מאכלי תבוה) וואס זיי ווערן בשאפן דורך
דיא (עבירות) וואס דער מענטש טוט צום אלמאכטיגן גאט וויא בין איך
ווארן פאר נארט דען (השם יתברך) האט מיר גינאד גיטאן אונ האט מיר
פאר שטאנד גיגעבן אז איך זאל גוועלטיגן איבר (חיות אונ בהמות) אונ
וואש אויף דער ערד איז אונ איך האב אפילו אן מיין אייגנע לייב ניט צוא
גיוועלטיגן אונ האב גזינדיגט מיט אלערליי (עבירות) איך בין נאך ערגר
גוועזן אז פיך דען דער אקס אונ דאש אייזל קאן זיין הערן אונ איך האב
ניט גיוואלט דער קענן דאש גוטש פון מיין הערן אונ האב ווידר גשפעניגט
אונ האב גיזאלט בייז אן שטאט גוטש אונ האב ניט גידיינקט אן דעם
טויט אונ אן דעם (עונש) וואש מען מוז ליידן וויא ווען איך פאר דעם
(יום הדין) גשטעלט ווערן. דרום בעט איך דיך אלמאכטיגר גאט בשאף
מיר איין נייאי (נשמה) אונ איין נייאי הארץ אונ טוא אפ פון מיר דאש
שטייכנדיגע הארץ דען איך האב מיך בדאכט אונ האב חרטה אויף מיינע
זינד דיא איך האב גיטאן ביז אהער אונ ווען איך ווער גידיינקען פון
וואנען.

וואן איך בין גקומן אונ וואו אהין איך וועל גיין אזו ציטרט מיין לייב נאך מער ווען איך גדיינק וואן (הסי"ת) וועט בגערן מיין (נשמה) וואס וועל איך דאס זעלביגס מאל זאגן וואס וועל איך ענטפרן אויף מיין פרשטן טאג צו וואגן וועל איך לויפן אז ער זאל מיט מיר גיין · דרום ליבר גאט דיין גרעכטיקייט זיינן דאך פיל אן דעם פאר זיכרן מיר זיך אונ קומן פר דיר מיט ביטר וויינן אונ בטריבטען הארצן אויף אלים וואס אין מיר איז גלייכנט גוואחרן אז איך מוז קומן אין דער ערד אריין אונ ווערים וואלן קומן איבר מיין גאנצן הארצן אונ לייב אונ ווען (חלילה) איך זאל קיין (תשובה) טאן דא זער מיר מיין טויט ליבר אז מיין לעבן דרום ליבר גאט העלף מיר דר צו אז איך זאל קענן תשובה טאן אז איך נעם אויף מיר צו האלטן אלע מיין לעבן טאג ניט צו זינדיגן אזו ווייט אז מיגליך וועט זיין הן (בשוגג אדר במזיד אונ דר (שטן) זאל ניט גוועלטיגן אן מיר (אמן סלה):

ליבר גאט איך רוף דיך אן אין מיין נויט דר הער מיין גיבעט אונ פאר דיר זאל קומן מיין צו ברחמן הארץ · איך ווייס אז דיין (מדה) איז אייטל חסד אונ בין פר זיכרט פון יוגנט אן אויף דיר אונ דו זאלטש מיך קיין מאל ניט לאזן פאלן אין מיין נויט דרום בעט איך דיך (מלך רחמים) הער מיך היינט אויך צו דעם (יום הדין) דען מיין הארץ איז אין מיר פר סטיינט אז ווי איך האב גיהערט דעם (שופר) אונ איך ווייס אז איך וועל ניט קענן בשטיין מיט מיינע מעשים קעגן דעם (יום הדין הגדול והנורא) דא האב איך מיר גיטראכט איך וועל קומן! פאר מיין בשעפר דען איך וועל מיך מרחיק זיין פון זעלכע גרויסע שאנד אונזר ליבר גאט אונזר ליבר הער לאז אן גינומן ווערן אונזר שטים אונ אונזר גזאנג פון אונזער (תפלה) דען דו ביסט (מקבל דיא בעלי תשובות) אונ ווייסט אלע דיא נאך ברחמנע הערצר וואס דיך טוען בעטן מיט גאנצן הארצן דען דו ביסט (בוחן כליות והדר) אונ מיין האפונג איז צו דיר אזו בעט איך דיך ליבר גאט היילי מיך פון מיינע זינד דען דיין היילונג איז איין גאנצי היילונג · ליבר גאט איך בעט דיך גיב מיר איין הארץ איך זאל קענן דינן דיך מיט גאנצן הארצן אונ רייניג מיין (נשמה) דען דו בגערשט אייטל (טהרה) אונ לאז מיך ווייטר ניט זינדיגן ליבר גאט זיי מיר (מוחל) מיינע זינד וואס איך האב ביז אהער גיטאן וואס איז מיין לעבן וואס איז מיין (כח רוח) אויף דער וועלט וואס איז אונזר האב וואס איז אונזר גוטץ מיר זיינן ניט זיכר קיין טאג פאר דעם טויט אונ פינצטרין ארט אז מיר מוזן איבער דאנק דרינן ליגן אונ אונזער

יסוד

(יסוד) חיז פון דער פרד חוג מוז ווידר חין דער ערד גיין חוג חוגזר לייב וועט ווערין חייסן ווערים חוג מיר מוזין טרחכטן וויח מיר זחלן חוגזער טפייז לו וועגין ברייגגן ליבר גחט גדייכק מיר דחט חוג דער בחרעם דיך חיבפר חוגז חוג זייח מוחל חוגזרי זיכד חוג לחז מיר (זכות חבות) כיט חן ווערין ווען חיך החב כיט (עולם הזה) לחם חיך זוכה זיין לו החבן (עולם הבח) ליבר גחט פר גיב מיר חוג לחז מיך כיט פחלן חיך בעט דיך גחט לייז מיך חויס פון גיהנם חיך בעט דיך גחט דער הער מיך חויך מיין עלטר ווען מיין (כח) ווערט מיר חויס גיין חיך קום פר דיר מיט וויינן חוג בעטן חוג בעט דיך מחיה דען עס חיז קיין העלפר נחר דוח :

ליבער גחט ווען חיין מענט דעם חנדרן עפיט טוט פר לייט . דח ווייל ער החבן חז מען זחל חים פחר לייט חיבר בעטן חבר ליבער גחט דיין מדה חיז חנדרש ווען חיין מעגט זינדיגט נוח דיר . חוג קומט היימליך נוח דיר בעטן חוג החט (חרטה) חויך זיינע זיכד . דח דער בחרימטטער דיך חויך חים דען דוח ווייסט חוגזער (יצר הרע) חוג דוח ווייסט חז מיר החבן (כל ימים) גזינדיגט ביז חין חוגזער גרוב חריין חוג ווען מיר גדייכקען חן דעם טחג ווען מיר דיח (נשמה) וועט חפ טיידן פון דעם גוף דיח טרעקנעט ריכגלין חום מיר . וויח קיין חויט לייז חיז כיט פר החנדן חויט דעם טויט וויח חיין פינזטרער טחג חיז דחט חויך דעם מענטן ער ווייסט חליין כיט וחט מיט חים חיז דער מער ווייט החט ער נוח גיין וויח ווייניג החט ער (מעשים טובים) מיט נוח נעמן חויך לערונג . דרום ליבר גחט דוח ביסט מיין גרויסטר פריינד (הקב"ה) מיין ליבר גחט דוח ביסט מיין ליבר פחטר חיך קחן כיט חלן חרויט ריידן דוח ווייסט פחר חלן וחול חיך דחרף כיט פיל נוח ריידן דוח ווייסט דעם גרונד פון מייגם החרלן דען דוח קענטט מיר העלפן וחרף מיך כיט חוועק חויך מיין עלטר . דער בחרם דיך חיבר מיין עלטר גדייכק חז חיך בין כיטט חויך דער וועלט חיך בין חיין לו ברחכן טחרבן וחט בין חיך וחט חיז מיין לעבן וחט חיז מיין (כחת) וחט חיז מיין החפונג וחט חיז מיין סוף חיך וויים כיט וחט מיט מיר דער מער חיז עט וועד מיר בעטר ווען חיך ווער כיט בטחפן גווחרן . חרום בין חיך חרויט גיגחנגן חויט מיין מוטרש לייב חוג חרום מוז חיך ווידער חין דיח ערד גיין חפ טיידן פון דער וועלט נוח דער קעגן דען גרוטין פחרכטיגען וחט חיין ביטר קול ווערט גהערט וויח חיין פר טעמטר טחג חיז דחט חוג ווען נחך חייגר חן (תשובה) טטחרבט חוג חן ווידוי זחגן :

דרום ליבר גחט בעט חיך דיך חז חיך זחל קענן ווידוי זחגן חוג מיין מיתה

מיתה זאל זיין איין (כפרה) אויף מיינע עונות אונ שטארק מיר מיין הארץ
צו טאן (תשובה) אונ מיין (תשובה) זאל ווערן אן גינומן וויא דיא (תשובה)
פון (מנשה המלך) אונ פר גיב מיר אזוא וויא דוא האסט אים פר געבן אונ
טרייב איך מיט מיינע קינדער אונ קינדרס קינדער אונ (כל ישראל) צוא
לעבן צו דעם (יום כפור) אונ מיר זאלן זוכה זיין צו זיין ריין גלייך אז מיר
זיינען גיבארן אונ מאך אונז גירעכט אין משפט · ליבר גאט דו בגערסט
דאך ניט דעם טויט פון איין מענטשן נאר (תשובה) צו טאן מיטן גאנצן
הארצן אונ חרטה דוא ביסט מוחל דען דיין מדה איז דאך (רב חסד)
דרום בעטן מיר זאלסט קרוב זיין צוא אונזער (תשובה) גלייך אז מיר
בקענן אלע אונזערע זינד איטליכר בזונדער דען דו ביסט (מלך מוחל וסולח)
אונ דיא (שלש עשרה מדות) איז דאך אייטל (רחמים) דער בארם דיך
איבר מיר וויא דוא האסט גזאגט צו (משה) דיין קנעכט (סלחתי כדבריך)
אונ זאלסט אונז פאר געבן אונ טרייב אונז אן דעם (ראש השנה ויום
כפור) צוא לעבן אונ צוא פרנסה אונ צוא איין שטיל גימיט אונ קיינער זאל
ניט דארפין דעם אנדרן. אז איטליכר זאל גשפייזט ווערן בכבוד פון זיין
אייגנער האנט (במילוי ובריוח) אונ אונזער (גואל צדק) זאל קומען אין דעם
יאר אז מיר זאלן זוכה זיין מצות מקיים צו זיין אונ צו האלטן וואס מיר אין
דעם לאנד ניט קענן האלטן · זיינען מיר חלילה ניט ווערט אז דוא זאלסט
טאן פון אונזערט וועגן טוא עס פון אונזרע עלטרן זכות וועגן אונ זאלסט
זיך ניט שטראפן מיט איין שארף משפט · ליבר גאט דער הער איך ווייס
איך טוא דיך בעטן אונ ווייס איך קאן דיך ניט בעטן ווייסטו וואול אונזרע
בדערפנש · ליבר גאט מיר פר לאזן זיך אויף קיינם ניט נאר אויף דיר
אונ אונזער זכות זאל ניט גמינערט ווערן אונ אונזערי מקטרגים זאלן ניט
קענן מקטרג זיין מאך זיא שווייגן אונ דער (יצר הרע) זאל אונז ניט אפ
ריידן צו דינן מיטן גאנצן הארצן אונ מיין נשמה זאל ריין קומן פר דיר (מלך
מלכי המלכים) דוא ביסט אונזר פאטר דוא ביסט אונזער שפייזר דוא
ביסט אונזר העלפר דוא ביסט אונזר פר געבר דוא זאלסט אונז היינט אויך
פאר געבן · זייא דוא אונזר מליץ פר דיין (בית דין) אז מיר זאלן גירעכט
ווערין דען דוא ביסט איין (רחום) ווערסט דיך גוויס (מרחם) זיין אז איין
פאטר (כרחם אב על בנים) דוא האסט דאך פר זיכרט אונזרן אלטן פאטר
(אברהם) אז ער האט מוזין זיין זון (יצחק) צוא קרבן ברייגגן אזוא זאלסטו
זיינע קינדר פר געבן ווען זייא ווערן זינדיגן אונ מיר האפן אז דוא ווערסט
אונז דיין צו זאג האלטן אונ ווערסט אונז דער הערן אין זכות אבות אונ אלע
אונזרע אבות זיינן גוטע מליצים פאר אונז גוועזן אין אלע אונזרע צרות אונ
מיר זאלן דער לייזט אונ גטרייסט ווערן אכי"ר : רבון.

רבון העולמים גאט איבר דער גאנצר וועלט מיר בעטן דיך נעם אן אונזער-געבעט מיר האבן דאך קיין מזבח קיין (בית המקדש) קיין (כהן) דער זאל פאר אונז בעטן נייארט אונזער (תפלה) וואס מיר מתפלל זיינען צו דיר אונ וויטער ליבר פאטער מיר טוען זיך אויף דיר פר לאזן אונ זאלסט אונז גדיינקען צו גוטן דען מיר זיינען נעביך אין גרויסע נויטן גלייך אז איין גיוויינרן זיא קאן קיין האפונג האבן נייארט צו דיר אזוי איז הייכט אונזער האפונג צו דעם נייען יאר דוא זאלסט אונז העלפן אויז אלע נויטן ליבר גאט מיר זינדיגע מענטשן וויא האבן מיר איין פנים אזוי פיל צו דיר בעטן נאר מיר בעטן אום (מתנות חנם) אונ גדיינק דעם (ברית) פון דיא (אבות אברהם יצחק יעקב) אונ דוא האשט צו גזאגט אז דוא וועשט זייערי קינדר ניט פר לאזן אונ ווען מיר ח"ו וועלן אזו זינדיגן אז מיר וועלן חלילה ניט ווערט זיין צו דער בארמן אונ לוג אן דיא צורה פון יעקב וואס אין דיין כסא הכבוד אן גימאלט, אונ ער האט דאך פון זיינע קינדר וועגן פיל מאל דעם האלז גוואגן אונ מיר ליבר גאט זיינן דאך דיינע קינדר אונ מיר האפן אויף דיין דער בארמיקייט אז מיר זאלן האבן א גוט יאר :

רבונו של עולם מיר בעטן דיך מיט טרערן דען ווען גלייך אלע דיינע טויערן זיינן צו גישלאסן דאך דיא טויערן פון טרערן זיינן אפן פר נעם אונזער טרערן אין דיין לאגל אונ וואש אפ אונזערע זינד אונ זאלסט זיך זעצן אויף (כסא רחמים) אונ זאלסט געבן אין אונזער הארצן צו טאן (תשובה) אונ צו דיר צו קערן מיט אלע אונזרע לייבר אונ מיר זאלן קענן בצווינגן דעם (יצר הרע) אונ שטארק אונז אז מיר זאלן אים ניט פאלגן אונ קיין מקטרג זאל ניט זיין אויף דיין אריינע קינדער זייא, זיינען ארום פון מצות וואס מיר דא קענן ניט מקיים זיין דען אלע אונזרע גלוסטיקייט איז אוועק גיטאן, קיין מליצים זיינען ניט פאר האנדן דיא דא זאלן בעטן אונ דרום שטייען מיר אין גרויס ביטרנס אונ בעטן דעם (מדת הרחמים) ער זאל בעטן פר אונז אז מיר זאלן דר לייזט ווערן אונ גטרייסט ווערן באלד אין דעם יאר (אמן) :

אב הרחמן דוא ליבר גאט דוא ווייסט דאך וואל מיין אויז לייגנס דוא ווייסט דאך מיין פר בארגנס וואס איך טראג אין מיר אונ דוא ווייסט וואס מיר גנייטיג איז: דער (יצר הרע) איז אין מענטשן אונ רייצט אן צו ביזן אונ דוא ביסט דאך יודע נסתרות אונ בוחן לבבות דו ווייסט די צו בראכני הערצר אונ שווערי הערצער אונ דיא דא טראגן אויף דעם הארצן אונ קענן ניט ארויס ריידן פאר דיא לייט נייערט פר דיר אליין דוא ווייסט מיין זיפצן אונ פאר בארגני וואונדן וואס איך טראג אין הארצן.

ליבר

ליבר גאט ווער קען דען וויסן מיין צער און ווען ער זאל יא וויסן וואס
קען ער העלפן · נייערט דוא גאט העלפסט ווען מען דיך אן רופט דוא
ביסט (אבי יתומים) און (דיין אלמנות) איין ארמען קענסטו רייך מאכן
און איין נידריגן קענסטו הויך מאכן דוא טוסט קיינם ניט אום רעכט
דוא גיסט איטליכן זיין לוין נאך זיין פאר דינסט ליבר גאט דער בארם דיך
איבר מיר און לאז מיך ניט פאלן אין די מיטלי יארן און בפרט אויף מיין
אלטע יארן אז מיינע יודשע פיינד זאלן קיין נקמה ניט אהן וויא (דוד המלך
ע"ה) האט גיבעטן עס איז קיין גרעסרר צער ווען דער שונא ווערט (ח"ו)
דער פרייט · דרום בעט איך דיך ליבר גאט לאז ניט צער זיין איין בקשה
און זאלסט מיר שפייז געבן (במילוי ובריוח) און זאלסט מיר (הצלחה) געבן
אין אלע מיינע זאכן אז איך זאל קענן מטיב זיין מיט ארימע לייט · איין
צדקה זאל אן גלייגט זיין און איך זאל קיין צער ניט האבן אן מיינע קינדער
איך זאל זייערט ניט ב דארפן · איך ווייס וואול אז איך בעט דיך צוא פיל
איך בין דאס ניט ווערט וואס דוא האסט מיר ביז אהער גיטאן און איצונד
נאך · דרום בעט איך דיך דוא זאלסט מיך ניט אוועק ווארפן אויף מיין
עלטר (כדי) איך זאל ניט פר שמאט ווערן צום לעצטן אויף דער וועלט און
איך זאל מיין חלק האבן מיט גוטע פרומע לייט צו די רעכטע צייט און דוא
זאלסט מיך אויס ציהן מיט פרייד פון (עולם הזה) צו (עולם הבא) :

СЕДЕРЪ ТЕХИНОТЪ

т. е.

Порядокъ Молитвъ для Женщинъ.

Печатать позволяется.— Вильно. 1 Мая 1851 г.
Цен. Кол. Сов и Кав. А. Мухинъ.

ВИЛЬНО
въ Типографіи Р. М. Ромма.
1851.

דיא תחנה האט מתקן געווען האשה הרבנית מרת שרה בת הרב הגאון המפורסם מוהר"ר יוקל סג"ל הורוויץ אב"ד דק"ק גלוגא רבתי אשת הרב המאור הגדול החריף מוהר"ר שבתי יצ"ו אב בית דין דק"ק קראסני :

דאס זאגט מען אלע טאג

מודה אני לפניך גאט מיין גאט און גאט פון מיינע עלטרן איך שטייא פאר דיר ארמע פרויא מיט איין גבוקטן קאפ מיט איין צוא בראכין הארץ דען מיין לעבן איז אין דיינר האנט און מיין טויט איז אויך אין דיינר האנט איך שטייא פר דיר לויטר ציטרנש איך בגער פון דיר דו זאלסט מיר מוחל זיין מיינע זינד וואס איך האב גזינדיגט און גמיסטייט און גשולדיגט פון דעם טאג מיין גבארין ביז היינטיגן טאג און אויב איך האב גזינדיגט פון דיא דרייא מצות וואס דוא האסט אונז ווייבער גבאטין (חלה נדה הדלקת הנר) בעט איך דיר זאלסט מיר דאס היינט ניט גדענקן און ניט דוליה (כרת) דיא יארן אפ צו שניידין נייארט איך בעט דיך זאלסט מיך נאך לאזין לעבן ביז איך וועל מצות מקיים זיין וואס אין דיין תורה שטייט ווען מיין צייט וועט קומען צוא שטארבן זאל דיא מיתה זיין איין כפרה אויף מיינע זינד און מיין (נשמה) זאל אויש גיין וויא מען ציט אויש איין האר אויש דער מילך ווען איך האב שון דאס ניט פאר דינט בייא דיין ליבן נאמן בעט איך דיך אום (מתנת חנם) דוא דער הערשט דאס גיבעט פון אלע מענשן זאלסטו דער הערין מיין גיבעט אויך (אמן כן יהי רצון) :

אנא השם איך בעט דיך גאט מיין גאט און גאט מיין עלטרין איך האב גזינדיגט און גשולדיגט און גמיסטייט פון דעם טאג אן אז איך בין גבארין געווארין ביז אן דעם היינטיגן טאג איצונדר האט מיך דער הויבן מיין הארץ און בוויליגט צוא גאט ווידער קערין מיטווארהייט מיט גאנצן הארצן און מיט מיין גאנצין גוף און דיא זינד וואס איך האב גזינדיגט בקען איך דרויף און וויל ווייטר פאר לאזין און וויל שוין ניט טאן דיא זינד איך וויל מיר היינט אן מיין הארצין נעמן ווייטר ריין צוא בלייבן פון זינד וויא איין קליין קינד וואס ווערט ערשט גבארין גאט אלמאכטיגער איך

ענטפֿר דיר איבר מיין (נשמה) אין האנט דיין הייליגן נאמן מיין דעה איז
מיר נאך ליטר גוועזין ווייל איך לעב איצונד בעט איך אז השי"ת זאל עדות
זיין אונ אלע (ספרי תורות) אין היכל אונ דיא עדה הקדושה דיא שטייען
בקען איך אז גאט איז איין (יחיד ומיוחד) אונ קיינר מער אונ איך
האב לוא השי"ת אז מיין (נשמה) זאל איבר הונדערט יאר אויז גיין מיט
דיא ווערטער (שמע ישראל יי אלהינו יי אחד) דער ווארטין אז איך
בגער אז מיין (נשמה) זאל קענן קומען אויף דעם אורט פֿון וואנן זיא איז
גקומען גוואורין איצונד בין איך (מוסר מודעה) פֿון הייגט אן אונ ווייטר
ווען דער שטן וועט קומען אונ וועט וועלין מיך (חלילה) אן רייצין לוא
ביטזין בעט איך (השם יתברך) זאל אלז מבטל זיין אונ אלע דיא רייד זאל
זיין (בטל ומבוטל כחרס הנשבר) אונ הקב"ה זאל זיין עדות אונ אלי (ספרי
תורות) וואש אין היכל זייגען עדות דאש איך גלייב אן (מלך מלכי המלכים
הקב"ה שהוא יחיד ומיוחד) אונ קיינר מער אונ בעט דיך אז מיין (נשמה)
זאל קומען לוא (שרה רבקה רחל לאה) אויף דעם אורט וואו מיין בגער
איז אונ אויב (ח"ו) דער שטן וועט קומען לוּג וועט וועלין מיך אן רייצין
אז איך זאל עובר זיין אויף איין (מצוה) וואש דוא האשט גבאטין וואש
אין דיין ליבר תורה שטייט (מכל שכן) אז איך וואלט (חס ושלום) לייקנען
אין דיין הייליגן נאמן דען ווען דער מענטש שטארבט (ח"ו) דאש זעלביגע
מאל איז איין גרויש פֿארכֿט אונ אנגשט אונ ציטרנעש אויף אים דאש
ער זיין (שכל) פֿאר לירט אונ ווייסט ניט וואש ער טוט אונ רעט ·
איצונד בין איך מיט מיין (שכל) שטאנד אונ בקען דער מיט עש זייא
מיט מיינעם ריידין אודר מיט גידאנקן אודר פֿון אלז וואש דאש מויל
ריידן קאן אונ דאש הארץ גידענקן קאן אזוא בין איך מוסר מודעה
אז איך ווער (ח"ו) אין דער זעלביגע צייט אום רעכֿטע רייד ריידין זאל
אלז (בטל ומבוטל) זיין (כחרס הנשבר) גלייך וויא עס איז קיין מאל אין
מיין גידאנקען גיוועזין אונ איך גלויב אן גאט אין דיין הייליגען נאמן אז
דוא ביסט אמת אונ דיין תורה איז אמת אונ משה רבינו איז אמת אונ
דוא ביסט איינער אונ קיינער מער דוא ביסט גיוועזין אונ ביסט הייגט
אונ ווערשט זיין קיניג איביר אונ אייביג (אמן כן יהי רצון) :

שוב יום אחד לפני מיתתך דער מענש זאל (תשובה) טאן איין טאג
פֿר זיין טויט נשאר דער מענש ווייסט ניט דיא צייט דרום מוז
ער אלע טאג פֿארטיג זיין פֿילייכט איז דאש איין טאג פֿאר זיין טויט
דרום בין איך הייגט (מוסר מודעה) מיט מיין גאנצין (שכל) אז איך בין
מאמין

גמאמין אלע דיא (שלש עשרה עקרים) וואש אונז האבין דיא חכמים מזהיר געוועזן דאש ערשטע איז איך בין מאמין אז גאט (ברוך הוא) איז דער בשעפֿר פֿון אלע וועלטן אונ' האט בשאפֿין אלע בשעפֿנישׁ וואש אין אלע דיא וועלטן זיינן אונ' דאש אנדרי בין איך מאמין אז גאט (ב"ה) איז (יחיד ומיוחד) וואש ערגיץ צו גפֿינן דעם אנדרן ער איז (היה הוה יהיה יחיד אחד ושמו אחד) דאש דריטע בין איך מאמין אז גאט (ב"ה) איז ניט צו גלייכן צו איין גוף אונ' קיינר קאן זיין גשטאלט ניט וויסן אונ' קאן ניט פֿינדן דען ער האט קיין התחלה אונ' קיין סוף אונ' קיין גרונד ניט צו זיין (מחשבה) דאש פֿערטע איז איך בין מאמין אז גאט (ב"ה) איז (קדמון לכל העולמות) ער איז דאש אורש פֿון אלע עולמות אבר די עולמות זיינן ניט דאש אורש פֿון אים ער איז (ראשון לראשונים ואחרון לאחרונים) דאש פֿינפֿטע איז איך בין מאמין אז נאר צו דעם גאט איז איטליכער מענש מתפלל אונ' ניט צו קיינם אנדר ווי (דוד המלך ע"ה) האט געזאגט (ואני תפלתי לך ה' וגו') דאש זעקסטע בין איך מאמין אז דיא נבואה פֿון אלע אונזרע נביאים וואש האבין אונז געזאגט בנבואה גלייב איך אז דאש אלץ האט גאט געהייסן אונז זאגין דאש זיבנטע בין איך מאמין אז (משה רבינו ע"ה) איז געוועזן (אב לחכמים ואדון הנביאים) דאש איז טייטש איין פֿאטר איבר דיא חכמים אונ' איין הער איבר דיא נביאים דאש אכטע בין איך מאמין אז גאר דיא תורה הקדושה איז צו אונז געגעבין געווארין דורך (משה רבינו ע"ה) דאש ניינטע בין איך מאמין אז די תורה ווערט ניט פֿאר ביטן ווערין צו אייביג נייערש ווייא דיא תורה איז איצונד מיט אלע דיא אותיות אונ' ווערטר אזוא ווערט זיא זיין אימר אונ' אייביג דאש צעהנטע בין איך מאמין אז גאט (ברוך הוא) ווייסט אלע (מחשבות) פֿון מענשן אונ' אלע זייכע (מעשים) פֿון אלע פֿאר בארגנעש ווייא וואול דאך ער איז גרויש אונ' גיאכפֿרט אונ' אלע דיא וועלטן ברעגדיגע (מלאכים) וואש אים בדינן האבין קיין צאל אונ' קיין מספר ווייא ער איז משגיח אויף אלע דיא (מעשים) אונ' (מחשבות) פֿון מענשן דאש עלפֿטע בין איך מאמין אז גאט (ברוך הוא) גיט (שכר טוב) צו דיא וואש דינן אים מיט גאנצן הארצן אונ' שטראפֿט דיא (רשעים) וואש ווידער שפעניגן אים אים שמארצן דאש צוועלפֿטע בין איך מאמין אז גאט (ברוך הוא) ווערט אונז שיקן (משיח בן דוד) ווען שוין עש זאמט זיין קומען דאך טוא איך האפֿין אלע טאג אז ער ווערט זיך אמאל איבר אונז דער בארמען אונ' ווערט אונז פֿירן קיין (ירושלים) ווייא אין פסוק שטייט (ובא לציון גואל) דאש דרייצעהנטע בין איך מאמין אן (תחית המתים) אז גאט (ב"ה) ווערט

מחיה

(מחיה מתים) זיין ברוך הוא ברוך מחיה המתים: אן אלע דיא דרייצעהן עקרים גלייב איך מיט גאנצין הארצן אויב אליה איך וועל ניט זיין בייא מיין גאנצין שכל אונ דער שטן וועט אליה מיר ארמש פירן פון רעכטין וועג בין איך דאש היינט און מבטל כחרס הנשבר נייערט ווייא איך גלייב היינט מיט מיין גאנצין שכל דאש זאל מקיים האבין (לעולם ועד ולעולמי עולמים) האב איך מיך מיטב גוועזין ווייא מיר זעהן אויף דעם עולם כמה לייט וואש שטארבן פלוצלונג אונ האבן ניט צייט אפילו ווידוי צו זאגן רחמנא ליצלן דרום היינט ווייל איך בין קלאר מיט מיין גאנצין שכל האב איך צייט מתודה צו זיין פאר גאט ווען איך בין טון אין חוטא פון מיין געבארין ביז אהער זא בין איך ניט ווערט צו דער מאנן גאטש נאמן אונ פשיטא מתפלל צו זיין פאר איס אויף זיין גרויש חסד ער איז זיך (מרחם על הבריות) אונ איז (מקבל תשובה פון אלע פושעים) וואש פאר קערט זיך צו איס מיטן גאנצן הארצן דרום האב איך היינט חרטה אויף אלע מיינע עבירות וואש איך האב געטאן פון מיין יוגנט אן ביז אהער (הן בשוגג והן במזיד הן ברצון) אוי צו מיר וויא צו מיר אז איך האב ניט גדאכט אן דעם ביטרן טויט איך וועל דאך מוזין אויף אליס חשבון געבין אונ וועל מוזין ליידן עונשים קשים ומרים היינט האב איך אויף דעם אליס חרטה אונ בעט פון (מדת הרחמים) אז ער זאל מיר מוחל זיין אונ אלע די טעג וואש איך וועל נאך לעבן זאלשטו מיר מיין הארץ נייגן נייארט צו דינן דיך אונ ניט גבטל ווערן (ח"ו) אן קיין שום עבירה אונ זאל זוכה זיין מתודה זיין פאר מיין טויט אז מיין (נשמה) זאל אויש גיין (בקדושה ובטהרה) אונ זאל ניצול ווערין מעונש הגהנם אמן סלה:

אב הרחמים פאטר דער בארמיגער איך בעט דיך היינט מיט גאנצן הארצין אז דו זאלשט מיר בשאפין איין נייא הארץ צו דינן דיך אונ אלע דיא (מעשים) וואש איך האב געטאן פון אייביג ביז אהער זאלשטו לאזין פאלין אונ איך זאל זיין גלייך ווען איך הייט געבארין ווייא איין קינד וואש איז ריין פון אלע עבירות דען דוא ווייסט דאך וואול וואש איך האב געזינדיגט קעגן דיר האב איך ניט געטאן צו דער צארנען דיך נאר מיין נארהייט האט דאש מיט געבראכט וואָרום ווען איך וואלט מיך בדאכט וויא געשאפרט דוא ביסט נאך דעם פאר שטאנד וואש צו זעהן אלע דיינע בשעפנעס דוא האסט בשאפין דיא ערד איז גרויש זעקס טויזנט מייל ארום דיא ערד האשטו ארום גרינגלט דעם גרויסן ים וואש נאך אונזער פאר שטאנד האט קיין גרונד אונ האט קיין סוף ניט דאש אלז איז גירעכנט קעגן דעם הימל וויא איין טראפין אין ים נאך האשטו

בשאפין

בשאפין זיבן הימלן איטליכר הימל איז ווייט איינר פֿון דעם אנדרן פֿינף הונדרט יאר גאנג דש אלז איז עולם עשיה אונ איבר דעם איז עולם היצירה אונ איבר דעם איז עולם הבריאה אונ איבר דעם איז עולם האצילות אונ אלע דיא עולמות צוא אנדר זיינן גאר קליין קעגן דיין (כסא הכבוד) אונ האשט גאר קיין ערך ניט קעגן דיין שונהייט אונ אלפרקייט אונ פארבלום אונ שטארקייט וואש דוא בישט וואש ניט מעגליך אייביג דיך איין מקלס צו לויבין נוא וויא בין איך גאר פֿאר נארעשט געוועזן אונ האב מיך דער וואגן קעגן דיר מורד צוא זיין ניטמער איך בין אזוא שפל אן פֿאר שטאנד אז איך האב דאש מיר ניט געטאן קעגן מיין זין הייגט האב איך איין בטחון אויף דיין גרויסן חסד ורחמים אונ דוא עפֿינשט דיין האנט מקבל זיין דיא וואש תשובה טוען מיט גאנצין הארצין וויא דוא האשט גנייגט פֿאר נעמן מיין גיבעט אונ מיינע טרעהרן וואש איך פֿאר גיס פֿאר דיר אונ זאלשט מיר געבן איין (פרנסה) אז איך זאל דיך קענן דינן (בשמחה) אונ זאל זוכה זיין לחיי עולם הבא צווישן (צדיקים וצדקניות) וואש האבן תענוג (מזיו השכינה) אונ זאלשט מיך דער נאך מאכין לעבין צוא (תחית המתים) ווען דוא וועשט דיך דער באַרמן איבר דיין פֿאלק ישראל במהרה בימינו א"ס :

איין תחנה פון פרייטיג צו נאכט

דען שלום עליכם זאל איטליכע פֿרויא זאגין מיט כוונה אלע פֿרייטיג צו נאכט ווען מען אויס דער שול אהיים קומט צוא אנטפֿאנגן דיא מלאכים דיא דעם מענטשן באלייטן אויס דער שול אהיים :

שלום עליכם פֿריד צו אייך מלאכי השרת אייבערשטע מלאכים פֿון מלך[1] מלכי המלכים הקב"ה : ג"פ

בואכם לשלום אונ אייער שאן קומען צו שלום איר מלאכים פֿון שלום איר אייבערשטע מלאכים פֿון דעם מלך מלכי המלכים הקב"ה : ג"פ

ברכוני לשלום איר זאלט מיך בענטשן מיט שלום איר מלאכים פֿון שלום איר אייבערשטע מלאכים פֿון דעם מלך מלכי המלכים הקב"ה : ג"פ

צאתכם

---

1) שם מלך וממשלתו גדולה בעיני עולמו אונ דא איינע גרויסע מעלה דאש זיא געפֿינען קיין שענערין נאמען פֿאר גאט אלש דען נאמען מלך .

צאתכם לשלום אונ׳ אייער אויש גיין זאל שלום איר מלאכים פון שלום איר אויבערשטע מלאכים פון דעם מלך מלכי המלכים הקב״ה ; ג״פ

אונ׳ דער נאך זאגט מאן דאש

כי מלאכיו יצוה לך לשמרך בכל דרכיך י״י ישמר צאתך ובואך לחיים ולשלום מעתה ועד עולם :

רבון כל העולמים דוא הער פון דר גאנצע וועלט דו הער פון אלע די זיילן דוא הער פון שלום דוא שטארקר גאט ; דוא געבענשטר קיניג 1) דוא גאבפרסטער קיניג דאש דוא טושט ריידן אייטל־שלום דוא בשיינטר קיניג דוא פרידיגער קיניג דוא לויטרר קיניג דוא לעבשט אימר אונ׳ אייביג דוא טושט גוטז מיט דער גאנצע וועלט דוא איינציגר קיניג איבער אלע קיניגן דוא פארבלואר קיניג דוא טושט אונטר לעהנן אלע געפאלענע דוא טושט אויש לייזן אונ׳ בשירמן זיא פון צרות אונ׳ פון אלעם בייזן דוא אויש געלייטרט אונ׳ גוטר קיניג דוא הייליגער קיניג דוא דער הויבנר קיניג דוא דער היפשר קיניג דוא הייליגער קיניג דאש דוא הערשט אלע תפלות פון אלע מענשן דוא קיניג דאש גאנצן זייכן דיינע וועג אונ׳ איך בקען זאל פאר דיר גאט אונ׳ גאט מיינע עלטרן אויך אלע גינאד אונ׳ בארמהארציקייט וואש האשט מיר גיטאן אונ׳ וואש דוא נאך ווערשט מיט מיר טאן אונ׳ מיט מיין הויז גזינד אונ׳ מיט דיין בשעפעניש דיא קינדער פון אברהם געבענשט זייגען דיין הייליגע (מלאכים) דיא טוהן דיינעם ווילן דוא הער פון שלום דוא קיניג דאש דער שלום איז דיין דוא זאלשט מיך בענטשן מיט שלום אונ׳ זאלשט בפעלן מיך מיט מיין מאן אונ׳ מיט מיינע קינדער אונ׳ אלע מיין הויז גזינד אלע דיין פאלק ישראל (לחיים טובים ולשלום) זאל איין נאכטיגען לעבן דוא אויבערשטר קיניג איבר אלע (מלאכים) זאלשט אונז מזכה זיין דאש מיר זאלין אנטפאנגן אונזרע שבתים אונ׳ (ימים טובים) דורך (עושר וכבוד) אונ׳ דורך ווייניג זינד דוא זאלשט אפ טאן פון אלע מיין הויז גזינד אונ׳ פון אלע מענטשין אלע טאג־פון (דלות ועניות ואביונות) אונ׳ זאלשט אונז געבן (יצר טוב) זאל דינען דיך מיט ליבשאפט אונ׳ מיט פארכט מיט ווארהייט מיר זאלין זיין געהערט אין דיינע אויגן אונ׳ אין דיא אויגן אלע אונזרע זעהר דען דוא בישט געהערטער קיניג

זאל

1) שם מלך ומעלותיו גדולים בעיני עמו אונ׳ זא אייגי גרוסע מעלה דאש זיא געפינען קיין שענערין נאמען פאר גאט אלס דען נאמען מלך :

צוא דיר איז שיין און צוא דיר איז גוט צוא לויבן איך בעט דיך (מלך מלכי המלכים הקב"ה) דאש דוא זאלשט געביטן צוא דיינע הייליגע מלאכים (מלאכי השרת) אויבערשטע דינערש זייא זאלין היטן מיך מיט דער בארמיקייט און זייא זאלין בענשן מיך אין אירן שאן קומען אין מיינעם הויז אין דעם טאג דעם הייליקען דען איך האב אן גיצונדן מיין ליכט און האב אויך גיבעטט מיין בעט און האב פאר ווערקסילט אן קליידער לכבוד דעם טאג פון שבת אזו בין איך גיקומען אין הייליגען הויז צו מאכין פאלין מיין גיבעט צוא פאר דיר דוא זאלשט איבר פארין אלי מיין זינדן און טרויערין צוא בקענען און בלייגן דאש דוא האשט בשאפן אין דיא זעקש טאג פון דער וואך אלע בשעפנש אזוא טוא איך דעם אנדרן מאל ווידער (עדות) זאגין איבר דען בעבר מיט מיין (שמחה) אז דוא האשט מיר גיבאטן צוא גידענקן צוא מאכין זעניפטיקן מיט דיא (נשמה יתירה) דאש דוא האשט מיר גיגעבן און אין דעם טאג וויל איך רוען און וועל דיך דינען אז דוא האשט מיר גבאטין צוא דינען אויך וועל איך זאגין דיין אנפרקייט מיט פרייד און דוא גאט זאלשט זיין צוא קעגן מיר און צוא דער בארמען און צוא דער וועקין מיין הארץ צוא אלע דיין גיבאט און (מצות) אן טרויארקייט און איך וועל בעטין אז וויא רעכט און ביך אז איר הייליגע (מלאכים) פון (שלום) אייער קומען זאלין זיין צוא פריד און איר זאלט בענטשין מיך מיט שלום איר זאלט זאגין אויף מיר גיבענטשט זאל דער אן גירעכטר טיש זיין און אייער גיין זאל זיין מיט פרידן פון איצונדרט ביז אייביג (אמן סלה) :

בשעת פתיחת הארון זאגט מען דאש

אבינו מלכנו פתח שערי שמים לתפלתינו שערי רחמים שערי תפלה שערי תחנה שערי עת רצון שערי עת בקשה שערי רפואה שלימה שערי קדושה שערי תורה שערי חיים טובים שערי גאולה וישועה שערי גדולה שערי בנים ובני בנים שערים של צדיקים ותלמידי חכמים ואריכת ימים ושנים ועוסקים בתורה במצות לשמה שערי שמועות טובות שערי בשורות טובות בזכות אבות הקדושים אברהם יצחק ויעקב משה אהרן דוד ושלמה אליהו אלישע בזכות אמהות הצדקניות שרה רבקה רחל לאה בלהה זלפה חנה אביגיל ובזכות מרדכי ואסתר בשושן הבירה :

רבש"ע וויא דא האט זיך גיעפינט דער (ארון הקודש) אזוא זאל זיך עפענן דער חלון ברקיע שערי עת רצון שערי עת בקשה

שערי

שערי תפלה שעריי רחמים אונ מיין תפלה זאל אן גינומען ווערין גלייכן
דיינע תפלות וואס ווערין פאר גיוויס אן גינומען אונ מיין תפלה זאל זיין
איין קרוין אויף דיין קאפ אונ איך זאל גיהאלפן ווערין מיט מיין מאן
אונ מיינע קינדער אונ מיט מיינע ליבע פריינד אונ מיין תפלה זאל
גלויבט אונ גיזעט זיין גלייך אז איך האב איין (קרבן מקריב) גיווען
אין (בית המקדש):

СЕДЕРЪ ТЕХИНОТЪ

т. е.

Порядокъ Молитвъ для Женщинъ.

Печатать позволяется. — Вильно, 10 Декабря 1848 г.
Исправляющій долж. Ценсора, И. Фокъ.

ВИЛЬНО

въ Типографіи Р. М. Ромма.

1849.

תחנה
שלשה שערים

שער הראשון איז אויף דיא דרייא מצות פון נשים דער סימן איז חנ"ה · שער השני איין תחינה פון ראש חודש בענטשן · שער השלישי איין תחינה אז מען מאכט דיא ליכט פון (יום כפור) :

דיא תחנה האט גימאכט האשה הצנועה מרת שרה בת מו' מרדכי זצ"ל נכד הרב מהור"ר מרדכי זלה"ה אב"ד דק"ק בריסק יע"א :

איך (שרה בת טובים) איך טוא דאס פון וועגן ליבען גאט (ב"ה וב"ש) אונ בין מסדר נאך איין טייטש נייע תחינה על שלשה שערים · שער הראשון איז גישטעלט גיווארן אויף דיא דרייא מצות וואס מיר נשים זיינען ווארן גיבאטן חנ"ה שמותן · זייער נאמן איז חנ"ה (כלומר) חלה נדה חדלקת הנר · אונ שער השני איז איין תחנה אז מען בענטשט ראש חודש · אונ שער השלישי איז פון (ימים נוראים) :

איך בעט צוא היינט דעם לעבעדיגן גאט (ב"ה) וואס לעבט אימער אונ אייביג אונ שטעל דיא תחינה אויף טייטש מיט גרויס ליבשאפט אונ מיט פארכט אונ מיט ציטרניש מיט דער שרעקניש מיט צוא בראכני גלידר מיט פיל גיבעט בזכות אונזערי מוטערש (שרה רבקה רחל ולאה) · מייני ליבע מוטערש זאלן פאר מיר בעטן גאט ב"ה אונ דאס וואס איך בין (כע וכד) זאל מיר זיין איין (כפרה) אויף מייני (עונות) אונ הש"י זאל מיר מוחל זיין וואס איך האב אין מיין יוגנט גישמועסט אין שול ווען מען האט גילייענט אין דיא ליבע (תורה) :

הער פון דער גאנצר וועלט איך מאך פאלין מיין גיבעט פאר דיר וויא איך הייב אן מסדר צו זיין איין טייטשי נייע תחינה מיט מיין גאנצי כוונה אונ מיט מיין גאנצן גרונט פון מיין הארצן אונ זאלסט אונז היטן פון פיין אונ שמארצן איך בעט דעם ליבען גאט ב"ה אז ער זאל טון האבן גרויס רחמנות אויף זיין פאלק וויא ער האט דער הערט דאס גיבעט פון אונזרי (אבות ואמהות) גדיינק ווען אברהם אבינו האט מיט זיין לינקע האנט בגריפן אן דעם האלז פון (יצחק) אונ אין זיין רעכטר האנט נעמט ער דאס שעכט מעסער צו שעכטן זיין זון (יצחק) אונ דאס האט ער דיר צוא ליב גיטאן אונ האט איין גיהאלטן זיין רחמנות אזו קער דיך צו דער בארמן איבר אונז אונ איין צו האלטן דיין צארן אונ איך בעט היימל אונ ערד אונ אלי הייליגי מלאכים זאלן פאר מיר בעטן אז מייני ביידי תחנות זאלן ווערן אן גינומן עש זאל ווערן איין קרוין אויף זיין הייליגן נאמן זיין קאפ אמן :

שער זה נתיסד על שלשה מצות שנצטוו הנשים ושמי שרה בראשי החרוזים

שלשה מצות (כלשון הנסים) דרייא מצות זיינן גיבאטן געווארן די (נשים) חנ"ה שמותן דער נאמן פון די דרייא מצות איז הנ"ה דאס איז (חלה · נדה · הדלקת הנר) · ראשית עריסותיכם תרימו חלה דער טייטש איז פון דעם פסוק דאס ערשטי פון אייערי טייג זאלט איר אפ סיידן חלה בזכות זה (א' אוצרותיכם טובע יואל) דאס איז טייטש פון וועגין דעם זכות פון מצות חלה ווערט הש"י (ב"ה וב"ש) אייך געבן דיא (ברכה) אין אייערי (אוצרות) פול מיט זאט אן פילן · פאר צייטן האט דער כהן גנומן (תרומה) אונ דער לוי האט גינומן (מעשר) אונ דער עני (מעשר עני) אויך נוא צייטן (מעשר ט:י) · אבר איצונדרט (בעונותינו הרבים) אז דאס (בה"מק) איז חרוב געווארן איז אלן בטל געווארן נאר מצות חלה איז גבליבן דרום (רבט"ע) מיר בעטן דיך אז דוא זאלסט אן נעמן מצות חלה אונ זאלסט שיקן גרויס (ברכה) וואו מיר וועלן זיך קערן אונ ווענדן אונ אונזרי קינדער זאלן ניט ווערן פאר פרעמד · אונ מיר זאלן קענן אונזרי קינדר אלין (פרנסה) געבן אויך מיט איין אין ביז לאנג לעבן · אונ דיא מצות חלה זאל אן גינומן ווערן עס זאל גוואוגן זיין וויא גאר דיא (תרי"ג מצות התורה) · (חופש יי כל חדרי בטן) דאס איז טייטש (גאט ב"ה זוכט אלי דיא קאמרן פון בויך : (מצות נדה אם תשמרו ה' יצילכם ממיתות אסכרה והדרוקן) דאס איז טייטש אויב איר ווערט רעכט היטן דיא מצות פון נדה אזו ווערט (הש"י ב"ה) אייערי קינדער היטן פון (אסכרה) אונ פון מיתה וואס הייסט (הדרוקן) · (גן נעול אחותי כלה) איז טייטש איין פר שלאסיר גארטן איז איין שוועסטר (בת ישראל) אייך רוף זיא כלה · (הדלקת נרות בערבי שבתות) אן צו צינדן דיא ליכט אן ערב שבת (שנים מצות) דאס איז טייטש צוויא ליכט איז דיא מצוה אן צינדן (כנגד זכור ושמור ראיזתן) דיא צוויא ליכט זיינן מרומז קעגן (זכור ושמור) · (נר נר ת"ק מספרם) דאס איז טייטש דיא צאל פון צוויא מאל (נר) טרעפט אן פינף הונדרט קעגן (איברים של איש ואשה) אזו וויא פיל איברים פון דעם מאן אונ פון דיא אשה · (בזכות זה ווערט הש"י) היילן אלע גלידער פון (איש ואשה) דרום אויך זאל מען זיא צינדן דיא ליכט צינדן ווערט הש"י אייערי קינדר דער לייכטן אין דער תורה · בשעת צינדן מוז מען דרויף מתפלל זיין צו גאט אז דיא קינדר זאלן קענן לערנן · (שלשה מצות חלה אם תשמרו) דאס איז טייטש אויב איר ווערט דיא דרייא מצות ערליך האלטן · (אז קרובה לידתן) דערנאך מאל ווערט נאהנט זיין אייער געווינען (שלא בצער) עס ווערט (מגין) זיין דער זכות פון דיא מצות פאר אייך (יום בא עת לידתן) אז עס ווערט קומען דער טאג פון אייער געווינן

ה' יטארלט מדבר (ומאסון) הש"י זאל מיך היטן פֿאר אומרד אונ פֿון בייזי
טרעפֿניש (תגאלו טמאה וטמון) :

השי" בריאס זיך מיט דיא טעכטר דאס ווייסט מען דיא וייבר פֿון
קינדער יטראל אז וייבר גארטן אין פֿאר טאהן פֿון זכות אפילו
פֿון ווייערי מאגן ויינן זיא זיך אויך פורט (עונה אחת סמוך לוסתה) איין
מאל לעת פֿריער טוס זיא זיך ריכטן אויך איר (נדה) טאר זיא זיך נוא איר
מאן ניט באהעפֿטן אונ פֿון דעסט וועגן האבין מיר דעם דין גיטטעלט
(מזכה רבים) לו זיין וואָרום דער גמיינר עולם ווייטט פֿון דעם (דין) ניט
לו זאגן . וואָרין פֿיל ליט גטטרויבלט אונ ליידן חליה איין גרוטן עונט דער
פֿאר . איבר דעם האבן מיר דעם (דין) אריין גטטעלט אין דער תחינה אז
איטליכי אשה זאל גוואָרנט זיין דרינן . (בזכות זה) וועלן זייא האבן איין
גוטן טכר אויך דער וועלט זייא וועלן האבן גוטי פֿרומי אונ קלוגי זכרים
(אכל טכן עולם הבא) דער זכות פֿון אונזר מוטר (חנה) זאל מגין זיין אויף
ווייערי טעכטר זייא זאלין ווייערי מצות רעכט האלטן בפֿרט דיא מצוה פֿון
(נדה) זאלין זייא ניט פֿר גרינג האלטן וואָרום אז זייא וועלן לוא קינד גיין
וועלן זייא (ח"ו) גטטראפֿט ווערן אונ אז זיא וועלן רעכט נוהר זיין וועלן
זייא גנעהן ווייער גווין גיך אונ באלד אמן : ווען מען קנעט ט"ג איין
גרוטן טאפ מעל (כמנין חלה) . דאס אין טייטש אזו פֿיל ווא חלה בטרעפֿט
(דהיינו מ"ג בילים) דרייא אונ פֿערליג תייער דאס טרעפֿט אן דרייא
קווארט מעל מוז מען דער פֿון אפ טיירן חלה אז מען נעמט חלה זאגט מען
דיא ברכה :

ברוך הוא וברוך שמו . ברוך אתה יי אלהינו מלך העולם אשר קדשנו
במצותיו וצונו להפריש חלה :

לכבוד גאט לכבוד אונזר גיבאט לכבוד דעם ליבן שבת קודש וואס אונזר
הער גאט האט אונז גיגעבן דעם ליבן שבת קודש אונ האט אונז
גיבאטן דיא ליבי מצוה גיב מיר איין גוט הארץ איך זאל זיא רעכט קענן
מקיים זיין אונ זיא זאל גוואוגן זיין וויא (כל תרי"ג מצות) פֿון (כל ישראל)
אכי"ר :

יהי רצון מלפניך יי אלהינו ואלהי אבותינו שיבנה בית המקדש במהרה
בימינו ותן חלקנו בתורתך ושם נעבדך ביראה וכו' :

מיין חלה זאל אזו אן גינומן ווערן אז דער קרבן אויף דעם (מזבח) איז
אן גנומן גוואָרן מיין מצוה זאל אן גנומן זיין גלייך איך האב דאס
רעכט מקיים גיוועזן פֿאר לייטן אין גיקומן דער (כהן גדול) אונ ער האט
פֿאר געבן דיא זינד אזו זאל מיר אויך דער מיט פֿאר געבן ווערן מיינע
זינד איך זאל זיין גלייך וויא איין נאיי גבארן קינד . איך זאל קענן מיינע
ליבע (שבתות) אונ (ימים טובים) עהרן ער זאל מיר בטערן איך זאל מיך
קענן .

קענן מיט זיין מאן אונ מיט מייני קינדר דער נערן עס זאל אן גזומן ווערן
דיא מצוה פון (חלה) נעמן אז מייני קינדר זאלן גיטשפייזט ווערן פון ליבן גאט
ב"ה מיט גרויס (רחמנות) אונ גרויס דער בארמיקייט אונ זאל טקול זיין
מצות חלה גלייך אין האב מעשר גגעבן וויא איך טוא מיין מצוה פון חלה
מיט גאנצן הארצן אזו זאל גאט ב"ה מיך היטן פון פיין אונ טמארצן:

אז מען צינט אן די ליכט זאגט מען די ברכה

ברוך אתה יי אלהינו מלך העולם אשר קדשנו במצותיו וצונו להדליק
נר של שבת

לכבוד גאט לכבוד אונזער גיבאט לכבוד דעם ליבן (שבת קודש) וואס
אונזר הער גאט האט אונז גיגעבן דעם ליבן (שבת קודש) אונ
האט אונז גיגעבן דיא ליבע מצוה איך זאל זיא רעכט קענן מקיים זיין אונ
זיא זאל אזוא גוואוגן זיין וויא (כל תרי"ג מצות) פון (כל ישראל) אכי"ר:
יהי רצון וכו':

רבש"ע מיין מצוה פון דיא ליכט צינדן זאל אזוא אן גינומן זיין וויא די
מצוה פון (כהן גדול) ווען ער האט ליכט אין ליבן (בית
המקדש) גיצינדן איז זיין מצוה אן גינומן גיווארן (נר לרגלי דבריך ואור
לנתיבתי) אז פייסט דייני רייד איז איין ליכט צוא מייני פיס וויא זאלן
גיין אין גאטס וועג אונ דיא מצות פון מייני ליכט זאל אן גינומן ווערן אז
מייני קינדרט אויגן זאלן לייכטן אין דער תורה אויך טוא איך בעטן בייא
דעם ליבן גאט (ב"ה) אז מיין (מצוה) פון ליכט זאל אן גינומן ווערן וויא
דיא ליכט האט גיברענט פון דעם בוים אייל אין (בהמ"ק) אונ איז ניט
ווארן פר לאטן בוצות דאט ליכט פון ליבן שבת זאל מגין זיין וויא דר ליבר
שבת האט מגין גוועזן פאר (אדם הראשון) וויא ער איז בהיט גיווארן פון
איין גיבן טויט אזוא זאל אונזר זכות פון דיא ליכט מגין זיין אונזרי קינדרט
ליכט זאלן לייכטן אין דער (תורה) זייערי נרות זאלן לייכטן אין הימל אונ
אונזערי מצות זאלן אן גינומן ווערן וויא דיא מצות פון אונזערי (אבות
ואמהות) אונ דיא (שבטים הקדושים) מיר זאלן זיין אזו ריין וויא איין קינד
ווערט גבארן פון זיין מוטרט לייב אמן:

אז מען מאכט ליכט פון יום כפור זאגט מען דאס

רבש"ע איך בעט דיך זייער דר בארמיג זאלסט אן נעמן מיין מצוה
פון דיא ליכט וואס מיר וועלן מאכן פון דיין הייליגן ליבן נאמן
וועגן אונ פון דיא הייליגי נשמות וועגן:

יהי רצון עס זאל זיין דער ווילן פאר דיר גאט אז מיר זאלן הייגט אוס
(עיו"כ) גידאכט ווערן פר דיר מיט דער מצוה פון דיא ליכט וואס
מיר

מיר זעלן מאכן אין טאל אריין זאלן מיר גידאכט ווערן צו גוטן אונ מיר זאלן זוכה זיין צו געבן ליכט אין בהמ״ק אריין וויא עס איז געוועזן צום ערשטן אונ די תפלות וואס ווען זיין ביי די ליכט זאלן זיין מיט גרויס כוונה אונ יראה אונ דער שטן זאל ניט הינדרן אונזרי תפלות אונ די ליכט וואס ווען גמאכט ווערן פון וועגן דיא הייליגי ריינע נשמות זאלן זייא זיך דער וועקן אונ מודיע זיין איינע די אנדרי ביז די (אבות ואמהות הקדושים) אונ זייא זאלן ווייטר מודיע זיין איינע די אנדרי ביז (אדם, וחוה) אז זייא זאלן פר ריכטן דעם חטא וואס זייא האבן גורם געוועזן (מיתה על כל העולם) זאלן זייא זיך דער וועקן אויס זייערי קברים אונ זאלן פר אונז מתפלל זיין אז הש״י זאל אונז געבן איין גוט יאהר ווארום זיי האבן גורם מיתה געוועזן · גיהערן זיי פר אונז בעטן אז מיר זאלן פון דעם (מלאך המות) פטור ווערן וויא איך לייג דאס אנדרע קנייטל פון וועגן אונזר פאטר נח ער גיהער אויך פר אונז צו בעטן ווארום ער איז געוועזן אין איין גרויסי צרה בייא אים שטייט (כי באו מים עד נפש) דאס וואסר איז דאך אים געוועזן ביז האלז דער גאט וואס האט אים גיהאלפן דער גאט זאל אונז העלפן פון פייער אונ פון אלעם בייזן וואס מיר פארכטן זיך אונ דעם זכות פון אונזר פאטר אברהם וויא דו האסט אים מציל געווען פאר דעם פייער פון קאלך אויבן אזו זאלסטו אונז ריין מאכן פון דיא (עונות וחטאים) אונזער נשמה זאל ריין קומן אזוא ווי מען האט זיא אונז גיגעבן ריין אן טאדל (בלי שום מורא ופחד) אז זיא איז גקומן אין אונזר גוף אריין · אונ דעם זכות וואס איך לייג דעם פאדם פר אונזר מוטר שרה זאל גאט ב״ה אונז גדיינקן דעם זכות פון אירן צער אז מען האט איר ליבן זון (יצחק) אויף דער (עקידה) גפירט זאל זיא פאר אונז מתפלל טוב זיין פר (הש״י ב״ה) אז מיר זאלט דאס יאהר (חס ושלום) קיין אלמנות ניט זיין אונ מען זאל ח״ו ניט אוועק נעמן אונזרי קינדר ביי אונזר לעבן פון דער · וועלט ח״ו אונ דער זכות וואס מיר לייגן דעם פאדם פאר אונזר פאטר יצחק פון וועגן זאלסטו זיך איבר אונז מרחם זיין דוא האסט אונז גיבאטן מיר זאלן בלאזן שופר אום ראש השנה (שופר של איל זכר לעקידת יצחק) זאלסטו אונז גדיינקען דעם זכות מיר זאלן אונזערי קינדער טאן זייער גירעכטיקייט מיר זאלן זייא קענען ביי איין רבי האלטן זייא זאלן זיך געווינען אין איין גוטע דינסט נאך צו זאגן (אמן יהא שמיה רבא כו׳) דער זכות פון מיין מצוה פון דיא ליכט זאל אן גינומן ווערן וויא דאס ליכט פון (כהן גדול) וואס ער האט אן גיצונדן אין (בית המקדש) אזוא זאלן לייכטן אונזרע קינדרס אויגן אין דער (תורה הקדושה) איך טוא אויך בעטן דעם ליבן גאט בייא מיין (מצוה) פון דיא ליכט וויא איך לייג דעם פאדים פר אונזער מוטר רבקה וועגן וואס זיא האט גורם געוועזן די ברכות צו אונזר פאטר יעקב אז די ברכות זאלן אן אונז מקויים ווערן אז מיר זאלן אי״הש גיך דער פרייט ווערן · פאר דעם וואס מיר לייגן פר אונזר פאטר

יעקב

יעקב וועגן אז וויא דוא האסט אים געהאָלפֿן פֿון עשו ולבן אזו זאָלסטו אונז העלפֿן פֿון (כל המשחיתים והמקטריגים) זיא זאָלן אויך אונז ניט קענן מקטרג זיין פֿאר דעם היינטיגן (יום הדין) אונזער משפט זאָל אויס גיין פֿאר דיר לטובה מיט גרויס רחמנות מיר מיט אונזרי מאנן אונ קינדר זאָלן האבן איין גוטן משפט (לחיים טובים) מיר זאָלן חליה ניט זיין קיין אלמנות · פֿון אונזער מוטער רחל וועגן איין פֿאדים זאָלסטו מקיים זיין פֿון איר זכות וועגן (ושבו בנים לגבולם) דאס איז טייטש וועגן זכות רחל וועט אונז הש"י אום קערן אין אונזער לאנד אריין אמן אונ איר זכות זאָל מגין זיין דאס זיא האָט זיך ניט גילאזט מנחם זיין (עד ביאת גואל צדק) זאָל קומען גיך אונ באלד אין אונזרי טעג אמן · בזכות דאס מיר לייגן איין פֿאדים פֿאר אונזר פֿאטר משה רבינו ע"ה וועגן זיין זכות זאָל מגין זיין דאס ער איז גיגאנגן אויפֿן הימל אונ האט פֿאר אונז מתפלל געוועזן אונ האט אונז דיא ליבע תורה גבראכט פֿון הש"י ב"ה זאָל אונז זיין זכות בייא שטיין אז מיר זאָלן גטרייסט ווערן גיך אונ באלד וויא ער איז געוועזן פֿערציג טעג אין הימל האסטו אים גילאזט וויסן אז דיא הייליגי טעג זיינן ימי רצון גאט ב"ה האט גיזאגט (סלחתי כדבריך) איך האב דיא ישראל מוחל געוועזן אויף דיא זינד פֿון דעם עגל · בעט איך דיך אויך ליבר גאט זאָלסט אונז מוחל זיין אין דיא טעג אויף אונזרי עונות דאס מיר האבן גיטאן אגאנץ יאר אזוא זאָלסטו אונז אין טרייבן איין גוט יאר · בזכות דאס מיר לייגן איין פֿאדים פֿאר אונזר פֿאטר (אהרן הכהן) דער נוט זאָלן מיר זוכה זיין צו געבן ליכט אין ליבן בהמ"ק אריין נור זאָלן דער לעבן צוא זעהן וויא ער וועט דיא עבודה טאן זיין זכות זאָל מגין זיין צוא דער לייכטן אונזרי קינדר אונ קינדס קינדער אין דער ליבע תורה וויא איין ליכט · (בזכות דוד ושלמה) דאס זיא האבן גבויאט דאס בהמ"ק זיא האבן תפלה גיטאן ווען איין נכרי וועט קומן אין בהמ"ק אונ וועט תפלה טאן זאָל זיין גיבעט אן גינומען ווערן פֿון זייער זכות זאָל גאט ב"ה אויס ליסען אונזער משפט מיט גרויס רחמנות אונ מיט דער בארעמקייט (בזכות כל הצדיקים וחסידים) דאס זיינען געוועזן פֿון (אדם הראשון) לייט ביז דעם היינטיגן טאג זייער זכות זאָל אויך אונז מגין זיין אין יום הדין אז מיר זאָלן האבן איין חתימה טובה אז אונזר ליבט אונ אונזרי מאנן אונ קינדרס ליבט זאָל ניט פֿאר לאשן ווערן פֿאר דער צייט ח"ו (בזכות אבות ואמהות הקדושים והטהורים והשבטים) ובזכות קליינע קינדר דאס זאָגן נאך (אמן יהא שמיה רבא) זייער זכות זאָל מגין זיין עס זאָל גיך אונ באלד זיין (תחית המתים) זיא זאָלן זיך דער מייען (לעתיד לבא):

יהי רצון עס זאָל זיין דיין ווילן אז היינט בעיו"כ זאָלן מיר גידאכט ווערן לטובה וויא מיר ווען דיא ליכט געבן אין שול אריין פֿאר דיא מצוה דאס מיר זיינן מקיים זאָלן מיר זוכה זיינצוא געבן ליכט אין בהמ"ק אריין וויא עס איז געוועזן צום ערשטן אונ דיא תפֿלות דאס וועט גיטאן ווערן בייא

דיא

דיא ליכט זאל זיין מיט גרויס כוונה אונ מיט גרויס מורא דער שטן זאל ניט קענן הינדרן אונזר תפלה · דיא ליכט וואס זיינן גוואָרן געמאכט פר די הייליגי אונ רייני נשמות זאלן זיך דער וועקן אונ זאלן מודיע זיין אייני די אנדרי ביז דיא אבות ואמהות הקדושים זאלן ווייטר מודיע זיין ביז אדם וחוה זייא זאלן פר ריכטן וואס זייא האבן גורם מיתה גוועזן (לכל העולם) זייא זאלן זיך דער וועקן אויש זייערע קברים אונ פר אונז מתפלל זיין אז עס זאל זיין אז היינטיג יאר וואס וועט קומן לטובה עס זאל טוין זיין (תחיית המתים) אונ דער מדת הדין זאל ווערן רחמים אויך זאלן בעטן אלע (מלאכים הקדושים והטהורים) אז דיא דאָרע ביינר זאלן לעבדיג ווערן גיך אונ באלד:

רבש"ע דוא האסט אונז געבאטן אז מיר זאלן ליכט מאכן אויף דעם הייליגן טאג בעט איך דיך פאטר הארציגער אז דוא זאלסט היינט אן נעמן דיא מצוה וואס איך לייג דיא פעדים זאלסטו מוסיף זיין חיים ושלום אונ די תפלות וואס ווערן געטאן פר די ליכט זאלסטו אן נעמן גלייך מיר האבן תפלה געטאן מיט גרויסי כוונות אונ מיטן גאנצן הארצן זאלסטו אונז מוחל זיין אונזערי עונות וואס מיר האבן אין גאנצן יאר גיטאן (הן בשוגג הן במזיד) זאלסטו לום יום הדין מוחל זיין אונ מיר זאלן האבן איין גיזונד יאר אונ איין פריש יאר איך בעט דיך זייער ליבער גאט עס זאל ניט גיאינדערט ווערן פון אלע דאס מיינגע אונ זאלסט אונז אויף לייגן גרינגע פרנסה אן צער אז איך זאל זוכה זיין מיט מיין מאן אויש צו געבן דיא קינדרליך בכבוד גדול אן צער אונ זאלסט אונז מזכה זיין מיט איין גוטע חתימה אמן ואמן:

רבש"ע איך בעט דיך דער בארמיגער גאט אז דוא זאלסט אן נעמן דיא ליכט וואס מיר מאכן פאר דיא הייליגע רייניע (נשמות) פאר איטליכן פאדים וואס מיר לייגן זאלסטו מוסיף זיין חיים צו אונז אונ די הייליגע רייניע (נשמות) זאל זיך דר וועקן אויש זייערע (קברים) אונ זאלן מתפלל זיין פר אונז אז מיר זאלן גזונד אונ פריש זיין אונ מיר וועלן מתפלל זיין פר די מתים פר די וואס זיינן אין אונזרי דורות גישטארבן אונ פר די וואס זיינן געשטארבן פון (אדם וחוה) אן אונ היינט מאכן מיר ליכט פון אלע די נשמות וועגן וואס ליגן אין די פעלדער אונ אין די וועלדר אונ פר אלי קדושים אונ פר די וואס האבן קיין קינדר אונ פר אלי קליינע קינדר אז זיי זאלן זיך דער וועקן אונ זאלן לעבדיג ווערן גיך אונ באלד מיר זאלן זוכה זיין צו זעהן (תחיית המתים) א"ס :

איך משה (טרה) טוא בעטן אייך יונגי ווייבר זיי זאלן ניט שמועסן אין שול ווארום עס איז איין גרויסי זינד איך טוא גידיינקן וואס עס שטייט אז דער (תנא ר' אליעזר בר"ש) האט בגעגינט דיא מזיקים וואס האבן גיפירט צווייא הונדערט אייזלן האבן גיטראגן פורעניות האט ער

געפרעגט

גיפֿרעגט דיא מלאכים פֿון וועמס וועגן איז דאס · האבן זייא גזאגט פֿון וועגן דיא לייט וואס שמועסן אין שול פֿון (ברוך שאמר) ביז נאך (שמונה עשרה) דרום טוא איך אייך ווארנן דאס איר זאלט (ח"ו) ניט גשטראפֿט ווערן וויא איך בין גישטראפֿט גיווארן מיט (נע ונד) · בכן זאלט איר אייך פֿון מיר איין ראיה נעמן אונ זאלט פֿאר (הש"י ב"ה) אייער זינד דער קענען · אויך טוא איך אייך בעטן אז איר זאלט (רחמנות) האבן אויף אלמנות אונ יתומים אונ אויף ארעמי לייט אונ אויף קראנקע לייט ווארום איר זאלט פֿאר שטיין וויא דעם ארעמאן איז ביטר וואס ער האט ניט מיט וואס זיין ווייב אונ קינדר צו דער קוויקן · דרום טוא איך אייך בעטן אז איר זאלט דאס טאן פֿון גאט ב"ה וועגן איר זאלט זעהן צו האבן גרויס השגחה ווארום איך שרה טוא האפֿן צו הש"י אויף איין גרויסי הצלחה אויך טוא איך בעטן דעם ליבען גאט ב"ה ער זאל גרויס השגחה געבן אויף מייני אלטע טעג מיט דעם וואס מיר טוען אויף אונזרי זינד גדיינקן זאל אונז הש"י דאס לעבן שיינקן :

איך טוא איך דער מאנען אן אלע זאכן ווען איך פֿלעג צוא קומן אין דער ליבר שול אן גיטאן אין (אבנים טובות) פֿלעג איך נאך שפעטן אונ צו לאכן טוא איך היינט דער מאנען אונ גדיינקן אז הש"י ב"ה טוט ניט שיינקן ווארום עס שטייט גישריבן (הקנר בזעם ומאריך אף) ער ווארט לאנג אונ נאלט ניט גיך היינט בין איך (נע ונד) גיקומן. מיין הארץ טוט אין מיר ברומן ווארום איך טוא גידיינקן אז הש"י וועט קיינם ניט שיינקן · דרום טוא איך זייער בעטן אז איר זאלט מייני רייד פֿאר נעמן אונ איר זאלט אייך צום הארצן נעמן ווען איר וועט אין דער ליבר שול קומען זאל אייך איין גרויסי דער שרעקניס אן קומן איר זאלט וויסן פֿאר וועמן איר זייט גיקומן אונ צו וועמן איר טוט בעטן · אונ ווער וועט אייך איין ענטפֿר געבן · אויך טוא איך אייך בעטן אז איר זאלט גרויס רחמנות האבן אויף (אלמנות אונ יתומים) אונ אויף אלטע אונ קראנקע לייט ווארום אז איר טוט פֿאסטן טוט אייך אייערי הערצר וויא · דרום זאלט איר גלויבן דיא ארמי לייט עס איז אים גינוג וויא ווען ער זעהט זיין ווייב אונ קינדר אונ האט זייא ניט מיט וואס צו דער קוויקן · דרום טוא איך אמה (שרה) אייך בעטן אז איר זאלט דאס פֿון ליבען גאט ב"ה וועגן טאן איר זאלט זעהן צוא האבן גרויס השגחה ווארום איך (שרה) טוא האפֿן מיט אלי אביונים אויף גאטס השגחה איך טוא דעם ליבען גאט בעטן אז ער זאל גרויס השגחה האבן אויף מייני אלטע טעג אז אונזערי קינדער זאלן ניט ווערן פֿון אונז פֿאר יאגט · אויך האב איך אייך דיא אנדערי נייאי שייני (תחנה) מסדר גיוועזן אז מיר זאלן פֿון אונזרי זינד אונ פֿון מלאך המות זיין גנעזן (ובזכות זה) זאל אונז גאט ב"ה שיינקן דאס לעבן :

אז

אז מען בענשט (ראש חודש) זאגט מען דאס

הבט לוג פון הימל דיין (עדה קדושה) שטייען אונ טוען תפלה זייערע הערצער זיינן צו בראכן זייא שטורמן אונ ברומן זיך זיי שווייגן ניט דרום העלף צו זייער גיבעט דיין חסד איז דאך גרויש ווען טון אונזרי זינד האבן אונז בדעקט אז איין וואלקן פר שפרייט זייא אונ שטארק דיין דער בארמונג אונ מאך מיט לוטרקייט דעם מדת הדין לויטר מיט דיא (שלש עשרה מדות) אונ מאך לייכטן איר גרויש ליכט אונ לאשט אן נעמן אונזער תפלה מיט דער תפלה פון אונזרי אבות דיא תפלה פון ערב ראש חודש זאל זיין איין קרוין צו (מלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא):

עורי דער וועקט אייך אבות פון די קברים אונ גייט לאזט כסא רחמים צו בעטן אויף דיא טאג וואס זיי לייזן צרות אונ זיי זיינן נעבך אילט פר שטוישן אונ זייכט ארעם. (קום) שטייא אויף אברהם פאר גאט אונ זאג פר אונזער פאטר וואס לעבט אייביג גידיינק אן (ברית בין הבתרים) אז איינע קינדר זאלן זיין אז ווילו שטערן אין הימל. ליבר גאט דר בארם זיך אויף דיא קינדער ישראל אונ ווען זייא האבן גיזינדיגט אונ זיינן שולדיג שריפה גידיינק וואס איך האב איך (מוסר נפש) גיוועזן אונ האב איך גילאזט ווארפן אין קאלך אויבן ווען דיין הייליגען נאמען אונ האב מקדש השם גיוועזן. (קום) שטייא אויף יצחק וואס איז גיוועזן גבונדן אויף דעם מזבח אונ בעט פאר גאט וויא לאנג נאך וועלן מיר זיין אין צרות: טוא אויך איין נקמה איבר דיין (בה"מק) וואס איז איבר גיענטפערט אין שלעכטי הענט זאלשט דיך אויף דעם (כסא הדין) אונ טוא איין נקמה אן זיי גידיינק וואס איך האב זאלן גשעכט ווערן אויף דעם (מזבח) לא: עס זיין איין זכות פאר אייני קינדר וואס זייענן שולדיג (הריגה). (קום) שטייא אויף יעקב אונ בעט פאר גאט אויף דייני שאף וואס זיפצן אונ קרעכצן פון ארימקייט אונ אין שפלות אונ זאג איך האב איך מוסר נפש גוועזן פון זייערט וועגן היינט האשטו זייא פר לאזן אויב זייא האבן גיזינדיגט אונ זיינן חייב צרות גידיינק ליבער גאט איין פיין אונ איין צרות אז איך בין גיגאנגן פון איין פאטרט הויז האט איך גיברענט בייא טאג דיא היץ אונ בייא נאכט די קעלט לאז דער פאר אויף העדן דיא צרות פון איינע קינדער: (קום) שטייא אויף (משה רבינו) אונ בעט גאט זייא קאנן ניט דער לייזן דיא שווערי ביטערע (צרות). איך בעט דיך וואראפטיגר נביא דוא בישט גיוועזן צו דיא ישראל איין אלין אין דער מדבר וויא זייא האבן גיזינדיגט האשטו ווידער גיקערט דער גרים צארן פון גאט זייא זאלן ניט פאר דארבן ווערן. דרום שטייא אויף אונ בעט פאר גאט ער זאל ניט פאר דארבן דיין פאלק וואס דוא האשט אויס גצויגן אויס (מצרים) מיט פיל וואונדר פאר דיא אויגן פון אלי פעלקר אונ פר אלי מצרים. גידיינק ליבר גאט דאש איך בין פאר זייא גלאפן אין דער מדבר עס זאלן זייא קיין פיינד שלאגן אונ זיי זאלן ניט פר לארן ווערן

אין זייער האנס דרוק דוא גאט אונז פון הימל אונ גדיינק אן דיין ווײן
שטאק וואס דייני הענט האבן גיפלאנצט · (קום) שויא אויף (מן
השמים) אונ טרייא ביז וויא לאנג וועלן זייא ליידן פיל צרות אונ פיל ווייטאג
ביז וויא לאנג וועטשו זיך ניט דער בארימען אויף זייא · דוא האשט צו בראכן
זיינע מויערן אונ זיינע פעסטי שטעט האשטו גילאזט אלע היידן רויבן
דוא האשט גימאכט פרייען דיא היידן אונ דיא שטולז גישטעלט צו דער ערד ·
ביז וויא לאנג וועט דער צארן ברענן וויא פייער · ביז וויא לאנג וועל איך
ליידן ווייטאג אונ קרענק אונ פיין · איך בין וויא איין שאף וואס מען
פירט צו שעכטן אזוא קאן איך ניט עפינען מיין מונד · דאש לייד איך אלז
פון ישראל וועגן אז זייא זאלן דיא זינד אפ קוויטן · אונ איך בעט דיך גאט
גדיינק דעם חסד פון דיין קנעכט · אונ זאלשט ניט ווידער קערן דאש
עלינטקייט פון דיר דוא זאלשט איס שטארקן מיט דיין נאמן · דוא זאלשט דער
הייבן זיין הערשאפט אונ זאל אנטפלעקט ווערן צוא דיין הייליגן פאלק
ישראל צו בשירמען פון זייערע פיל צרות אונ זאלשט זייא פון זייא אויס ליזן
אונ גאט זאל זיין צוא איין קיניג איבר דיא גאנצי וועלט וואס איז דען דאש לעבן
פון דעם מענטשן דען דער טויט איז אלז אין דיינער האנט · דוא מאכשט
לעבדיג אונ טויט אונ קיין גאט איז ניט פר האנדן אויף דער וועלט ניט פאר
דיר ניט נאך דיר · דוא ליבער גאט דוא דער הייכשט אונ דער נידערשט דעם
מענטשן אז ער גייט ניט אין רעכטן וועג · דו וואונדרשט אונ דוא היילשט · אונ
מיין בטחון איז נאר אויף דיר וואש דוא פירשט דיך אנטקעגן דעם מענטשן
מיט דרייצעהן מדות וואש זייא ווערן אן גירופן שלשה עשרה מדות :

יי יי אל רחום וחנון ארך אפים ורב חסד ואמת נוצר חסד לאלפים נושא
עון ופשע וחטאה ונקה : עזרנו אלהי ישענו על דבר כבוד שמך והצילנו
וכפר על חטאתינו למען שמך : ברוך יי לעולם אמן ואמן :

יהי רצון מלפניך יי אלהי ואלהי אבותי שתחדש עלינו את החודש הזה
לטובה ולברכה ותתן לנו) אונ דוא זאלשט געבן
צוא אונז (חיים ארוכים חיים של שלום חיים של טובה חיים של ברכה) מיט
זאלן פון גאט ב"ה גישפייזט ווערן (חיים של פרנסה טובה) מיט נחת אונ ניט
מיט צער · (חיים של חילוץ עצמות) אונזרי ביינר זאלן גישטארקט ווערן · (חיים
שיש בהם יראת שמים ויראת חטא) אונ אונזרי קינדר זאלן גלייבן אן גאט
ב"ה זייא זאלן גיין אין גאטס וועג (חיים שאין בהם בושה וכלימה) איך זאל
ניט קומן צו אין פאר שעמונג אונ זאל ניט פאר שעמט ווערן (בעולם הזה)
אונ ניט (בעולם הבא) פאר (בית דין של מעלה) · (חיים של עושר וכבוד) ·
מיר זאלן אונזערע קינדער מגדל זיין (לתורה לחופה ולמעשים טובים) וויא

דוד

דוד המלך ע"ה האט גיבעטן רבש"ע לאז מיך שטארבן װיא אײן מלכות און ניט װיא אײן אביון · (חיים שתהא בנו אהבת תורה ויראת שמים) מײני קינדר זאלן גלויבן אן גאט ב"ה װיא דיא קינדר פון יעקב אבינו ע"ה װארום אז יעקב אבינו ע"ה האט געװעלט שטארבן · האט ער געװאלט מגלה זײן דעם (קץ הגאולה) האט זיך דיא נבואה אפ געטאן פון אים האט ער זיך דער שראקן און זאגט צוא זײא אפשר חלילה איז אײן פסול אין מײן בעט װיא בײא מײני פאטרן כלומר אפשר איז צװישן מײנע קינדר אײן שלעכטר װיא זײן עלטער פאטר אברהם האט געהאט אײן שלעכטן זון ישמעאל און מײן פאטר יצחק האט געהאט אײן שלעכטן זון · האבן זײא געענטפערט (שמע ישראל יי אלהינו יי אחד) הער אונזר פאטר ישראל דער גאט װאס איז דײן גאט דער איז אונזר גאט און גאט ב"ה איז אײנר · אבר װאס האבן זײא אים גירופן ישראל ער האט דאך געהײסן יעקב נאר ער איז נאך גיגאנגן נאך דער תורה און מעשים טובים דרום האט ער געהײסן ישראל · דוא זאלסטו אונז געבן (תמלא משאלות לבנו לטובה אמן סלה) :

רבש"ע איך טוא (תפלה) צוא דיר גאט װיא (אסתר המלכה) האט (תפלה) גיטאן · הער פון דער גאנצער װעלט מיט דײן רעכטער האנט און לינקע האנט װאס דוא האסט באשאפן דיא גאנצע װעלט מיט דיא צװײא הענט זאלסטו אבר שפרײטן דײנע (חסדים) אויף מיר אויך איז אבר האנדן זעקס (חדרים) אין (גן עדן) װאס דרינן זײנען (נשים צדקניות כמה אלפים) װאס זײא האבן גאר קײן (צער) פון (גיהנם) ניט גליטן · דארטן איז (בתיה בת פרעה המלכה) דארטן איז דא אײן ארט אין (גן עדן) װיא אײן פירהאנג װאס איז אן גברײט אויף צוא מאכן װיא זיא זעהט דיא (צורה) פון (משה רבינו) אזו בוקט זיא זיך און זיא זאגט װיא װירדיג איז מײן (כח) און װיא טײער איז מײן קראפט אז איך האב אויס גיצויגן אזא אײן ליכט אויס דעם װאסר אײן ליב ליכט אויס גיצויגן · אזעלכי גשיכט אין טאג דרײא מאל זא אין דעם אנדערן (חדר) זײנן אויך (אלפי אלפים רבבות נשים) און (סרח בת אשר) איז אײן (מלכה) און אלע טאג רופט מען אויס דרײא מאל · דא קומט דיא צורה פון (יוסף הצדיק) אזוא בוקט זיא זיך קעגן אים און זאגט גלויבט איז מײן (כח) און װיא װירדיג איז מײן קראפט װאס איך האב (זוכה) גיװעזן צוא זאגן מײן הער (יעקב) דאס מײן פעטר (יוסף) לעבט · און אין דעם אויברשטן (חדר) לערינט ער (תורה) · אין דעם אנדרן (חדר) זאגן זײא (שירות ותשבחות) און לערנן (תורה) · און אין דעם דריטן (חדר) איז אונזער מוטער (יוכבד) דיא מוטער פון (משה רבינו) מיט פיל (נשים) און לויבן גאט (ברוך הוא) אלע טאג דרײא מאל און זאגן (שירת הים) מיט גרויש פרײד דארטן איז (מרים הנביאה והתוף בידה) דעם (פסוק) זאגט זיא אלײן און פיל הײליגע (מלאכים) דיא

מיט

מיט איר ליבן הש"י · אין פֿערטן חדר זיצט (דבורה הנביאה) מיט פֿיל
טויזנט ווייבר אונ זיא לויבן הש"י אונ זינגן שירה · אין דיא חדרים
וואס דיא (אמהות) זיינן דארטן קאן מאן ניט דער שרייבן עס קאן קיינר
אהין ניט קומען · נאך ליבע ווייבר ווען דיא נשמות בייא אננדער זיינן אין
(גן עדן) וואס פֿאר איין נחת איז דארטן · בכן בעט איך אייך איר זאלט
גאט (ב"ה) ליבן מיט גרויס כוונה אונ איר זאלט (תפֿלה) טאן ווען איר
זכה זיין דארטן צו זיין וואו אונזרי (אמהות) זיינן הער פֿון גאר דער וועלט
הער צו מיין גישרייא אונ ענטפֿער מיר אונ דער פֿרייא אונז דאש יאר מיר
זאלן שוין דער לייזט ווערן פֿון דיא צרות וואורום מיר זיינן אזו וויא איין
ערשטלינג טוט ברומען פֿון פיין · זיא (יתומים) אן איין פֿאטער וויא
זייגענדיקע קינדר אן איין מוטר · איך האב נוך לעבדיגן גאט ב"ה אז ער
ווערט אן נעמן מיין (בקשה) וויא ער נעמט אן אלי (בקשות) פֿון אלע
שווערי גימיט אונ צו ברחמנן הארצן · דער זכות פֿון (אברהם יצחק ויעקב)
אונ פֿון די יונגע וואש זיינן גישטארבן פֿר זייער צייט זיי זאלן פֿר אונז בעטן
דער בארמיגע (מלאכים) זאלן אויך פֿר אונז בעטן · ווען דוא ווערשט אונז
משפטן זאלשטו מיט רחמנות משפטן נים (חס ושלום) מיט רוגז אונ מיין
האפֿונג זאל ניט ווידר קערן פֿון פֿאר (אלהי צבאות) דוא זעהשט אויך אלי
קאמערן דוא פרובשט אלע קאמערן פֿון אלע גדאנקען אלי הערצר · איר
הימל עפֿינט אייערי פֿענצטער צו דיא דער בארמיגע מלאכים ברייגגן
מיין תפֿלה פֿר השם יתברך מיין דער בארמיגער מלאך ווערט גוויס פֿר מיר
זיין איין מליץ אונ ווערט מיר ברייגגן (חן וחסד) פֿר השם יתברך · דער חן
פֿון (יוסף הצדיק) אונ דער חן פֿון (אסתר המלכה) זאל מיר ווערן גגעבן
אין דעם טאג · וויא גוט איז דעם מענטשן וואש האט זיין בטחון אויף
הש"י וויל ער פֿר שטאט קיינם ניט דער זיך אן אים פֿר זיכרט :

רבונו של עולם הער פֿון דר גאנצר וועלט מיט דינר רעכטי האנט
אונ לינקע האנט וואש דו האשט די וועלט בשאפֿן
מיט דיא זעלביגע הענט זאלשטו פֿאר שפרייטן אויף אונז אונ זאלשט אונז
העלפֿן · דער גאט וואש האט מציל גיוועזן (אברהם) פֿון קאלך אובן דער
גאט (ברוך הוא) זאל אונז ניט לאז שיקן קיין בייז אן אונזערע קינדער פֿאר
אונזערי אויגן · דער גאט וואש האט מציל גיוועזן (יצחק) פֿון דער
(עקידה) דער (גאט ברוך הוא) זאל בעטן אונזערי קינדר מיט זייני ביידי
הענט · דער גאט וואש האט (מציל) גיוועזן (יעקב) פֿון (עשו ולבן) דער
(גאט ברוך הוא) זאל געבן מיר זאלן בענטשן אונזערי קינדר צו דער חופה
מיט אונזערי הענט · אין דעם טויער וואש דיא (שכינה) איז אהין גגאנגן
(לעתיד לבא) וועט זיא ווידער קערן אהין אונ דער (הר הזיתים) איז
קעגן דעם טויער אז מען ווערט שטיין אויף דעם בארג ווערט מען זעהן

דעם

דעם שויער גלייך וויא אין פסוק שטייט (ועמדו רגליו ביום ההוא על הר הזיתים · פין בעין יראו בשוב יי ציון דרך אתו השער) זייא וועלן שטיין זיינע פיס דעם זעלביגן טאג אויף דעם אייל בארג אונ וועלן זעהן מיט זייערי אויגן וויא גאט ב"ה ווערט ווידר קערן נאך (ציון) אונ זיא ווערט גרויש ווערן אונ (ירושלים) ווערט גיטרייסט ווערן אונ (משיח) ווערט קומען גיך אונ באלד אונ די (נסים) ווערט מען זעהן אונ הערן אונ מען ווערט אויש שרייען אין הימל גיך אויף (משיח) ער זאל זיך ריכטן ער ווערט גיקריינט ווערן מיט דער הייליגר קרוין ער זאל אויף שטיין · איך (טרה) זאל דער לעבן צו זעהן וויא די (אבות ואמהות) וועלן זיך פרייען ווען דיא ליבע צייט ווערט קומען דער הייליגר (זוהר) שרייבט די גאולה הייננט נאר אן תשובה אונ אן תפלה מיט טרעהרן וואש פון הארצן קומט · דרום בעט איך אייך איר זאלט תפלה טאן מיט גרויש כוונה אונ מיט (יראה) · ואמרו (תפלה בלא כוונה כגוף בלא נשמה) דרום בעט איך דעם ליבן גאט (ב"ה) אז מיין נשמה זאל קומען בלי שום מורא ופחד אויף דעם ארט וואו זיא איז גנומן גווארן פון אונטר דעם (כסא הכבוד) אונ אונזער דער לייזער זאל קומען (במהרה בימינו אמן סלה) :

ר"ה ויו"כ אז מען פאלט כורעים זאגט מען דאש

עלינו לשבח (אדון הכל) אויף אונז איז די שולד צו לויבן דיין הייליגן נאמן ביראה מיט פארכט אונ צו ווייננאונ צו בעטן דיין דר בארמהארציקייט · אויב איך בין שוין פול מיט עבירות (בעל הרחמים נקראת ודרך תשובה הורית) דוא ביסט דאך בארם הארציג · אונ האשט געלערנט דיא וועג פון (תשובה) · או וואו טוא איך (פלונית בת פלונית) פאר דיין גיאפפרטן נאמן קומען (אתפלל על נפשי) צוא בעטן אויף מיר אונ אויף מיין מאן אונ אויף מייני קינדר (בכריעה ובהשתחויה) אונ פאל אויף מיין פנים (ביראה ובמורא) צוא בעטן דיין הייליגן נאמן (מלך מלכי המלכים הקב"ה) דעם חסד וואש דוא האשט גיטאן מיר אונ מייני קינדר פון יוגנט אן ביז הייכט (אל מלא רחמים) לאז מיר ווייטר דיין גינאד ניט פאר לאזן מיט רחמים לאז איצונד זיין איין (עת רצון לפני כסא כבודך) אונ זאלשט אונז אונזרי עבירות פר געבן וויא דוא האשט פר זיכרט (משה רבינו) אין דיא הייליגע צייט (סלחתי כדברך) דוא זאלשט אונז מוחל זיין אונזרי עבירות וואש מיר זיינן זיך מתודה אונ זייא מקבל אונזערי תפלות כתפלות חנה וואש זיא האט גיזאגט (אשה קשת רוח אנכי) איין פרויא מיט בטריבטן גימיט בין איך (אל תביאני במשפט לפניך) זאיי מיך ניט דן מיט משפט (כי לא יצדק לפניך כל חי) ווייל קיין מענטש איז ניט ריין פון עבירות אונ ווען (חס ושלום) דער (מקטרג) ווערט זיין לאז איך גנימן דיין מדה פון (חסד) זאל קומען פר דיין (כסא רחמים) זאלשטו דיך מרחם זיין איבר אונז אבער ניט דורך (יסורים וחלים רעים) :

רבש"ע וויא צו ברעכס זיך מיר איין הארץ ווען איך גדיינק אז דער בהמ"ק איז גישטאנען און אז דער רוטר פאדם איז ווייס גיווארן אזו האבן די ישראל גיוואוסט אז זייער תפלה איז אן גינומן גיווארן · אבר היינט (בעונותינו הרבים) האבן מיר קיין בהמ"ק און קיין (כהן גדול) און קיין קרבן עס זאל אויף אונז מכפר זיין · האבן מיר קיין אנדרי (מנחה) ניערט אונזר תפלה · פאר נעם אונזר תפלה און גיב מיר און מיין מאן פטירות מיר זאלן קענן מפרנס זיין (לומדי תורה) און צדקה געבן (לענייס ולאביונים) און כשרים געבן אז ניט ח"ו אז מיר זאלן אונזרי פטירות אן ליגן צו גאווה טרייבן צו הערטן איבר ענייס · (פותח את ידיך) גאט ב"ה עפן דיין האנט און שפייז די גאנצי וועלט (אב הרחמים יהיו לרצון אמרי פי) מיין גיבעט זאל זיין בוויליגט פון איין צו ברעכן הארץ פאר דיר גלייך איך האב גיבראכט איין קרבן און ווען ח"ו איך האב וואס גיטאן (בינה הגיגי) פרוב איין צו ברעכן הארץ וועלכי עס איז בטריבט איין פיין און טרייען זאלן מעלין זיין פאר מיר און פר מיין מאן און פאר מייני קינדר · אויב איך בין ח"ו ניט ווערט אז איך זאל מתפלל זיין פאר מיר מכל שכן אויף מיין מאן און קינדר · אבר איך פאר זיכער איך אויף דיר דאס טוסט חסד לאפיק די גאנצי קער צו פיל טויזינט גיבירד צו פאר נעמן די תפלה פון (פלונית בת פלונית) אז מיינע טרעהרן זאלן ניט לער אפ לויפן דער מדת הדין זאל זיין גיאייניגט מיט מדת הרחמים אז עס זאל דאס יאר קומן דער גואל צדק און בויאן דאס (בהמ"ק) ווארום דענסטס מאל איז חרוב גיווארן וייל עס ווער גיבויט פון מענטשינס הענט אבר היינט וועט ער גיבויט ווערן דורך דיין האנט וועט עס זיין אייביג מיר זאלן זעהן אז דער כהן גדול זאל די עבודה טאן און אז איך (פלונית בת פלונית) מיט אלי (נשים צדקניות) זאלן דרינן מתפלל זיין : האשה שרה בת מוהר"ר מרדכי זצ"ל מק"ק סאטנוב :

אום יום כפור זאל מען דאש זאגן

רבונו של עולם היינט דעם טאג טוסטו מעסטן צו די גאנצי וועלט מיט דיין פיל גרעכטיקייט ליבר גאט היינט דעם טאג זאלסטו מיר ניט גדיינקן וואס איך האב ווידער גישפעניגט ליבר הער גאט אין דער צייט זאלסטו מיר די וואג שאל צו נייגן צו איין גנאד דו ביסט דער גאט וואס טוט נאך פארשטן די אומשולדיגי בלוט · ליבר גאט היינט דעם טאג זאל אין בוויליגונג צו מיר זיין אז איך זאל מיט איין תפלה מאכן דער מקטרג זאל שווייגן · ליבער גאט לאז מיין ליכט ח"ו ניט ווערן פאר לאשן פאר דער צייט אז וויא דאס האסט אן גישריבן דאס ווילסט פר געבן די זינד אין די טעג פון (עשרת ימי תשובה) דען אין דער צייט איז דיר ליב דאס טרייען און דאס פייניגן פון מענטשן וייל דאס ליבער גאט ווילסט

וואלסט טאן אין פֿר געבונג צו די זינד וואס איר האבן גיטאן · אונ אין דר צייט האטטו פֿיל דער בארמיקייט אויך איבר אונז · דרום טוען איר צו דיר בעטן איר זאלן ח"ו ניט ווערן אן גילייכינט מיט בייזן · דרום טוא ניט גידיינקן דיא זינד לאז אונז לעבן מיט פרייד אויף דער וועלט · דען דוא ביסט דער גאט דער דא פֿר גיבט דיא זינד פֿון מענטשן · ליבער גאט היינט דעם טאג זאלסטו איר ניט גידיינקן דיא ווילדיקייט דיא איך האב גיטאן אין מיין יוגינט · היינט דעם טאג ווען דוא וועסט משפט צוא מיר טאן זאל פֿון מיר פֿאר שטערט ווערן דיין גרים צארן · ליבר גאט דעם טאג זאלסטו פֿון מיר אן נעמן מיין בקענונג וואס איך טוא צוא דיר בעטן מיט וויינן אויף דעם זאלסטו צוא מיר טאן איין פֿאר געבונג ליבער הער גאט היינט דעם טאג זאל איך האבן אייטל פֿיר שפרעכר פֿר מיר צוא לעבן אונ גיזונד · ליבער גאט היינטס דעם טאג זאל איך ריין אויס גיין פֿון אלי מייני זינד וואס איך האב גיטאן · ליבער גאט היינט זאלסטו מיר עפֿינען דאס טויער פֿון דיא פֿאר געבונג אויך פֿון דר בארמיקייט היינט דעם טאג איז אן גברייט דיא פֿר געבונג צו דעם מענטשן · היינט איז אן גברייט דיא פֿר לייזונג צוא דעם מענטשן · היינט דעם טאג זאל קומן איין אויס לייזונג אויף דיא זינד וואס איך האב גיטאן · ליבר הער גאט היינט דעם טאג טוא איך פֿארשטן אונ טוא אויך בגערן דיין דער בארמיקייט :

רבונו של עולם היינט דעם טאג זאלסטו אן נעמן דאס בלוט אונ חלב וואס האט זיך גיטאן מינערן פֿון מיר אן שטאט דאס בלוט וואס מען האט גשפרייגט אויף דעם מזבח היינט דעם טאג זאלסטו פֿיל גרעכטיקייט צוא מיר טאן · היינט דעם טאג טוסטו פֿארשטן אלע הערצר פֿון די מענטשן היינט דעם טאג טוסטו (דין) צום מענטשן ליבער גאט אנפאנג מיין תפלה וואס איך טוא צו דיר :

רבש"ע היינט דעם טאג זאל איך גיפֿינן לייט זעליקייט אין דיינע אויגן דען היינט טוא איך קומן מיט מיין ביטערן הארצן אויף מיינע זינד דיא איך האב גיטאן אונ טוא דיך בעטן אום אין פֿר געבונג ליבר הער גאט היינט דעם טאג טוען מיר זיך אונזער לייבער פייניגן אין דיין ליבן כבוד וועגן ביז דעם אבינד ווייל דוא האסט אונז גיבאטן דרום זאל אויך מיין תפלה ח"ו פֿר דיר אויך ניט ווערן פֿר שלאסן ביז אין דעם אבינד :

רבש"ע היינט דעם טאג זאל מיין חשבון פֿאר דיר פֿר פֿול בריינגן אונ אלי מיינע רעכט פֿארטיגע מליצים זאלן מיך פֿאר דיר פֿאר ענטפֿרן אויף דיא זינד וואס איך האב גיטאן אין דעם יאר · שרייב מיך אין דעם (ספר החיים) מיט מיין מאן אונ מיט מיינע קינדער · היינט דעם טאג (יום כפור) זאל דער בייזר (גזר דין) פֿון מיר אונ פֿון מיין מאן אונ פֿון מייני קינדער צוא ריסן ווערן היינט דעם יום (כפור) זיינן מיר אין אנגשטן אונ אין איין גרויס פֿארכֿט ליבר גאט פֿאר צייטן האט

דער

דער (כהן גדול) פֿר טראגן אונזערי זינד וואס מיר האבן גיטאן · אבער
אויך דער צייט האבן מיר קיין (כהן גדול) ניט מער וואס מיר טוען ריידן
אים אונזערי לעבן · ליבר הער גאט טוא דאך צו אונז גידיינקן אז מיר זיינן
נאר פֿלייש אונ בלוט אונ נאר אזו וואס דער (יצר הרע) האט אונז איבער
גירעדט צו זאגן · דרום טוא איך בעטן דיין דער בארעמיקייט דען דוא ליבר
גאט וואס ווען דיר זיין גיהאלפֿן מיט איין בלוט (ח"ו) דרום טוא איך דיך
בעטן אז דוא זאלסט מיך ניט אפ זאגן פֿון דער וועלט פֿאר איין צייט אונ
לאז מיך לעבן צו האלטן אלי דייני מצות ווייל עס גיהער צוא זיין · איך טוא
הייגט דעם טאג טרויערן דאס זאל מיר זיין דאס גאנצי יאהר צו פֿריידן
אונ הייגט דעם טאג זאלסטו זאגן מיר ווייל דוא האסט אונז גיטאן אין דער
צייט אז (בלעק) האט גיוואלט פֿלוכן אונ עס איז דער פֿון גיווארן איין
בענטשונג אזוא גלייך זאלסטו צוא מיר הייגט דעם טאג זאגן דיין גרויט הייל
(אמן סלה) :

СЕДЕРЪ ТЕХИНОТЪ

т. е.

Порядокъ Молитвъ для Женщинъ.

Печатать позволяется.— Вильно. 1 Мая 1851 г.
Цен. Кол. Сов и Кав. А. Мухинъ.

ВИЛЬНО
въ Типографіи Р. М. Ромма.
1851.

תחנה קול בכיה

הובאה מארץ ישראל .

זיא איז גיוועזן גישריבן (בלשון הקודש) אזו האט זיא (מעתיק) געוועזן פון (לשון הקודש) אויף טייטש (האשה הצנועה יראת יי' מרת הענה בת הרבני מוהר"ר יהודה ז"ל א"ה אשת הרבני החכם השלם מוהר"ר אריה ליב שפירא מק"ק ברא"ד) :

דיא תחנה איז גימאכט גיווארן צו זאגן גאנץ חודש אלול צו דער ווען דיא הערליך תשובה צו טאן אונ צו לייטרן דיא (מחשבות) ובפרט צו זאגן דאש אום יום כפור :

רבונו של עולם אין דיינע הייליגע ספרים שטייט דאז האשט גיגעבן דעם (חודש אלול) אז מיר זאלן פאר ריכטן וואש מיר האבין איין גאנץ יאר גיזינדיגט דאז האשט (משה רבינו ע"ה) אין הימל ארויף גינומן אונ האשט איהן גיהאלטן ביז (יום כפור) אונ האשט אים מודיע גיוועזן אז דיא פערציג טאג איז איין צייט ווען זאל אונזרע זינד פאר געבן זיא וואש תשובה טואן אין דיא צייט דרום שטייא איך צו דער מחילה ווען דעם (יצר הרע) אונ איך בין היינט גיגאנגן צו איין מענש וואש פיל שולדיג איז אונ ווען נעמט אים צו (בית דין) אזו גיט אים דאש (בית דין) צייט דרייסיג טאג ער זאל זיך העלפן אונ זאל צאלן : דרום ליבר פאטער איך ווייש ווען איך העט מיך גשטעלט פאר איין (בשר ודם) וויא העט מיינע לידר גיליטערם אז העט ניט גיקאנט מיין מויל עפין אונ מיינע אויגן אויף הייבן נאך שאן וויא איז טון ווען איך וועל קומן פאר דעם (יום הדין) אונ אין המלכה פאר דעם (מלך מלכי המלכים הקב"ה) דאז דארפשט קיין עדות ניט אויז צו הערן פאר דיין משפט דאז ווייסט אלע פאר האלט זאכן מיינע בשטע מעשים אונ מיינע בייזע מעשים וואש איך האב גיטאן איין גאנץ יאר וויא זעם קומן אויף מיר איין גרויש דער שרעקניש ווען דאז לעבן גר אט ומעשים ווען אש נעמן פון מיר (דין וחשבון) פון מיין נשמה אונ פון מיין געלט אוב איך בין מיר רעכט בנאכגן דער מיט וואש קאן איך דיר מנטפרן זיא וועל איך אויף הייבן מיין פנים פאר דיר ווען איך וועל מיך שטעלן פאר

אזא

אזוא איין (מלך מלכי המלכים) מיט איין גירעכטי קליידר וואש איך האב ...
גריכט מיין כוונה מיט מיינע גידר זוא וויא אין מיר אונ מיין כוונה וו...
וועל איך טאן מיט וואש קאן איך איבער בעטן ווען איך האב אזוא ...
(מעשים רעים) גיטאן מיט מיינע גלידער . דרום טוען מיר ד...
אויגן ניט אויש טריקנען אונ לאז טראכטן איין רפואה לאז מיינע מכות
זאל איך דען ווארטן ביז נאך דעם יום הדין . דען דער סדר איז ווען ...
הער גייט אין איין מלחמה אריין דא מאן פאר אים פיל חיילות זיין ד...
הער זאל ניט גיין צום ערשטן אז ער זאל חלילה ניט בגעגנין זיינע פיי...
אונ זאלן אים ניט אום ברייגגן ; אזוא אזוא איך אויך זעהן איך זאל ...
האבן לאז דיר ווידער קערן אונ פיל גוטע מלאכים זאלן קומען ...
אנטקעגן לאז גיין פאר דיין הייליגן משפט . נאך דעם יום הדין . אונ ...
צום ערשטן פאר דיר מתודה זיין מיין ביטרע זינד אין דעם (חודש אל...
וויא אין דיין תורה שטייט ווען דער מענטש איז זיך מתודה אזוא בישט ...
דיך מרחם זאל איז מען פטור פון דיא שווערע דינים . דרום וו...
איך בקענן מיינע זינד אין דעם (חודש אלול) אז דער שטן אונ יצר הר...
זאל ניט קענן אויף מיר מקטרג זיין , ווען דו ווערשט דיך זעצן אויף ד...
כסא דין אונ דיא מלאכים וועלן זיך שטעלן אויף ביידע זייטן אונ איך ז...
אליין מיינע זינד פאר דיר . גאט מיין גאט אונ גאט . איבער אלע הס...
דוא האשט דעם מענטשן בשאפן מיט גרויש גינאד . אונ בגערשט נ...
דעם מענטשן צו טייטן בייערט ער זאל תשובה טאן אונ זאל אויף ...
מקבל זיין דיא תשובה דען דוא פאר שטאששט ניט דאש גיבעט ...
דעם ארום מאן פאר בארגשט ניט דיין פנים פון אים . ווען ער נאך ד...
טרייט ענטפערשטו אים . דרום זאל זיין דר ווילן פר דיר גאט ה...
זאלשט דיך דער בארמן אויף דיין בטשעפניש דוא בישט גאט נאך פ...
געבן מיט פיל גינאד נאך דיא וואש דיך אן רופן מיט גאנצן הארצן ...
ענטפער מיר היינט אין דר גוטער צייט אונ מיין בלוט וואש ווערט גמינערט ...
אין מיין פאסטן זאל ווערן גירעכנט וויא איין קרבן אויף דעם מז...
וואש מען שפרייגט דאש בלוט נאך פאר דיר . אונ זאל פאר ריכטן וו...
איך האב פאר דארבן מיט מיינע שווערע זינד אונ האב גיפעלשט אן ד...
הייליגן נאמן אונ האב נאך בראכן מיט מיינע זינד אלע דיא רייכן וו...
דער דורך גייט דיא (שפע ברכה) אויף דיין הייליגן פאלג . ...
האב פיל גוטן פאר מיטן פון דיין הייליגן פאלג מיט מיינע זינד וויא ...
איך

יך וועל חלילה פאר ברענט ווערן פון דיין גרוסע פייער ! *איך בין דאך
ין בשעפעניש דרום אלמעכטיגער גאט דער בארעמט דיך איבער מיר גיב
ט אז אויך מיר דיין לאהרן זאלסט מיר ניט לאזן נאך מיין פאר דינסט
יך קער דיך נאר מיר מיט דיין דער בארימוקייט אונ נאר מיין גיבעט
וואלסטו קערן דיין הארץ אונ דיינע אויערן צו נעמן מיין (תפלה
תשובה) אך האב אזוי פיל עבירה געטאן מיט מיינע זינד וואס איך קאן
ט פאר ריכטן וואס מיין כח ניט אויס טראגט , נאר דוא הייליגער גאט
וא ווייסט איך העט גערן גיטאן וואס מעגליך איז דוא ווייסט דאך אלע
דאנקן איך האב (ח"ו) ניט גיטאן דיך צו דער לערן נייערט איך
ן איין (בשר ודם) איין זינדיגער בין איך גיבארן . און דיין
הייליגר תורה שטייט ווען איינער האט אין זינען צו טאן אונ קאן ניט
אן איז גלייך אז ער האט גיטאן : דרום ליבער הער גאט לאז דיך
ובטן גלייך אז איך האב פאר ריכט וואס איך האב עבירה געטאן מיט
יינע זינד דוא ווייסט דאך וואול אז אונזרע חכמה פאר טראגט ניט
זא וויט אז מיר זאלן קענן פאר ריכטן וואס מיר האבן גיטאן ,
יי איז מיין כוונה . וואס דוא האסט גיבאטן האב איך צו בראכן
אונ קאן ניט פאר ריכטן . דרום רבש"ע זעה וויא מיין הארץ איז פאר
וקט גיווארן פון זיין אורס פאר גרויס פארכט אונ ציטרניש וואס לויך מיר
איז גיקומן פון פארכט דיין משפט אונ דיין גרויס אכזרקייט אז איך האבן
זינדיגט פאר דיר ווען איך דער מאן זיך און דיא זינד פון יוגנט אונ האב
איך פאר פירט מיט מיינע זינד מער אז מיינע האר . פון קאפ אונ היינט
האב איך מיר דער מאנט אונ רייס אויך מיר מיין פלייש אז מיין כוונה זאל
יך ניט פאר שטערן (יום הדין) פאר דיין (כסא הכבוד) ווען דוא זעלסט
ריך משפטן אלע בשעפניש . דרום ליבער גאט ענטפער מיר היינט איך
ין איין גרויסי צרה איך וויס אלע מיינע זינד זייא זיין מיר שוין איבער
זיין קאפ , איך בין שוין אין טיפן וואסער עס גייט מיר שוין אריבער אונ איז
מיר גאר שווער צו דער טראגן אונ דא קומען דיא טעג אז אלע דיינע בשעפניש
זאלן אפ געבן (דין וחשבון) אונ איך אויך פון אלע מיינע זינד פאר דיר אונ
מלאכים שטייען אויף ביידע זייטן אונ אלע ספרים ווערן גיעפינט (ספרי
חיים וספרי מתים (אונ אלע מיינע זינד זיין מיט מיין אייגנר האנט אן
שריבן אטש וועל איך קענן ענטפרן אונ וואו וועל איך קענן בלייבן פאר דיר :
דרום בעט איך דיך (רבש"ע) מיט איין נאך ברעכן הארץ דוא זאלסט מיך
אונטר

אונטר לעהן מיט דיין רעכטי האנט מאכט זייגן דיין אויגן צו מיר ווען איך
בין זיך מתודה אויף מיינע זינד פאר דיר ליבר גאט · אונ טרייא אן דעם שטן
ער זאל אויף מיר ניט מקטרג זיין : פאר דיר איין האב איך גיזינדיגט · אלזו
וויל איך מודה און מתודה זיין פאר דיר וואס איך גדינק דאס ערשטי איך האב
גיגעסן מאכלים וואס זיינען אסור צו עסן מיט דעם האב איך גרוסע פלעקן
גימאכט אין מיין נשמה איך האב מיך ניט גיוואשן איבער דעם איז גיווארן
גיווארן דיא טפה און ברכה פון דיין פאלק איך האב חמץ אום פסח ניט גהיט
איך בין ניט (טהר) גוועזן דרום דארף מיין נשמה (ח"ו) מגולגל ווערן · איך האב ניט
רעכט גהיט מייני מצות וויא רעכט איז איך האב גיפעלט מיין ספירה צו ציילן
איך האב ניט בכוונה גיטאן מיין קריאת שמע והתפלה איך האב ניט ערנשט
צוגיבעטנשט און אויך ניט צו גיהערט שופר בלאזן איך האב גיגזלת פרעמדע
געלט איך האב גרויס גאוה גטריבן איבער דעם דארף מיין נשמה מגולגל ווערן
אין איין בין איך האב גירעט לשון הרע איבער דעם דארף מיין נשמות קומען
אין איין הונט ווייא גישריען איך האב פרעמדע מאנן אין זין גיהאט ווען איך
איך צו מיין מאן בהעפט האב איז גלייך אז איך העט (אשת איש) גיווארן איך
האב פאר שעמט גוטע לייט איז גלייך אז איך העט זיא גיהרגת זייער דם
איז איין גיפאלן איבר דעם דארף מיין נשמה מגולגל ווערן אין איין שטראם
וואסר · איך האב מחלל שבת גיוועזן איז גלייך ווען איך העט (שקר עדות חס
ושלום) גיזאגט אויף גאט · איך האב גרויס כעס גיבראכט איז גלייך ווען איך
האב ח"ו ע"ז גדינט · און האב אויס לייטן גישפעט דארף מיין נשמה מגולגל ווערן
אין איין תייר · איך בין גיגאנגן אין שטעטן איבר דעם האט מיין תפלה ניט
גיקאנט ארויף קומען · איך האב פאלש גישווארן איך האב איין נדר גיטאן
און האב ניט גיהאלט, אונ איבער דעם שטארבן קליינע קינדר · איך האב מיר
תעניתים אן גיטאן אום דער וואכן אז וויא אום שבת און האב גיטאן פיל
מלאכות אום (יום טוב) און אום (חול המועד) איבער דעם האט מען קיין
(עולם הבא) ניט · איך האב ניט ערך גיהאלטן פאטר און מוטער אונ האב
זייער כבוד ניט גישונט איך האב צו גמאכט מיינע הענט פון צדקה צו געבן
איבער דעם דארף איך אריין קומען אין איין רחב וואו זיא איז איין חזיר אויף
אירע קינדר איך האב גיטרונקן ווין וואס ניט כשר איז דארף דיא נשמה מגולגל
ווערן אין איין בהמה · איך האב גיגעסן פלייש וואס ניט מיט איין כשר מעסר
איז גישעכט גוואָרן איבר דעם קומט מיר אז די נשמה דארף מגולגל ווערן אין

בלעטר פון איין בוים. אך האב תקיעות כך גיגעבן און האב עובר גיוועזן
האב איך בטאפן פיל מאחיתים אויף מיינע פינגר ווען איך האב טון אזו
פיל עבירות בין איך זיך מתודה פאר זייא דעטס גלייכן פיל זינד זייכען וואס
איך קען ניט גידיינקן עס זאל זיין דער ווילן פאר דיר רבש"ע גלייך איך האב
אויף אלז זיך מתודה גיוועזן פאר דיר ליבער גאט דוא ביסט גירעכט און דיין
משפט איז גירעכט אונ ווען איך האב יוא גיזינדיגט מיט אייניע פון דיא זאכן
אדער מיט אלע חלילה זאל מיין תשובה אונ ווידוי אן גינומען ווערן מיט מיינע
טרערן זאלן אלע דיא עבירות אויס גימעקט ווערן און זאלסט ווארפן אין טיפענש
דאס ים. איך האב גרויס חרטה דרויף און אז מיין לייט ווען קריגן זאל דיא
נשמה קומען אויף איר ארט פון וואנן זיא איז גקומען צום ערשטן עס זאל זיין
דער ווילן צו פאר דיר דאס ריידן פון מיין מויל אונ דיא גידאנקען פון מיין
הארצן דוא ביסט מיין בשעפר אונ מיין דער לייזר אמן סלה :

רבש"ע דוא ביסט בעל הרחמים אונ הייסט אל רחום וחנון ארך אפים.
איך קום פאר דיר מיט מיין הייך און מיין קאפ איז איין גבויגן
אונ מיט איין נאך ברחכן הארצן אונ מיט גרויס פארכט מיט גרויס דער
טרעקניש אונ ציטערניש אונ בעט סליחה ומחילה אונ כפרה אויף מיינע זינד
וואס איך האב גטאן איין גאנץ יאר. עס זייא גערן אדער אום גערן איך
ווייס אז מען טוט דיך בעטן מוזן דיא גוטע מעשים פאר דיר מליצים זיין אדער
דעם מענטש צדקה וואס ער האט גיטאן איך ווייס איך האב קיין צדקה אונ
קיין גימאד און קיין רעכטע פארטיקייט און קיין תשובה און קיין גמילות חסד
גיטאן נאר איך האב מיין האפנונג אז אין דער צייט ווערן גיעפינט דיינע
טייערן פון אייטל רחמים אונ האסט אונז גיגעבן דעם טאג יום כפור צו
פאר געבן אונזרי זינד אונ האסט אונז דעם טאג פאר באטן פינף זאכן מיר
טארן ניט עסן אונ טרינקען דאס דריטע ניט וואשן און ניט שמירן אים איל
אונ דאס פירטע מיר טארן ניט גיין אין שיך דאס פינפטע מיר מוזן זיך
אפ שיידן פון אונזרע מאנן דיא פינף זאכן זאלן איין כפרה זיין אויף אלערלי
זינד וואס מיר האבן איין גאנץ יאר גיטאן מיר האבן גגעסן אונ גטרונקן
ועלכי זאכן וואס אונז איז אסור גוועזן אונ דורך דעם תענית וואס פייער
קומט אריין אין גוף פון דעם פייער זאל אונזרע נשמות גלייטרט ווערן אונ
דאס פייניגן באסטן זאל מכפר זיין וואס מיר האבן איין גאנץ יאר גטאן וואס
מיר

מיר האבן פאר שטערט מיט אונזרי עבירות דיא שפע אונ ברכה דאש ניט גיקאנט אראפ קומען אונ דאש פייגן ואש מיר אן שיך שטייען זאל מכפר זיין וואש מיר זיינן גלאפן מיט אונזרע פיס נאך אלעם בייז : אונ מיר האבן גיטאן זעלבש זאכין וואש מיר זיינען ווערט גוועזן מיר זאלן זיין אין חרם אונ ווער אין חרם איז מוז ער אן שיך גיין, אונ דאש פייגן איז מיר מוזן זיך אפ שיידן פון אונזרי מאן זאל מכפר זיין וואש מיר האבן זיך ניט רעכט נוהג גוועזן אויך אונזרע בעטן דורך דעם איז בעונ"ה דיא גלות פאר לייגרט דרום ליבער גאט דער וועק דיין דער בארם הערציקייט אונ ברייג אונז מיט גרויש פרייד דאש יאר אין אונזרע הייליגן לאנד אונ אונזר קלאג זאל אונז פאר קערן זיך נאך פרייד אונ שמחה אמן סלה :

רבש"ע הער הער מיך נעם פאר דיר מיין גאט ברחמים הארץ איך קאן ניט אלן ארויש ריידן אבער ה' גאט פאר שטייסט אלן דאש ווייסט ואול מיין שוואר גימיט נעם פאר דיר מייני טרערן אונ זעה וויא מיין הארץ וויינט · פר שטאפ די מייליער פון אונזרי מקטריגים לאז מיך ניט מבוזה ווערן בפרט אויך מיין פעטר אונ זייא מקבל מיין תפלה אונ שטעל מיר מליצי יושר איך בעט דיך טוא מיט מיר וויא דוא האשט גיטאן מיט מנשה מלך יהודה דוא האשט גמאכט איין לאך אונטער דיין כסא כבוד אונ האשט זיין תפלה (מקבל) גוועזן אזו בעט איך דיך אויך בוויז מיט מיר דיין (חסד) וויא דיין מנהג איז, דוא דער בארימשט זיך איבער אלע בשעפנש זוויז מיר אויך דיין גרויש דער בארימקייט אונ זייא מקבל מיין תפלה אונ לאז אונז ניט פאר שעמט ווערן אונ גיב מיר מיין פרנסה בכבוד אונ ניט בלער אונ זאל ניט בדארפן (כל ימי לידי מתנת בשר ודם) אונ אויך ניט מיער הלואה נייערש פון דיין מילדי האנט פון היינט אן ביז טאג פאר מיין טוט איך זאל האבן מיין שפייז אונ דער נערונג (כל ימי חיי) וויא דיא טויב האט גבעטן ליבר גאט גיב מיר ליבער איין ביטרע בלאט פון דיינער האנט דיא מילדי וויא דיא גיסי בלעטר פון לייט אזו זאלשטו אויך (אל רחום) מיר געבן פון דיינר האנד דיא דער בארמיגע אונ ניט פון איין (בשר ודם) ליבער פאטר גיב מיר אין מיין זינן אז איך זאל דיר קאנן דינן (בלב שלם) אונ גיב מיר אין מויל וויא איך זאל ריידן אונ בעטן אז איך זאל דיך קענן בוויליגן מיט מיין תפלה אונ מייני הייסי טרערן אונ ווארום בין איך גקומען נאך בקענן מייני זינד פאר דיין הייליגן נאמן אז איך האב גזינדיגט אונ גישולדיגט זאל איך דיך מפייס זיין מיט (תפלה)

אונ

אונ (תחנונים) דאָ קום איך איינונד אונ אויך פֿאָן נאָך געבעט צו פֿר דיר ווי איין קנעכֿט פֿר זיין הערן אונ ווי איין דינסט נייד פֿר איר ווערטן אזו טוא איך אויך הייבן מייני אויגן צו דיר · אונ טוא שטארק וויינן אונ טרייאן צו דיר פֿאָטר נייגר אזו וויינט זיין הערץ אין מיר אונ מיין אטום קלאפט אין מיר פֿר נורא אורום איך ווייס איך האָב גיזינדיגט אזו בעט איך דיך פֿאָטר דר בארמיגר זיי דיך (מרחם) איבר מיר זיי איר מוחל אן דעם (יום הדין) אונ טרייב מיך אן (לחיים טובים ולשלום אמן) :

רבונו של עולם ווימ זאג נאך ווילסט דיך ניט דער בארמן איבר דיין פֿאלג דו האסט אונז צו גזאגט צו ברייגגן אין היליגן לאנד ווי דוא ביסט אמת אזו איז דיין דבור אמת נייארט מיר בעטן דיך אז עט זאל באלד זיין אונ זאלסט אונז אן טרייבן אין דעם ספר החיים צו דעם (יום הדין) אונ צוא אלים גוטן אונ אויס צו לייזן אז דייני קינדר זאלן ניט זיין פֿר טריבן פֿון זייער פֿאטירט טיש אונזר פֿאטר אונ אונזר קיניג ווען מיר האבן גזינדיגט אין דער מדבר איז משה ע"ה גישטאנן פֿר דיר אונ האט תפֿלה גיטאן פֿר אונז אונ האט גזאגט פֿר דיר (רבש"ע) פֿאר גיב דיין פֿאלג (ישראל) דו האסט דיך מיט זייא בריינט אונ האסט גזאגט (בני בכורי ישראל) האסטו זיין תפֿלה מקבל גיוועזן אונ האסט גיזאגט (סלחתי כדבריך) אונ הייגט האבן מיר קיינם ניט זאל פֿאר אונז בעטן נאר מיט דעם כח פֿון אונזר מויל ווימ איין ווערמייל וואס זיין כח איז נאר מיט דעם מויל אונ די ברכה פֿון (הקול קול יעקב) אזו בעט איך דיך אויך אין מיין תפֿלה זיי מיר מוחל מייני חטאים איך בעט דיך ליבר גאט האב ניט פֿאר איבל אז איך אזוא פֿיל פֿאר דיר רייד איך ווייס אז דיין מדה איז מייטל (רחמים) אזו מיין איך דוא ווערט מיין (תשובה מקבל) זיין אונ מיין ביטר הארץ פֿאר דיר נעמן הייגט אום (יום הדין) דו ביסט (בוחן לבבות) אזו בעט איך דיר ליבר גאט לאז מיך ניט פֿאלן אויף מיין עלטר ווען מיין כח מיר אנטגייט אז איך האב קיין כח אפֿילו רעכֿט תשובה צו טאן מיט מיין גאנגן הארצן וואס איך האב ביז אהער גטאן זייא מיר מוחל אונ היט מיך ווייטר פֿון זינד ווימ עט שטייט בגמרא (הבא לטהר מסייעין אותו) ליבר גאט לאזן מייגע יודשע פֿיינט ניט דער פֿרייאט ווערן אויף איר ווימ (דוד המלך ע"ה) האט גבעטן שטאפ צו די מיילר פֿון מייגע יודשע פֿיינט זייא זאלן מיר קיין בייז קאנן טאן · אונ

אונ די (מלאכי רחמים) זאלן בריינגן מיין תפלה פאר דיר אונ דאס ליבער גאט
זאלסט דיך דער בארמן אונ זאלסט מיך גירעכט מאכן (ליום הדין) אונ מיין
דין זאל אויס גיין רעכט מיט (חסד אונ רחמים) · אונ ניט מיט רוגז :

רבש״ע דאס זאלסטו מיר טאן וויא אין פסוק שטייט איי איך וועל דיך רופין
זאלסטו מיר ענטפערן איי איך וועל ריידן זאלסט אויך דער הערן
אונ זאלסט מיך ניט פאר לאזן וויא דאס מיך ביז אהער האסט ניט פאר
לאזן אמן כן יהי רצון :

СЕДЕРЪ ТЕХИНОТЪ

т. е.

Порядокъ Молитвъ для Женщинъ.

Печатать позволяется.—Вильно 31 Декабря 1843 года

Ценсоръ Коллежскій Совѣтникъ и Кавалеръ

Иванъ Вашкевичъ

ВИЛЬНО

Въ Типографіи М. Ромма и З. Типографа.

1844

תחנה תפלה לעני

דאש בווערונג זאל דער מענש האבן מיט דעם יצר הרע פר זיין תפלה זו וועט ער פון אים אוועק גיין און וועט ניט קענן מבלבל זיין די תפלה אונ זיין תפלה וועט אן גינומן ווערן פון השם יתברך הוא וברוך שמו :

מהלך יצרי דוא יצר הרע וואס טוסטו מיך אן ריידין אייביג נאך יאגן אז איין גרויסר פֿיינד רעדסט איין הארץ אן צו אלע עבירות אונ אבר רעדסט מיך ביז דוא פֿאנגסט מיך אין דיין נעץ וואס דוא שטעלסט אויף גלייך אז מען פֿאנגט איין פֿויגל אין דר נעץ אונ זעהסט אז פעולות צו טון איך זאל מורד זיין אן גאט איין הער וואס האט מיך בשאפֿן אונ טוט מיר גרוש חסד וואס עס איז ניט אויס צו דער ציילן אונ טוסט מיר איין רייצן עס זעהט קיינר ניט מיין בייזי מעשים אזו לאנג רעדסטו מיך אן צו אלים בייזן גיב נאך מיין בייזן ווילן אלי זייני גלוסטקייט צו אלים בייזן אונ דיין עצות רעות נאך אונ פֿירסט מיך גלייך וויא מען פֿירט איין שאף צום שעכטן אונ דר נאך קומט דש אז צום משפט דא שטעלסטו דיך אנידר פֿר גאט (ב"ה) אונ רעדסט טענות מיט מיר אויף איטליכר עבירה וואס איך האב געטאן אונ מלאכי חבלה וואס זיינן בשאפֿן גיווארן אויס מיינע עבירות דו ברענגסט זיא צו עדות אונ שטייען מיר אין פנים אריין אונ שפרעכן צו מיר אויף דעם אורט אונ אין דר צייט האסטו די עבירה געטאן אונ טוען מיר גרושי ענויים ויסורים אויף איטליכר עבירה בזונדר אונ שרייען צו (הש"י רבונו של עולם) טוא אונז משפט אויף דעם רשע וואס ער האט אונז בשאפֿן דורך זיינע עבירות אויף דר וועלט :

מה מתוק וויא זיס אונ גוט מאכסטו מיר די עבירה אויף דר וועלט אונ וויא ביטר מאכסטו זיא אויף יענר וועלט מיט עדות וואס דוא זאגסט אויף מיר פֿר גאט אויף דער וועלט רעדסטו מיך אן צו בייזן אונ פֿר גאט בישטו אויף מיר מסטין אונ בקומסט רשות אויף מיר אונ קומסט ארמס אונ נעמסט זיך מיין נשמה ארויש אונ צו זיין אין שאול תחתית עיא וואול איך ווייש אז אלי דיין עצות איז מיר ניט גוט דאך מיט דיין שמייכלדיגי רייד אבר רעדסטו מיך אבר דש זאלסטו וויסן ווען דוא רעדסט מיך יוא אן צו בייזן אבר פֿון מיין הייליגן גלובן וועסטו מיך ניט קענן אפ ריידן דען איך גלייב אן דעם איינציגן גאט ברוך הוא וואס עס איז איין אנדרר ניט פֿר האנדן אונ מען קאן צו אים ניט גלייכן קיין גלייכנש צו אים אליין טוא איך מתפלל זיין דען ער ווייסט מיין פֿר בארגנש ער איז דר בשעפֿר פֿון אלי וועלטן אונ איך האף צו אים ער וועט שיקן זיין משיח אונ האף צו תחית המתים אונ ער וועט מיר לאזן נאך מיינה מעשים נאך אז (דוד המלך ע"ה) האט גזאגט (ולך יי החסד כי אתה תשלם לאיש כמעשהו) צו דיר גאט איז דיא גנאד ווארום דוא צאלסט דעם מענטשן נאך זיינה מעשים נאך ניט אז איין מענש ווען ער זיך נוקם איז אן אנדרן וואס ער אים דער ווידר געטאן האט אזו מאכט ער אבר אים מיט פֿיל קנסים מיין וויא ער האט אים דר ווידר געטאן אבר גאט שטראפֿט דעם מענטשן נאך זיינה מעשים נאך :

אויך ליבר גאט הער מיין גבעט אז דוא האסט געהערט דאס גבעט פֿון אביגיל דאס האט געוואלט (דוד המלך) אום ברענגן זיא מיט איר הויז געזינד האסטו דער הערט איר גבעט אונ האסט איר געגעבן חן וחסד אין זייני אויגן אזוא זאלסטו אויך הערן מיין גבעט אונ זאלסט מיך בהיטן פֿר אלי בייזי מקטריגים זיא זאלן מעכן

גוטי מלאכים אונ אויך דיא שונאים זאלן ווערן גוטי פריינט אויף ליבר גאט אז דוא האשט געהערט דאש געבעט פון אשת חבר הקני דאש זיא האט געבעטן פר דיר אז דו זאלשט איר העלפן ביי צו קומן דעם רשע סיסרא ווען ער איז געקומן אויף ישראל האשטו געהערט איר געבעט אונ האשט איר אום גיבראכט אונ האשט איין גרויסי הילף צו דיא ישראל גיטאן אזוא זאלשטו אויך אונז העלפן אונ נאר קיין בייז צו טאן ליבר גאט הער מיין גיבעט אז דוא האשט געהערט דאש גיבעט פון אסתר המלכה אונ האשט איר גיגעבן חן וחסד אין אויגן אירי זעהר אונ אין אחשורוש אויגן אונ האשט דורך איר זכות אונ זכות פון מרדכי איין גרויש נס געוויזן דאש די ישראל זיינן ניצול געווארן אונ זאלשט אונז געבן חן אונ חסד בעיני המלך והשרים אונ זאלשט אונז מציל זיין פון גזירות רעות אונ זאל זוכה זיין פטור ווערן פון די וועלט מיט איין גוטה עלטר דוס זאלשט געבן מיין חלק אין דאש אייביג לעבן מיט דעם פיל גוטן וואש פר בארגן איז צו דיא צדיקים לעתיד לבא אונ זאל תחיית המתים מיט אנדרי צדיקים אונ צדקניות אויף שטין אונ זאלשט געבן מיין נשמה זאל רואן אין ג"ע מיט די נשמות שרה רבקה רחל לאה אונ איך זאל דר לעבן צו זעהן דעם גואל צדק ב"ב אמן :

רבש"ע דוא גאט מיין גאט אונ גאט פון מיין עלטרן איך שטייא פאר דיר ארמי פרוי מיט איין גבראכן קאפ מיט איין צו בראכין הארץ דען מיין לעבן איז אין דיינר האנט אונ מיין טויט איז אויך אין דיינר האנט איך שטייא פר דיר לויטר ציטרנש איך בגער פון דיר אז דוא זאלשט מיר מוחל זיין מייני זינד וואש איך האב געזינדיגט אונ גמויסטייט אונ געשולדיגט פון דעם טאג מיין געבארן ביז היינטיגן טאג אזו אויב איך האב געזינדיגט פון דיא דרייא מצות וואש דוא האשט אונז ווייבר געבאטן (חלה נדה הדלקת הנר) בעט איך דיר זאלשט מיר דאש היינט ניט גדענקן אונ ניט אויסה האבן כרת די יאר אפ צו שניידן נייערט איך בעט דיך זאלשט מיך לאזן לעבן ביז איך וועל מצות מקיים זיין וואש אין דר תורה שטייט ווען מיין צייט וועט קומן צו שטארבן זאל די מיתה זיין איין כפרה אויף מייני זינד מיין נשמה זאל אויש גיין וויא מען ציעט איין האר אויש דער מילך ווען איך האב שון דאש ניט פר דינט ביי דיין ליבן נאמן בעט איך דיך אום מתנת חנם דוא דר הערשט דש געבעט פון אלי מענטשן זאלשטו דר הערן מיין געבעט אויך אכי"ר : אנא השם איך בעט דיך גאט אונ גאט מיין עלטרן איך האב געזינדיגט אונ געשולדיגט אונ גמויסטייט פון דעם טאג אן אז איך בין געבארן ביז אן דעם היינטיגן טאג. אנונד האט מיך דר הובן מיין הארץ אונ בוויגט צו מיין גאט צו ווידער קערן מיט ווארהייט מיט מיין גאנצן הארצן אונ מיט מיין גאנצן גוף. אונ קום שטיי אויף משה רבינו אונ בעט פר גאט אונ איך בעט דיר ווארהאפטיגר נביא דו בישט געוועזן וויא איין פאטר צו די קינדר ישראל אונ אויך אין דער מדבר אז זייא האבן געזינדיגט האשטו גמאכט ווידר קערן זיינם גרים צארין פון גאט זיי זאלן פר דארבן ווערן דרום שטייא אויף אונ בעט פר גאט אז ער זאל אונז מוחל זיין אלי זינד אונ די זינד פון כל ישראל אמן :

אלמאבטיגר גאט דר הימל אונ ערד בשאפן האט אלז וואש דוא האשט בשאפן האשטו בשאפן פון דיין הויך גלובטן נאמן ווענן אונ פון כבוד ווענן דאש אלי בשעפנש זאלן לויבן דיך אונ דיין נאמן ובפרט דעם מענטשן האשטו בשאפן ער זאל דיר דינן מיט ליבשאפט אונ מיט גאנצן הארצן אז דער פסוק זאגט (עבדו את יי בשמחה) דרום בית איך דיר ליבר גאט איך זאל ניט שטארבן אונ לאז מיר

מקיים

מקיים זיין די מצות וואס דוא געבאטן האסט אין דיין הייליגי תורה דר ווארטן איין
כשמה זאל קענן גרייכן אין דעם אורט וואו זיא איז גנאנט גווארן דרום בעט איך ליבר
גאט ה׳ איך זאל דר לעבן אז ירושלים זאל גבויעט ווערן אונ דאס בהמ״ק אונ איך זאל
זוכה זיין צו זעהן אז מען זאל קרבנות מקריב זיין אויף דיין מזבח טוא ליבר גאט
לאז מיך היטן אונ אלי מייני פֿריינד פֿר די אום טרעפֿנס אונ פֿון חבלי משיח וואס
דו ווערשט שיקן אין די צייטן אויך בעט איך דיך ליבר גאט דוא זאלשט אונז שיקן די
גאולה דורך תשובה אונ דורך גוטע מעשים אונ מיר זאלין זוכה זיין צו זעהן דיין
שכינה אז וויא עס שטייט (כי עין בעין יראו בשוב י״י ציון כי פי י״י דבר) אונ מיר
זאלן בויאן דש בהמ״ק וויא דוא האסט געבאטן צו בויאן דאס משכן אין דר מדבר דא
האבן מיר ניט גוואוסט ווי צו טון האסטו אונז געבן כח אונ שכל דר צו אזו. זאלסטו
אונז אויך געבן כח אונ שכל דייני מצות צו היטן אונ צו דינן דיר מיט גאנצן הארצן
אונ זאלסט דער לייכטן מיין אויגן אין דר תורה ומצות וויא דוא האסט דר לייכט די
ישראל אז דר פסוק זאגט (ולכל בני ישראל היה אור במושבותם) אויך האסטו דער
לייכט זיי אין דר מדבר מיט עמוד אש ועמוד ענן אזו גיב מיר כח אין מיין צונג אז זי
זאל קענן רעכט בשיידן דיין ליב וויא דו האסט מאכן בשיידן משה פֿר פרעה גלייך
אז דער פסוק זאגט האט גרעדט צו משה ואנכי אהיה עם פיך משה איז גוועזן כבד
פה וכבד לשון : אויך גיב מיר פֿר שטאנדיקייט אין מיין הארץ וויא דו האסט געגעבן
פֿר שטאנד צו יוסף הצדיק פֿר פרעה אז ער האט געקענט פֿר שטיין דעם חלום אונ
פותר צו זיין אונ האסט גשיקט די הייליגי מלאכים אונ זיא האבן אים גלערנט צו פֿר
שטיין שבעים לשונות אזוא זאלסטו אויך שיקן דיין הייליגע מלאכים דיא זאלין מיך
לערנן פֿר שטאנדיקייט צו לויבן דיין נאמן אונ גיב מיר כח אין מיינה גלידר אז איך
זאל קענן דיך דינן אונ זאל בשטיין פֿאר דיין גליבטן נאמן וויא דוא האסט מאכן
בשטיין דוד המלך אז גליות הפלשתי האט געשטערט דיין הייליגן נאמן אונ ישראל צו
פֿר דרבן אונ דוד המלך איז קיגן אים בשטאנן אזו זאל איך אויך קענן בשטיין קיגן
יצה״ר ער זאל ניט קענן מבטל זיין מיך פֿון דיין דינסט אמן :

שמע קולנו דוא הער פֿון דר הימל איך בעט דיך הער אונזר שטים פֿון אונזער
תפלה אין גבעט וואס מיר טוען ביטן פֿר דיר גאט אין אידדיגשט אייד
טוא ביטן פֿר דיר ליבער גאט אז מיין מרוצ תפלה זאל אן גינומן ווערן פֿר דיר מיין
גבעט זאל ארויין קומן צווישן אנדרי תפלות פֿון נשים צדקניות וויא וואל איך בין ניט
ווערט דר צו אבר איך פֿר זיכר איך אין דיין בארמהרציקייט אז דוא ווערשט דיך דר
בארמן איבר מיר אונ איבר מיין גבעט אז מיין תפלה זאל אויך קומן פֿר דיינה אויגן
אז דוא האסט אונז מבטיח גוועזן דורך די נביאים אמן סלה :

יהי י״י גאט זאל זיין ניט מיר אונ ניט מיין מאן אונ ניט מיינע קינדער אז וויא
גאט איז גוועזן מיט אלי אונזרע עלטרן אונ האט זיא ניט פֿר לאזן אונ
האט זיא גיענטפֿרט אין אלע זייער שאן טרייען צוא דיר גאט מגוא אויך זאלסטו
גאט אונזער פֿאטר זיין ניט אונז אויך זאלסטו איך ניט פֿר לאזן אין מיין גייען אונ
מיין שטייען אונ זאלסט דיך ניט אפ קערן פֿון מיר (ובפרט) אין מיין נויט ווען
איך וועל דארפֿן דיין הילף זאלסטו מיר ענטפֿרן אונ זאלסט מיר געבן מיין בקשה
וואס איך בעט פֿון דיר אונ זאלסט טאן לוגן אויף דיין הייליגע וואונג פֿון הימל
אויף מיר אונ אויף מיין מאן אונ אויף מייני קינדר אז זיי זאלן ניט געשטרויכלט ווערן אין
אלי

אלי זייערי מעשים וואס זיא טוען אונ זייערי מעשים זאלין גלייך זעליגט זיין אין
דיינה אויגן אונ לייכט אויגן זייא זאלן ניט דארפן קיינר צום אנדרן אונ זאלן קיינר
דעם אנדרן ניט פיינד האבין ווארום עס איז קיין גרעסרי פיינד שאפט ניט אפאר
אנדרן אז וויא דיא פיינט שאפט איז פר דען זייניגי דען איין פרעמדר איז ניט אזו
איין שונא אונ זאלסט אונז שיקן אליהו אונ זאל אונז מבשר זיין דאס גוטי בשורה
אז משיח קומט במהרה בימינו אמן סלה :

דיא תחנה זאגן דיא ווייבר ווען זיא צו קינד גיין וויל

מן המצר פון דר ענגשטי לייט האב איך דיך גרופן גאט ער האט גיענטפערט אין
דר ווייטרנש גאט · גאט איז מיט מיר אונ איך פארכט מיך ניט וואס קען
מיר איין מענש טאן ווען גאט איז מיט מיר אונטר מייני העלפר עס איז צו בשיצן
אן גאט מער צו פר זיכרן זיך אז אן איינם מענשן עס איז בעסר צו פר זיכרן זיך אן
גאט מער אז צו פר זיכרן אן דיא רייכי אונ גאט האט געהאלפן מיר דיא שטארקייט
פון גאטס איז געוועזן צוא מיר צוא הילף אונ שטים געזאנג אונ הילף איך געצעלט דער
גרעכטן · דיא רעכטי האנט גאטס זיא איז הויך די רעכטי האנט גאטס זיא טוט
קראפט איך וויל ניט שטארבן נייערט איך וויל לעבן בלייבן אונ איך וויל דער ציילן
דיא ווערק גאטס גקעסטיגט האט ער מיך גקעסטיגט גאט אונ צו דעם טויט האט
ער מיך ניט איבר געפערט : עפין מיר די טוערן דער גרעכטיקייט איך וויל אין זייא
קומן איך וויל לובן גאט דאס איז די טאר גאט די גרעכטן אליין דריין קומן אודך איך
וועל לובן דיך גאט ווען דוא האסט געענטפערט מיר אונ ביסט געוועזן מיר צוא איין
הילף · איין שטין האבן פר שמעכט די בויא מייסטר אונ ער איז געווארן צו איין עק
שטיין · (מאת) פון גאט איז דאס געשעהן עס איז איין וואונדר אין אונזר אויגן :
(זה היום) דעם טאג האט גאט בשאפן מיר וועלין פרייליך זיין אונ מיר וועלין אונז
פרייען אן אים אמן כן יהי רצון :

תחנה תפלת חן

יהי רצון עס זאל זיין דר ווילן פר דיר גאט אונ גאט פון מייני עלטרין איך בעט
דיך אז דיך האט גיבעטן דיא טויב ווען זיא אין דער תיבה געוועזן האט
זיא נאך גשיקט נאהן וואס אויף דער וועלט דער מער איז דס האט זיא ניכטס געהאט צו
עסן דא איז זיא אין (גן עדן) אריין געפלויגן דא האט זיא גנומען איין ביטר בלאט דא
האט זיא נאך געפרעגט טויב טויב פר וואס האסטו דיר גינומען איין ביטר בלאט דא
האט זיא גענטפרט איך וויל עסין ליבר דאס ביטרי בלאט פון (השם יתברך) אז דאס
זיסי ברויט פון האנט דעם מענשן ליבר העער גאט ווען דיך דיא טויב האט געבעטן
דוא זאלסט איר שפייז געבן אכל שכן איך וויא זאל איך דיר ניט בעטן אז דוא זאלסט
מיר שפייז געבן אונ אויך-וואס איך בעט דיך בין איך עס ניט ווערט אז דוא
מיר זאלסט געבן אן צער איך בעט דיך מיט איין גאנצן הארצן גרעדנק אז (משה
רבינו ע"ה) האט דיר געבעטן (אל ארך אפים) צו דעם גרעסטן רשע אז ער בעט
דיך מיט גאנצן הארצן ביסטו אים מוחל זיינע זינד דרום בעט איך דיך ליבר העער
גאט

גאָט (צבאות) נעם אן מיין גבעט אונ מיין טרויאריג לעבן אונ מיין צו גהייסן הארץ אונ זעה וויא איך מיין לעבן פֿר ברענג אזוי איך איין שטיקל ברויט צו וועגן ברענג דאס זינדיג גזינד צו דער נערן אך אונ וויי מיין לעבן וויא איך פֿר ברייננ איך האב מיך אן קיינם צו אן שפּארן דער דא מיר זאל העלפֿן נייערט דוא גאָט מיין אונטר לענר דאס דוא מיך אונטר לענשט איך זאל ניט אינווער פֿאלן אונ לאזן מיינע פֿיינד קיין נקמה האבין אן מיר ליבער גאָט איך בעט דיך זייער דער לייג אונזער לעבין אין מיטל גוטס אונ זעה אן מיין יאמער אונ קלאג ענטפֿר מיר מיט וואס זאל איך בעטן קיין צדקה קאן איך ניט געבן קיין (גמילות חסד) איז אין מיר ניט דא קיין מעשים טובים אויך ניט וויא זאל איך דיך בעטן דאס גוטס וואס דוא מיר טוסט איז צו פֿיל. איך בעט דיך ליבער הער גאָט מיין בקשה איז פֿון דיין ליבן נאמן אז איך זאל קיין צער פֿון מיינע קינדר ניט האבן אז זייא זאלן בייא מיין לעבן ניט שטארבן אונ מיר זאלין זוכה זיין צו זעהן (בנחמות ירושלים) אז זאל זיין אונ באלד גבויט ווערן אין אונזערי טעג אמן :

רבש"ע האר פֿון דער גאנצר וועלט לאז מיך זוכה זיין צו האבן קינדר זייא זאלן זיין אייטל זכרים זיי זאלן לערנן דייני ליבה תורה פֿון דיינם הייליגן נאמן וועגן אונ זייא זאלן זיין פֿריש אונ גזונד אין אירן גאנצן גוף מיט אירן שכל אונ אלי זאלן אן זיך האבן מעשים טובים אונ זייא זאלן זיין גקריינט מיט דרייא מדות וואס ישראל זיינן דער מיט גקריינט זיי זאלן שעם האפֿטיג זיין אונ זיי זאלן זיך דער בארמן איבר איטלכן מענטש אונ זייא זאלן פֿרום אונ גאָטס פֿארכטיג זיין אזו וויא (אברהם אבינו ע"ה) דורך זייא זאל גהייליגט ווערן דיין נאמן אזו וויא דורך (יצחק ע"ה) אונ זייא זאלין גאנץ זיין מיט גאָט צו זיצן אין בית המדרש צו לערנן תורה אז וויא יעקב אבינו ע"ה אונ זייא זאלן גלייבן אין דער תורה פֿון משה רבינו ע"ה אונ אין דיא הייליגע נביאים וואס האבן גזאגט אמן סלה :

די תחנה זאל מען זאגן אלי טאג נאך דעם דאוונן

יהי רצון מלפניך עס זאל זיין דער ווילן צו פֿר דיר גאָט מיין גאָט אונ גאָט מיין עלטרן דאס דוא זאלסט מיך פֿירן אלע צייט אין דעם רעכטין וועג אונ דוא זאלסט מיך בהיטן אונ בשירמן פֿר דיא כיתות דיא דא ניט זוכה זיינן צו זעהן דיא הייליגע שכינה דיא ערשטע כיתה איז (חניפה) טרייבן דיא אנדרי כיתה דיא (שקרים) זאגן דיא דריטע כיתה איז דיא דא (ניבול פה) ריידן דיא פֿירטע איז דיא (לצנות) אונ (לשון הרע) ריידן אז דוא זאלסט מיך בהיטן אונ בשירמן פֿר אורלייא לייד אונ צרות אונ פֿר אלי בייזע בגעגניש פֿון (חרב רעב) פֿר וואסר אונ פֿייאר פֿאר (גזלנים) עס זייא אין שטאט אודר אויף דעם פֿעלד אונ שיק אונז גאר קיין לייד ניט צו אונ בהיט אונז ווייטר פֿר צער אונ פֿר אלים בייזן וואס זיך מיין הארץ פֿארכטן טוט זאלסט דוא מיר ניט צו שיקן אונ דוא זאלסט אונז געבן אונזר פרנסה (בכבוד) אן אורלייא זארגן אונ דוא זאלסט אונז געבן (אריכות ימים ושנים) דאס מיר זאלין אויס לעבן אונזרי יארן אין עשירות און מיר זאלן אונזר צייט אונ יארן אין פֿריידן פֿר ברענגן אונ דוא זאלסט אונז ניט שיקן קיין זארג אונ קיין אנגסט אונ קיין קרענק וואס דוא פֿלעגסט אויף דער וועלט צו ברייננ זאל ניט קומן חלילה אויף מיר אונ ניט אויף מיין מאן אונ ניט אויף מיינע קינדר ח"ו אונ איך זאל זוכה זיין קינדר אויף דער וועלט צו האבן אונ זיי מגדל צו זיין (לתורה ולחופה ולמעשים טובים) אז איך זאל פֿיל פֿרייד

פֿריד דער לעבן אונ אלי דאש ווייניגע אונ דוא זאלשט ווייטר קיין בייז לאזן איבר פֿארן וייל מיר לעבן (מוך רחמים) דוא בישט איין בארם הארציגר אלמעכטיגר פֿאטר קיניג. פֿון דער וועלט דוא זאלשט אונז עפֿנן די טויער פֿון פרנסה אונ זאלשט אונז שפייזן פֿון דיינר האנט ניט פֿון האנט דעם מענטשן דאש זייא זאלין זיך ניט פֿרייען אן אונז: אונזערי פֿיינד זיא זאלין קיין נקמה אן אונז ניט זעהן · עש זאל אן אונז ניט גוועלטיגן דער יצה"ר דאש מיר זאלין קענן היטן דיין תורה אונ מצות ווייא וואול איך האב פֿיל עבירות ווייא לוא מיר איך בין מתודה אויף מיינה גרושה שווערי (חטאים ועונות ופשעים) וואש איך האב גזינדיגט אונ געשולדיגט אונ גמישטייט קעגן דיין הייליגען נאמן (אל שדי מלא רחמים) דוא בישט פֿיל גנאד אונ בארם הארציקייט איך בין זינדיג בעט איך דיך ליבר גאט דאש דוא זאלשט מיר מוחל זיין אלי מייני זינד דוא זאלשט אויף מיר ניט שיקן וייסר קיין נער מיר זאלן אונזערי יארן אויש לעבן מיט גרויש פֿרייד דוא זאלשט אונז געבן פֿר שטאנד דאש מיר זאלן בשטיין ווען מיר אפ שיידן פֿון דער וועלט אונ ווערן קומן פֿר דעם יום הדין הגדול והנורא אונ זאלשט אים מיר טאן אלי צייט חסד ורחמים פֿון וועגן זכות אברהם יצחק ויעקב :

גאט אלמעכטיגר גאט דוא בישט איין מלך פֿון דער וועלט אונ דו בישט איין העלפֿר איבר אלי העלפֿר אזו בעט איך דיך דוא גרושר פֿאטר קיניג דאש דוא דיך איבר מיר אונ איבר מייני קינדער זאלשט דיך דער בארמן אונ זאלשט אונז בהיטן פֿון אלים בייזן דוא זאלשט אונז זייאן וועג אונ שטעג דאש איך זאל (פרנסה) האבין (בכבוד) דאש מיר זאלין ניט גשפייזט ווערן פֿון קיין מענטשן (חלילה) מיר זאלן אייביג (חלילה) ניט דארפֿן צוא קיין מענטשן מיר זאלן ניט פֿר שעמט ווערן נייארט דורך דיינה גיטרייאי מילדי האנד זאלין מיר אלי צייט גשפייזט ווערן אונ דוא זאלשט אונז שפייזן גלייך אז ווייא דוא האשט גשפייזט אליהו הנביא דען פֿרומן מאן אונ דוא זאלשט מיין מאן פֿירן אין רעכטן וועג דוא זאלשט אים שיקן גוטי מלאכים אונ זייא זאלין אונז בלייטן אונ זאל מיט אונז גלייך זיין אז ווייא דוא האשט גשיקט מלאכים מיט (אברהם אבינו ע"ה) אזו זאלשט מיט אים אויך שיקן צווייא מלאכים די דא זאלן אים בלייטן ציינם וועג אין שטעג דאש ער גייט אונ שטייט אין אלי טריט וואש ער טרעט זאלן אים בהיטן פֿון אלים בייזן אונ ער זאל מיט געזונד אונ מיט שלום אייטל שמחה אן טאן אין זיין הויז קומן צו זיין ווייב אונ לאז אים דא דר זכות פֿון מייני קליינה קינדר ביי שטיין די זיינן נאך ריין פֿון עבירות איך בית דיך דוא הער פֿון דר גאנצר וועלט אוב מיין מאן האט שון גזינדיגט פֿר דיר אונ דוא האשט אים אויף געלייגט דאש ער זאל (חלילה) גשטראפֿט ווערן אויף דעם וועג אזו בית איך דיך אלמעכטיגער בארם הארציגר גאט דוא בישט דאך איין געטרייאר פֿאטר איבר דיזו קינדר דוא זאלשט צו רייטן פֿון אים אלע בייזע גזירות אונ זאלשט מיט אים ניט גיין מיט דין נאר מיט אייטל מדת הרחמים אונ זאלשט ניט בודק זיין ווען ער גייט במקום סכנה זאל אונז בייא שטיין דער זכות פֿון אונזר עלטר פֿאטר אברהם יצחק אונ יעקב אונ דר זכות פֿון אונזרי קליינע קינדר דיא דא נאך ריין זיינן פֿון עבירות אונ איר זכות זאל אונז אלי צייט בייא שטיין דאש מיר זאלן חלילה ניט פֿר שפרייט ווערן אונ דוא זאלשט אונז לאזן עלטרן אין עהר אונ אין גרושי פֿריידין מיר זאלן קיין נער ניט דער לעבן אונ מיר זאלן אונזער יארן פֿר ברייגן אין גרושי פֿריידין אונ דוא זאלשט אונזר הארץ שטארקין :

שטארקין אין דיין הייליגע דינשט דאס איר זאלן דינן באהבה ויראה מיט ליבשאפט אונ מיט פארכט איר זאלן דיינה ליבה מצות קענן האלטן אונ דוא זאלשט אויך שטארקן דאס הארץ פון מייני קינדר דאס זייא זאלן דיר דינען מיט גאנצן הארצן שטענדיגליך אונ זייא זאלן פון דיינע ליבה הייליגע מצות ניט איבר טרעטן דאס גרינגשטי אז אונזרי שכנים זאלן קיין נקמה דער לעבן צו זעהן אונ דוא זאלשט פר שטערן אלע בייזי גדאנקן פון מיין פיינט דיא דא אויף מיר שטיין צו בייזן אונ דוא זאלשט פון אונז אפ טאן דען יצה"ר דר ווארטן דש אונזר הארץ זאל פר קערט ווערן צו גוטן איך בעט דיך אללמעכטיגר פאטר דער בארם דיך איבר אונז אז וויא עס זיך דר בארמט איין פאטר איבר זיין קינדר אונ עפין אונז אלי שערי רחמים אונ נעם אן דאס געבעט פון מיר ארמר זינדיגר מענש וואס איך טוא דיך ליבר גאט בעטן אז דוא זאלשט פר שטערן אלע דיא דא זיינן בשאפן געווארן פון מיינה עבירות אונ שיק אונז באלד אין אונזרי טעג דאס מיר זאלן באלד דער לייזט ווערן גלויבט בישטו גאט דוא הערשט אלע (תפלות) פון אלי קרייטאר וואס טוען דיך אן רופן אז וויא אין פסוק שטייט געשריבן (קרוב יי לכל קוראיו לכל אשר יקראוהו באמת) גאט איז נאהנט צו אלי דיא דא איהם אן רופן מיט ווארהייט איר געשרייא טוט ער פר נעמן אונ דער הערט עס אזו זאלשטו מיין תפלה אויך אנטפאנגן וייל איך לעב פון אלונדרט אן ביז אייביג ווען איך אן רופן צו גוטן אמן :

אנא השם איך בעט דיך מיין ליבר גאט איך טוא אויך היינט צו ריק קערן פון מיין בייזי מעשים אונ תשובה צו טאן אז דוא ליבר פאטר זאלשט היינט מקבל זיין מיין תשובה לאיטן אנדרי געבעט פון נשים לדקניות אמן : רבש"ע הער פון דער גאנצר וועלט דוא בישט געקריינט מיט אלרליי קרונהייט דוא בישט געוועזן איי די וועלט איז בשאפין געווארין אונ דוא בישט יאך אונ דו וועשט זיין צו אייביג ביי דיר איז לויטר רעכטיקייט אונ קיין אום רעכט דוא ווייסט דעם זינדיגן מענשן דעם רעכטן וועג צו טאן תשובה דו בישט מכפר אונ שטארק · אזו איך בין בלוט אונ פלייש דוא בישט דר גרונד פון שטארקייט אונ איך בין דער גרונד פון שלאפהייט דוא בישט דר גרונד פון שונהייט אונ איך בין דער גרונד פון פינשטרקייט אונ טונקלהייט דו בישט דער גרונד פון קיניגרייך אונ איך בין דער גרונד פון דינשט צו טראגין שווערי לאשט וויא צוא מיר איך האב מיר אליין זייער ניט וואול גיטאן וואס וועל איך קענן ענטפרן ווען איך ווער קומן אויף יענר וועלט אויף דער ערשטי פראג וואס מען וועט מיך פרעגן וויא וועל איך שטיין מיט פר שעמטין פנים ווי ווי איז מיר וויא זיינן מיר אל די פערציג יאהר וואשיר ווייניג צו רייניקן נייערט דורך תשובה אונ דורך תעניות אונ טרערין דאס איז גאר איין פר זיכערונג דען מען וועט מיר פרעגן בישטו ערינשט אין שול גיגאנגן האשטו דוא בכוונה תפלה גיטאן האשטו ערליך גיהאלטין פאטר אונ מוטר האשטו צדקה געגעבן נאך דיין פר מעגנש נאך האשטו דיך געוואשין נאך איטליכן עשין האשטו צו ווישן פלייש אונ מילכיגש גטאן וויא דער דינאי: האשטו קיין מעשה גבול גיטאן דיין חבר האשטו דן געווען לכף (זכות) ליבר גאט איך קען ניט אזוא ארויס בשיידין דער טאג וועט אוועק גיין אונ איך העט ניט קענן אלש אויש זאגן דרום זאל דער ווילן זיין צו פר דיר גאט מיין עלטרן לאז מיר מיט גיבעט קומען צו פר דיר גאט גלייך אז איך העט איטליכה בזונדר בקענט אונ לאז מיך גניסן זכות אבות אונ פיר מיר ווייטר אין רעכטן וועג דאס איך זאל קענן מצות ומעשים טובים טאן וויא

אונזרי

אונזערי מוטר (שרה רבקה רחל לאה) אלי דיא פֿרומי נשים צדקניות האבין גיטאן דען דוא בגערשט אז דיא (רשעים) זאלן שטארבן מיט עבירות נייערט זייא זאלין תשובה טאן מיט גאנצין הארצין אונ זאלן לעבן בלייבן דרום ליבר גאט זאיי היינט מקבל זיין תשובה אונ גראב איין לאך אונטר דעם (כסא הכבוד) ויא דוא האשט גטאן בייא מנשה המלך אזו איך ארמע פֿרויא זאל האבן איבער הונדרט יאר עולם הבא אונ מיר זאלן באלד אויס גלייזט ווערן אויס דעם ביטרן צרות אונ זאלשט בויאן אונ מויארן דעם ליבן בית המקדש אין אונזרי טעג אמן סלה:

ויהי רצון מלפניך עס זאל זיין דער ווילן פֿר דיר גאט מיין גאט אונ גאט מיין עלטרן הער אל די וועלט דש דוא זאלשט מיר געבן איין מתנה טובה אונ פרנסה טובה אונ דוא זאלשט מיר גדענקן אלי צייט מיט איין גוט גרעבט צו פֿר דיר אונ דו זאלשט אונז העלפֿן מיט גוט דער בארמונג אונ מיט דיין הילף אום ווילן דיין הייליגן נאמן אונ דו זאלשט מיר געבן איין גוטן חלק אונ איין גוטן שכר דאש איך זאל טאן מעשים טובים דר ווארטן איך זאל קענן ווערדיג ווערן צו עוה"ב און דו זאלשט מאכן הערן מיך בשורות טובות אונ דוא זאלשט מיר געבן לאנג לעבן מיר מיט מיין מאן אונ קינדר אונ אלי די מייני איין לעבן פֿון אייטל שטון ושמחה עושר וכבוד אונ שלום און קלוגהייט אונ איין זין אונ פֿר שטאנדיקייט גנאד אונ בארמהארציקייט אין דיין אויגן אונ אל די אויך אונז ווערן זעהן זאלן מיר געפֿינן חסד אונ דוא זאלשט אייניגן אונזער הארצן צו ליב האבן דיך אונ צו פֿארכטן פֿר דיין הייליגן נאמן דוא זאלשט מיר געבן אין מיינם הארצן צוא טאן גוטש אונ גיב מיין חלק צווישן צדיקים זאלשט מיך זעטן פֿון דיין זעניפֿטיקייט אונ דער בארם דיר איבר מיר מיט דיין הילף אונ בהיט מיך מיט מיין מאן אונ קינדר פֿר אלים בייזן דוא זאלשט מיך מזכה זיין מיט גוטי פֿרומי קינדר די דא זאלין קענן לערנן אין דר תורה דוא זאלשט פֿר דיר נעמן מיין גבעט אונ דוא זאלשט דער הערן מיך וויא דוא האשט דער הערט אונזר מוטר חנה אונ אלי די ווייבר צדקניות גלובט ביסטו גאט דער דא הערט אלי תפלות פֿון פֿאלג ישראל די דיך אן רופֿן אלי צייטן מיט גאנצהייט אונ ווארהייט אמן:

СЕДЕРЪ ТЕХИНОТЪ

т. е.

Порядокъ Молитвъ для Женщинъ.

Печатать позволяется. — Вильно, 10 Декабря 1848 г.
Исправляющій долж. Цензора, И. Фокъ.

ВИЛЬНО
въ Типографіи Р. М. Ромма.

1849.

דיא תחינות האט מחבר געוועזן איין איש צדיק וחסיד אין ארץ ישראל אויף לשון הקודש שוין מער אלס הונדערט יאר · אונ ניט לאנג האט זיא מעתיק געווען · האשה הצנועה וההסודה המפורסמת מרת שפרה בת הרב הגאון המפורסם מוהרר יהודה ליב אב"ד דק"ק לובלין זצ"ל :

דיא תחנה דארף מען זאגן גאנץ חודש אלול ביז נאך יום כפור אלע טאג · מיט גרויס יאמר אונ קלאג עס ווערט אויך בודאי אייער הארץ גאר צו גיין · פון גרויס געוויין · דען עס איז דרינן אייטל וידוים אונ גבעט · אונ חס ושלום גאר קיין געשפעט : אויך איז דרינן איין תחנה וואס מען זאל זאגן יום כפור צו נעילה : דרום טוט זיא זאגן מיט גאנצן הארצן · בזכות זה ווערט אייך השם יתברך בהיטן פון פיין אונ שאדן : אויך האבן מיר דרינן דיא התחנה תפלת החיים פון ימים נוראים אריין געשטעלט · בזכות זה זאל אונז השם יתברך געבן די וועלט אונ יענע וועלט :

רבש"ע אין דיינע הייליגע ספרים איז געשריבן אז דו האסט געגעבן דעם חודש אלול אז מיר זאלן פר ריכטן וואס מיר האבן אגאנץ יאר געזינדיגט אונ אין דעם חודש האסטו משה רבינו ע"ה אין הימל אריין גנומן אונ האסט אים געהאלטן ביז יום כפור אונ האסט אים מודיע געווען אז די פערציג טעג איז איין גוטע צייט מען זאל אונזערע זינד פאר געבן דיא וואס טוען תשובה אין דער צייט : דרום שטיי איך צו דער מלחמה קעגן דעם יצר הרע איך בין היינט געלאפן צו איין מענטש וואס איז שולדיג אונ מען נעמט אים צו ב"ד אזו גיט אים ב"ד צייט דרייסיג טעג ער זאל זיך העלפן אונ זאל בצאלן דרום ליבר פאטער איך ווייס ווען איך וואלט מיך געשטעלט פר איין בשר ודם וויא וואלטן מיינע גלידר געציטרט אונ וואלטן ניט געקענט איין מויל עפנן אונ מיינע אויגן אויף הייבן אכל שכן וויא איז שוין ווען איך זאל קומן פר דעם יום הדין ראש השנה פאר דעם מלך מלכי המלכים הקב"ה · דו דארפסט דאך ניט קיין עדות אויס צו הערן פון דיא מענטשן וואס איך האב געטאן אגאנץ יאר ווי ווערט קומן אויף מיר איין גרויס דר שרעקנש ווען דו לעבדיגר גאט ווערסט וועלן אפ נעמן פון מיר דין וחשבון פון מיין נשמה אויך פון מיין געלט אויב איך האב מיך רעכט באגאנגן דער מיט · נוא וואס קאן איך דיר ענטפרן וויא זאל איך אויף הייבן מיין פנים פאר דיר ווען איך וועל מיך שטעלן פאר אזו איין מלך מלכי המלכים מיט איין געריסנע קליידר וואס איך האב איין געריסנט מיין נשמה מיט מיינע זינד · אוי ווי איז מיר אונ מיין נשמה וועגן מיינע זינד · אוי איז מיר אונ מיין נשמה · וואס וועל איך טאן · מיט וואס קען איך דיר גאט איבר בעטן ווען איך האב אזו פיל מעשים רעים געטאן מיט מיינע גלידר דרום טוען מיר מיינע אויגן ניט טריקנן אונ זעה מיר צו טראכטן איין רפואה צו מיינע מכות · וואס זאל איך ווארטן ביז יום הדין · דער סדר איז ווען איין (שר) גייט אין איין מלחמה אזו מוזן פאר אים פיל חיילות גיין אז דער (שר) זאל ניט גיין צום ערשטן אז ער זאל חלילה ניט באגעגנן זיינע פיינד אונ זאלן אים ניט אום ברענגן זוא מוז איך אויך שיקן פריער מיין הארץ צו דיר ווידר קערן אונ זאל פיל גוטע (מלאכים) בשאפין מיט מיינע (מעשים טובים) זיי זאלן (מליצי יושר) זיין פר דיר ליבר גאט פר מיר אונ

פר מײן נשמה זײ זאלן ניט לאזן פר דיר קומן בײזע מלאכים מיר אנקלאגן
צו גײן פר דײן הײליגן (משפט טאג יום הדין) אונ וויל נון פרשטן זיך פר
דיר מתודה זײן מײנע ביטרי זינד אין דעם חודש אלול · אין דײן תורה
שטײט ווען דר מענש איז זיך אלײן מתודה אזו בישטו זיך מרחם איז ער
פטור פון שווערי דינים · דרום וויל איך בקענן מײני זינד אין דעם חודש
אלול אז דר (שטן אונ דר יצה"ר) זאלן ניט קענן אויף מיר מקטרג זײן ווען דו
ווערשט דיך זעצן אויף דעם (כסא דין) אונ די מלאכים ווערן זיך שטעלן
אויף בײדע זײטן אונ איך זאג אלײן פר דיר גאט מײן גאט אונ גאט איבר
אלי הערן דו בישט גקרײנט מיט אליר האנט קרונן דו האשט דעם מענשן
בשאפן מיט גרויש גנאד אונ בגערשט ניט דעם מענטשנס טויט . נײערט
ער זאל תשובה טאן אונ זאל אויף זיך מקבל זײן די (תשובה) דען דוא פאר
שמעהסט ניט דאש גבעט פון דעם אראמן אונ פר באראגסט ניט דײן פנים
פון אים חנן ער צו דיר שרײט ענטפרשטו אים · דרום זאל זײן דר ווילן פר
דיר גאט דו זאלשט זיך דר באראמן אויף די בשעפנש דען דו בישט גוט צו פר
געבן מיט פיל גנאד צו די וואש רופן דיך אן מיטן גאנצן הארצן ענטפר מיר
הײנט אין דער גוטר צײט אונ מײן בלוט וואש ווערט גמינערט אין מײן
פאסטן זאל ווערן גרעכנט ווי אין קרבן אוף דעם מזבח וואש מען שפרײנגט
דאש בלוט פר דיר אונ זאל פר ריכטן וואש איך האב פר דארבן מיט מײני
זינד אונ האב צו ברעכן אלי די רינן וואש דורך דעם גײט (שפע וברכה) אוף
דײן הײליגי פאלק איך האב פיל גוטש פר מיטן פון דײן הײליג פאלק מיט
מײנע זינד · וויא איז מיר איך זאל ניט ווערן פון דײן גרויש פײער פאר
ברענט איך בין דאך דײן בשעפנש דרום אלמעכטיגר גאט דער באראם דיך
איבר מיר פר גיס ניט אזו אויף מיר דײן צארן · זאלשט מיר ניט לאזן נאך
מײן פר דינסט · קער דיך צו מיר מיט דײן דר באראמיקײט אונ צו מײן גבעט
זאלשטו קערן דײן הארץ אונ דײנע אויערן צו פר נעמן מײן (תשובה) איך
האב אזו פיל גטאן מיט מײנע זינד וואש איך קאן ניט פר ריכטן דאש מײן
כח טראגט ניט אויף נאך דו הײליגר גאט ווײשט וואול איך האב אום געכן
גטאן דו ווײשט דאך אלע גדאנקן איך האב ח"ו ניט גטאן דיך צו דר צארנן
נײערט איך בין אײן (בשר ודם) אײן זינדיגר בין איך גבארן אין דײן תורה
שטײט גשריבן ווען אײנר האט אין זײן זין גוטש צו טאן אונ קאן ניט איז
גלײך אז מען האט גטאן · דרום ליבר גאט לאז דיר דופטין גלײך אלז איך
האב פר ריכט וואש איך האב מקלה גמאכט מיט מײנע זינד דו ווײסט דאך
וואול אז אונזר חכמה פר טראגט ניט אזו ווײט אז מיר זאלן קענן פר ריכטן
וואש מיר האבן פר דארבן אונ צו פר ריכטן אלי די בראך וואש מיר האבן
גטאן · ווײ צו מײן נשמה וואש דו האשט גבואט האב איך צו בראכן אונ קאן
ניט פר ריכטן דרום (רבש"ע) זעה ווי מײן הארץ איז פר רוקט גווארן פון
איר ארט פר גרויש מורא אונ ציטרנש וואש איז אויף מיר גקומן פון פארכט
דײן משפט אונ דײן גרויש אכפרקײט דאש איך האב גזינדיגט פר דיר :
וועז

ווען איך דר מאן מיך אן די זינד פֿון יוגנט אונ האב ניט גוואלט טראכטן צו בטילן איין עלטר אונ האב איך פֿר אירט מיט מיינע זינד מער אז:
מייני האר פֿון קאפּ אונ היינט האב איך מיך דר מאנט אונ צו רייס אויך מיר איין פֿלייש אונ איין נשמה זאל זיך ניט פֿר שעמן פֿר (יום הדין) פֿאר דיין (כסא הכבוד) ווען דו זעלט דיך אפּ שטעלן אלע די בשעפֿנש · דרום ליבר גאט ענטפֿר מיר היינט דען איך בין אין איין גרויסי צרה אונ ווייס אלע מיינע זינד זיי זיינן מיר שוין איבר מיין קאפּ איך בין שוין אין טיפֿי וואסר עס גייט מיר שוין אריבר אונ עס איז מיר שווער צו דר טראגן · אונ דא קומן די טעג דש אלי בשעפֿנש מוזן אפּ געבן (דין וחשבון) אונ איך אויך פֿון אלי מייני זינד פֿר דיר אונ מלאכים שטייען אויף ביידי זייטן אונ אלי ספֿרים ווערן געפֿינט (ספֿרי חיים וספֿרי מתים) אונ אלע מיינע זינד זיינן מיט מיינע אייגנע הענט אן געשריבן וואס וועל איך קענן ענטפֿרן אונ ווי וועל איך קענן ריידן פֿר דיר · דרום בעט איך דיך רבש"ע מיט איין צו בראכן הארץ דו זאלשט מיר אונטר לעהנן מיט דיין רעכטי האנט זאלשט נייגן דיינע אויערן צו מיר ווען איך בין זיך מתודה אויף מיינע זינד פֿר דיר ליבר גאט אונ טרייא אן אויף דעם שטן ער זאל אויף מיר ניט מקטרג זיין · פֿר דיר טוא איך דר ציילן · דאש ערשטי איך האב גגעסן מאכלים וואס זיינן אסור צו עסן · איך האב מיך ניט גוואשן · איך האב ניט רעכט געהיט מייני (מצות) ווי רעכט איז · איך האב גפּלאשט אן הש"י · איך האב ניט בכוונה גרעט אין (ק"ש ותפֿלה) איך האב ניט ערנשט צו צו גבענטשט אויך ניט צו געהערט שופֿר בלאזן איך האב גרעט (לשון הרע) אונ איבר דעם מוז איין (נשמה) קומן אין גלגול · ווי געשריבן אויף מיר איך האב פֿרעמדי מאנן אין זינן געהאט ווען איך מיך צו מיין מאן בהעפֿט האב איז גלייך אז איך האב (אשת איש) גוועזן איך האב פֿאר שעמט גוטע לייט איז גלייך אז איך האב זיי גיהרגט איך האב אום שבת געטראגן אויש מיינהויז אויפֿן גאס איך האב (מחלל שבת) גוועזן איז גלייך ווען איך האב פֿאלשי עדות ח"ו גזאגט אויף גאט · איך האב גרויש כעס גיהאט איך האב פֿון לייטן גשפּעט געטריבן דא מוז איין נשמה אריין קומן אין גהינם איך בין גגאנגן אין שמוץ איבר דעם האט מיין תפֿלה ניט געקענט ארויף קומן איך האב פֿאלש גשווארן איך האב איין (נדר) געטאן אונ האב ניט געהאלטן אונ איבר דעם שטארבן די קליינע קינדר . איך האב מיר (תענוגים) אן געטאן אום דר וואכין אזו וויא אום שבת איך האב געטאן פֿיל מלאכות אום (יום טוב) אונ אום (חול המועד) איבר דעם האט מען קיין (עוה"ב) ניט איך האב ניט ערליך געהאלטן פֿאטר אונ מוטר אונ האב זייער כבוד ניט גשוינט . איך האב צו גמאכט מייני הענט פֿון צדקה צו געבן איבר דעם מוז איך ח"ו אן קומן צו לייטנס גאב צו זעלבי וואס ווען זיין (אכזרים) איבר מיר · ניטש צו העלפֿן מיר · איך האב (תקיעת כף) געגעבן אונ האב (עובר) גוועזן האב איך בטאפֿן פֿיל (משחיתים) אויף מייני פֿינגר · אונ ווען איך האב טוין יוא (חס ושלום) אזו פֿיל (עבירות) בין איך

זיך

זיך דאך (מתודה) פאר דיר · עס זאל זיין דר ווילן פאר דיר דוא זאלסט מיר (מוחל) זיין · ליבר גאט דו ביסט גרעכט אונ דיין (משפט) איז גרעכט · אונ ווען איך האב יוא גיזינדיגט מיט איינס פון דיא זאכין זאל מיין תשובה אונ ווידוי אן גנומן ווערן פאר דיר · מיט מיינע טרערן זאלן אל די עבירות אפ גמעקט ווערן אונ זאלסט ווארפן אין טיפנש דש ים · איך האב גרויט חרטה דרויף אונ וועל טוין ווייטר נים טאן · אונ אז מיין צייט ווער קומן זאל די (נשמה) קומן אויף איר ארט וואו זיא איז ארויס גקומן פון ערשטן · עס זאל זיין דער ווילן פאר דיר די רייד פון מיין מויל אונ די גדאנקן פון מיין הארצן דען דו ביסט מיין בשעפר אונ דער לייזר אמן סלה :

אום יום כפור זאגט מען דאס :

רבש"ע דו ביסט (בעל הרחמים והסליחות) אונ הייסט (אל רחום וחנון ארך אפים) איך קום פאר דיר צו שטיין · מיין הייך אונ מיין קאפ איז איין גבויגן · מיט איין צו ברעכן הארץ אונ מיט גרויס פארכט · מיט גרויס דער שרעקנס אונ ציטרניש אונ בעט (סליחה ומחילה וכפרה) אויף מיינע זינד וואס איך האב גטאן אין גאנצן יאר טאהיי גערן אדר אום· גערן · איך ווייס ווען מען קומט דיך בעטן מוזן די גוטע מעשים פאר דיר מליץ זיין אדר דעם מענטשנס צדקה וואס ער האט גטאן אבר איך האב קיין גוטע (מעשים) · קיין (צדקה) קיין גנאד · קיין רעכטע פארטיקייט · קיין תשובה אונ קיין גמילות חסדים · נישט נאר איך האב מיין האפנונג אז אין דער צייט ווערן גמאנט דיינע טייערן פון אייטל רחמים אונ האסט אונז גגעבן דעם טאג יום כפור דו זאלסט אונז פאר געבן אונזרע זינד אונ האסט אונז פאר באטן פינף זאכן איינס מיר טארן ניט עסן אונ ניט טרינקן · דאס אנדרע מיר טארן זיך ניט וואשן אונ באדן דאס דריטע מיר טארן זיך ניט שמירן מיט גוטן איל · דאס פערטע מיר טארן ניט גיין אין שיך : דאס פינפטע מיר מוזן זיך שיידן פון אונזרע מאנן · די פינף זאכן זיין איין כפרה אויף אונזרע זינד וואס מיר האבן גטאן אגאנצן יאר · מיר האבן גגעסן אונ גטרונקן וועלכע זאכן וואס אונז איז אסור גוועזן · דורך דעם תענית וואס פייער קומט אין גוף אריין. פון דעם פייער זאלן אונזרע נשמות גלייטרט ווערן אונ דאס פייניגן פון פאסטן זאל מכפר זיין וואס מיר האבן אגאנצן יאר גטאן וואס מיר האבן איין גשמירט מיט אונזרע עבירות דיא נשמה · דרום טארן מיר זיך נים שמירן · דאס פייניגן וואס מיר אן שיך שטייען זאל מכפר זיין וואס מיר זיינן גלאפן מיט אונזרע פיס צו אלים בייזן אונ מיר האבן גטאן זעלכע זאכן וואס מיר זיינ[ע]ן ווערט גוועזן מיר זאלן גיין אן שיך אזוי אז ער אן שיך גייט · אונ דאס פייני[ג]ן אז מיר מוזן זיך אפ שיידן פון אונזרע מאנן זאל מכפר זיין וואס מיר האבן [ז]יך ניט רעכט נוהג גוועזן אויף אונזרע בעטן · דרום ליבר גאט דער וועק דיין דע[ר] בארעמקייט אונ ברייג אונז מיט גרויס פרייד דש יאר אין אונזר הייליגן לאנד [אונ]ז אונזר קלאג זאל פאר קערן זיך צו פרייד אונ צו שמחה (אמן סלה) :

רבש"ע [ד]ער הער מיך נעם פאר דיר מיין צו ברעכן הארץ איך קאן ניט אלז א[ו]יס ריידן אבר דו גאט פאר שטייסט אלז דו ווייסט וואול מיין שווער גמיט נעם פאר דיר מיינע טרערן אונ זעה ווי מיין הארץ וויינט אונ פאר שטאפ די מויל פון אונזר (ש[ט]ן) לאז מיך ניט (מבוזה) ווערן בפרט אויף מיין עלטר אונ זייא מקבל

מקבל זיין (תפלה) אונ׳ שטעל מיר מילי יעצט איך בעט דיך טוא מיט מיר ווי דו האסט געטאן מיט מנשה אוך יהודה דוא האסט געמאכט איין לאך אונטר דיין כסא הכבוד אונ׳ האסט זיין תפלה מקבל גוועזן אזו בעט איך דיך אויך טוא מיט מיר ווי דיין מנהג איז · דו דערבארמשט דיך איבר באשעפעניש ווייז מיר אויך גרויס גנאד זאיי מקבל מיין תפלה אונ׳ לאז אונז ניט פר שעמט ווערן אונ׳ גיב מיר מיין פרנסה בכבוד אונ׳ ניט בלעבר אונ׳ איך זאל ניט בדארפן (כל ימי לידי מתנת בשר ודם) אונ׳ אויך ניט זייער (הלואה) נייערט פון דיין מילדי האנט פון היינט ביז דעם טאג פון מיין טויט איך זאל האבן מיין שפייז אונ׳ מיין וואונונג (כל ימי חיי) אונ׳ אלע מיינע בדערפנש אלע טאג מיין לעבן · ווי די טויב האט געבעטן ליבר גאט גיב מיר איין ביטרע בלאט פון דיין האנט איידר די זיסע בלעטר פון לייט אזו זאלשטו (אך רחמן) מיר אויך געבן פון דיין דר בארמיגע האנט אונ׳ ניט פון איין (בשר ודם) · ליבר פאטר גיב מיר איין מיין זין אז איך זאל דיך קענן דינן (בלב שלם) אונ׳ גיב מיר איין מויל ווי איך זאל ריידן אונ׳ בעטן · אז איך זאל קענן באוויגן מיט מיין תפלה מיט מיינע היסע טרערן אונ׳ ווידוים בין איך געקומן · אונ׳ בקען מיינע זינד פר דיין הייליגן נאמן אז איך האב גזינדיגט אונ׳ געשולדיגט · איך זאל דיך מפייס זיין מיט תפלה אונ׳ תחנונים · דא קום איך אילענד אונ׳ מאך פלאן מיין געבעט צו פר דיר ווי איין קנעכט פר זיין הערן ווי איין דינשט מייד פר איר ווערטן אזו טוא איך אויך הייבן מיינע אויגן צו דיר אונ׳ טוא וויינן אונ׳ שרייען צו דיר מיין פאטר · אזו וויינט מיין הארץ אין מיר אונ׳ מיין געמוט קלאפט אין מיר פר מורא ווארום איך ווייס איך האב גזינדיגט · אזו בעט איך דיך פאטר דער בארמיגר זאיי דיך מרחם איבר מיר זאיי מיר מוחל אין דעם יום הדין . שרייב מיך אן (לחיים טובים ולשלום):

רבש"ע דו האסט אונז צו געזאגט צו ברייגן אין דיין הייליגן לאנד וויא דו ביסט אמת אזו איז דיינע רייד (אמת) נייערט מיר בעטן דיך עס זאל באלד זיין אונ׳ זאלשט אונז אן שרייבן אין (ספר החיים) צו דעם (יום הדין) צו אלעם גוטן אונז אויך צו לייזן פון אלע (צרות) אז דיינע קינדר זאלן ניט זיין פר טריבן פון זייערע פאטר אונ׳ מוטרש טיש · אונזר פאטר אונזר קיניג ווען מיר האבן גזינדיגט אין דער (מדבר) איז משה רבינו עליו השלום געשטאנן פר דיר אונ׳ האט תפלה געטאן רבש"ע פר גיב דיין פאלק ישראל דו האסט דיך מיט זיי בריאט אונ׳ האסט געזאגט (בני בכורי ישראל) אונ׳ דו האסט זיין תפלה מקבל גוועזן אונ׳ האסט געזאגט (סלחתי כדבריך) אונ׳ היינט האבן מיר קיינם ניט ווער זאל פר אונז בעטן נאר מיט דעם כח פון אונזר מויל ווי איין פעגל וואס זיין כח איז נאר מיט זיין מויל אונ׳ די ברכה פון הקול קול יעקב · אזו בעט איך דיך אויך אין מיין תפלה זאיי מיר (מוחל) מיינע זינד · איך בעט דיך ליבר גאט האב ניט מאר איבל אז איך רייד אזו פיל פר דיר . איך ווייס אז דיין מדה איז אייטל רחמים אזו מיין איך אז דו ווערסט מיין תשובה מקבל זיין אונ׳ מיין ביטר הארץ פר דיר נעמען אין דעם (יום הדין) דען דוא ביסט (בוחן לבבות) אונ׳ בעט איך דיך ליבר גאט לאז מיך ניט פאלן אויף מיין עלטר ווען מיין כח אנטגייט אז איך האב קיין כח ניט אפילו רעכט (תשובה) צו טאן מיט איין גאנצן הארצן וואס איך האב גזינדיגט ביז אהער זאיי מיר (מוחל) אונ׳ היט מיך ווייטר פון זינדיגן ווי עס שטייט געשריבן

(הבא לטהר מסייעין לו)· ליבר גאט לאז מיינע יודישע פיינט ניט דער פרייט ווערן אן מיר· ווי (דוד המלך עליו השלום) האט דיך געבעטן פר שטאפ די ווילר פון מיינע פיינד זיי זאלן מיר קיין ביין שאן און די (מלאכי רחמים) זאלן ברענגן מיין (תפלה) פר דיר און דו ליבר גאט זאלשט דיך דער בארמן און זאלשט מיך גרעכט מאכן (ליום הדין) און מיין דין זאל אויס גיין רעכט (בחסד וברחמים) און ניט חס ושלום מיט רוגז· רבש"ע דו זאלשט מיט מיר טאן ווי אין (פסוק) שטייט אזי איך וועל דיך רופן וועשטו מיר ענטפערן· אזי איך וועל ריידן זאלשטו מיך דער הערן און זאלשט מיר ניט פר לאזן אזו ווי דו האשט מיך ביז אהער ניט פר לאזן (אמן כן יהי רצון):

רבש"ע איך בעט דיך דו זאלשט בגיטיגן מיין מזל· און אויב מיין מזל ניט איז ברייגט הייסטו דאך (אל שדי) און זא ברעך דאס שווערע מזל און בגיטיג דאס יאר און אלע יאר און דעם ר"ח און אלע חודש און די וואך און אלע וואך און אלע טאג און אלע רגע מחדש זיין (לטובה ולברכה ולהצלחה) און הייל די צו בראכנע הערצר און גיב מיר (חן וחסד) אין דיינע אויגן און אין לייטס אויגן דש קיינר זאל פון מיר האבן צו ריידן· מיינע אויגן הויב איך אויף צו קעגן דעם הימל און מיין צו בראכן הארץ· אזו ווי (דוד המלך עליו השלום) האט געשריבן איין צו בראכן און פאר שמויסן הארץ טוסטו ניט פאר שמעהן· און זאלסט ווער (ממלא משאלות לבי לטובה כי אל רחום אתה)· יהיו לרצון אמרי פי והגיון לבי לפניך [illegible] צורי וגואלי:

תחנה תפלת החיים

די (תחנה) זאל מען זאגן אלע טאג אין חודש אלול בפרט (בר"ה ויוה"כ):

רבון כל העולמים הער פון דער גאנצר וועלט דו האשט באשאפן די גאנצע וועלט נאך דיין היילגן ווילן און האשט באשאפן אלע הימלן און אלע היילגע מלאכים וואס אובן אין הימל זיינן· און די ערד און וואס אויף איר איז און האשט אויך באשאפן דעם מענטשן וועלכר דס גאר געמאסטע באשעפנש אויף דער ערד איז: און האשט אים געגעבן איין נשמה דיא אים דער גאר שטארק ברענגט דיינע גרויסע אלפרקייט און דיינע גרויסע מאכט און וואונדר צו דער קענן· דו טוסט מיט דעם מענטשן (חסד ורחמים) אלע טאג און אלע רגע אבר זי ער איז ווערט און ווער אלס ער גאר דינט· דרום (רבש"ע) טו איך אויך זיך גאר לאזן אויף דיינע גרויסע גנאד און בארמהערציקייט· און טו איבר ענטפערן מיין גוף ונשמה אין דיין האנט גלייך ווי (דוד המלך ע"ה) האט געזאגט צו דיר גאט גיב איך איבר מיין (נשמה) ליבר גאט איך בין גאר ניט ווערט אז איך זאל גאר דיר שטיין מכ"ש אז איך זאל פר דיר בעטן אליין· אבר איך בין גאר זיכערט אן דיין בארמהערציקייט דש דו פר שמעהסט ניט די (תפלה) פון איין צו בראכן הארץ און דעמוטיגן הארץ אזו ווי אין (פסוק) שטייט איין צו בראכן און פאר שמויסן הארץ טוט גאט ניט פאר שמעהן· ליבר גאט דו ווייסט וואול אלע געדאנקן דו ווייסט דאך וואול וויא מיין הארץ איז צו בראכן אין מיר ווען איך טו מיך בדיינקן ווי פר אונזרי חטאים וועגן ברייגן דאש מיר זיינן אזו שפל אין דר וועלט:

רבש"ע

רבש״ע דער בארק דיך איבר אונז אונ העלף אונז אונ טיק אונז באַר
דעם (גואל צדק) ווען גלייך מיר ווייסן דז מיר קיין זכות האבן ·
דען מיר ברייגגן דאס מיט אונזרי (חטאים ופשעים)· וועגן גלייך וויא דער
(נביא) האט גזאגט (חטאתיכם מנעו הטוב מכם) אייערע זינד האבן פאר
מיטן דז גוטס פון אייך · ליבר גאט טוא עס דאך פון דיינס וועגן לאז אונז
גניסן דעם זכות פון · (אברהם יצחק ויעקב) אונ בהיט איך אונ מיין מאן
אונ מיינע קינדר אונ אלי די מייניגע אונ אויך אלי די דיין הייליגן נאמן אן
רופן מיטן גאנצן הארצן פר אלים בייזן אונ פון צער אדר היזק אונ דז מיר
זאל ניט חלילה קומן (לידי מתנת בשר ודם) נייערט מיר זאל גשפייזט ווערן
פון דיינר מילדי האנט · אויך זאלסטו אונז בענטשן אז מיר זאל ניט פאר
שעמט ווערן אויף דער וועלט אונ אויף יענר וועלט · ליבר גאט היט מיך
אונ מיין מאן אונ מיינע קינדר אונ אל די מייניגע פאר (עין הרע) אונ פאר
(דלות אונ עניות וספלות) :

רבש״ע אין דיין תורה שטייט ווען איינר (מודה) איז וואס ער האט פאר
זונד · איז ער פטור פון קנס דרום וויל איך מתודה זיין אונ וויל
זעלברשט בקענן מייני זינד וואס איך האב גיטאן איך בקען עס זעלבשט
אלס אין דעם חודש אלול דר (שטן) אונ דר (יצה״ר) זאל קיין כח האבן אום
(ר״ה אונ אום יום כפור) אויף מיר מקטרג צו זיין · אונ ח״ו מיר בייז צוא
שאן אין דר צייט ווען דו ווערסט דיך זעצן אויף דיין שטול צו משפטן דיא
גאנצי וועלט אונ די הייליגי מלאכים ווערן פר דיר שטיין · גאט מיין גאט אונ
גאט מיינע עלטרן דו בישט אייטל (חסד ורחמים) · דו בישט (מטיב) מיט
דעם מענטשן אזער ווי ער האט פר דינט · אונ דו טושט אויך ניט בגערן
דעם מענטשנס טויט נייערט ער זאל מיטן גאנצן הארצן תשובה טאן אונ
זאל אים קערן פון בייזן וועג דען דיינע העגט איז אויס גשטרעקט (מקבל)
צו זיין די תשובה פון אלע מענטשן די מיטן גאנצן הארצן חרטה האבן אויף
אירע זינד אויך טוסטו ניט פר שמאהן דז געבעט פון איין ארעמאן · אונ
פר בארגשט ניט דיין פנים פר די דיך מיט גאנצן הארצן אן רופן נייערט
דו טוסט זיי ענטפרן · דרום ליבר גאט לאז זיין דיין הייליגר ווילן דאס דו
זאלסט זיך מיט אונז ניט בגיין מיט משפט נייערט מיט (חסד ורחמים)
דא טוא איך דיינס מייד פר דיר בעטן מיט איין צו בראכן הארצן דו
זאלסט אן נעמן מיין (תשובה) וואס איך טוא פאר דיר דו בישט דאך (אל
ארך אפים) דו דער לענגשט דיין צארן · דו הייסט (אל רחום) דו דער
בארמשט דיך איבר אלע בשעפענש דו בישט (אל מוחל וסולח) דו פר גיבשט
אלע דיא דיך מיטן גאנצן הארצן אן רופן אזו זאלסטו מיר אויך ענפרנצו
דיזר שטונד אונ צייט · נעם פר דיר מיין פאסטן עס זאל ביי דיר אנגנומן זיין
דז בלוט אונ פלייש וואס מיר איבר די פאסטן ווערט גמינרט אלש ווען איך
עס שפרייגגן אויף דעם מזבח · ליבר גאט מיר טוען דיך בעטן דו זאלסט
דורך דעם מוחל זיין אונזרי (חטאים) ווי דו האסט מוחל גוועזן ווען איינר
האט איין קרבן גבראכט אויף זיינע חטאים אונ איך אלדר מיט פר ריכטן

וואש איךהאב גטאוּאיס מיינע מעשים איךהאב גפעלשט אן דייני אייניגקייט אונ אן דיין הייליגן נאמן איך האב דורך מייני פיל עבירות אויך גהאלטן דיא (שפע טובה וברכות) וואש פון דיר קומט אוןדיין פאלק· איך האב מיט מייני מעשים פיל גוטש פר מיסן צו קומן אוף דיין פאלק וויי מיר ווי לאנג וועל איך נאך אזו הארט אקנדיג זיין אונ דיין הייליגן נאמן נים דר קענן דר פייער פון דיין גרים צארן וועט מיך ח"ו פר ברענן איך בין דאך דיין בשעפניש אונ די ווערק פון דיין הענט· חלילה דש דו זאלשט פר דארבן דייני ווערק וואש דוא האשט בשאפן אונ דרום דר בארמיגר פאטר דר בארם דיך איבר מיר אונ איבר מיין מאן אונ קינדר עש זאל אויך מיר ניט קומן דיין צארן · סוא מיט מיר חסד ניט נאך מייני ווערק אונ קער דיך צו מיר מיט דר בארמקייט נייג דיינע אויערן צו מיין גבעט דען איך האב מיט מייני עבירות אזו פיל פאר דארבן דש איך מיט מיין ביסל זכיות ניט אין שטאנד בין ווידר צו פר ריכטן אבר ליבר גאט דו ווייסט דאך אלי גדאנקן דען דו פרובשט אלע הערצר פון די מענשן איך האב גוואלט טאן גוטש וואש מיגליך איז נאר דר יצה"ר האט מיך נים צו גלאזן אונ דו נעמשט דאך אן די גוטע גדאנקן זוא גוט אלז ווען ער האט גטאנגלייך ווי אינדר הייליגי תורה שטייט הקב"ה איז(מצרף מחשבה טובה למעשה) גאט ב"ה נעמט אן די גוטע גדאנקן פון מענשן גלייך אלש ווען ער האט די מצוה שון גטאןדרום ליבר פאטר נעם אויפאן מייני גוטי גדאנקן אונ לאז עש אזו גוט זיין אלש ווען איך האב פר ריכט וואש איךהאב פר דארבן מיט מיינע זינד דו ווייסט דאך מיינע גדאנקן דש איך בינגערן גוטש צו טאן נאר דר יצה"ר לאזט מיך ניט אזו ווי צו מיינגוף ווי איז צו מיינשמה ווי האב איך פר דארבן אונ קען עש ווידר ניט פר ריכטן· גאט מיין גאט זעה ווי מיין הארץ איז אין מיר צו בראכן אונ איז פר רוקט פון איר ארט ווען איך טוא איך דר מאנן אן מיינע שווערי ביטרי זינד וואש איך האב גטאן פון מייניוגנט אן ביז דעם היינטיגן טאג איך האב פר שעמט מייני עלטרן אונ אז איךהאב זיך היינט דר מאנט זוא קומט אגרויסע אנגשט אונ פארכט אויף מיר מיט וואש זאל איך די דאזיגי עבירות קאנן פר ריכטן אז מיין נשמה זאל ניט פר שעמט ווערן פר דיין (כסא הכבוד אין דעם יום הדין). דרום ליבר פאטר ענטפר מיר אין מייני גרויסי צרות דען מיינע זינד זיינן זייער פיל אלש איך קען זיי מער ניט דר טראגן אונ זאיי מיר מוחל אויף אלע מיינע חטאים :

רבש"ע עש קומט אן די צייט דש איך וועל מוזן חשבון געבן פר דיר פונאלי מייני זינד די צייט דש אלע ספרים זיינן אפן פר דיר אונ אלי דייני הייליגי מלאכים שטייען פר דיר מיט פארכט אונ ציטרנש וואש וועל איך ריידן אדר שפרעכן מיט וואש וועל איך מיך פר דיין הייליגן נאמן גרעכט מאכן דרום בעט איך דיך ליבר גאט דוא זאלשט מיך אונטער לעהנן מיט דיין רעכטע האנט נייג דיינע אויערן צו מיין גבעט אונ פר שטאפ דעם מויל אונ אויערין פון דעם שטן דר ווארטן ער זאל ניט קענן מקטרג זיין אויף מיר נייערט שיק מיר גוטע(מלאכים) די וואש זאלן מיין תפלה אנטפאנגן דען צו דיר אליין האב איך גזינדיגט פר דיר אליין וויל איך אויך מיינע זינד בקענן דו זאלשט מיר באלד ענטפרן :

די

דיא (תחנה) זאל מען זאגן אום ימים נוראים בפרט אום ראש השנה
ויום כפור:

רבש"ע דוא ביסט דער הער פון דער גאנצער וועלט · דוא ווייסט דאך וואול אז מיר קענן ניט פר שטיין דעם רעכטן טעם פון דיינע מצות אונ דו האסט אונז געבאטן שופר צו בלאזן אום ר"ה ומוצאי יו"כ דר ווארטן אונזרי מעשים זאלן פר דיר גדאכט ווערן · נון דיינע ליבע קינדר דיין הייליג פאלק ישראל האבן זיך געפעדרט אונ האבן טוין אן געפאנגן שופר צו בלאזן פון ראש חודש אלול אן · דער ווארטן אז מיר זאלן מבלבל זיין דעם שטן דש ער זאל זיך דער שרעקן · דען ווען ער הערט דעם שופר האט ער גרויס פארכט דען ער ווייש וואול ווען דיין פאלק ישראל הערן שופר בלאזן טוען זיי באלד תשובה אונ האבן באלד חרטה אויף זייערי זינד מיטן גאנצן הארצן · גלייך וויא עס שטייט גשריבן וויא מען הערט אין שטאט שופר בלאזן זאל ווארם דעם פאלק דיא הערצר שטארק דער שראקן · דרום ליבר הער גאט עס זאל זיין גוט דיין ווילן מיט גרויס דר בארימקייט אז דאס קול פון שופר זאל פר שניידן אלע בייזע מקטרגים די וואס מאכן איין צווישן טייד צווישן דיר אונ צווישן אונז דאס אונזרע (תפלה) קענן ניט קומן פר דיר אונ מיר זאלן באלד דער לעבן אז דו זאלשט בלאזן מיט דעם שופר איין צו זאמלן אונז אונ די פר לארנע זאלן ווידר צו הויף קומן אין דיין הייליגע לאנד אונ דארטן זאלן מיר זוכה זיין צו זעהן דיין הייליגע שכינה · אונ העלף אונז אויס דעם (שטן) הענט דש ער זאל אונז קיין בייז קענן טאן: ליבר הער גאט איך בין פר ארעמט אונ בין זייער נוט בדערפטיג. איך הייב אויף מיינע אויגן צו דיר דו זאלשט מיר העלפן היט מיך וויא איין שווארץ אפפל פון אויג איך בין דיין דינשט מייד איך וויל דיר גטרייא דינן · דען דוא ביסט מיין העלפר אונ מיין בשיצר:

יהי רצון עס זאל זיין דר ווילן דש אלונד זאל זיין די לייט פר דיר צו פר נעמן מיין (תפלה) · אונ אל די וואס רופן אן דיין הייליגן נאמן דש דוא זאלשט אונז באלד ענטפרן · אונ דורך די (שופר) בלאזן זאל צו ריסן ווערן די גזירה · אונ זו זאלשט אויף שטיין פון דיין שטול וואס איז אייטל (דין) אונ זאלשט דיך זעצן אויף דעם שטול פון (רחמים) דען דוא ביסט (אל רחום וחנון). דרום ליבר גאט דער בארם דיך איבר אונז אונ דר הער אונזר גיבעט · דער לייג אונז אונזרי יארן מיר זאלן קענן פיל גוטס טאן אונ דיך מיטן גאנצן הארצן קענן דינן אונ דיינע מצות רעכט האלטן · דער ווארטן דאס מיר זאלן ווידער קענן פר ריכטן וואס מיר האבן פר דארבן אונ אום רעכט קענן דיר גטאן · דער וועק אונזרע הערצר ווידר צו קערן צו דיר ליבר פאטר לערן אונז ווי מיר דעם שטן זאלן ביי קומן · דען ער טראכט שטענדיג אונז צו פר דארבן אונ צו פר דריקן. פריער רעט ער אונז אן צו זינדיגן קעגן דיין הייליגן נאמן · אונ דר נאך איז ער מקטרג אויף אונז · דרום ליבר גאט דורך דעם שופר בלאזן זאלשטו אים מאכן פאלן דש ער זאל מער ניט קענן אויף שטיין אום בייז צו ריידן אויף דיין פאלק. מיט דעם ערשטן קול

פון

פון שופר זאל גדאכט ווערן דער זכות פון אונזר פאטר אברהם . מיט דעם אנדרן קול פון דעם שופר זאל גדאכט ווערן דער זכות פון אונזר פאטר יצחק · מיט דעם דריטן קול פון דעם שופר זאל גדאכט ווערן דער זכות פון אונזר פאטר יעקב · מיט דעם פערטן קול זאל גדאכט ווערן דר זכות פון דוד המלך ע"ה. די פיר סדרים די וואש הייסן תקיעה שברים תרועה תקיעה זאל דעם זכות פון אונזרי עלטרן אויך ברייגגן פר דיר אונ דער שטן זאל קיין מאכט האבן קייגרט עס זאל אויס אים איין גוטר מלאך ווערן אז ער זאל מוזן אלז גוטז אויך אונז ריידן · ליבר גאט טוא עס פון דיין הייליגן נאמן וועגן אונ שרייב אונז אן אויף דעם יאר וואש דא קומט אויף אונז איין (פרנסה טובה) אונ צו (ברכה והצלחה) דאש עס זאל אונז אונ אונזרי קינדר וואול גיין · מיר זאלן לעבן אין גרויס גוטש אונ אין פרייד דש מיר זאלן נים קומן ח"ו צו חרפות אונ בושות · מיר זאלן ברוהט אונ גשטילט לעבן דאש מיר זאלן קענן דינן דיין הייליגן נאמן · אויך זאלן מיר ניט ברויכן קיין מענשן. אונזרי הייזר זאלן פול זיין מיט אלעם גוטעם · אונ אונזרע קינדר זאלן נים גמינערט ווערן בייא אונזר לעבן · אונ זאלסט דער ווייטרן פון אונז אלע טרויערקייט · ציערט דוא זאלשט אונז וויזן גרויסע פרייד · אונזרע יודישע שונאים זאלן קיין נקמות אן אונז דער לעבן צו זעהן · אונ עס זאל זיין צווישן אונז לויטר שלום אונ שמחה אונ קיין קריג · ציערט אייטל ברכה אונ הצלחה אונ שלום · אונ אין דעם זכות פון שלום זאלן מיר באלד אויס גלייזט ווערן אמן סלה :

די תחנה זאלן די ווייבר זאגן אום יום כפור צו שחרית ומוסף ונעילה :

רבש"ע דוא הער פון דר גאנצער וועלט דו ביסט דאך בעל הרחמים אונ הייסט אל רחום וחנון ארך אפים איך קום פר דיר מיט איין קאפ איין געבוקט אונ מיט איין צו בראכן הארץ מיט גרויס פארכט אונ מיט דר שרעקנש אונ מיט ציטרנש אונ טוא בעטן פון דיר (מחילה וסליחה וכפרה) אויף מיינע זינד וואש איך האב געטאן דעם גאנצן יאר · שאיי בשוגג אדר במזיד · איך מייס ווען מען קומט דיך בעטן מוז מען מצות ומעשים טובים מיט זיך ברייגגן דען זיי מוזן (מליצי יושר) פר דעם מענשן זיין אדר זיינע צדקות וואש ער האט זיין לעבנש טאג געטאן · אבר איך האב (בעונות הרבים) קיין מעשים טובים) אן מיר קיין צדקה קיין גמילות חסד אונ קיין תשובה אבר איך האב מיין האפנונג אז אין דער צייט ווערן געעפנט דיא טוערן פון רחמים אונ דוא ביסט דאך אייטל דער בארימקייט · דוא ביסט (אל רחום וחנון ארך אפים ורב חסד ואמת נוצר חסד לאלפים נושא עון ועובר על פשע) אונ האשט אונז געגעבן דעם טאג יו"כ צו פר געבן אלע אונזרע זינד · דוא האשט געגעבן אויף דעם טאג פינף עינוים · איינש איז מיר דארפן גאר ניט עסן אונ טרינקן · דש אנדערי איז מיר טארן זיך ניט וואשן אונ באדן . דאש דריטע איז מיר טארן זיך ניט שמירן מיט גוטע אייל אדער גנשט שמעקנדיגש זאכן · דאש פירטע איז מיר דארפן זיך קיין שיך אן טאן

דאש

דאס פינפטע איז מיר מוזן זיך אפ שיידן פון אונזרע אכן · דער ווארפן
דאס מיר זאלן זיין גרייניגט פון אללע אום ריינקייט · דאס פייניגונג דס מיר
ניט עסן אונ טרינקן זאל זיין איין כפרה אויף דעם וואס מיר האבן אנגאנגן
יאר געגעסן אונ גטרונקן זעלבע זאכן וואס עס איז אונז אסור געוועזן · אונ דס
פייניגן וואס מיר דארפן זיך ניט וואשן זאל מכפר זיין אויף דעם וואס מיר
האבן אנגאנגן יאר אונזר נשמה מיט פלעקן איין גריבם דער וויל מיר האבן
אונזרע הענט ניט רעכט גוואשן · אונ דס פייניגן וואס מיר דארפן אונז ניט
שמירן זאל מכפר זיין אויף דעם דר וויל מיר האבן דס גאנצע יאר מיט אונזרי
עבירות אויף גהאלטן דס די שפע פון הש"י ב"ה האט ניט קענן צו אונז קומן·
אונ דאס פייניגן דאס מיר דארפן אונז קיין שיך אן ציהן זאל מכפר זיין אויף
דעם וואס מיר זיינן אנגאנגן יאר נאך עבירות גגאנגן אונ מיט אונזרי פיס
גלאפן צו אלעם בייזן · אונ האבן גטאן זעלבע זאכן דאס מיר זיינן ווערט צו
זיין איין חרם · דען ווען איינר איז איין חרם דארף ער קיין שיך אן ציהן ·
אונ דאס פייניגן דס מיר מוזן זיך שיידן פון אונזרי אכן זאל מכפר זיין אויף
דעם. וואס מיר האבן זיך ניט רעכט נוהג געווען אויף אונזרי בעטן · דרום
ליבר גאט דער מעק דיין בארמהרציקייט אויף אונז אונ פר גיב אונזרע זינד
לאז אונז בייא שטיין דער זכות פון דיא פינף ענוים וואס מיר פייניגן זיך
היינט אום (יום כפור) אונ זאיי אונז מוחל אלע אונזרי זינד וואס מיר האבן
גטאן אנגאנגן יאר סיי בשוגג אדר במזיד · אונ זאלשט אונז ליבר פאטר באלד
איין דעם נייעם יאר ברייגגן איין ארץ ישראל · דס אונזר זיפצן אונ וויינן זאל
פר קערט ווערן צו גרויסע פרייד · אונ דארסן ווען מיר דיך ווידר דינן מיטן
גאנצן הארצן אונ גיב אונז פיל גוטס אונ פרנסה בכבוד לנו ולכל ישראל אמן :

די תחנה זאל די ווייבר זאגן איין חודש אלול אנפאנגיג אונ דאנפרשטאג ובפרט
ר"ה ויום כפור ווען מען די ספרי תורות אויס נעמט :

יי יי דוא ביסט דר בארמיגר גאט אונ דר בארמסט דיך איבר דעם מענסטן
איי ער זינדיגט אונ דוא ביסט איין בארמהרציגר גאט אונ דוא דער
בארמסט דיך איבר דעם מענטשן נאך דעם אז ער האט גזינדיגט אונ
ביסט אים מוחל דורך תשובה : (אל) דוא ביסט איין גנעדיגר גאט אונ איין
בארמהרציגר צו דעם דער דיך מיטן גאנצן הארצן טוט רופן אזו דער
בארמסטו זיך איבר אים : (רחום) אונ דוא ביסט איין בארמהרציגר גאט
אונ דר בארמסט דיך איבר דעם מענטשן דר דא בגערט דוא זאלסט דיך איבר
אים דער בארמן אונ דוא טוסט אום זונסט אייטל גינאד. ווען ער האט
גלייך קיין זכות ניט נייערט ווען ער דיך נאר אן רופן טוט מיטן גאנצן הארצן
אזו דער בארמסטו זיך איבר אים אונ ביסט אים מוחל זיינע עבירות:(וחנון)
אונ דוא ביסט איין לייט זעליגר גאט · דו טוסט לייט זעליגן דעם דער דא
קומט מיט תפלה פאר דיר · אזו דער הערסטו אים גאר באלד אונ דער
בארמסט דיך איבר אים : (ארך אפים) דוא ביסט לאנגזום צערניג · אונ דר
לייגרסט דיין גרים נארן אפילו צו דעם (רשע) אונ איילטסט ניט צו בצאלן דעם
מענטשן

מענטן נאך זייני טויטלעכע מעטים . נייערט דוא טוסט איס ווארטן־פאלייבט
ווען ער תשובה טאן · (ורב חסד) אונ דוא בווייזט פיל גנאד צו דיא מענטן
דיא וואס אפילו האבן גאר קיין זכות: (ואמת) אונ דו ביסט איין ווארהאפטיגר
גאט דוא טראפסט דעם מענטן אויף דער וועלט · דער ווארטן ער זאל
האבן איין גוטן לוין (לעולם הבא) אויף דאס גוטס וואס ער האט גטאן בייא
זיין לעבן : (נוצר חסד לאלפים) דוא הויבסט אויף אונ טוטס בהאלטן דיא
זעלביגע גוטס וואס איין צדיק האט גטאן אויף דער וועלט אונ לאזט עס
גניסן זיינע קינדר אונ קינדס קינדר אפילו ביז צו טויזנטן גבירד : (נושא
עון) דוא פר טראגסט דעם מענטשענס זינד אפילו ווען דער מענט זינדיגט
מיט גרויסע זינד · זוא פר גיבסטו איס ווען ער טוט תשובה : (ופשע) אפילו
אזעלכי עבירות די מיט מוטוויליקייט אי: גטאן ביסטו דאך איס מוחל ווען
ער טוט תשובה מיטן גאנצן הארצן : (וחטאה) מכל שכן אז דוא טוסט פאר
געבן דעם מענטשן דורך דיא תשובה ווען ער האט איין עבירה גטאן בשוגג
זעלכי עבירות וואס דער מענטש קען זיך דער פון נים היטן עס מעג זיין
מיט הערן אדר מיט זעהן אדר מיט ריידן : (ונקה) אונ דוא רייניגסט דעם
מענטשנס זינד ווען ער טוט תשובה מיטן גאנצן הארצן אזוא ווערט אפילו
פון דיא עבירות לויטר זכיות :

דער נאך זאגט מען דאס

רבש"ע דוא זאלסט דר פילן מיין בגער צו גוטן אונ זאלסט מיר מיט מיין
מאן אונ קינדר מוחל זיין אונזרע זינד וואס מיר האבן גטאן איין
פר געבונג מיט גנאד · איין פר געבונג מיט דר בארימקייט אונ זאלסט אונז
הייליגן אונ רייניגן פון אונזרע (חטאים ועונות ופשעים) וואס מיר האבן
גטאן . אונ גימוטוויליגט קעגן דיין הייליגן נאמן אונ זאלסט אונז גדיינקן צום
(יום הדין) פר דיר צו איין (כתיבה וחתימה טובה) אונ זוא העלפן אונז מיט
דער בארמקייט אונ דוא זאלסט מיך מיט מיין מאן אונ קינדר אונ אלע דיא
מייניגע אינזונד גדיינקן צו לאנג לעבן אונ צו גיזונד אונ צו שלום אונ זאלסט
אונז געבן איין (פרנסה טובה) · דען אינזונד טוטטו דעם מענטשן זיין
פרנסה אויף לייגן אויף דעם גאנצן יאהרי דרום בעט איך דיך בארמהרציגר
פאטר דס דוא זאלסט מיט אונז טאן (לפנים משורת הדין) אונ זאלסט אונז
אן טרייבן צו איין (פרנסה טובה ומתוקה) צו איין גרינגע (מחיה) · אונ נוא
איין (פרנסה טובה וכלכלה) דאס מיר זאלן האבן (לחם לאכול ובגד ללבוש
בכבוד) אונ ניט מיט בזיון · בהיתר אונ ניט ח"ו באיסור · דען דוא ביסט
דער הער פון דער גאנצר וועלט דוא שפייזט אלע בשעפנש פון קליין ביז גרויס
גלייך וויא גשריבן שטייט (עיני כל אליך ישברו ואתה נותן להם את אכלם
בעתו) איז טייטש דיא אויגן פון אלע בשעפנש דיא האפן צו דיר · אונ דוא
גיבסט איטליכן זיין שפייז אונ אלע זיינע בדערפנעש אין דער צייט אונ דוא
זאלסט אונז געבן פאר שטאנד אונ קלוגהייט דאס מיר זאלן קענן פרובן אונ
וויטן דעם רעכטן (סוד) פון דיין הייליגע תורה אונ מצות אונ זאלסט אונז

טיקן איין (רפואה שלמה) אונ (ברכה והצלחה) אין אלע אונזרע עסקים! אונ אין אונזר (משא ומתן) וואס מיר טואן · אונ זאלסט גזור זיין אויף אונז אייטל גוטע גזירות אויף דעם נייעם יאהר אונ זאלסט אבטל זיין פון אונז אלע בייזע גזירות אונ זאלסט געבן אין דיא הערצר פון דיא (מלכים ושרים ויועצים) אויף אונז צו גוטן · עס זאל זיין דר ווילן צו פר דיר אלמאכטיגר גאט די רייד פון מיין מויל אונ דיא גדאנקן פון מיינם הארצן זאל זיין בוויליגט פר דיר דען דוא ביסט מיין בשעפר אונ מיין דר לייזר אמן וכן יהי רצון :

דער נאך זאגט מען דאס דרייא מאל

ואני תפלתי לך יי עת רצון אלהים ברב חסדך ענני באמת ישעך :

בריך שמיה גלויבט זאל זיין דר נאמן פון דעם הער פון דר גאנצר וועלט · דיין ווילן זאל זיין מיט דיין פאלק ישראל צו אייביג אז דו זאלסט אנטפאנגן אונזר (תפלה) מיט דר בארמקייט · עס זאל זיין דר ווילן צו פר דיר גאט אז דו זאלסט דר לייגרן אונזר לעבן צו אים גוטן · אונ איך זאל גצילט ווערן אונטר די (צדיקים) אונ (צדקניות) פון (ישראל) · אונ זאלסט דיך דר בארמן איבר מיר אונ זאלסט מיך אונ אלע די מייניגע אונ דיין גאנץ פאלק שפייזן · דען דו ביסט גאט דר דא שפייזט אלע קראייסר · אונ דו טוסט געוועלטיגן איבר אלע קיניגרייכן · דען דאס קיניגרייך פון דר גאנצר וועלט איז דיין · אונ איך פרויא טוא מיך פר דיר נייגן אונ בוקן דען איך פר לאז מיך אוף דיר אונ ניט אויף קיין מענטשן אונ אוף קיין (מלאך) נייערט אוף דיר גאט אליין אין הימל · דען דו ביסט איין ווארהאפטיגר גאט דר דא פיל גוטז טוט צו אלע בשעפנס · אונ צו דיין הייליגן נאמן זאג איך לויב אונ דאנק פאר אלעם גוטן דאס ער מיט מיר טוט · דרום זאל זיין דר ווילן צו פר דיר גאט איין גאט אז דוא זאלסט דר פילן אלע אונזרע בגער אונ אונזר האפונג צו גוטן אונ צו לאנג לעבן אונ צו (שלום) אונ צו גזונד (אמן סלה) :

דער נאך זאגט מען שמע ישראל · גדלו · על הכל · גפינט מען אין מחזור :

די תחנה זאל מען זאגן אז מען הערט שופר בלאזן :

רבש״ע דו האסט אונז גבאטן דש מען זאל (שופר) בלאזן פון (ר״ח אלול אן ביז ר״ה) דר מיט אז דר מענש זאל זיך בדיינקן אונ דר וועקן זיינע גלידר אונ זיין הארץ צו טאן דינן (הש״י ב״ה) דרום זאלן אלע גלידר אן הייבן צו ציטרן ווען מען הייבט אן שופר צו בלאזן דען די הייליגע מלאכים האבן מורא פר (הש״י ב״ה) אונ ציטרן פר דעם פארכטיגן יום הדין · אכ״ש מיר זינדיגע מענטשן גהערן מורא צו האבן פר דעם יום הדין אונ גהערן ווינן מיט צו בראכטע הערצר דען דר מענש קומט פון איין שטינקעדיגן טראפן · אונ ווען דר מענש לעבט געוועלטיגן איבר אים מוקן אונ פליגן ואכ״ש ווען ער שטארבט געוועלטיגן אן אים אלי ווערים אונ שטעכן אים אונ ער קאן זיך ניט ריירן אונ ווערן · דרום גהער זיך דר מענש צו בדיינק אונ פרום צו זיין אונ מעשים טובים מיט זיך צו נעמן פר הקב״ה אז ער זאל ניט פר שעמט ווערן פר דר שכינה דען דר מענטש זאל זיך בדאכטן וואס ער איז ניט פרום ווי עס וועט מיט אים צו גיין נאך זיין טויט ווי פינצטר וועט אים זיין ווען דר (מלאך המות) קומט אונ בוויזט זיך צו אים אז דר טרעקט ער זיך איינזיינבעט אונ קערט זיך פון איין זייט צו דר אנדרר אונ וואלט זיך גערן פר בארגן פר דעם מלאך המות דש אים דער שוויס ארונטר לויפט פר גרויס פארכט אונ אנגסט : דש אנדרע ווען מען טראגט אים פון זיין שין ליכטיג הויז צו דעם פינצטרן קבר וואס דריגן זיין נאר אייטל שלאנגן אונ ווערים · אונ אז מען קומט מיט אים צום קבר זא

קומן

קומן מלאכי חבלות ר"ל אונ רייסן אים ארונטר פון דער מטה אונ שלאגן אים ביטרע שלעק אז דר מת ווערט דר פון ברוין אונ בלא פר גרויש מורא דש דריטע ווען מען לייגט אים ארײַן אין קבר אונ די לייט גייען אוועק פון קברות זו קומן די מלאכי חבלות אונ גיבן איין שלאק אויף דעם קבר זא שפאלט זיך דר קבר אויף צווייען אונ נעמן אים ארויש פון (קבר) אונ שטעלן אים אויף זיינע פיס · אונ טוען זיין (נשמה) ווידר אין אים אונ שלאגן אים גרושע שלעק אונ פרעגן אים ערשט ווי הייסטו זא וייש ער ניט פר גרויש שרעקנש ווי ער הייסט · דר נאך קומן דריי כתות מלאכי חבלות די אויש זיינע עבירות זיינן בשאפן געווארן · אונ שרייען רשע וואָרום האשטו עובר געווען אויף מצות עשה ומצות לא תעשה אונ שלאגן אים מיט פייעריגע ריטער. אונ ער ליגט אין גרויסע צרות אונ אנגשטן אין מורא אזו זעהט ער זיך אום דאש קיין ווייב אונ קינדר זיינן דא פילייכט קענן זיא אים העלפן אונ בשירמן פון די שווערע ביטערע יסורים · דא ווייל זיי פון קברות מהיים גגאנגן צו איר הויז אונ קלאגן אום אים איינציגע פיר וואכן דר נאך איז ער גאנץ גאר פאר געסן גלייך ווען ער וואלט גאר ניט געווען אויף דר וועלט אונ ער מוז נעבך דארטן בלייבן אונ ליידן שווערע ביטרע יסורים · די ערשטע נאכט ווארפן אים די מלאכי חבלות הין אונ הער. ווער קאן דש אלש אויש שרייבן דרום ליבע לייט בדיינקט דעם טאג אונ די נאכט וואש פר איין גרויש מורא דש איז · על כן איי מענהייבט אן סופר באלד זאל מען ווינן אונ שרייען אונ זאגן זאל זאגן מיט גרוש כוונה דפקרבש"ע

רבש"ע העלפר פון דר גאנצר וועלט איך בין גקומן פר דיר צו בעטן דיך מיט זיפצן אונ מיט וויינן פר דיין ליבן נאמן אונ טוא בעטן פון דיר מחילה וסליחה וכפרה) אויף מיינע גרושע ביסרע חטאים· אלמעכטיגר גאט דו ביזט דאך (רחום וחנון) אונ דו טושט קיינן איבר די גאנצע וועלט דוא האשט ליב דעם זעלביגן דר דא תשובה טוט מיט גאנצן הארצן אונ קערט זיך אפ פון זיינע בייזע מעשים אוי לי ווי לי אז איך האב פר מעשים רעים געטאן דש איך האב איין נשמה זא בפלעקט די וואש איז וואָרן ארויש גנומן פון זא איין היילגן ארט וואש דו האשט מיר צו געגעבן צו האלטן גלייך ווי איין אבן טוב אונ איך האב זי פר אום ריינגט מיט מיינע עבירות וואש זאל איך טאן איך בין קיין (רגע) ניט זיכר ווען מען ווערט מיך רופן צו דעם (יום הדין) פר דעם (כסא הכבוד) ווייש איך ניט וואש איך ווער קענן ענטפרן:

רבש"ע דר בארם זיך איבר מיר זינדיגר מענטש אונ פר נעם מיין תפלה וואש איך טוא אינונד אידטוא מייני זינד בקענן פר דיר מיט וויינן אונ זיפצנדרום זאלשטו פר נעמן מיין צו ברחמנות, הארץ דען איך האב גזינדיגט זיי מיר מוחל דו בארמהארציגר פאטר זיי זיך מרחם איבר מיר ווי א פאטר איבר א קינד אונ פר גיב מיר מיינע זינד אונ שרייב אין מיך מיט מיין מאן אונ קינדר אויף דעם נייעם יאר צו לעבן צו שלום דער מיט אז מיר זאלן קענן דינן דיין היילגן נאמן ליבר גאט בשירם מיך אונ אלעמן פון יצה"ר אונ פון אלעם בייזן כדי מיר זאלן קענן לערנן די היילגי תורה אונ האלטן דייני מצות צו דינן דיין היילגן נאמן ניט אומזיסט לעבן אונ צו טאן ווי דו האשט אן געשריבן אין דר היילגי תורה דורך דיין וואר האפטיגן קנעכט (משה רבינו ע"ה אמן) :

די תחנה זאגט מען אום ר"ה ויו"כ ווען דר חזן זאגט עלינו (לשבח) :

עלינו אויף אונז איז די שולד צו לויבן דיין היילגן נאמן באימה מיט פארכט

צו

צו בעטן אום צו גניסן דיין בארמהארציקייט אויב איך בין שוין פול
מיט עבירות ביסטו דאך איין (בעל הרחמים) אונ האסט אונז גלערנט דיא
וועגן פון תשובה זו קום איך (פב"פ) פר דיין גאנפרטן נאמן צו בעטן אויף מיין
מאן אונ קינדר (בכריעה ובהשתחויה) אונ פאל אויף מיין פנים מיט אנגסט
אונ פארכט צו בעטן דיין הייליגן נאמן (מלך מלכי המלכים הקב"ה) דעם חסד
וואס דו האסט גיטאן מיט מיר אונ מיט מיין מאן אונ קינדר פון יוגנט אן ביז
דעם הייניגן טאג (אל מלא רחמים) לאז מיך ווייטר דיין גנאד אונ דיין בארם
הארציקייט ניט פר לאזן אונטפאנג מיט דר בארמיקייט אונזר תפלה וויל איצונד
איז איין (עת רצון) דו זאלסט אונזרי עבירות פר געבן אזו ווי דו האסט פר
זיכרט צו (משה רבינו ע"ה) אין די הייליגע צייט (סלחתי כדבריך) דו זאלסט
מוחל זיין אונזרי עבירות וויל מיר זיינן זיך מתודה מיט צו בראכן הארצן.
זייא מקבל אונזרי (תפלות כתפלת חנה) ויא האט גזאגט (אשה קשת רוח אנכי)
איין פרוי מיט בטריבטן ביטרן גמיט בין איך (ואל תבא במשפט עמדי) זייא
מיך ניט דן מיט משפט (כי לא יצדק לפניך כל חי) וויל קיין מענטש איז ניט
ריין פון עבירות אונ ווען ח"ו דר (מקטרג) וועט זיך מתגבר זיין לאז מיך גניסן
דיין (מדה פון חסד ורחמים) שטיי אויף מכסא דין אונ זעץ דיך אויף (כסא
רחמים) איבר גאט נייג דיין בארמהארציקייט אויף מיר (פב"פ) אונ מיין מאן
אונ קינדר אונ וואש אפ אונזרע עבירות מיט דיין פיל דר בארמיקייט (אמן):
רבש"ע ווי צו ברעכט מיר מיין הארץ ווען איך גדיינק אז דאס (בה"מ) איז
גשטאנן אונ דר (כהן גדול) האט די (עבודה) גטאן אין (קדשי הקדשים)
זו איז דר רוטר פאדים וויים גווארן · דא האבן די ישראל גוואוסט דס זייער
(תפלה) איז אן גנומן גווארן · אבר איצונד (בעונותינו הרבים) האבן מיר קיין (בית
המקדש) קיין (כהן גדול) אונ קיין (קרבן) אויך קיין מנחה דס עס זאל אויף אונז
(מכפר) זיין אחר אונזר (תפלה) · זו פר נעם אונזר (תפלה) מיט דר בארמיקייט ·
אונ גיב אונז גוטזדס מיר זאלן קענן (מחזיק לומדי תורה) זיין · אונ צו געבן צדקה
צו (עניים) אונ (אביונים כשרים) אונ ניט ח"ו פון (גאוה) וועגן אונ ניט צו הערטן
איבר (עניים) עפין די מילדע האנט אונ שפייז מיך אונ אל די מייניגי פון דיין
הייליגי האנט: פאטר דר בארמיגר מייניע רייד זאלן זיין בוויליגט פר דיר · אונ ווען
איך ח"ו עט וואס גרעדט האב וואס ניט רעכט איז · פרוביר אונזרי צו בראכנע
גדאנקן וועלכע בטריבט איז מיט וויינן אונ טרייען אונ לאזן זייא (מוחלים) פר מיר
אונ פר מיין מאן אונ קינדר · אונ אויב איך ניט ווערט בין צו בעטן פר מיר אונ
פטיטא אויף מיין מאן אונ קינדר · איבר גאט האסטו דאך פר זיכרט אונז ווי עס
שטייט גשריבן (עושה חסד לאלפים) דיין גנאד גייט אויף פיל טויזנט · זו פר נעם
מיין (תפלה) אויך · אונ לאז מייני טרערן ניט לער אפ לויפן · אונ בויא דיין בית
המקדש באלד אין אונזרע טעג אז דר כהן גדול זאל די עבודה טאן אין (קדשי
קדשים אמן סלה:

דאס זאגט מען נאך (תפלת נעילה) ווען מן זאגט שמע ישראל יי הוא אלהים:
דר נאך זאגט מען דס · (יי מלך יי מלך יי ימלוך לעולם ועד) : גאט טוט קיניגן ·
גאט האט גקיניגט · גאט וועט קיניגן צו אימר אונ איביג :

אלהינו

אלהינו שבשמים אונזר גאָט וואָס אין הימל (זכרנו) גדיינק אונז אין גדעכֿנט
דאס גוטן צו פֿאר דיר: אונזר גאָט (חתמנו) זיגל אונז אין בוך פֿון די צדיקים
אונזר גאָט (חתמנו) זיגל אונז אין בוך די רעכֿטע פֿאַרטיגע אונ די גאנצן גוטע
אונזר גאָט (חתמנו) זיגל אונז אן אין בוך די שפייז אונ גוטע נערונג:
אלהינו אונזר גאָט (חמול) דר בארם זיך איבר אונז אונ אויף אונזר קליינגזינד
אונ אויף אונזרי אנטוויינטי קינדרליך: אונזר גאָט ריינג אונז פֿון אונזרי
זינד אונזר גאָט לאז נון ברונן דיינע דר בארמיקייט פֿון אונזרט וועגן: אונזר
גאָט טוא עס פֿון דיינט וועגן ווען ניט פֿון אונזרט וועגן · אונזר גאָט דרינג
די אונז דריגן אונזר גאָט דר פֿיל אן הייטונג אונזר הארצן צו אלים גוטן: אונזר
גאָט טוא רעכֿנן אונזר רעכֿנונג: אונזר גאָט טוא אונטר לעגן אונזר פֿאלונג:
אונזר גאָט ענטפֿר אונזר גבעט: אונזר גאָט גביט פֿון אונזרט וועגן דיין
בענטשונג אונ זאלשט גרעכֿטיגן אונז אין דיין טאן ריכֿטן: אונזר גאָט מאך
גנעהנן צו אונז דאס ענד פֿון דר לייזונג: אונזר גאָט טוא גביטן אום אונזרס
וועגן דיין הייליך: אונזר גאָט מאך גנעהנן צו אונז דעם טאג פֿון הייליך: אונזר
גאָט מאך גנעהנן אונז צו דיין דינסט: אונזר גאָט טוא היילן די קראנקהייט פֿון
דיין פֿאלק: אונזר גאָט פֿאר נעם אונזר גשריי: אונזר גאָט טוא פֿריד צווישן
אונז: אונזר גאָט טוא פֿריד אין אונזרע פאלאצן: אונזר גאָט גיב לעבן אונ
פֿרייד אונ דר לייזונג טעג אונ גוטן צו דעם הערן דאס איר טואן זילן אין זיין
לאנד אונזר גאָט גיב אין זיין הארצן אונ אין די הערצר פֿון אלע זיינע ראט
הארן אונ זיינע אלע אנדרע הערן דר בארמיקייט גוטן צו טאן צו אונז: אונזר
גאָט גיב זעטיקייט אין דיזר לאנד אונ אין דר גאנצר וועלט: אונזר גאָט גיב
טוי אונ בענטשונג אונ זויאן צו דעם וואס זייט אונ טפייז צו דעם עסר:
ענגו ענטפֿר אונז דר גאָט פֿון אלע הערטשאפֿטן: ענטפֿר אונז דר בארמיגר
אונ לייט צעליגר: ענטפֿר אונז איצט אונ אייביג:

СЕДЕРЪ ТЕХИНОТЪ

т. е.

Порядокъ Молитвъ для Женщинъ.

Печатать позволяется.— Вильно· 4 Мая 1851 г.
Цен. Кол. Сов и Кав. А. Мухинъ.

ВИЛЬНО
въ Типографіи Р. М. Ромма·
1851.

דיא תחנה איז ארויש גנומען גיווארן אויש טייטש (לשון הקודש ספרים)· אויך האבן מיר אריין גשטעלט דרינן תחנות פון אללע טאג אונ פון (ראש חודש אונ פונשבת אונ יום טוב) · אונ דעם טייטש פון דעם יהי רצון וואש מען זאגט נאך לייענן · אויך וואש מען זאל זאגן ווען מען נעמט ארויש דיא ספר תורה פון ארון הקודש · אונ נאך פיל תחנות דער לאז · וואלכע אשה ווען דיא (תחנה) ערינשט זאגן וועט (הקב"ה) גוויש איר לאז הערן אונ וועט איר געבן איר בגער · (בזכות זה) וועלין מיר זוכה זיין (לעלות לציון ברנה אמן) :

אנא יי צבאות איך בעט דיך גאט דער אלמאכטיגר וואש טוט פיל וואונדר אונ צייכן וואש האט קיין צאל אונ וואש רופט אין דיא אויבערשטע הימלן דייני אויגן אפין אונ טועט לוגן אויף אלעם אונ דוא ווייסט וואול אללע (סודות) פון מענטשן עש זאל זיין דער ווילן פון דיר גאט אז איך זאל געפינן (חן) אין דייני אויגן אונ טוא אויף מיר לוגן מיט דער בארמיקייט אונ זייא מיך (מציל) פון אלע (פגעים רעים) אונ מעק אפ מייני זינד אונ פאר גיב מיר מייני (חטאים) אונ איך זאל טון מער קיין עבירות ניט טאן אונ זאל (זוכה) זיין (תשובה) לאז טאן אויף מייני עבירות איי איך וועל פון דער וועלט אוועק גיין · אונ איך זאל זיך אויש וואשן פון דעם אום פלייט וואש עש איז גווארן פון מייני עבירות :

אנא איך בעט דיך גאט זאיי מיר (מוחל) מייני (עבירות) אונ פאר גיב מיר אונ פאר הויל מייני (חטאים) אונ נים פאר גים דיין גרים צארן אויף מיר אונ דיין צארנדיג פייער זאל אויף מיר ניט ברענן דען וואש בין איך גאר אויף דער וועלט אונ וואש איז מיין לעבן אויף דער וועלט אונ וואש קומט מיר ארויש אויש דער וועלט אונ אויש מיין גיבעט אונ וויא לאנג גווערט גאר דיא יארן פון דעם מענטשין דרום בעט איך דיך (רבונו של עולם) טוא דיך פר מידן פון מייני זינד אונ איך זאל גשטארקט ווערין ווארום אז דוא וועטשט מיך שטראפן אויף מייני זינד וואש וועט פון מיר בלייבן דרום טוא דוא דיך קערין צו מיין גבעט :

רבש"ע איך בעט דיך זאיי מיך (מציל) פון מייני (שונאים) אונ זאלשט מיך בווילגען אונ זאלשט דער פילן מיין בגער אונ טוא בויאן

מיינע וואונונג אונ טוא היילן מיינע וואונדן אונ טוא ניט פֿאר בארגן דיין (פנים) פֿון מיר אזוי איך וויל פֿון דער וועלט אוועק גיין דען איך טוא מיך שעמן אויך צו הייבן מיין (פנים) צוא דיר אבר איך טוא ווארפֿן מיין געבעט פֿר דיר אז דוא זאלשט מיך ניט אוועק ווארפֿן אויך דער וועלט דען דוא האשט מיר ביז אהער גרויש גנאד גיטאן דרום בעט איך דיך אז דוא זאלשט מיך ווייטר אויך ניט פֿר לאזן אונ זאלשט מיך שפייזן אונ איך זאל ניט בדארפֿן צוא קיין (בשר ודם): (ברוך אתה שומע תפלה) :

דיא תחנה זאל מען זאגן אלע ראש חודש :

רבש"ע ווען איך בין ניט ווערט אז דוא זאלשט פֿון מיינט וועגן מיר גוטש טאן · טוא דאש פֿון מיינע (זכות אבות) וועגן : ליבר גאט הער מיך אויש אין דעם (ראש חודש) אונ נעם פֿר דיר מיין שווער גמיט דען דוא ווייסט מיינע גדאנקן וויא מיין הארץ ווייגט אין מיר אזו בעט איך דיך בהיט מיך אין דעם (חודש) פֿון מיינע יודישע פֿיינט זיי זאלן ניט קאנן קיין בייז טאן אונ איך זאל ניט קומען (ח"ו) צו קיין (בשר ודם) אויך מיין עלטר אונ זייא מקבל מיין (תפלה) אונ איך זאל האבן (מילי יוטר) פֿאר דיר · טוא מיר וויא דוא האשט גיטאן מיינע עלטרן אונ שפייז מיך פֿון דיין האנט · ווארום עש איז בעשר דאש ביטרע בלאט פֿון דיר איידער די זיסע פֿון מענטשן · ליבר גאט איך בעט דיך גאט גיב מיר איין גוטן מילדיגן (ראש חודש) אז עש זאל אויך מיר ניט זיין קיין שטן אונ קיין (מקטרג) אונ קיין (פגע רע) אויך מיר אונ אויך מיין מאן אונ קינדער אונ אויך (כל ישראל אמן סלה) :

ליבר גאט איך האב (חרטה) אויך מיינע זינד וואש איך האב גזינדיגט פֿאר דיר איצונד קום איך אונ פֿאל פֿאר דיר וויא איין קנעכט פֿאר זיין הערן אונ וויא איין דינשט מייד פֿר איר ווערטן טוא איך הייבן מיינע אויגן צו דיר אונ בעט אום פֿר געבונג אונ אויב דוא בגערשט אז איך זאל ווייכן אזו וויין איך אונ טרייא אונ מיין הארץ אונ אטעם קלאפן אין מיר פֿאר מורא דרום בעט איך דיך ליבער פֿאטר זייא דיך (מרחם) איבר אונז אונ זייא אונז מוחל אונזרע זינד אונ טוא אפ דיין צארן פֿון מיר אונ גייא מיט מיר (במדת החסד ורחמים) וויא דיין (מדה) איז: אייטל חן אונ חסד אונ בהיט מיך פֿאר זינד וויא עש שטייט גשריבן נאך אונזער ווידער קערן ווערשו אונז דער בארמען :

דיא

דיא תחנה זאל מען זאגין אום (פסח שבועות אונ סוכות)
ווען מען נעמט ארויס דיא (ספר תורה) פון (ארון הקודש)
פריער זאל מען זאגן די (שלש עשרה מדות) דרייא מאל :

יי יי אל רחום וחנון ארך אפים ורב חסד ואמת נוצר חסד לאלפים נושא עון ופשע וחטאה ונקה

רבונו של עולם הער פונדער גאנצר וועלט עס זאל זיין דער ווילן צו פאר דיינר אז דוא זאלשט דער פילן מיין גיבעט צו גוטן אונ צו בענשונג אונ זאלשט מאכן אויז ליהן גאר מיין ווילן אונ זאלשט מיר געבן אלע מיין בגער צו גוטן אונ זאלשט מזכה זיין מיך (פב"פ) אונ אלע מיין הויז גזינד צו דינן דיין ווילן מיט גאנצן הארצן אונ זאלשט אונז אנטריקן פון (יצר הרע) אונ זאלשט אונז געבן אונזר חלק אין דיין הייליגע (תורה) אונ (מצות) אונ (מעשים טובים) דער מיט דאש דוא זאלשט מאכן דיין הייליגה (שכינה) אויף אונז רוען אונ זאלשט אונז בשיצן מיט דעם שאטן פון דיין הייליגע (שכינה) אונ זאלשט אונז (מזכה) זיין מיר זאלין גבענטשט זיין מיט קלוגהייט אונ פאר שטאנדיקייט דאש עס זאל אן אונז בשטעטיגט ווערין וואש גשריבן שטייט אונ עס ווערט רואן אויף דיר דיא נבואה פון גאט ברוך הוא אונ דיא (נבואה) פון פאר שטאנדיקייט אונ פון שטארקייט די א (תורה) אונ די (נבואה) פון (יראה) אונ פון וויטן שאפט דיא (תורה) אונ (מצות) אונ פון גאטש פארכט אונ דרום זאל זיין דער ווילן פון דיר גאט פון אייכע עלטרן דאש דוא זאלשט אונז געבן אז מיר זאלן זוכה זיין (לחיי עולם הבא) אונ צו לאנג לעבן אונ זאלשט מיך היטן פון אלע (מעשים רעים) אונ פון דעם יצר הרע אונ פון הויך פארדיקייט אונ אלע בייזע ווייל דען אז איך פר זיכר מיך אן דיר גאט דא בין איך פאר זיכרט אונ ווער מיט אייטל חסד אום גרינגלט (אמן כן יהי רצון) :

ואני תפלתי לך יי עת רצון אלהים ברב חסדך ענני באמת ישעך :

די תחנה זאל מען זאגן אלע פרייטאג צו נאכט אונ שבת פריא :

ברוך גילובט ביסטו קיניג פון דער וועלט דער הער איבר אלע הערן אונ איבר אלע בשעפניש פון דער וועלט אונ זייט גיבענטשט איר אלע מלאכים וואש טואן דיין ווילן מיט גאנצן הארצן (אדון השלום) דוא זאלשט מיך בענטשן אין דעם הייליגן (שבת) אונ אלע מיינע קינדער אונ קינדש

קינדס קינדער נאך גיפינן (חן וחסד) אונ קלוגהייט אין דיינע אויגן אונ אין לייטנס אויגן אונ מאך איבר פארן מיינע עונות אונ זייא מיר מוחל מיינע זינד אונ איך זאל זוכה זיין נאך אנטפאנגן (שבתים) אונ (ימים טובים) מיט מייטל שמחה. אונ מיט גרויסע עשירות אונ מיט ערליכקייט אן זינד אונ בהיט מיך אונ מיינע קינדער אונ קינדס קינדר אונ אללע מענשן פאר קרייגק. אונ פאר (דלות) אונ (עניות) אונ מיר זאלן (זוכה) זיין נאך האבן (שלום הבית) גילובט בישטו גירעכטר גאט: אונ פריד אויף אייך פייערדיגע (מלאכים) פריד אויף אייך (מלאכים) וואש דינן פאר גאט (ברוך הוא) גבענטשט איז אייער קומען מיט פריד פון איצונד ביז אייביג (א"ס):

רבון הער פון דער וועלט דער זכות פון דעם הייליגן שבת זאל בייא שטיין אז דיא גוטע (מלאכים) זאלן מיין תפלה ברענגן פר דיר גאט אונ זאלשט דיך דער בארמן איבער מיין גיבעט אונ זאלשט זיא אנטפאנגן מיט דער בארמיקייט אונ מיין תפלה זאל ווערין איין קרוין אויף דיין קאפ (אמן סלה):

יהי רצון עס זאל זיין דער ווילן פר דיר גאט אז דוא זאלשט מיך מאכן ארבן דעם ליבן (שבת) אז איך זאל קיין (צער) ניט האבן דען דוא בישט גאט אליין אונ האשט גיבאטן דיין הייליגע פאלק (ישראל) נאך היטן דעם (שבת) אזוא אויך ליבר גאט זאל איך (זוכה) זיין נאך איין רואונג אונ צו הייליקייט אונ צו איין גרויס בענטשונג אמן סלה:

די תחנה זאל מען זאגן אלי ערב ראש חודש:

ליבר גאט בווייז אונז דיין קראפט אונ העלף אונז וויא דוא האשט אונז צו גיזאגט צו פירן אונז אין דיין הייליגען לאנד · דען ווי דוא בישט (אמת) אזו איז דיינע רייד אויך (אמת) · נאר מיר בעטן דיך ליבר גאט אז עס זאל זיין גיך אונ באלד אין אונזרע טעג אויש צו לייזן אונז (אבינו מלך) אונזער פאטר קיניג אז מיר האבין גזינדיגט אין דער מדבר אזו האט (משה רבינו עליו השלום) פאר אונז תפלה געטאן · (אבינו מלך) אונזר פאטר קיניג פאר גיב נאך דיין פאלק ישראל דיא זינד וואש זייא האבן גיטאן ווייל דוא האשט זיך אליין מיט זייא בריאט אונ האשט גיזאגט (בני בכורי ישראל) . אזוא אויך ליבר גאט זייא אונז (מוחל) . אונ האב ניט

פאר

פֿאר איבל וואש איך ריד אזו פֿיל · איך ווייס דאך אז דיין מדה איז (מלא רחמים ושמע תפלתי) או׳ הער מיין געבעט וויא דוא האשט געהערט דאש מויל פֿון אונזערע עלטרן דיא פֿרומי ווען זייא האבן צוא דיר געבעטן דער הער מיך היינט דען דוא ביטט איין (בוחן לבבות) . ווידער בעט איך דיך גאט (אל תשליכני לעת זקנה) ווארף מיך ניט אוועק אויך מיין עלטר (לעבדך בלבב שלום) איך זאל דיך קענן רעכט דינן מיטן גאנצן הארצן. (ומה שחטאתי) אונ וואש איך האב געזינדיגט זאיי מיר מוחל . אונ היט מיך פֿון זינד ווייטר · אונ מיינע שונאים זאלן ניט דער פֿרייט ווערין אויף מיר וויא (דוד המלך עליו השלום) האט געבעטן פֿר שטאפ די מיילר פֿון די (שונאים) אונ זייא זאלן ניטט קענן בייז טאן · אונ דיא דער בארמיגע (מלאכים) זאלן ברייגגן פֿאר דיר מיין (תפלה) אונ דוא ליבר גאט זאלשט זיך דער בארמן איבר מיר אונ זאלשט מיך גירעכט מאכן פֿאר דיר · אונ זאלשט דיך נוהג זיין מיט מיר מיט (חסד) אונ מיט (רחמים) ניט (חס ושלום מיט רוגז · אזו פֿאר גיס איך פֿאר דיר מיינע רייד אז וואסר · דען איך האב ניט קיין אנדרן גוטן פֿריינט אז איך. זאל פֿאר איס מיין שווער הארץ אויס זאגין :

ליבר גאט דוא ווייסט דאך אלז וואול ווארום דוא ביסט דאך (יודע מחשבות) דרום בעט איך דיך (ראה בעניי) דו זאלשט זעהן אן מיין פיין דען דוא ביסט דאך (צדיק וישר) . דאש האט אלז גמאכט מיינע זינד דאש איך מוז טראכטן פֿר מיין שפייז אונ פֿר מיין גולד צו דער נערן :

די תחנה איז ארויש גנומן געווארין פֿון פֿיל (ספרים) אז מען זאל זיא זאגין אלע טאג נאך דעם דאוונען :

רבונו של עולם אז אונזער מוטר (חנה) איז גיגאנגן אין (בית המקדש) צו טאן תפלה פֿאר (עלי הכהן) האט זיא נאר גרעדט מיט אירע לעפֿצן אזו האט דער (נביא) צו איר גיזאגט גייא ארויש דוא איין גטרונקנע פֿרויא · אזו האט זיא אים גיענטפֿרט ניין מיין הער איך בין אזו איין פֿרויא וואש האט איין שווער גמיט · אונ דוא האשט איר גענטפֿרט · אונ האשט איר גיגעבן איין גוטן זון · דרום בעט איך דיך ליבר גאט אז דוא זאלשט מיר אויך ענטפֿרן · אונ איך בעט דיך ליבר גאט שטראף מיך ניט מיט דיין צארן. ווען איך האב שון גזינדיגט. בעט איך דיך פֿאטר דער בארמיגער גייא מיט מיר מיט (מדת הרחמים)

כיט מיט (מדת הדין) · אזו וויא (יעקב אבינו עליו השלום) האט גבעטן אז זיינע קינדער וועלין (חס ושלום חייב) זיין זאלסטו גדיינקען דיא (צרות) וואס ער האט גליטן איי ער האט זייא אויך גילויגן (אכל שכן) וויא זאל איך דיך בעטן אז איך זאל קיין (צער) האבן פון מיינע קינדער · איך ווייס וואול אז איך בין ניט ווערט צוא שטיין פאר דיר גאט · נאר דוא בגערסט אז' דער מענטש זאל דיך בעטן · דער בארמשטו דיך איבר אים · אזו בעט איך דיך ליבר גאט אז דוא זאלסט זיך איבר מיר אויך דער בארמען אונ זאלסט מיך ניט אוועק ווארפן אויף דער עלטר ווען מיין (כח) ווערט אנטגיין :

ליבר גאט לאז מיך ניט פאלן אין איין מענטשענס האנט דען עש איז ניט קיין גרעסרר (צער) ווען מען בדארף איין מענטשן · דרום בעט איך דיך אז דוא זאלסט מיך היטן פאר דעם · אויך בעט איך דיך אז מיינע קינדער זאלין לעבן אין עושר אונ אין כבוד אז זייא זאלין קענן עוסק זיין (בתורה) · עש זאל דיר גאט ליב זיין אז מיר זאלין אויס פירן (בכבוד) דיא וועלט · אונ אז דוא ווערסט מיר שיקן דיא רעכטע לייט זאל קיין (שטן) אונ קיין מקטרג קיין מאכט האבן איבר מיין (נשמה) אונ מיין חלק זאל זיין צווישן (נשים צדקניות) אויף יענע וועלט · ליבר גאט פאר שעם מיך ניט ווען איך קום פאר איין מענטשין קאן איך ניט ריידן איך זאג פאר דיר גאר מיין שווער גמיט דוא ביסט איין שטארקר דר בארמיגר גאט פר נעמשט אל די גיבעטי איך בעט דיך שטארקער גאט ניט דר ווייטר דיך פון מיין גבעט · אין דער צייט ווען מיר מעלין דיך אן רופן זאלסטו אונז ענטפרן (כי אתה שומע תפלת כל פה) :

ליבר גאט דער בארעמן דיך איבער מיר אונ לאז מיך אויס לעבן מיינע יאהרן אונ איך זאל ניט בדארפן ווידער (מגולגל) ווערין אויף דיזע וועלט אונ אויך ווייס איך אז דוא ביסט גאט אונ קיינער מער :

ווען מען עפנט דעם (ארון הקודש) זאל מען דאס זאגן :

יהי רצון מלפניך יי אלהי צבאות שתקבל ברחמים וברצון את תפלתנו :

דוא זאלסט אונז עפענן דעם טויער פון (גן עדן) אונ דעם טויער פון (תשובה) דעם טויער פון בענטשונג דעם טויער פון גיבעט אונ זאלסט:

זאלשט דער הערן מיין (תפלה) וויא דוא האשט דער הערט די (תפלה) פון
(אברהם אבינו ע"ה) אויף דעם בארג (מוריה) אונ די (תפלה) פון אונזרע
עלטרן אויף דעם (ים) אונ דיא (תפלה) פון (משה רבינו) אין (חורב) אונ
דיא (תפלה) פון (פנחס) אונ די (תפלה) פון (דוד ושלמה) אונ די (תפלה) פון
(חזקיה) אונ פון (עזרא הסופר) אונ די תפלה פון (צדיקים וחסידים) אזו זאלשטו
אויך מיין גיבעט דער הערן אונ זאלשט מיר געבן דיא פארכטיקייט אין
מיין הארצן אז איך זאל טאן אייטל גוטע מעשים וואש דיר וואול געפעלט
אונ זאלשט מיך קערן צו לייט זעליקייט אונ גינאד אונ דער בארמיקייט אין
דיינע אויגן אונ אין לייטינש אויגן אונ זאלשט מיך מציל זיין פון דעם
(גהינם) אונ פון (חיבוט הקבר) און פון (חבלי משיח) אונ זאלשט מיך פר
געלטן אלז גוטן הייגט אונ אלע טאג אמן סלה:

איטליכע פרויא זאל דיא (תחנה) זאגן אלע טאג אבנט אונ מארגן :

גאט אלמאכטיגער איך עמטפער דיר איבר מיין לייב אונ זייל אין האנד
דיין הייליגן נאמן גלויבט ביסטו גלובט איז דיין הייליגר נאמן הער
איבר דער וועלט דא בין איך ארעמער מענטש גיקומן אונ מאך פלאן מיין
גיבעט פר דיר אונ בגער בארעם הארציקייט פון דיין (כסא הכבוד) ווען
דיא צייט ווערט קומען דאש דוא ווערשט מיך פאדערן פון דער וועלט צו נעמן
מיין זייל אזוא זאל דער (שטן) קיין מאכט ניט האבן ער אדר זיינע
(כיתות) אז זייא זאלן מיך ניט קענן פאר הינדרן אויף פון הייגט ביז דעם
טאג דאש איך שטארבן ווער אונ ער זאל מיך ניט אן ריידן (חס ושלום)
עובר זיין אויף איין (מצוה) וואש אין דער (תורה) שטייט גישריבן עש
זייא דיא (מצות) וואש זיינען גיבאטן יוא צו טאן אדר זעלכע פאר
באטן זיין ניט צו טאן אדער דיא (עבירות) וואש מען איז שולדיג דרויף
(כריתות) דאש מען דאש יאר ניט אויס לעבט (חס ושלום) אדער
אזעלכע דאש וואש (בית דין) ריכט איין טויט אדער אויף איין צייט דאש
דיא (חכמים) האבין גימאכט דאש מען דיא (מצות) זאל ניט עובר זיין
דאש מיין (נשמה) זאל אויס גיין הייליג אונ זיא זאל גיין אין (גן עדן)
צוא אנדרע הייליגע (נשמות) פון דיא (צדיקים) אונ (חסידים) אונ
דיא (נשמות) פון אונזרע עלטרן (אברהם יצחק ויעקב) צוא דעם
ארט וואו מיין בגער איז אונ (חס ושלום) מעכט דער שטן קומען מיך
אן צוא ריידען (חלילה) דאש איך זאל (עובר) זיין אויף איינע פון אלע
מצות

(מצות) דאס דוא אונז האסט גיבאטן אין דיין הייליגע (תורה) אונ (מכל שכן) דאס איך (חלילה) זאל ליקענען אן דיין הייליגען נאמען דען אין דער זעלביגע צייט דאס דער מענטש שטארבט פאלט דאס זעלביגע אזא גרויס פארכט אונ אנגסט אונ ציטערנעס אויף דעם מענטשן דאס ער זיין (שכל) אונ זין פאר לירט אונ ווייס ניט וואס ער רעט אדר וואס ער טוט ער קאן ריידן פיל נארישקייט דעריבר פארכט איך מיך זייער פאר דעם זא בין איך היינט (מוסר מודעה) ביז אויף אייביג דאס זעלביגע רייד וואס איך די זעלביגי צייט ניט רעכט ריידן מעכט אונ איין בייזי געדאנקן מעכט האבן זאל אלז (בטל ומבוטל) זיין וויא איין צו בראכנער שארבן אלז ווען עס ניט מער אין מיינע געדאנקן געקומען קיין טאג דען איך גלויב אן דיין הייליגען נאמען דען דוא ביסט (אמת) אונ דיין (תורה איז אמת) אונ דוא ביסט אייביג אונ קיינער מער: (יי מלך יי ימלוך לעולם ועד) גאט איז קיניג. גאט האט געקיניגט. גאט וועט קיניגן ביז אימר אונ אייביג (אמן סלה):

СЕДЕРЪ ТЕХИНОТЪ

т. е.

Порядокъ Молитвъ для Женщинъ.

Печатать позволяется.— Вильно· 1 Мая 1851 г.
Цен. Кол. Сов и Кав. А. Мухинъ.

ВИЛЬНО
въ Типографіи Р. М. Ромма·
1851.

תחנה ארץ ישראל

די תחנה האט גימאכט האשה החשובה הצדקניות מרת דבורה די ווייב פון הרב הגאון החסיד איש אלהי מהור"ר נפתלי · וואש איז גיוועזן איין נשיא אין ארץ ישראל :

איר ליבי ווייבר אונ מיידין · איר זאלט זיך פון דער תחנה ניט אפ שיידן איר זאלט זיא אמשטי לייענן איין מאל אין דר וואך · אונ דש זאל ניט זיין אויך אייך איין יאך : עש איז דרינן אייטל טייטש גיבעט אונ ניט ח"ו קיין שום גישפעט : עש גיפינט זיך דרינן אויך פיל (מוסר אונ תוכחה · ובזכות זה) זאל אויך אונז קומן (מזל אונ ברכה) . פון אונזר לאנד איז די תחנה גישיקט גווארן . השי"ת זאל אונז דער לענגרן אונזרי יארן :

ליבר הער גאט (שדי צבאות) זעה אן מיין גיבעט אונ מיין טרויאריג לעבן אונ שווער הארץ אונ זעה וויא איך מיין לעבן פר ברייניג איי איך איין שטיקל ברויט צו וועגן ברייניג אוי אונ וויי מיין לעבן וויא איך פר ברייניג דען איך האב מיך אן קיינם צו אן שפארין דר דא מיר זאל העלפן נייערט דו גאט מיין גאט לעהן דוא מיך אונטר לאז מיך ניט גאר אנידר פאלן · אז מייני פיינד זאלן קיין נקמה האבן אן מיר . ליבר גאט איך בעט דיך זייער דר לייגר אונזר לעבן אין אייטל גוטש אונ זעה אן מיין יאמר אונ קלאג ענטפר מיר · מיט וואש זאל איך בעטן וויא זאל איך דיר בעטן דאש גוטש וואש דוא מיר טושט איז צו פיל · איך בעט דיך ליבער הער גאט מיין בקשה איז פון דיין ליבן נאמן אז איך זאל קיין צער פון מייני קינדר האבן אז זייא זאלן ביי מיין לעבן ניט שטארבן · אויך ליבר גאט בעט איך דיך אום מתנת חנם בפרט פר מייני ליבע קינדר בעט איך דיך דען דאש איז גאר מיין לעבן אויף דער וועלט דען וואש איז דער מענש אן קינדר וואש איז זיין לעבן איך בעט דיך ליבר הער גאט שטארקר גאט נעם פר דיר מיין ביטר הארץ ווארן איך ניט גאר אנידר אונ גאר שפל מיט איין צו בראכן הערץ בעט איך דיך דער בארמיגר גאט ווען איך בין שוין ניט ווערט צו בעטן בעט איך דיך ליבר הער גאט זיי דאך מקבל מיין תפלה דען דוא בישט איין דער בארמיגר גאט דוא בגערסט אז מען זאל דיך בעטן אונ דוא גיבשט איטליכן זיין בגער אונ זיין גיבעט דוא אכפשט זעהן דען מענשן וויא גאר חשוב ער איז ווען ער ווידר קערט פון זייני זינד דא נעמט ער אים אפאר איין קינד זעה דוא מענש ווען מנשה האט תשובה גיטאן אונ אונטר טעניג גיווארן ווארום זאלן מיר שלעכטע לייט ניט תשובה טאן אונ אונטר טעניג זיין עש זיי פרוי אדער מאן לאס איך נאר אן הייבן צו רעדן פון גרויש ביז קליין דאש מיר זייען ניט בעסר אז איין בהמה נייערט דש מען טוט אן שייני קליידר אונ מיט וואס זייען מיר בעסר וויל מען טוט אונז אויך איין (מטה) טראגן אונ מען טוט אין דער ערד פר גראבן · דרום אויך (רבש"ע) איך האב גיהערט פון מיין אבות זאגן דאש דוא בישט איין דר בארמיגר גאט אז דו אלע זינדיגר איר זינד פר גיבשט אונ דר בארמש דיך איבר מיר אז איין פאטר איבר זיין קינדר · אונ פר גיב מיר מייני זינד ליבר גאט וואש דו ווענשט בגערן דאש וויל איך אלז טאן ווילשטו פון מיר בגערן איין קרבן אדר ווילשטו פון מיר נעמן מיין לעבן דש וויל איך דיר געבן · נאר דר בארים דיך איבר מיר אונ איבר מיין נשמה דאש איך זאל האבן צו ווישן צדיקים איין טייל

דאש איך ארמי פרוי זאל ווערן פר דיר אן גינומן איין תפלה אונטר דעם (כסא הכבוד) דען דוא ביסט דר בארעם הארציגר: דרום פר לאז איך מייני בייזע וועגן אונ בין גיקומן צו פר דיר בעטן מיט איין צו בראכן הארץ צו איבר בעטן דיין ליבן נאמן ליבר גאט עס גייט מיך איין מורא אן ווען איך מיך דער מאן וויא עש ווערט מיט מיר דר גיין ווען דו ווערשט מיך אפיר נעמן אונ ווערטש וועלן מיין משפט טאן אזי ווי מיר אונ צו מיינר נשמה אונ אויך צו מיין גוף ווי צו דר חרפה וואש קאן איך מיר איין זכות זוכן ווען איך מיין איך וויל מיר איין זכות זוכן ערשט דר וועקט זיך אויף מיר עש וועט קומן איין לייט דאש אלע גלידר ווערן אויף מיר מארן אונ איך ווער זי ניטש קענן ענטפרן דש איז איין גרויסר חוב מען קאן קיין לינן פיר זאגן ווען איך מיין וויל דש מיין קאפ זאל פר מיר ריידן דא ענטפרט מיין קאפ מענש מענש ווי ווילסטו איך זאל פר דיר ריידן גידענקסטו דען ניט וויא דו האשט מיך גיטראגן אין דיינר יוגנט אויף אייטל שפילן אונ מיט אייטל האפרט אונ האסט דיר גידאכט לאם איך מיין קאפ אויף אויף הייבן ווער איז מיר גלייך אונ האשט האפרט מיט מיר פר טריבן הייגט ווילסטו האבן אז איך זאל פר דיר ריידן איך האב פר מיר צו טאן · אזו האב איך אן גיהוים דעם שטערן אז ער זאל גיין פר מיר ריידן דא ענטפרט מיר דר שטערן ווי ווי דו מענש ווי ווילסטו האבן אז איך זאל גיין פר דיר ריידן ווייסטו דען ניט אז אלץ שטייט אן גשריבן אויף מיר וואש דוא האשט גיטאן וויל דו האשט גלעבט אויף דר וועלט און הייגט ביסטו גיקומן צו מיר אז איך זאל גיין פר דיר ריידן איך האב גינוג פר מיר צו טאן · אונ ווען איך אן רופ מיין מויל דאש ער זאל גיין פר מיר ריידן דא ענטפרט מיר מיין מויל וויא זאל איך פר דיר ריידן גידענקסטו דען ניט אז דוא האשט מיט מיר גמאכט אונ האשט גטאן וואש דוא האשט גוואלט וואש גאט איז ניט ליב גוועזן אונ הייגט קומסטו צו מיר אז איך זאל גיין פר דיר ריידן אונ ווען איך טון אן רופ די צונג אז זיא זאל גיין ריידן פר מיר דא ענטפרטי מיר די צונג וואש איך זעלברט קאן ניט לייקן גידענקסטו דען ניט דו מענש וואש דוא האשט מיט מיר גירעט אונ וואש פר אום רעכט אייטל פאלשקייט אונ אייטל ליגינט אונ דו האשט גירעט וואש דוא האשט גיוואלט די צונג האט גירעט אונ דיין הארץ האט עש ניט גמיינט אונ הייגט קומסטו צו מיר אז איך זאל גיין פר דיר ריידן איך האב פר מיר צו טאן · אונ ווען איך אן רופ מייני אויגן זיי זאלן גיין פר מיר ריידן דא ענטפרן מיר מייני אויגן מענש ווי ווילסטו דש מיר זאלן פר דיר ריידן · גדענקסטו וויא דוא האשט דיך מיט אונז באגאנגן דוא האשט גזעהן אייטל גילעכטר אונ האשט לייטן מקנא גוועזן דיר איז אלש צו ווייניג גיוועזן אין דיין אויגן דוא האשט מיט דיינע אויגן גיווינקן וואש ניט (לשם שמים) איז גיוועזן אונ אילונד ווילסטו האבן אז מיר זאלן גיין פר דיר ריידן מיר האבן פר זיך צו טאן · ווען איך טון אן רופ מייני הענט זיא זאלן פר מיר ריידן דא ענטפרן מיר מיינע הענט גידענקסטו וויא דוא האשט דיך מיט אונז באגאנגן פרעמד געלט האשטו מיט אונז גינומן אונ אייטל גזל געלט אונ אום רעכט אונ האשט דיך מיט אונז חשוב גימאכט און הייגט ווילסטו האבן אז מיר זאלן פר דיר ריידן מיר האבן פר זיך צו טאן ווען איך אן רופ מייני פיס זיי זאלן פר מיר ריידן דא ענטפרן מיר מייני פיס וויא

קאנן

קאנן איר דיך פר ענטפרין גידענקטשו וויא דוא האשט דיך אים אונז באגאנגן צו אייטל אום רעכטש בישטו גיך גילאפן אונ צו גאט דינשט טרעג גיוועזן דוא האשט גידאכט איך וויל נאך ניטש פר זאגן ביז איין עלטר אונ האשט פר פירט אים אונז די וועלט צו , איין תשובה בישטו גילאפין אונ אין שול צו גיין בישטו טרעג גוועזן אונ האשט אש גלייגט אויף דער עלטר אונ אויף דער עלטר האשטו טאן קיין (כח) ניט גיהאט בישטו שלאף גיוועזן האשטו דיך גיפארכט אויף דער וועלט ארויש צו גיין · אונ האשט קיין גוטש גיטאן אונ איצונד ווילשטו האבן אז איר זאלן פאר דיר ריידן איר האבן פר זיך צו טאן · אזו האב איך ארמי פרוי גזעהן דאש איך בין פר טעאט גוואר'ן פון אלי מייני גלידר : דא האב איך איר גיטראכט פר וואש זאל איך בעטן די איר ניטש קענן העלפן : איך גיי צו איין הערן וואש איז איין מלך איבר אלי מלכים · איין פאטר איבר זייני קינדר · דרום בעט איך דיך :

אל מלך יושב על כסא רחמים שדי צבאות יושב הכרובים :

נעם פר דיר מיין ביטער לעבן אונ מיין אונסר טעניג גמיט מיין טרויאריג לעבן ענטפר איר פאטר גטרייער וויא קאן איך דיך בעטן איך בין דאך ניט ווערט נייערט דאש איך וויים וואול דאש אויך דיר איז גזאגט גוואר'ן דש דו בישט אזו איין דער בארמיגר גאט דו דר הערשט אלי די טווערי הערצר דאש דיך אן רופן; דרום בעט איך דיך לעבדיגר גאט איך בעט דיך דעמאטשטיגר גאט דר בארם דיך איבר מיר אונ איבר מייני ארמי קינדר גיב מיר דש ביי מיין לעבן קיין ריס זאל ניט זיין דש איך זאל קיין צער האבן אין מיין לעבינש טאג דאש איז גאר מיין לעבן · דרום אויך ליבר גאט בעט איך דיך רייס מיר ניט אפ פון מיין לעבן קיין צווייג זאל ניט אפ גריסן ווערן דען עש איז קיין גרעשרי ווייטאג דש ח"ו איין מענש זעט צער אן זייני קינדר גיב מיר (מתנת חנם) העלף מיר דאש איך זאל מיין שפייז האבן פון דיינר מילדר האנד דען עש איז קיין גרעשטר צער ניט אז מען קאן שפייז ניט צו וועגן ברענגן דען מען מוז מקנא זיין מען מוז אום רעכט טאן : דרום בעט איך דיך ליבר גאט דער בארם דיך איבר מייני עלינט וואש איז דען מיין ביטר לעבן מיין פאלין צו פר דיר וויא איך דיר בעט: איך בעט דיך מיין גטרייער פאטר מיט וואש קאן איך מיך ווידער קערן אים וואש קאן איך מיך רייניגן אלי פערליג. אבער וואטר איז מיר צו ווייניג אלי וואטר זיין מיר קליין צו רייניגן נאך מיינט מעשים די איך פר דינט האב ליבר גאט ווען איך טון גאר זינדיג בין נעם פר דיר דעם זכות פון די פאטר צו די קינדר ווי לאנג ווערן מיר פר וויסט זיין אויף דער וועלט :

ליבר גאט שטארקר גאט טיינר גאט רייכר גאט פארבלומר גאט הייליגער גאט זיסר גאט דוא האשט אלש אין דיינר האנד בדענק דיך אמאל טוא עש פון דיא (קדושים) וועגן דיא האבן איר לייב איבר ענטפערט אונ האבן גליטן גרויסי ענוים ועונשים אונ גרושע יסורים פון דיין ליבן הייליגן נאמן וועגן וויא וואול דאך מיר ברענגן אלש צו וועגן מיט אונזער זינד נאר ליבר גאט וויא אז איין פאטר ווען טוין דאש קינד ניטש רעכטש איז דער בארמט זיך דער פאטר איבר אים דאך וואר'ן עש איז זיין קינד מכ"ש דוא ליבר גאט זעה אויך אונזר יאמר אונ קלאג אונ מיך ווייגן פר דיר מיר דינטן גאר דעמוטיג מיט איין צו ברעכן הארץ אז אונז ניט

אזו אנדרר פֿאלין גאט לאזן אין מאל אונזר שאנד אויז זיין טוא פֿון דיינט וועגן מיר
זענין דאך דיין ארבייט פֿון דיין אייגני האנט אלמעכטיגר גאט וויא לאנג וועלן מיר
פֿר ניטט זיין אויף דער וועלט ליבר הער גאט איך בגער דאך יוא צו ווידר קערן
אונט קעגן דיין הייליגן נאמן ניטט מער איך ווייט ניט מיט וואט דען איך ווייט
זעלבערט אן מיר א: איך קאן ניטט טאן אונ מיין גידעריך זיינן מיר אן גיגאנגן מיט
אייטל טרויערקייט אונ אייטל נער אונ קיין בלוט אי: אין מיין לייב ווי אי: מיין
ביטר לעבן אויף דער וועלט (אוי) אי: מיין ביטר לעבן נאר איין שווארץ שטיקל
ברויט אוי וויא אי: מיר אזו צו איבר קומן דרום בעט איך דיך ליבר גאט דער
בארים דיך איבר מיר אונ אנטפאנג מיין גיבעט אונ לא: מיך ניט ליידיג פֿון פֿר דיא
דען איך ווייט אלע האפֿונג אי: צו דיר · ווי מיר ווי מיר וויא האב איך מיך ניט
גיטעמט צו ווידער שפעניגן קעגן אזו איין הובן הערן אין היכל וויא האב איך מיך
ניטט גישעמט צו טאן זעלכי גרוטי זינד דאט איך האב דער צערינט דען לעבדיגן
גאט מיט מיין פֿרשיים פנים אונ מיט מוטוויליגע זינד ווי אונ וויכד צו מיר וויא
וועל איך קעגן מיין מויל עפֿנן (יוסף הצדיק) אי: דער קלענסטר פֿון דיא שבטים
גיוועזן דא ער האט זיך צו דער קענן גיגעבן צו: די ברידר דא זיינן זיי דער שראקן
גיווארן אונ האבן אים ניט גיקענט ענטפֿרן פֿר גרויט פֿארכטה.אפ"ט ווען איך ווער
קומען צוא דעם גרויטן דין (לפני מלך מלכי המלכים הקב"ה) אונ ווערשט מיך
שטראפֿן אויף מיין זינד וויא ווער איך שטיין מיט מיין פֿר שעמט פנים וואט ווער
איך קענן ענטפֿרין הער דער וועלט איך קום מיט גיבוקטן קאפ אונ מיט צו בראכן
הארץ אונ פֿאר שטומין מארלין קעגן דיין הייכן גלובטן נאמן אונ איך דער הייב מיין
געשרייא מיט וויינן אונ זיפֿצן אונ ווי טאג אונ מיין הארץ מיט אייטל דער שרעקנש
אונ ציטרניש אונ פֿארכט אונ שווייס דען מיין פנים אי: פֿר שעמט פֿון וועגן מיינע
גרוסע ביטרי זינד · נוא לעבעדיגר גאט פֿאטר אין הימל אונ אויף דר ערד וויא קאן
איך מיין קאפ אויף הייבן פֿון וועגן מייני ביטרי זינד אונ שאנד אודר וויא זאל איך
עפֿנן מיין מויל צו בעגערן מיין פֿר געבניט דען אלי מייני זינד זייען קעגן מיר וואט
בין איך וואט אי: מיין לעבן איך בין אייטל ערד. אונ אש בלוט אונ ווערים איך שעם
מיך קעגן מייני זינד וויא זאל איך איין פֿר געבניט בגערן פֿון דיר נייערט איך בין
גקומן אן צו האלטן אן דייני מדות דאט דוא הייסט גאט איין דר בארמיגר אונ איין
לייט זעליגר דוא האלטט לאנג אויף דיין צארן צו די רשעים אונ דוא ביסט פֿול מיט
גנאד אונ פֿר טראגשט די זינד אונ מיסטוט צו די וואט צו דיר ווידר קערין · דרום
בעט איך דיך ליבר גאט פֿר גיב מיר מייני זינד איך פֿר שפרייט מייני הענט קעגן
הימל צו דעם בארמיגן גאט אונ איך צו רייס מיין הארץ מיט וויינן אונ זיפֿצן · אונ
בעט אום איין גרוסי דער בארמיקייט איין פֿר געבונג אויף אלי מיינע זינד ליבער
גאט זאל איך בקענן אונ פֿר שפרייטן איטליכי זינד באונדר פֿר דיין גלובטן נאמן די
צייט זעלט אוועק גיין אונ די זינד זעלטן נאך ביי אונ: בלייבן שטיין אויף וועלכי זינד
זאל איך פֿאר בקענן אויף דיא נייע אודר אויף די אלטי אודר די דא זיינן פֿר געסן
גיווארן פֿון מיר ליבר גאט ווען דוא ח"ו זעלסט מיך שטראפֿן נאך מיין ווערק · אך
וויא צו מיר ליבר גאט ווען דוא זעלסט וועלן רייניגן מיך פֿון מיינע זינד גלייך
מען

מען לייטרט אויז זילבר דא זעלט פון מיר ניטס איבר בלייבן דען איך בין גלייך אז טסרוי פר דעם פייער · דרום ליבר גאט דוא ווייסט אלע גידאנקן אונ בגערסט ניט דעם טוט פון דיא רשעים נייערט ·זיא זאלן צו דיר ווידער קערן מיט גאנצן הערצן אונ זאלן לעבן דרום ליבר גאט דער בארים דיך איבר מיר · אונ לאז דיר אן גנומען זיין מיין גבעט גלייך אז איך העט בקענט אלע מייני זינד ווען אזו גרויז אז העט איך קיין פיר טפרעכר ניט גהאט פר דיין ליבן נאמן דא בעט איך דיר ליבר פאטר אז דוא זאלסט גראבן איין לאך אונטר דיין (כסא הכבוד) אונ נעם אן מיין גבעט אזו וויא דוא האסט אן גינומן דאס גבעט פון מנשה המלך אונ פר גיב מיר אלע מיינע זינד וואס איך האב גיטאן וואס איך האב גיזינדיגט פון מיין יוגנט ביז היינט מיט אלי מיינע גלידר פון מיין לייב אונ אויב איך האב גזינדיגט מיט מיין מויל (לשון הרע) אדער (ניבול פה) אודר איך האב גיגעסן אן גוואשן אדר האב חניפות גיטריבן אדר האב גירעט אין דער תפלה אונ צווישן (ברוך שאמר אונ ישתבח) אונ ווען דער חזן (שמונה עשרה) האט גיזאגט האב איך קיין אמן גזאגט אודר איך האב גשלאפן אין טלנים אין טול זינדיגן דאס איך האב גירעט מיט זייא (דברים בטלים) . בעט איך דיר דער בארמיגר גאט מיט דעם ריידן וואס איך רייד אינונדרט אונ בעט אויף אלי מיינע זינד זאל איין פר געבניט זיין אויף יעני גרויסי זינד די איך האב גזינדיגט אונ איך זאל מיט מיין מויל ריידן אין דיין גבאט אין הייליגן לאנד מיט אנדרי צדיקים · אונ אויב איך האב גזינדיגט מיט מיין הענט דאס איך האב פלאטי מאסין גיגעבן אדער פלאטי וואג אדר פלאשע איילן גיגעבן אדער איך האב ניט ווען מיט מיין הענט צדקה געבן · בעט איך דיך דער בארמיגר גאט מיט דעם דאס איך מיר מיין הענט ברעך אונ אין מיין הארץ שלא שלאגן דאס זאל זיין איין פר געבניט אויף די ביטרי זינד די איך האב גזינדיגט מיט דיא הענט אונ די הענט זאלן זוכה זיין אין דיין הייליגן לאנד קרבנות צו ברענגן אונ פיל מצות וצדקות צו טאן מיט אנדרי צדיקים · אונ אויב איך האב גזינדיגט מיט די אויערין דיא האבן גהערט (לשון הרע) צו ריידן אונ חניפות טרייבן דא בעט איך דיך ליבר גאט דיא אויערן דיא איך האב היינט גינייגט צו דיין שטראף זאל איין פר געבונג זיין אויף די זינד דיא איך האב גזינדיגט מיט די אויערן · זאלסט מיך לאזן צו הערן ווען דוא ווערסט בלאזן דעם שופר אונ ווערסט איין זאמלן דיין ליב פאלג ישראל אין הייליגן לאנד · אונ אויב איך האב גזינדיגט מיט מיין אויגן אונ מיט מיין הארץ דאס זייגען מעקלר צו אלי זינד אזו בעט איך דיך ליבר פאטר אז זאלסט אפ מעקן מיינע זינד וואס זייא זיין אויף איטליכן גליד פון מיין לייב אונ דיא אויגן זאלן זוכה זיין צו זעהן אונזר ליבן גיניג אונ דאס הארץ זאל גלויבן צו דיין דינסט · אונ אויב איך האב גזינדיגט מיט מיין פיס דיא זיין אוועק גילאפן פון דיין דינסט בעט איך דיך ליבר פאטר די פיס וואס אינונד שטייען אין לויטר ציטרניש זאלן זיין איין פר געבניש אויף מיינע זינד וואס איך האב גיטאן מיט מיינע פיס זאלסטו מיך לאזן זוכה זיין צו גיין אין הייליגן לאנד מיט אלי גוטי פרומי לייט אז איך זאל קענן דארטן האלטן אלי די מצות דאס מען האט אין דעם לאנד ניט גיקענט האלטן הער אל דער וועלט דוא בישט איין דער בארמיגר גאט איך בין ניט גקומן צו

בעטן

בעטן פֿר דיר אויף מיינע זינד אליין נייערט איך בעט פֿר אלע מענשין דיין פאלק ווען גלייך איך בין ניט ווערט צו בעטן אונ בקשן אויף מיר זעלבשט אונ מכ"ש ווי זאל איך בעטן אויף אנדרי לייט נייערט איך ווייס וואול דיין דער בארמיקייט אז דו האשט לאנג אויף דיין צארן אונ דיין זיסן איז אז דו דער בארימטס דיך איבר דיין ליבן פאלק די דא ווידר קערן צו דיר צו בקשן אירי זינד אונ פר לאזן זיי . אונ דוא האשט דאך אן גישריבן וועלכר עש טוט זיין זינד פר העלן טוט ער ניט בוויליגן אבר דער זיין זינד בקענט אונ פר לאזט זיינע זינד דער ווערט דער בארימט אונ דער לייז אונז אונ פר נעם אונ טוא עש פון וועגן דיין ליבן נאמן אונ שיק דאך אונזרן ליבן משיח ער זאל איין זאמלן די פר שפרייט זיינן אין דעם לאנד דאש זאל באלד ווערן וואר אמן סלה : עש זאל זיין דער וויל פר דיר גאט (י"י צבאות יושב הכרובים) דאש דוא זאלשט אנשפאנגן מיט דער בארמיקייט אונ מיט וויל מיין גבעט אונ דוא זאלשט מיר עפֿנן דעם הימל אונ די טויערן פון תשובה אונ די טויערן פון גן עדן · טויערן פון צדקה · טויערן פון בענטשונג · טויערן פון תפלה אונ דער הער מיך אז דוא האשט צו געהערט (אברהם אבינו) אין (הר המוריה) אונ אז דיא תפלה פון יצחק אויף דעם מזבח אונ אז די תפלה פון יעקב אין (בית אל) אונ אז דיא תפלה פון אונזר עלטרן (על ים סוף) אונ אז די תפלה פון (משה רבינו בחורב) אונ אז די תפלה פון (אהרן הכהן במחתה) אונ אז דיא תפלה פון (פנחס) אונ אז די תפלה פון (יהושע בגלגל) אונ אז דיא תפלה פון (שמואל הנביא) אונ אז דיא תפלה פון (דוד ושלמה) זיין זון אין (ירושלים) אונ אז דיא תפלה פון (אליהו הנביא) אונ אז דיא תפלה פון (יונה הנביא) אונ אז דיא תפלה פון (חזקיהו) אונ אז דיא תפלה פון (חנניה מישאל ועזריה) דיא דא זיינען גיווארפן אין קאלך אויבן אונ אז דיא תפלה פון (עזרא בגולה) אונ אז די תפלה פון אלי פרומי צדיקים די דא זיינן גאנץ רעכט פערטיג אזו אויך זאלשטו פאר נעמן מיין שרײַען פון מיר דיין מייד אונ זאלשט אפ טאן פון מיר מיין בייז הארץ אונ בייזי גדאנקן אונ זאלשט געבן אין מיין הערצן צו פארכטן זיך פר דיר אונ צו טון גוטז אונ גיב מיר הייגט אונ אלע טאג דאש איך זאל האבן לייט זעליקייט אונ גנאד אונ דער בארמיקייט אין דיין אויגן אונ בשערם מיך פון אלעם בייזין פון דעם דין פון (גיהנם) אונ (חיבוט הקבר) אונ פון וויאונג פון (משיח) אונ טוא פר געלטן גוטן גנאד באלד אמן סלה :

די טייטשי תחנה איז פון (לשון הקודש) אין דייטשן גישטעלט · פון אלי בקשות אויף דער וועלט · ווען איר ווערט דריבן לייענן · ווירד זיך אייער הארץ ער פרייען :

אשרי איך לוב דיך אלמעכטיגר גאט דער די וועלט בשאפן האט אונד אלע די הער אין אלע זיבן הימל אל דיא הייליגי מלאכים דיא זיינען פון פייער פון ווינד אויף די (חיות הקודש) די דא טראגן דען הייליגן (כסא הכבוד) אונד אלי הייליגי נשמות אויף די הייליגי שמות אויך אלי שטערן אין הימל זון אונ מאנד : אויך זיבן ארלייא בשעפֿניש אויף דר וועלט אלש מענטשן אונ פיך טיהר פייגלען אונד פיש אַרלַיי ווידמונג אלי (שקצים ורמשים) אויף פיל אנדרי זאכן דיא קיין צאל ניט האבן דיא געבן אלי (שבח והודיה) צו דיין הייליגן נאמן : אזו קאם איך אויך צו דיר ארמר מענטש ערד אונ אש· אלש ווי איין שאטן דר דא פר גייט אונ ווייא שפראצונג דש פעלד

אזו

חזו ביט חיך דירקנייג דייני חורן לו מיין גבעט חבענד חון מחרגן פר״ח׳ חוג טפעט: מיט מיין גחגן החרלין מיס חוכטר טעניגן גמיס מיס פחרלס חוג ליסרנט חוג מיס חלי קרחפטן מייני גלידר מיט לו ברחכן לענדן מיס חויט גשפרייטי טעגר קום חיך לו בעטן פר דיין הייליגן כחמן : פר גלוס מיר גחס חוג העד מיר מיין גיבעט חוג ערפיל מיר מיין חן היימוכג לוח גוסן חוג לייסזעליג מיך חוג דער בחרס מיך חוג בגחב מיך חריטן מעכט חוס זוכטס חויב חיך טוין כיס חן דיין געטליכן כחמן פר דיכס החב וויח חויך חין דיינר הייליגע תורה גטריבן שטייט חיך וויל דער בחריתן מיס לייט זעליגן חוס זוכטס : די וועג פון דיין תורה מחך מיך פר שטיין פרים מיך חוג עפין מיר מיין פחר ססחפם החרל לו פר טטיין וחט חין דיין תורה גטריבן סטייס עס זחל גיהיט חוג גוויינסלך זיין חין מיין מוכר חוג גיב מיר חין מיין החרלן לו פר טטיין חוג לו קליגן חוג לו פחלגן לו לערכן חוג לו סחן לו בעסטעטיגן חלן וחט חין דיין ליבע תורה גטריבן שטייט מיס ליבטחפט חוג מיט פחרלם : חוכטר וויז מיך גחס חוג היט מיך חוג די מייכיגן פר חלי זיכד . טוּלד חוג בוזהייט עס זיי וחט חיך גערן חדר חוס גערן טוח חוג דחט חיך כיס מיין זיכדיגן זחל קעגן דיין הייליגן כחמן חדר קעגן דיח לייס די רוח בטחפן החטט חויף דער וועלט חוג פר גיב מיר מייכע זיכד חוג פר לייח מיר מיין מיסטוט די דח גריכג זיין חדר החרב זיין חויף וועלכע חגספלעקט זיין חדר וועלכע די פר בחרגן זיין וועלכע די דח וויטיגליך זיין חדר די דח פר הוילן זיין מיס ווידר טפעניקיים חדר מיס פחלט גטחן החב עט זיי מיט מייכע גדחנקן חדר מיט ווחרט חדר מיט ווערקן עס זיי מיס זעהן חדר הערן חדר גיטמחק מיס עסין חדר מיס חלע פינף (חוטים) חלן וחט חיך גזיכדיגט החב חדר חוס רעבט גיטחן חדר גפעלטט החב קעגן דיין געטליכן כחמן דחט זחלטטו מיר פר געבן חוג פרלייהן חס מעקן מיס דער בחרמיקייט חוג מיט די גרויט גכחד · חבר כיט דורך וויטחג חוג יסורים חוג לער חדר בייזי קרחנקהייט חליה : חוג זיי זחלן מיר קומן דייכע גיכחד תשובה לו כחן פר דיר חוג לו טחן דיין ווילן דער מיט חיך זחל זוכה זיין לו זילן מיס פרייד חוג גיסטילטן החרלן חויף דער וועלט חוג חויף יעכר וועלט חין גן עדן לווישן (לדיקים חוג חסידים) חוג לדקניות חוג חסידות די חויט גלייטרסט רייכע כשמות די הכחה החבן פון דער לויטרקייט דיח הייליגע שכינה : גדייכק ליבר גחט די זחך לו מיר חוג דער הייב מיר מיין מזל חוג ריכט חויף מיין כבוד חוג לחז מיך חרעמס מעכט זוכה זיין לו עוטר חוג כבוד חוג טיק מיר (ברכה והצלחה) חין חלע מייכע ווערק חדר חין החכדל טחפט חדער זוכטט גטעפטן חין מיין טחן חדר חין מיין וועג חוג טטעג חוג טפייז מיך חוג דער כעהר מיך דער וויטרוכג חוג פר פילוכג כיס מיט גכחי כיט מיט טחכד חוג (טמחך) חוג דחט מיר מיין טפייז חוג כעהרוכג זחל זיין גריכג חוג מיס זעכפטוכג חוג כיט מיט טווערן גימיט חדר דורך לחרן חוג וויטחג חוג מיס היתר חוג כיט בחיסור חוג גזילות חדר (זילזול הטם ח״ו) · חויך טוח בעטן דיך ליבר גחס לחז מיך כיט בדחרפן לו חיין מעכט דער דח חיז פלייט חוג בלוס חויך כיט חיר לייטן חדר געבן טייכקן זוכדרן טפייז מיך פון דייכר מילדע החכד חוג דחט חיך זילן זחל חן מיין חייגעם טיט מיט פרייד חוג עהר מיס מייכם גזיכד חוג דחט חיך כיט זחל בדחרפן

לוח

צו האבן אונ צו ווארטן אויף אנדרע לייטנש הילף אדר גאב דען איר גאב איז קליין אונ דר שמאך איז גרוס אונ דאש. איך ניט זאל בדארפן אונטר טעניג צו זיין אנדרע לייט איך אדר די מיינגן. גוט ביסטו גאט אונ זיי מיר בגיטיגן דאש איך זאל ניט ווארטן אויף מיינע קינדרש גאב אונ הילף · אויך איך זאל ביז אין מיין עלטר אויף קיינם פֿון מיין פריינד קיין יסורים זעהן דער גלייכן זאל איך קיין דלות אונ קיין עניות אן זיי זעהן און זיי זאלן ניט מיינר בדארפֿן· נייערט לויטר פרייד אונ פרומקייט אונ זעליקייט ביז אייביג . נאך עש זאל זיין דיינע גינאד ליבר גאט אויף מיר דאש דוא מיך בשירמן זאלשט פאר (דלות ושפלות) אונ זאל זוכה זיין געשט איבר מיין טיש צו האלטן אונ זאל קענן מטיב זיין מיט ארימע לייט אונ (גומל חסד) זיין מיט איטליכן מענשן דער בדערפטיג איז אונ שיק מיר צו איטל זעלכע לייט דאש מיין (צדקה) אן גלייגט איז אן זייא אונ איך זאל זוכה זיין מיט מיין מאן צו דער ציהען מיינע קינדער (לתורה ולחופה ולמעשים טובים) : עש גלושט מיין לייב צו דיינר הילף זייא גלושטן מיינע אויגן צו דיין תורה דרום בעט איך דיך גאט גיב מיר קינדער דיא דא זאלן פֿרום זיין אונ (עוסק בתורה ומצות) זיין אלע טאג אירנש לעבן אונ דאש זייא זאלן רייך זיין אונ ערליך געהאלטן ווערן אונטר דען לייטן אונ זאלן גיפֿינן לייט זעליקייט אין דיינע אויגן אונ אין לייטנש אויגן זיי אונ אלע אירע נאך קומליגג די דא ווערן אויש גיין פֿון זייא : צו דיינע גריכֿט שטיין דיא (דורות) היינט אונ אלע טאג· דרום בעט איך דיך לאז דאך קיינר פֿון מיינע קינדר ניט שטארבן ביי מיין לעבן נייערט דוא זאלשט זיי דר פילן אונ דער לייגרן אירע טעג· אונ אירע יארן אין איין גוטע עלטר אונ צו בשטעטיגן אירע נייט אין גוטע גרייזקייט ערליך מיט (מזל וברכה) אונ געזונד מיט פרייד אונ זיכרהייט פֿון היינט ביז אייביג: ליבער גאט זייא מיך מציל אונ דיא מיינגן / אונ אלע מענשן פֿאר אום גליק פֿון (גזירות) אונ אלרלייא צרות די דא פֿלעגן אין דער וועלט צו קומען פֿאר בייזע לייטינש הענד פֿר בייזע מענשן (שכנים רעים) בייזע חברותה פֿאר הארטע (בעלי דינים) פֿר בייזע גריכֿט פֿר מערדר פֿר רויבר עש זייא ביי טאג אדר בייא נאכֿט אונ בשירם איך פֿר (רוחות רעות שדים) פֿר כישוף פֿאר בייזע גישילענש פֿר (דבר ומגפה) פֿר דאש איך ניט זאל בדארפֿן (נע ונד) צו זיין פֿון איינר שטאט צו דער אנדרי פֿר (שקר בבולים) פֿר אלע שאדן עש זייא אן מיין לייב אדר אן מיין גוטע פריינד אונ אן אלן וואש מיר צו געהעריג איז איך בעט דיך גאט פֿר שטער די ענה פֿון מיינה פֿיינד די אויף מיר בייז טראכֿטן אין דיינקן פֿר שטער אונ פֿר שלים די מיילר די בייז אויף מיר ריידן אונ גיב זייא גוטע גדאנקן דאש זייא זאלן ניט מער קענן בייז ריידן אויף מיר : איך אונטר טעניג מיך זייער ליבר גאט איך בעט דיך גיב מיר לאנג לעבן אין גבענטשט לעבן אהני זינד אונ אהני שאנד אונ שפאט אונ היילינג מיך בהיט מיך פֿר (יסורים) אונ בייזע קראנקהייט עש זייא אן קאפ אדר אויגן אדר אויערן ברוסט (חולי מעים קדחת) פֿאר אלרלייא קראנקהייטן אין דר וועלט עש זיי אין לייב אדר אויסן ווייניג אונ הייל מיין לייב אין גאנצע היילונג מיט אלע מענשן גאט הער אלי דער וועלט איך בעט דיך שיק מיר ניט צו קיין זינד דש ח"ו די קליינע קינדר ניט פֿר זינדיגט ווערן די דא ניט גזינדיגט האבן אונ זיינן ערבות פֿר אונז זאלשטו זייא ליבר גאט בהיטן אונ בשירמן פֿר (עין

הרע) מסברה) באלטרן אונ אלע בייזע נאך קומניש. עשט דא פלעגט צו זיין אן דיא
מייניגן מיט אלי מענשן קינדר די פרומן . בייזע גדאנקן האב איך פיינט . דרום
בעט איך דיך ליבר גאט זייא מיך מציל פר בייזע (מחשבות) פאר אום דייני זין :
אונ היט מיך פר אליש ווש דו פיינט האשט · אונ גינעהן מיך צו אליש ווש דו ליב
האשט אונ גיב מיר חן וחסד אין דיינע אויגן אונ אין מענש אויגן אונ איך זאל פר
ברייגן מייני יאהרן אונ מייני טעג אין גיסקייט אונ ניחותא אונ דאש איך זאל אב
טיידן פון דיזר וועלט מיט איין גוטין נאמן דאש איך ניט פר שאמט זאל ווערן אויף
דר וועלט אונ אויף יענר וועלט : מייני אויגן גילוסטן צו דיינר זאלך דאש איך זאל
זוכה זיין צו דער (גאולה שלימה) אונ ברייגנ מיך מיט אלע מענשן אין דען הייליגן
(ארץ) צו זעהן דאש בנין בית המקדש אין זייני שונהייט אונ דש (קדשי קדשים) אין
זיינע לויטרקייט אויף זיין שטאנד ווייא עש פר אלז איז גוועזן : דיין שכינה אלסט
דר לייבטן גאט וועון די לייט גרייבן ווערט פון מיין טויט אונ אז איך שטארבן מיט
פר שטאנד אונ פר נופש דר מיט זאל קענן צוואה טאן אונ בעפעהלן מייני קינדר דאש
זיי אין גוטן וועג זאלן גיין אונ זונשט זאלבן וויא דר ברויך פון דר וועלט איז אונ דאש
מיך אין דער זעלביגע צייט קיין שטן אויף מקטרג זאלן קענן איבר ריידן פון דיין
הייליגי תורה כייערט מיין מויל זאל באפולין זיין אין דיין האנד אונ מיין מיתה זאל
מכפר זיין אויף אלי מייני זינד וואש איך גיטאן האב אלי טאג מיין לעבן : גירעכטר
בישטו גאט אין דייני ווערקי דרום בעט איך דיך אויב איך מעכט אין (חולה לארץ)
שטארבן בהיט מיך פאר (חיבוט הקבר) אונ פון גריכט פון גיהנם אונ דאש מיין
נשמה זאל ניט איבר ענפרט ווערן אין דיא האנד דען (מלאך דומה שר של גיהנם)
אדר אנדרי בייזי (מלאכים) אונ פר שווערע גריכט עש זייא אין דער פייעריגע
באך אדר שנייא פייער וואסר איז : אונ אויף דאש מיין נשמה זאל ניט (מגולגל)
ווערן אדר ארום שוועבן אין דר וועלט אדר ווידר צו קומן אין איין מענש מכל שכן
ניט אין איין פיך אדר פויגל אדר ארויא קרייאטר וואש אין ערד אדר זונשט
שפראנונג בוים אדר גראז : איך האב גירופן דיך מיין גאט אונ בעט דיך מיטן
גאנצן הארצן לאז מיך דאך לעבן ביז דאש איך וועל אלע דייני מצות מקיים זיין וואש
אין דיינר תורה שטייט דר מיט דאש איך ניט בדארך ווידר בשאפן צו זיין אין דער
זינדיגע וועלט כייערט זאל באלד אליז מיין נשמה אויז גייט מיין לייב זאל זייא
תיכף ארויף גיין אין אויברשטן גן עדן (אהני) אלי הינדרונג (אהני) מקטריגים אונ
אויף האלטונג פון בייזי מלאכים אונ דארטן זאל זייא זיין צווישן די הייליגע צדיקים
אונ (צדקניות חסידים אונ חסידות) די דא זעהן די לויטרקייט דער הייליגע שכינה
אונ דאש גרויסי ליכט פון השי"ת ב"ה (אהני) צארג אונ אנגשט אונ צער (אהני)
ווייטאג קיין עשן קיין טרינקן זונדרן מיר קרון אויף אירע קעפף דאש דא הייסט
דאש איביג לעבן : זיך גאט אן מיין פיין אויף דיזר וועלט אן ניא איך אויז דר ערדן
אונ בטאך איך ווידר לעתיד לבא אויף נאך שטיין (תחיית המתים) (אהני) צער דורך
דער ערדן מיט אלי צדיקים אונ חסידים אונ אלי מענשן אונ מאך מיך גירעכט צו
דעם (יום הדין הגדול והנורא) אונ וועג מייני (מצות אונ מעשים טובים) מיינע
זכיות זאלן איבר וועגן מיינע עבירות אונ זאלן אייטל גוטי מלאכים אונ גוטי פיר
שפרעכר דרויש ווערן : פיל פרייד אונ וואונדר ווערט זיין דאש זעלביגי מאל אין

גן עדן אַז דענן די דא ליב האבן דיין תורה ומצות ווי (דוד המלך ע"ה) גיזאגט האט (תודיעני אורח חיים שובע שמחות בימינך נצח) דאס איז טייטש ער האט גבעטן ליבר הער גאט לאז מיך וויסן די שטעג פון אייביג לעבן אונ זעטיג מיך מיט פרייד מיט דיין רעכטי האנד אימר אונ אייביג : עס זאל גנעהמן מיין געבעט פר דיר מיין גאט דער הער דורך אלע מיינע אן הייבונג מיין הארצן מיט גינאד אונ בארמהארציקייט אונ אלז מיר ניט האב גיטאהן ווערן דער קעגן פון מייני (זכיות) דאס זיי זאלן גאר אונ פר פול בלייבן (לעולם הבא הצפון לצדיקים) אמן סלה :

אין קעסטליכע תחנה צו זאגן אלע טאג מיט גרויש כוונה :

אלמעכטיגר גאט דער הימל אונ ערד בשאפן האט גאט (אברהם יצחק יעקב) ווער קאן דער צילן דיא גרויסי שטארקייט אונ ווער קאן מאכן גרויס דיין לויב אויב פר וואר נאך אונזר כח אונ קראפט וועלן מיר זאגן אין טייל פון דיין לוב אונ דו זאלשט דיך בווייגן צו אונזר געבעט אונ זאלשט הערן פון דעם זיבינטן הימל דען דו בישט גירופן (שומע תפלה) :

אֲדֹנָי שְׂפָתַי תִּפְתָּח וּפִי יַגִּיד תְּהִלָּתֶךָ :

דוא אלמעכטיגר גאט זאלשט עפינן מייני לעפצן אונ מיין מונד זאל זאגן איין טייל פון דיין לויב :

צָמְאָה נַפְשִׁי לֵאלֹהִים לְאֵל חָי מָתַי אָבֹא וְאֵרָאֶה פְּנֵי אֱלֹהִים :

מיין לייב איז דארשטיג צו דיר לעבדיגר גאט ביז איך ווער קומען אונ ווער זעהן ענטליט פון מיין גאט הער אלי איבר בשעפניש הער מיין געבעט ליבר גאט אונ פאר נעם מיין תפלה אייביג דען דו בישט גרופן (אלהי יעקב) הער מיין געבעט דו ליבר גאט אונ פר נעם מיין געשריי אונ מיין טרערן דו זאלשט ניט שטיל שווייגן :

כִּי גֵר אָנֹכִי עִמָּךְ תּוֹשָׁב כְּכָל אֲבוֹתָי :

דען איך בין איין לענדר מיט דיר אונ אלט גזעסנר אַז מיין עלטרן :

אלמעכטיגר גאט הער מיין געבעט אונ פר נעם דיא זאג פון מיין מונד אונ דוא גאט (אל רחום וחנון) דו בישט לאנגזום צו דר צערנן אונ טוטסט פיל וואָרהייט

מיין הער דוא בישט די שטארק פון מיין הייל דוא האסט בדעקט מיין קאפ פר אלי כלי זיין אויך בעט איך דיך גאט פון הימל אונ פון ערדן דוא האסט בשאפן דאס מער אויך די טריקנש אונ האסט בשאפן אלי דיא בשעפניש אין הימל פון אויבן אונ אויך אויף דער ערד פון אונטן עס איז דיר נימאנט גלייך דער דא קאן דיין ווערק אונ צוא דיר איז די עהר אונ אלי דיא וועלט אונ איר דער פילונג האסטו גיגרונד פעסט אונ פון גרושן לייד טוא איך דיר אן רופין דו ליבר גאט ענטפר מיר מיט דער ווייטרונג פון דיר דען ווער איז צו דיר גלייך דו פר טראגסט אונזר זינד אונ איבר פארן אונזר מיסטייט דוא שטארקסט ניט צו אייביג דיין צארן דען דוא בגערסט אייטל חסד :

תָּשׁוּב תְּרַחֲמֵנוּ · וְתִכְבּוֹשׁ עֲוֹנוֹתֵינוּ וְתַשְׁלִיךְ בִּמְצוּלוֹת יָם כָּל חַטֹּאתֵינוּ :

דוא זאלשט שטארקן אונ ווידר קערן צו דער בארמן אונז אונ זאלשט פר בארגן אונזר זינד אונ זאלשט ווארפן זיי אין דאס גרונד פון ים :

תִּתֵּן אֱמֶת לְיַעֲקֹב חֶסֶד לְאַבְרָהָם אֲשֶׁר נִשְׁבַּעְתָּ לַאֲבוֹתֵינוּ מִימֵי קֶדֶם :

דוא זאלשט געבן (אמת) צו יעקב אונ חסד צו אברהם אז ווא דוא האסט געשווארן צו אונזר עלטרן פון פר מאל :

יומם

יוֹמָם יְצַוֶּה יְיָ חַסְדּוֹ וּבַלַּיְלָה שִׁירֹה עִמִּי תְּפִלָּה לְאֵל חַיָּי :

ביא טאג זאלשטו גיבימן דיין חסד אונ ביא נאכט זאלשטו רופֿן מיט מיר דאש בעט איך צו דיר לעבעדיגר גאט :

ואני תפלתי לך יי עת רצון אלהים ברב חסדך ענני באמת ישעך :

אונ דאָ ליבר גאט דוא הערסט די (תפֿלות רבים אונ תפֿלות יחיד) בפֿרט דער דא בעט מיט טרויעריגן הארץ : ליבר גאט אויב דיין פֿאלג ישראל האבן ח"ו גזינדיגט איז אבֿ שוין צו איין גרויסן גאט צו פֿר געבן אונזרי זינד אונ גדיינק דעם (ברית) פֿון אונזער עלטרן אונ דעם זכות פֿון די צוועלף (שבטים) אונ מיר (עניים ואביונים) האפֿן צו דיינר הילף טאג אונ נאכט דען מיר האבן קיין הילף אונ קיין דער בארמיקייט פֿון קיין מענטשן נייערט פֿון גאט אליין :

רבש"ע דוא ביסט יוא גירופֿן (אלהי יעקב ובעל הרחמים) אונ בגערסט (חסד) דרום גדיינק דיין ליב פֿאלג (ישראל) דעם (זכות קבלת התורה) דאש מיר האבן מקדים גוועזן (נעשה לנשמע) אונ קיין (אומה) הײדן האבן זיא ניט גוואלט מקבל זיין · דרום ווען מיר האבן יוא גיזינדיגט זיינן מיר דאך דיינע קינדר דיא (יומם ולילה) בהעפֿטן אן דיין ליבע תורה אונ אן דיינע (תרי"ג מצות) די דוא האשט גיבאטן ליבר גאט מיר בעטן דיך עש זאל זיך שטארקן דיין (מדת חסד ורחמים) אויף אונז דיין פֿאלג (ישראל) : אונ (בעונות הרבים) דאש ליבע (בהמ"ק) דאש דא איז גוועזן אונזער שוהייט איז חרוב גווארן אונ מיר זיינן גיבליבן לער פֿון אליז גוטש אונ האבן ניט מיין נייערט אונזער (תפֿלה) דיא דא גייט אויש אונזרע בטריבטע הערצר אונ מיר זיינן דארפֿטיג אז אין לאנד וואש דא בדארף גינייטיג רעגין אונ וואסר דרום טרייען מיר צו גאט פֿון גרויסע נויט אונ וויטאג דאש הארץ אונ פֿר גיסן אונזרע תפֿלות מיט הייסע טרערן אונ גדיינק אונז דעם פסוק ווען דיין ברודר ווערט פֿר ארעמט אז זאלשטו שטארקן אן איס אונ העלפֿן אים אז ער (ח"ו) גאר אנידר פֿאלט אונ מיר זיינן דאך דיין ליבע קינדער פֿון דיין דער מיימונג דער בארם דיך איבר אונז פֿר שטער אלי (צרות) : נוא אלמאכטיגר גאט שטארקר גאט פֿון (אברהם יצחק יעקב משה ואהרן) אוב מיר זיינן שולדיג (ממון) זיינן מיר ניט שולדיג (יסורים ומכל שכן מיתה ח"ו) חבר פֿר וואר מיר האבן גזינדיגט אונ גמיסטייט · דרום ווען מיר ליבר זיין אין דיין הענט וויא גאר גרויש איז דיין דער בארמיקייט : אונ מיר בקענן צו דיר גאט אלמאכטיגר דאש דוא ביסט אונזר הער אונ מיר זיינן דייני קנעכט אונ בוקין זיך אונ קניען פֿר דיר גאט אליין אונ בעטן אונ לובן דיין הייליגן נאמן דער דא איז ראוי צו לובן אונ צו בעטן פֿר דיר אויף אונזער לעבן אונ זאלשט אונז שפייזן מיט (חסד ורחמים) אונ זאלשט הײלן אונזרי (חולים רעים) אונ זאלשט פֿר געבן אונזרי זינד (פשעים) אונ זאלשט אויש לייזן אונזרע לייבר פֿון אלע (צרות ויגון) דען מיר וויסן וואל דאש דו גאט אליין פֿר מאגשט אונ אין דיין הענט איז דאך דאש הארץ פֿון (מלכים ושרים) דאש דוא טוטשט איר הארץ שטארקן (לטובה) דאש זיי זאלן מתנהג זיין מיט אונז (ברחמנות) אונ (מטיב) זיין מיט אונז דיא הייליגע (קדושות) פֿון דיא אבות (אברהם יצחק ויעקב שרה רבקה רחל ולאה) אונד אלי (צדיקים צדקניות נשמות הקדושים) זאלן (מתפלל) זיין פֿר דיר אויף אונז ביז זיא ווען מבטל זיין אלי גזירות רעות פֿון אונז אונ פֿון אלי מענטשן אמן : דוא ביסט גאט איבר אלע געטר אונ דוא האשט בשאפֿן דעם מענטשן פֿון אש אונ ערד אונ הויט אונ פֿלייש אונ האשט אים אן גקלייד אונ מיט ביינר אונ אדרן האשטו אים צו גדעקט אונ האשט אים גיגעבן (חן וחסד) אונ האשט אים לאזן

לאזן ווישן דיין (חוקים ומצות) אונ אים גילערנט צו טאן (הישר והטוב) אין זיין לעבן טאג ביז דא קומט דיא צייט דאש ער שטארבט אונ ווערט ווידער אש אונ ערד אבר דוא בישט (אוך חי וקיים) אימר אונ אייביג (לנצח נצחים) אונ דוא זיצט אין הויכן הימל אונ בישט דאך (משגיח) אויף דיא לייט אויף דער ערד: דרום ליבר גאט איר קומען פר דיר מיט גרויס ווייגן אונ טוען גלייך אז (אדם הראשון) דער בארם דיך אונ זאלשט אונז ניט פר דארבן אונ טוא אפ דעם (דבר וחרב ורעב ושבי ומשחית) פון דיין פאלק. אונ פון אונז אמן: ובפרט ווען אויך גהאלטן זייגען דיא היאל פון רעגן אונ פון טויא דער בארם דיך איבר דיין ליבי פאלג אז אין צייטן (אליהו הנביא בהר הכרמל) אונ שפייז אונז ווייא דוא האשט אונז גשפייזט דען דוא קענשט וואול זאט מאכן דעם הונגריגן. אונ זעטין דעם דארשטיגן אונ קאנשט אונטר לעהנן די גפאלן זיין אונ דוא זאלשט היילן אונזערי (חולים רעים) אונ זאלשט (מתיר אסורים) זיין אונ זאלשט פאר געבן אונזערי זינד (ופשעים) דען דוא הייסט (ורב חסד לטובים ולרעים ארך אפים) צוא דיא (צדיקים) אונ צו די (רשעים) פאר געלט גוטש צו די שולדיגן אונ אין אונזרי טעגן זאל ווערן גיהאלפן (יהודה וישראל) אונ זאלשט אונז שיקן אונזר משיח (שיבנה בהמ״ק במהרה בימינו) אמן וכן יהי רצון:

ווען מען די ספר תורה אויש הייבט אזו זאגט מען דאש

רבונו של עולם דער פיל מיין בגער צוא גוטן אונ גיב מיר מיין בגער אונ מיין אנהאלטונג אונ לאז מיך אונ אלי מיינע הויז גזינד דיין ווילן טאן מיט גאנצן הארצן אונ מאך אנטרינן מיך פון דעם (יצר הרע) אונ פון בייזי קראנקהייט אונ גיב מיין טייל אין דער תורה אונ לאז מיך זוכה זיין צו האבן קינדר אונ קינדש קינדר דיא זאלן לערנן תורה אונ צו טאן (מעשים טובים) צו פר דיר אונ זאלן גיין אין דיא רעכטע פארטיגע וועג אונ הייליג מיך אונ מיין זאמן מיט דיין גבאט פון דיין הייליקייט דאש איך זאל זוכה זיין צו אייביג לעבן אונ ארבין דיא פאר בארגין איז צו דיא (צדיקים) אונ היט מיך פון בייזע גידאנקן דען אן דיר גאט איז מיין פר זיכרונג אז אין פסוק שטייט:

וְהַבּוֹטֵחַ בַּיְיָ חֶסֶד יְסוֹבְבֶנּוּ:

דאש איז טייטש דער זיך אן דיר פר זיכרט טוטשטו אים מיט גינאד אום רינגן גלובט בישטו גאט אימר אונ אייביג אמן:

ווען מען דיא ספר תורה אויף הייבט זאגט מען דאש:

רבונו של עולם גלובט איז דיין נאמן גילובט איז דיין קרון אונ איר שטאט עט זאל זיין דיין ווילן מיט דיין פאלק (ישראל) מיט דיין נאמן צו אייביקייט אונ דוא זאלשט אונז דער לייזן מיט דיינר רעכטי האנט בווייז דיך צו דיין פאלק אין הויז דיינר הייליקייט אונ אנטפאנג אונזער גיבעט אין הויז דיינר הייליקייט אונזר גיבעט מיט בארם הארציקייט:

יהי רצון מלפניך י״י אלהינו) דאש דוא זאלשט דער לענגרן אונזער לעבן מיט דער בארמיקייט מיט אלע גוטקייט אין גאטש פארכט אונ נידריג גימיט אונ זאלשט זיך דער בארמן איבר מיר אונ איבר מיין מאן אונ מיינע קינדער אונ איבר אלע מענטשין אונ זאלשט מיך בפעלן צו מיטן די צדקניות אונ צו ווישן דיינע צדיקים דען דוא בישט גאט דער דא שפייזט דיא גאנצע וועלט:

ואני

ואני אמתך איך בין דיין מייד פון הקב"ה צו אים נייג איך מיך אן הקב"ה טוא איך מיך פֿר זיכרן דר וואש האט הימל אונ ערד בשאפֿן ער איז דער גירעכטער גאט אונ טוט גוטש אונ פֿיל גינאד צו זיין בשעפֿניש אונ אזו הייסט אן אים טוא איך מיך בשיקן אונ צו דיין הייליגע ווערדיגן נאמן טוא איך לויבן מיט גרויש לויבשאפֿט דען איך טוא האפֿן צו הקב"ה ער ווערט מיר גינאד טאן אין אלע מיינע נויט ווען איך ווער מיט מיין (תפלה) פֿר דיר קומן זאלשטו מיך דער הערן באלד אום ווילן דיין גרויש גנאד אונ בארמיקייט אום ווילן דאש זאלשט דר פֿילן מיין גיבעט אונ גיבעט פֿון אלע מענטשן צו גוטן אונ צו פֿרייד פֿון אילונד אן ביז אייביג (אמן ואמן) :

אלמעכטיגר גאט דער הימל אונ ערד בשאפֿן האט אלז וואש דא האשטו בשאפֿן האשטו בשאפֿן פֿון דיין הויך גילובטן נאמן אונ פֿון דיין כבוד וועגן דאש אלע בשעפֿניש זאלן לובן דיך אונ דיין נאמן ובפֿרט דעם מענטש האשטו בשאפֿן ער זאל דיר דינן מיט לויבשאפֿט אונ מיט גאנצן הארצן אז דער פסוק זאגט (עבדו את ה' בשמחה) דרום בעט איך ליבר גאט לאז מיך ניט שטארבן לאז מיך מקיים זיין די מצות וואש דוא גיבאטן האשט אין דיינע הייליגע תורה דר ווארטן מיין נשמה זאל קאמן אין דעם אורט גרייכן וואו זא איז גימאנן גווארן דרום בעט איך ליבר גאט אז איך זאל דער לעבן אז (ירושלים) זאל גבויאט ווערן אונ דאש בהמ"ק אונ איך זאל זוכה זיין צו זעהן אז מען זאל מקריב זיין קרבנות אויף דיין אופֿפֿר טיש. ליבער גאט לאז איך היטן אונ אלע מיינע פֿריינט פֿר די אוזם רעכטי אונ פֿון (חבלי משיח) וואש דוא ווערשט שיקן אין דיא צייטן: אויך בעט איך ליבער גאט דוא זאלשט אונז שיקן דיא גאולה דורך תשובה. אונ דורך גוטע מעשים אונ מיר זאלן זוכה זיין צוא זעהן דיין שכינה וויא עש שטייט (כי עין בעין יראו בשוב ה' ציון כי פי ה' דבר) אונ מיר זאלן בויאן דאש בהמ"ק וויא דוא האשט גיבאטן צו בויאן דאש משכן אין דר מדבר דא האבן מיר ניט גוואושט וויא צו טאן האשטו אונז געגעבן (כח אונ שכל) דר צו אזו זאלשטו אונז אויך געבן כח אונ שכל דיינע מצות צו האלטן אונ צו דינן דיר מיט גאנצן הארצן אונ זאלשט דר לייכטן מייני אויגן אין דער תורה ומצות וויא דוא האשט דר לייכט די ישראל אז דר פסוק זאגט (ולכל בני ישראל היה אור במושבותם) אויך האשטו דך לייכט אין דר (מדבר בעמוד אש ועמוד ענן) אונ גיב מיר כח אין מיין צונג אז זיא זאלן קענן רעכט בשיידן דיין לויב וויא דוא האשט מאכן בשיידן משה פֿר פרעה גלייך אז אין פסוק שטייט גאט האט גזאגט צו משה (ואנכי אהיה עמך) משה איז געווען איין (כבד פה אונ כבד לשון) אזו גיב מיר פֿר שטאנדיקעט אין מיין הארץ וויא דו האשט געגעבן פֿר שטאנד צו יוסף הצדיק פֿר פרעה אז ער האט גיקענט פֿר שטיין דעם חלום אים פותר צו זיין אלז האשט גשיקט מלאכים אונ זייא האבן אים גילערנט צו פֿר שטיין (שבעים לשונות) אזו זאלשטו אויך שיקן דיא הייליגע מלאכים זייא זאלן מיך לערנן פֿר שטענדיקייט צו לויבן דיין נאמן אונ גיב מיר כח אין מיין גלידר אז איך זאל קאנן דיר דינן אונ זאל בשטיין פֿאר דיין גילובטן נאמן וויא דוא האשט מאכן בשטיין (דוד המלך) פֿר (גלית הפלשתי) אז ער האט גלעסטרט דיין הייליגן נאמן אונ (ישראל) אונ (דוד המלך) איז קעגן אים בשטאנן אזו זאל איך אויך קענן בשטיין קעגן דעם (יצר הרע) אז ער זאל ניט קענן מבטל זיין מיך פֿון דיין דינשט אמן :

רבונו של עולם איך בעט דיך אז דו זאלשט הערן מיין גבעט אז דו האשט גהערט פֿון (חנה) אז זי האט גבעטן אז (שמואל הנביא) זאל אן גבריט זיין צוא דיין דינשט אונ וואש איז דער מענטש אויף דער וועלט ווען ער דיר ניט דינט מיט גאנצן הארצן:

הארן דוא בישט איבער אלע בשעפֿניש וואש אויף דער וועלט איז און אלע זי לויבן
דיין הייליגן נאמן וויא וואול זייא האבן קיין הנאה פֿון דר וועלט לובן זיי דאך דיר און
(אכל שכן) איין מענש דער איז בשאפֿן גווארן אין דיין אייגנעם פֿורעם: און אלע
קרייטער האשטו בשאפֿין פֿון דעם מענשן וועגן (אכל שכן) אזו געהער איך דיך צו
לויבן און דיר איין שבח והודיה צו געבן און דוא האשט דעם מענשן אלש געגעבן
דרום בעט איך דיך (רבונו של עולם) דוא זאלשט מיר בשערן פרנסה פֿון דיין
מילדר האנט און ניט פֿון (בשר ודם) זו דוא האשט גשפייזט דיא ישראל אין דער
מדבר און האשט זיא געלאזט רעגנן מיט (מן) און האשט זיא אויש גיצויגן וואשר
פֿון פֿעלזן דוא שפייזט הונגריגי און זעטשט די דארשטיגי און אונטער לעהנשט דיא
עלינדיגי און דער לייזט דיא גיפֿאנגנע און בינדשט אויף דיא גיבונדני און מאכשט
זעהן דיא בלינדי מאכשט ריידן דיא שטומע און הערן די טויבע און מאכשט גלייך
דיא קרומע דרום דאנקן מיר דיין הייליגן נאמן דיא טובות וואש דוא האשט מיר
גיטאן ביז אהער און דוא זאלשט ווייטר טאן גינאד אמן:

רבונו של עולם פֿר נעם מיין געבעט וויא דו האשט פֿר נומן דאש גיבעט פֿון אדם
הראשון) אז ער האט געזינדיגט און האט (תשובה) גיטאן און האשט זיין
תשובה אן גנומן און וויא דוא האשט גיהערט דאש געבעט פֿון (נח) און האשט אים
(ניצל) גיוועזן פֿון וואשר און אויך וויא דוא האשט געהערט דאש געבעט פֿון (אברהם
אבינו בהר המוריה) און האשט אים ניצל גוועזן פֿאר דעם שטן אזו זאלשטו מיך
ניצל זיין פֿון שטן אז ער זאל ניט הינדרן אין מיין תפֿלה און וויא דו האשט גיהערט
דאש גיבעט פֿון יצחק און אויך דאש געבעט פֿון (יוסף הצדיק) אין גיפֿענקנעש און
דער נאך איז ער מלך גיווארן אזוא זאלשטו אונז אויך צוא הערן אונזער גיבעט
און ווען דו דר הייכשט איז דער הייכשט און ווען דוא שפייזט איז גשפייזט איך
בעט דיך ליבער גאט אז דוא זאלשט מיר אויך בשערן שפייז פֿון דיין מילדי האנט
און ווען דוא שטראפֿשט דער איז גשטראפֿט און דארפֿשט ניט פֿון קיין בשעפֿניש
קיין עצה און הילף צו קיינערלייא זאך דוא קאנשט אלץ טאן מיט דיין קראפֿט און
דוא בישט איינר גאט פֿון אלי בשעפֿניש דוא האשט דיא וועלט בשאפֿן מיט דעם
קלענשטן אות דאש זעלביגי איז די י׳ און דאש גרינגשטי אות דאש זעלביגי איז די
ה׳ אוך דר הער מיין געבעט ווי דוא האשט געהערט דיא געבעט פֿון אונזר עלטרן אין
מצרים און האשט זיא אויש געצוגן מיט גרושי וואונדר און דוא האשט זייא געשפאלטן
דעם ים דורך דער האנט פֿון (משה רבינו) אויך דער הער מיין גיבעט אז וויא דוא
האשט געהערט דאש געבעט פֿון אהרן הכהן ווען ער איז גיגאנגן מיט דער פֿייאר
פֿאן און האט אויף געהאלטן דעם מארד פֿון דיין פֿאלק ישראל אזו זאלשטו אויך אפּ
טאן פֿון אונז דיא מארד און דוא האשט געהערט דאש גיבעט פֿון (יהושע) אין גלגל
און האשט ווידער גיקערט דעם ביזן שטערן צו גוטן אזו זאלשטו פֿאר קערן אלע
(גזירות רעות) פֿון דיין פֿאלק ישראל און דוא האשט גיהערט דאש גיבעט פֿון
(שמואל הנביא) אין מצפה אז דוא האשט געהערט דאש געבעט פֿון (דוד ושלמה אין
ירושלים) און דוא האשט גשיקט איין פֿייאר און האט פֿר ברענט זייערי קרבנות
און דו האשט זייערי גיבעט אנטפֿאנגן אזו זאלשטו אונזר געבעט אנטפֿאנגן דען מיר
האבן היינט קיין קרבנות ניט זאל זיין מיין תפֿלה במקום קרבנות הער אונזר געבעט
גלייך אז דוא האשט גיהערט די גיבעט פֿון (אליהו בהר הכרמל) און דיין נאמן איז
געהייליגט גווארן דורך אים אזו זאל זיין נאמן געהייליגט ווערן דורך אונזר תשובה און
תפֿלה הער מיין געבעט אז דו האשט געהערט די (תפֿלה פֿון אלישע) אין שטאט יריחו

און

אונ האסט פר קערט די ביטרע וואסר צו גוטן אזו זאלסטו פר קערן די ביטרי צרות
אז מיר זאלן דר לייזט ווערן אונ אז דו האסט גהערט די תפלה פון (יונה הנביא) אין
גדערים פון פיש אונ האסט אים גהאלפן אויס אייננגט אזו זאלסטו אונז ברייננגן אין
שטאט (ירושלים) אונזר הארץ זאל דער פרייט ווערן. פון אלי צרות אונ דוא האסט
גהערט דאס גיבעט פון (חזקיה) אין זיין קראנקהייט אונ האסט אים גהיילט אזו
זאלסטו היילן די קראנקי פון דיין פאלק דען דוא בגערסט ניט דעם טויט פון מענשן
נייארט תשובה וויא דוא האסט בגערט דיא תשובה פון נינוה וואס זייא זיינן געוועזן
לויטר עובדי כוכבים אונ האסט די בייזע גזירה מבטל געוועזן מכ"ש אז דוא זאלסט
מקבל זיין די תשובה פון דיין פאלק ישרים אונ אז דוא האסט גהערט דאס גבעט
פון דניאל אין לייבן גרוב אונ האסט פר שטאפט דיא מייל פון די לייבן אזו זאלסטו
פר שטאפן די מייל פון אונזרי מקטרגים אונ ווי דוא האסט גהערט די תפלה פון
(מרדכי ואסתר בשושן הבירה) אונ האסט זיא מציל געוועזן פון דעם טויט אונ (כל
ישראל) זיינן דר לייזט גווארן אזו זאלסט מציל זיין פון צרות (בזכות קדושים) וואס
זייער בלוט איז פר גאסן גיווארן (על קידוש השם) דאס בלוט זאל ניט רוען ביז דוא
וועסט רעכנן אונ אז דוא האסט גשווארן בייא דיין הייליגן נאמן אז די ישראל ח"ו
ניט ווערן פר לאזן ווערן אזו וואל ווי דוא ביסט אייביג אזו איי דיין שבועה אייביג
דרום בעט איך דיך אז דוא זאלסט אונז ווייטר בהיטן פר צרות אונ פר
(מחשבות רעות) אונ זאלסט הערן דאס גבעט אז דוא האסט גהערט דאס גבעט
פון (עזרא הסופר) ער איז גגאנגן אויס דעם גלות בבל אין ירושלים אונ האסט זייא
גהאלפן צו בויען דאס אנדרי (בה"מ) אונ זאלסט אונז העלפן צום דריטן מאל דאס
ב"המק צו בויען באלד אין אונזר טעג (אמן סלה) :

רבונו של עולם הער מיין גבעט אז ווי דוא האסט גהערט דאס גבעט פון חוה ווען
אדם הראשון האט זיך אפ גשיידן פון איר האט זיא גבעטן פאר הש"י אז
ער זאל זיך ווידער קערן אזוא הער צוא אויך מיין תפלה אונ מיין תחנה מיט דער
בארמהארציקייט ליבר גאט הער מיין גבעט אז וויא דוא האסט דער הערט דאס
גבעט פון אונזר מוטר שרה אז מען האט זי גנומן אין דאס הויז פרעה אונ אבימלך
האסטו גהערט איר גבעט אונ האסט זיא בהיט אז זיא איז ניט פר אום רייניגט
גווארן פון דעם רשע דער אום ריין איז אזו זאלסטו אונז בהיטן פאר רשעים הענט
אונ פר אלים בייזן אוך ליבר גאט דער הער מיין גבעט גלייך אז דוא האסט גהערט
די תפלה פון בת שבע זיא האט גבעטן פר דיין הייליגן נאמן זיא זאלן מיט דוד
המלך איין זון האבן ער זאל ראוי למלוכה זיין אזו זאלסטו הערן מיין גבעט אונ
זאלסט מיר געבן איין זון אז ער זאל דאס בית המקדש בויען אמן סלה :

אויך ליבר גאט הער מיין גבעט אז דוא האסט גהערט דאס גיבעט פון אביגיל אז
דא האט געוואלטן (דוד המלך) אום ברייננגן איר מאן איר הויז גזינד האסטו
דער הערט איר גבעט אונ האסט איר גגעבן (חן וחסד) אין זיין אויגן אזו זאלסטו
אויך הערן מיין גבעט אונ זאלסט מיך בהיטן פר אלי בייזי מקטריגים זייא זאלן ווערן
גוטי מליצים אונ אויס דיא שונאים זאלן ווערן גוטי (אוהבים) אויך ליבר גאט אז דוא
האסט גהערט דאס גבעט פון (אשת חבר הקיני) אז זיא האט גבעטן פר דיר אז
דוא זאלסט איר העלפן ביי צו קומן דעם הייבט מאן (סיסרא) ווען ער איז גקומן
אויך דיא (ישראל) האסטו גהערט איר גיבעט אונ האסט אים אום גבראכט אונ
האסט איין גרוסי הילף צו די ישראל גטאן אך זאלסטו אויך העלפן אונז פון אונזר
פיינד

פייד זייא זאלין אונז קיינס קענן בצווינגן אונ נימר קיין בייז צו טאן ליבר גאט הער
מיין גבעט אז דוא האשט געהערט דאש גבעט פון (אסתר המלכה) אונ האשט איר
געגעבן (חן וחסד) אין אויגן אלי צעהר אונ אין (אחשורוש) אויגן אונ האשט דורך איר
(זכות אונ צכות פון מרדכי) איין גרויש נס געטאן אז דיא ישראל זיינן ניצול געווארן
אזו זאלשטו אונז געבן (חן וחסד בעיני המלך והשרים) אונ זאלן זוכה זיין פטור צו
ווערן פון די וועלט מיט איין גוטי עלטר זאלשטו געבן מיין חלק אין דאש אייביג לעבן
מיט דעם פיל גוטש וואש פר בארגן איז צו די צדיקים (לעתיד לבא) אונ זאל תחיית
המתים מיט אנדרי צדיקים אונ צדקניות אויף שטיין אונ זאלשט געבן מיין נשמה זאל
רוען אין גן עדן מיט נשמות (שרה רבקה רחל לאה) אונ זאל דער לעבן צו זעהן
דעם גואל (במהרה בימנו אמן) :

СЕДЕРЪ ТЕХИНОТЪ

т. е.

Порядокъ Молитвъ для Женщинъ.

Печатать позволяется. — Вильно, 10 Декабря 1848 г.
Исправляющій долж. Ценсора, И. Фокъ.

ВИЛЬНО
въ Типографіи Р. М. Ромма.

1849.

איין נייע תחנה פון ראש חודש אלול אונ פון ערשטן טאג סליחות אונ פון תשליך מאכן אונ פון ברכת כהנים

רי תחנה זאגט מען דעם ערשטען טאג סליחות)

(מלך היושב על כסא רם ונשא) דו קיניג איבר אלע קינינן דר זיצט הויך דר הובין אויף דעם העכסטען שטול דר איז פיר (בעל תשובה) אונ אין די זעלביגע צייט שטייט הקב"ה אויפֿון דעם כסא הדין אונ זעצט זיך אויף דען (כסא הרחמים) אזו בעט איך דיך גאט איך ארים ווייב (סב"ס) נעם אן אונטר דייני פליגל אונ דר באַרם דיך איבר מיר אונ איבר מיין מאן אונ מייני קינדר אונ קינדס קינדר אונ לאז זיין אזיין (עת רחמים) אונ עס איז די צייט וואס מיר הייבן אן תפלה צו טאן צו דיר אונ מאך אויס אייני חובות זכיות לאז פאר נעמן אונזרי תפלות אונ זיי אחרט אויף אונס איין שנה טובה אונ לאז איך אונ מיינע קינדער (נחמה) אונ ווי דוד המלך אין זיין תפלה האט גבעטן (הוציאה ממסגר נפשי להודות את שמך) צו אויס איין לייב פון פר טואלינג צו לובין דיין הייליגן נאמן (אב הרחמן) בארמהערציגר פאטר נעם איך אונטער דיינע פליגיל ווער איך בשיצט זיין ווי דער פסוק שרייבט (ובצל כנפיך יחסיון) אין שטן דיינע פליגיל ווער איך בשיצט ווערן זייא איך מיט מיין מאן אונ קינדר (מוכה טובה) שרייב איך אן צו דרום כייען יאר אין ספר של צדיקים לחיים אונ עפין מיר די טאהרן פון רחמים אזו שרייב מיר דריכען אן גיך איין נאמן (סב"ס) אויך די (שערי גאולה שערי ישועה שערי חיים טובים שערי מחילה שערי הצלחה) אונ הייגט דען ערשטן טאג שטיין מיר אויף אונ לובין דיך אול דיינע ווערק אונ אויף דייני בארם הערציקייט טואן מיר האפין אונ ווען איך (סב"ס) נישט אזו פיל זכות האב פון מיר זעלבסט אזו זאל מיר ביי שטיין זכות אבות ליבינר גאט וואַרט מיר ביז איך ווער מעהרן מיינע תפלות (ראש השנה אונ יום כפור אונ הושענא רבה) אונ שרייב איך אן צו די צדיקים לחיים אונ זאל די חתימה זאל זיין לטובה אונ ווען שוין ח"ו זאל אונס וואס כגזר גוואַרן לרעה זאל נהפך ווערן לטובה אונ דיא תפלה פון כהן גדול זאל אונס מקוים ווערן פון דער צייט ווען ער איז ארויס גגאנגן פון (קדשי הקדשים בלי שום פגע רע) זאל זיין איין (שנת ברכה) קיין (שנת דבר וחרב ורעב) אן שטאט די גזירות ווי גזור (שנת חיים ושלום ושובע) איין שנת נדיבים לטובה איין שנת משיח ונחן לברכה אונ זיי אונזר מזל משנה אז איך רחמ

באמת

תחנה פון ערשטין טאג סליחות

האסט דש אול פון (אברהם) מיט שרה אמנה געוועזן און איז אליין געוועזן און אלעס בעט איך דיך ליבר גאט דו זאלסט איך אליין זיין פון לייטן גאב און קיין עין הרע זאל אן אונש ניט. שולט זיין און די תפלה איז במקום קרבן אלש ווען מיר דעם כהן גדול העטן גהאט דען דו גאט האסט צו גזאגט צו אברהם אבינו ווען דאש (בית המקדש) און מזבח ווערט חרוב ווערן האסט אונש ישראל פאר שפראכן ווען מיר ווערן מזכיר זיין די תפלות זאל עש גוט זיין וויא דיא קרבנות צעלבשט און ווען מיר (יו"כ) דיא עבודה מזכיר זיין זאל זי מכפר זיין אוף איין גאנץ יאהר און זאל אונש דער זכות ביי שטיין אז ווי דש ביהמ"ק איז גשטאנן (יהי רצון מלפניך יי אלהי ואלהי אבותי שיבנה ביהמ"ק במהרה בימינו אמן סלה):

די תחנה זאגט מען פר די ברכה פון שופר בלאזן

אתה מלא רחמים אלהי שדי לצבאות) אונזער דער בארמיגער גאט גרוסר גאט אלמעכטיגר גאט הערשאפטיגר גאט קיניג איבר אלי קיניגן זעה ווי איין אויש דר ווילט פאלק זיין דייני ישראל און זעה ווי זי מכוון זיין מיט דען שופר בלאזן און אין שאלן מיט דעם קול שופר פון דיין כבוד וועגן און דר וועק אונש (מלאים ישרים אבות לדיקים לדקינות) און בעטן פר אונזרע קינדר ישראל די אין דעם גלות זיין אזו לאנג און לאז גאר זיין מדת הרחמים און לאז אמאל אוף דיין פאלק ישראל קומען לוטיר רחמים אז ווי דש איל וואש איין קרבן וואר אוף עקידת יצחק דש מיר אלע פון דעם זכות גניסן און שיק אוף אונש דער פרייאונג און אז ווי דא שטייט אין פסוק (אם הבנים שמחה) דיא מוטר וועט זיך דר פרייען מיט אירע קינדר און קינדש קינדר און (אליהו הנביא) ווערט די מתים אוף וועקן און זי אוך דר פסוק שרייבט (הנה אנכי שולח לכם את אליהו הנביא לפני בוא יום יי הגדול והנורא והשיב לב אבות על בנים ולב בנים על אבותם) דש איז טייטש איך ווער צו אייך שיקן אליהו פר דען גרושן פארכטבט זאמן טאג און ווערט ווידר קערן דש הערץ פון עלטרן אמן סלה:

אל מלך שדי לצבאות) אלמעכטיגער גאט דר בארמיגר פאטר קיניג דו האסט אין דיין תורה אן געשריבן (הריעו לפני המלך יי) טוא שאלין פר דעם קיניג גאט נון פאטר קיניג לאז די שאלונג פון דעם שופר מבטל זיין אלע דיא קליפות דיא דא זענן אום ר"ה אוף אונש מקטרג צום יום הדין דרום בלאזן מיר היינט כסדר (תקיעה שברים תקיעה) און תקיעה טוט בטייטן אז אלע קליפות זאלן אין גשטעקט ווערן אין בור שחת און מיר ישראל זאלן עולה למעלה ווערן און דיא (שברים) בטייט אז אלע קליפות און מקטריגים זאלן צו בראכן ווערין וואש האסט הייסט (שור ושבר) קענגין דיזען הייסט שברים לשון בראך און אלע מקטריגים זאלן צו בראכן ווערן און דאש דריטע ווארט (תרועה) דא זענן מיר דר מיט קינדר צו הקב"ה אז מיר ווערן אוך הייסן (פני ישרים) דרום בלאזן מיר היינט תרועה אז וויא אין פסוק שטייט הריעו לפני המלך יי) און דוא זאלסט

תחנה פון ערשטין טאג סליחות

וואלסט צו ברעכין אלי די קליפות אונ מקטריגים ווערדן דו וואלסט הייסט פאר
דיר קומען אוליס ישרים דיא דא היין איר אונ אויף אלע איינגע אונ אויף כל
ישראל לטובה אמליז זיין אמן סלה :

אבינו מלכנו אונזר פאטר אונזר קיניג איך בעט דיך אז וואו איך טוא פר דיר
וויינען ואל איטליכע טרער מאכן פאר פליילן אלע דיא קליפות אונ
מקטריגים אונ אז איר דיין גליבט פאלק ישראל טואן הייסט בלאזין (קט"ק) דס
איז דער סימן ראשי. תיבות קרב ישועתינו אזו זאל איך הייסט דיא היילן גאנץ
כאהנט האבען פון הקב"ה מיט אלע איינגע אמן סלה :

סדר תשליך

מי אל כמוך נושא עון ועובר על פשע
לשארית נחלתו . לא החזיק לעד אפו כי חפץ
חסד הוא . ישוב ירחמנו יכבוש עונותינו
ותשליך במצולות ים כל חטאתם : תתן
אמת ליעקב חסד לאברהם אשר נשבעת
לאבותינו מימי קדם : מן המצר קראתי יה
ענני במרחב יה : יי לי לא אירא מה יעשה
לי אדם יי לי בעוזרי ואני אראה בשנאי :
טוב לחסות ביי מבטוח באדם טוב לחסות
ביי מבטוח בנדיבים :

(מי אל כמוך) ווער איז אזו איין גאט ווי א דו בישט דו פר טראגסט דיא זינד
אונ איבר פארסט אויף דיא (מטעים) צו איבר בלייבונג דיין ארב
זי טשאקסט ניט דיין צארן . דען דו בגערסט אייטל חסד ווירד קער דער
בארמונג . בלוינג אונזר זינד אונ ווארף אין טיפעניש פון ים אלע זינד . אונ
גיב

סדר תשליך:

גיב אמת צו יעקב חסד צו אברהם) וי דו האסט געשווארן צו אונזער עלטרן פון פאר אלטן. אויס דער ענגניס רוף איך גאט אונ ער ענטפערט מיר אונ שטעלט מיך אין דער ברייטע גאט איז בייא מיר איך זאל מיך ניט פערכטן וואס וועט מיר טאן איין מענטש: גאט איז בייא מיר אין הילף דרום וועל איך אן זעהן מיינע פיינדר רעכנונג זעהן. עס איז בעסיר צו בטחן זיך אן גאט וועדיר זיך צו פר זיכרין אויף איין מענטש עס איז בעסיר צו פר זיכרין זיך אויף גאט וועדיר זיך צו פר זיכרין אויף די אילדין:

דער נאך זאגט מען דיא תחנה מיט גרוים כוונה:

רבש"ע דורך דיינע שלש עשרה מדות וואס קומן אויס דען פסוק (מי אל כמוך וכו') וואלסטו ליבר גאט טואן גרוים חסד ורחמים צו דען נייען יאר וואס דא קומט אויף מיר אונ אויף דיין הייליג פאלק ישראל אונ זכות פון אונזרע אבות הקדושים וואלסטו מיך מציל ומשמר זיין פון אלע בייזע שונאים דיא דא אויף שטיין אויף אונזר לעבן ביי דעם יום הדין הגדול והנורא וויא דוא האסט בשטראפט אברהם אבינו ע"ה הט זיין איינציגן ליבען זון יצחק געפירט צו דר עקידה הט אים דר שטן פר פירט איבר טיפע וואסר דען ער הט אים געוואלט מבטל זיין פון זיינר מצוה אלזו וואלסטו ליבר גאט אלונזר מבטל זיין דיא בייזע רייד פון דעם שטן בייא דעם יום הדין ווי דו האסט גלייט זעליגט יצחק אבינו ע"ה ווען זיינע קנעכט האבן גגראבן דען ברינען וואסר דאס די פיינד האבן אויף אים ניט מער גקריגט זו וואלסטו שטיל מווינן מאכן דאס מויל פון דעם שטן דס ער זאל ניט קענין אויף אונס מקטרג זיין צו דעם יום הדין וויא דוא האסט געהאלפין יעקב אבינו ע"ה ווי ער הט גירונגילט מיט דעם מלאך ביי די איבר פאהר פון יבוק זו וואלסט ליבר גאט אונס העלפן דס מיר זאלן קענן בייא קומען דען שטן ביי דעם יום הדין וויא דוא האסט געהאלפן אונזרע עלטרן בייא דעם ים סוף דס זיי זענן טרוקן איבר פארן זא וואלסטו ליבר גאט מאכן איבר פארן אויף אונזרע עונות בייא דעם יום הדין ווי דוא האסט געהיילט יחזקיה מלך יהודה פון זיין קרענק זא וואלסטו ליבר גאט געבן אונ מאכן היילן אונזרע קרענק פון אונזר הערץ פון וועגן דיא חטאים וואס מיר האבן געטאן אין דיזען יאר אמן:

דער נאך זאגט מען דעם פסוק מיט גרוס כונה

לא ירעו ולא ישחיתו בכל הר קדשי כי מלאה הארץ דעה את יי במים לים מכסים:

הזכרת נשמות

דיא אזכרה זאל מען זאגן נאך מזכיר נשמות:

יהי רצון מלפניך עס זאל זיין דער ווילן פאר דיר גאט מיין גאט אונ גאט מיין עלטרן דאס דוא זאלסט לייכטן הייכט מיט דיין גרויסן גנאד אויף דיא הייליגע נשמות די דא זיפֿן מיט לוב אונ בעטן אויף דיין הייליגן פאלק ישראל אונ לוויטן זי זאלסטו לייכטן אויך די נשמה פון מיין פאטר אונ מוטר אונ אויך די נשמות פון אלע מיינע פריינד (הן אצל אבי הן אצל אמי) אונ אלע דיא נשמות וואס שטיאן אין דיא דריי שורות פון גן עדן אונ טואן לויבן גאט אונזר קיניג אונ בעטן לעבן אונ פריד אויף אונס דייני ליבע קינדר איך בעט דיך מיט גרוס קראפֿט דיין דר בארמקייט או דיין אוירן זאל פֿר נעמן צו מיין געבעט פֿר נעמ מיט דר בארמקייט או דוא זאלסט מבטל זיין פון דיין פאלק ישראל אלי דיא גזירות צארן פון די משחיתים אונ אלע די פורעניות אונ זאלסט דר לענגרן אונזרע טעג מיט (חיים ושלום ופרנסה טובה שיהיה אל תורה וגדולה במקום אחד) דס זאל אויף אונס מקויים ווערן פסוק וכבוד אריכת ימים ושנים בנים בעלי פנים ער משה שנים אונ מיר זאלן דינן צו דיר גאט מיט גרוס נחת אונ עס זאל זיין דיין גנאד אויף אלע הייליגע נשמות אונ אויף דער נשמות פון מיין פאטר אונ מוטר אונ זיי זאלן אויף גיין אונ זאלן קומן אונ זאלן גרייכן או עס זאל ווערן גראכט זייער גוט גרעכנט פֿר דיין הייליגן דר בארמיגן שטול אונ דארטן זאלן זיי זייער רואונג אונ דו זאלסט אין ביכרן אירע נשמות אונ די נשמות אבי ואמי לפני ולפנים אויף דעם הייליגן אורט וואס קיין אויג קאן ניט פאר שטין נאר דו אליין אונ דו זאלסט מאכן זייערע נפשות דס לויטערקייט אונ זעט זי אים פעטיקייט דיין הויז אונ דער באך פון (ג"ע) זאל זיא אן טרענקן אונ דיא נשמות וואס האבן נאך קיין כח ניט צו קומן צו זייער רואונג אויב לוויטן דיא נשמות אין די נשמה פון מיינע קרובים בעט איך דיך [illegible] ליבר גאט דער דא לייכט אויף דר ערד אונ די לייט וואס וואונן אויף דר ערד דר בארמיגר גאט דער לייכט דיא שכינה אונ זאלסט צו דעקן זייער עבירות אונ זאלסט זאגן צום מלאך וואס איז ממונה איבר זיי צו גרינגרן פון זי דס משפט אונ זי זאלן גפינן מיטליכר זייער רעכטע רואונג בשלום אונ זיא זאלן גיין ממדרגה למדרגה אונטר דיא פליגל פון די כרובים אמן:

(אן פסח שבועות סוכות זאגט מען דס)

מי שבירך ווער דא האט גבענטשט אונזר עלטרן אברהם יצחק יעקב דער זאל בענטשן (ר' פב"פ) ווייל ער האט נדר גטאן אין דער צדקה אום אלין דיא ריינע זילן וואו איר האבן הייכט מזכיר גווען פון הקב"ה ווען אונ דר נאך פון דעם הייליגן טאג ווען דער הייכט איז אין אים דעם צוין זאל אים הקב"ה היטן אונ בשערמן פון אלע לייד אונ פון אלע קרענק זאל הקב"ה אים שיקן אונ זאל שיקן איין בענטשונג אונ גליקונג אין אלע זיינע ווערקן מיט אל

עט

הזכרת נשמות

ישראל זיין ברידר אונ איר װעלן זאגן אמן :

אין כאט השנה אונ אין יום כפור זאגט מען דס

מי שברך װער דא האט געבענשט אונזר עלטרן אברהם יצחק יעקב דער זאל בענשן (ר' פב"פ) װײַל ער הט אנדר געװעזן אין דער צדקה פאר דיא רײנע נשמות װאס איר האבן הײַנט אוניר נשמות געװעזן פון הש"י װעגן אונ פון זײַן תורה װעגן זאל אים הקב"ה היטן אונ בשערמן פון אליר צײַד אונ לײַדיגר אין פון אלע קרענק אין דער װעלט אונ זאל אים אן טרײַבן אונ אתאגן צו לעבן אונ צו גוטס אן דעם יום הדין װאס הײַנט איז אונ זאל שיקן איין בענשונג אונ זאל בגליקן אין אלע זײַנע װערק מיט כל ישראל זײַנע ברידר אונ איר װעלן זאגן אמן :

ברכת כהנים

(דאס זאגט מען פאר דעם דוכנן או מען האלט ותחזינה עינינו וכו')

ותערב אונ עס זאל געפעלן דיין אונזר געבעט פר דיר גאט אזו דיא קרבנות װאס מען פלעגט מקריב צו זײַן פאר דיר גאט װען דאס בית המקדש איז געשטאנען : אנא איך בעט דיך ליבר גאט דר בארם דיך מיט דײַן פיל דער בארמקײַט אונ קער װידר די הײליגע שכינה אין ציון אונ איר זאלן באלד זוכה זײַן װידר די עבודה צו טאן אין ירושלים אונ דארטן זאלן מיר װידר דינן דיך מיט פארכט װיא עס פלעגט צו זײַן פר צײַטן אין דיא ערשטע יאהרן . גלובט ביסטו גאט מיר זאלן זוכה זײַן דיך אלײַן צו דינן :

(דס זאגט מען או די כהנים זינגן וישמרך אונ ויחונך אונ שלום)

רבש"ע הער פון דער װעלט איך בין דײַן אונ מײַנע טרױם זענן דײַן עס האט איך געטרױמט איין טרױם אונ איך װײס ניט װאס עס בטײַט איז. זאלן זײַן דר װילן פר דיר גאט מיין גאט אונ גאט מײַנע עלטרן דס עס זאל זײַן אלע מײַנע טרױמן אױף מיר אונ אױף כל ישראל צו גוטן אונ צו בענשונג . עס זײַ דיא טרױם װאס איך האב געטרױמט אױף מיר עס זײַא דיא טרױם װאס איך האט געטרױמט אױף אנדרע װײַנן זײַא אנדרשט גוטע טרױם טוא זײַא שטארקן אונ פעסטיגן אונ זײַן זאלן אן מיר אונ אן זי ביסטעטיגט װערן אזוי די טרױם פון יוסף הצדיק ע"ה אונ אויב זיי ברױכן הײלונג זאלסטו זײַא הײלן װיא דוא האסט גיהײלט חזקיה המלך פון זײַן קראנקהײַט אונ אזו װיא דוא האסט געהײלט מרים הנביאה און איהר צרעת אויך אזוי דיא ביטרע װאסר פון דער שטאט (מרה) דורך השכר משה רבינו ע"ה אונ אויך די װאסר פון דר שטאט (יריחו) דורך (אלישע הנביא) אונ אזו װי דוא האסט פר קערט דם פלוכונג פון בלעם הרשע פון פלוכונג צו בענשונג אזו זאלסטו פר קערן אלע מײַני טרױם הײַנט איר אונ אויף (כל ישראל) צו בענשונג צו אײביג אמן ואמן :

איין

ברכת כהנים

חין חכדרע תחנה לו זחגן ווען די כהנים ועגן אסיּם טוּם :

יהי רלון עס זחל זיין דר ווילן פר דיר גחט איין גחט חוכ גחט אייכע עלטרן דס דו זחלסט טײן חום ווילן דיין גכחד חוכ גרוס דר בחרמקייט חום ווילן דיין הייליגן כחמן פון לווייח חוכ לווחכליג חותיות ווחס קומן חרוים פון די פסוקים פון (ברכת כהכים) ווחס חיז גזחגט גווחרן פון אוכט חהרן חוכ זייכע קינדר דיין הייליג פחלק חוכ זחלסט זיין כחהכני לו איר חין איין טחן חן רופן דיך חוכ זחלכט פר כעמן איין גבעט חלע אחל חזו וויחל חלס דוח החסט גיהערט דחס גשׂרייח פון יעקב דר דח ווערט גירופן חיש תם חוכ זחלסט איר געבן חוכ איין גחלז הויז גזינד (פרנסה ב ריוח) חוכ כיט (ח״ו בצמצום) בהיתר חוכ כיט בחיסור חוכ כיט איט לער פון דיין החכר זעלבסט חלס ווייח דו החסט גיגעבן ברויט לו עסן חוכ קליידר חן לו קליידן יעקב חוכזר פחטר דער דח ווערט גריפן חיש תם חוכ זחלסט חוכם געבן חן וחסד חין דייכע חויגן חוכ חין לייטן חויגן חוכ אייכע רייד זחלן ווערן גהערט לו דיין דינסט חזו וויחל דו החסט גיגעבן חן והסר לו יוסף הצדיק חוכ זחלסט איר טחן ווינדר חוכ לייכן לו גוטן חוכ זחלסט איך בגליקן חין חלי אייכי וועג חוכ זחלסט דר לענגרן אייכע טחג חוכ די טעג פון איין אחן חוכ אייכע קינדר לו גוטן חוכ לו זיס לעבן חוכ חיין שטחרק לעבן חוכ חיין פריד לעבן חאן וחאן :

אשרי די לויב

חוכ חון ברויך טאיה חוף רייטט חרוים גנוחן חוים דעם (כהנת צבי) חוכ חויך חיין טייכה תחנה ווחס אען זינגט פר (שים שלום) זחל אען זיח זחגן חלע טחג חויך (יהי רצון) ווחס אען זחל זחגן צוויטן טופר בלחון :

בריך גלויבט חיז זיין כחאן פון (רבון שלם) דר הער פון חלע עולמות גלויבט חיז דיין קרון חוכ דיין אקום עס זחל זיין דיין ווילן איט דיין פחלק ישרחל חייביג חוכ די גחולה פון דיין ליכט פון דיין חור הטוב חוכ אקבל לו זיין חוכזר תפלה איט דיין דרבחרמקייט עס זחל זיין לרלון לו פחר דיר חוכ דוח זחלסט חוכם אחריך זיין (חיים טובים) חוכ חיך זחל גרעכנט ווערן לווישן די לדיקים רחמים לו זיין חוף איר חוכ חלז ווחס לו איר גהער חוכ לו דיין פחלק ישרחל דו בישט (זן ומפרנס לכל) דו בישט שולט חיבר חלע מלכים דען דש אלכות חיז דיין חיך בין דר קנעכט פון הקב״ה חיך בין (מודה ומשתחוה) פר חים חוכ פר דעם (כבוד התורה) בכל עת ועת) חיך טוח איך כיט פר זיכרן חוף חיין אענטש חוכ

חיך

תחנה

אַף קיין מענטש בין איך ניט (סומך) נייערט אויף דעם גאָט אין הימל דער איז (אל אמת ותורתו אמת ונביאיו אמת) אונ מערט פיל גוטס אונ. אמת אונ אין אים טוא איך איך פר זיכרן אונ צו זיין געטרייען היילגן נאמן זאָגן (שבחות יהי רצון מלפניך) דו זאלסט עפנן מיין הארץ צו דער תורה אונ זאלסט דער פילן דאס בגעהר פון מיין הארץ אונ פון די הערצער (כל ישראל לטובה ולחיים ולשלום אמן:

(דס זאגט מען אלע טאג ווען מען האלט (שים שלום):

רבון נ״שר הער פון דר גאנצר וועלט איך בין דיין אונ איין טרוים זענען דיין עס הט איך געטרוימט איין טרוים אונ איך ווייס ניט וואס עס בטייט עס זאל זיין דר ווילן צו פר דיר גאט איין גאט אונ גאט אייגע עלטרן עס זאל זיין אלע טרוים אויף איר אונ אויף (כל ישראל) צו גוטן אונ צו בענטשונג עס זיי די טרוים וואס אנדרע הט אויף איר געטרוימט אונ עס זיי די טרוים וואס איך האב געטרוימט אויף אנדרע זענען זיי אנדרשט גוטע טרוים אזו ווי זיי זיך שטערקן אן איר אזו ווי די טרוים פון (יוסף הצדיק עליו השלום) אונ ווען זיא ברויכן איין היילונג זאלסט זיי היילן אזו ווי דו האסט געהיילט מרים הנביאה פון צרעת אונ אזו ווי דו האסט געהיילט די ביטערע וואסרן פון שטאט (מרה) דורך די האנט (משה רבינו עליו השלום) אונ אויך די וואסער פון שטאט יריחו דורך האנט (אלישע הנביא) אונ אזו וואל אזו דו האסט פר קערט דיא פלוכונג פון בלעם הרשע) פון פלוכונג צו בענטשונג אזו זאלסט דו אויך פר קערן אלע אייגע טרוים אויף איר אונ אויף כל ישראל צו גוטן בענטשונג אונ דאס זאלסט בווילגן איך פון אלוהערט ביז אייביג ובכן יהי רצון אמן סלה:

Wolno drukowac
w Druk. J. Lebensohna,—Warszawa d. 8 (20) Sierpnia 1851.
Cenzor J. TUGENDHOLD

תחנה חדשה על פרנסה

דיא הייליגי תחינה פון דער כייה איז זיא וואָרין חוים גטרחכם פם החם זיח כים קיין סולעבר אזן גמחכם מייערם דער חייכר וואט החם תמיד גחסט פחרכם חין זיין הכם · וופר זיא בכוונה לייענן וופט חוכ וופם זיח כעמין חין הכם · וופם ער פר זילפרט זיין פחר בייזי גטעכנים מסן מחג זיח לייענן בייח טחג חוכ בייח נסכם :

יהי רצון עט זחל זיין דער ווילן פחר דיר גחט מיין גחט חוכ גחט פון מיין עלסערין חז דו זחלסט מיר רייכיגן מיינע גידחנקן · חוכ חן לו ברייטן מיר חיין גוטע ענטספער לו דיח רייד פון מיין מויל חוכ לו רייכיגן די גידחנקן פון מיין החרץ עס זחל זיין דיין ווילן חויף דער לייט וופן חיך בעט דיך מיט מייני הענד חוכ מיט מיינע פים חוכ מיט חלע מיינע לווייח הונדערט חוכ חכט חוכ פערליג חיברים כדי לות זחגין פחר דיר חיין זחך וואט רעכט חיז חדער מייני גדחנקן חיין לות החלטין כיט לו טרחכטן חליה זעלבט וואט זחל טחסן לו דיין ליבן רעכטן ווילן חיך בעט דיך מיט דר בחרימקייט חוכ גנחד דו זחלסט חן טרייבן פון דעם סטן חז ער זחל כיט גוועלטיגן חן מיר חוכ כיט חן מיינע קינדר חוכ קינדס קינדר חוכ זחלסט מיר העלפן חוס ווילן דיין נחמן עס זחל מיר כיט לות קומן קיין בייזע חוומות חוכ עס זחל כיט געעלטיגן חין מיר חוכ חן מיין מחן חוג מיינע קינדער חוכ קינדס קינדר קיין יצר הרע חוכ קיין מחסבה רעה ח״ו ביז חייביג חמן :

רבון העד פון דר וועלט עס חיז פר דיר חנטפלעקט חוכ זחלסט אישן חז חיך וחלט גערן גטחן דיין ליבן ווילן כייערט רחט וויעדר טייג וואט חין טייג דחט חיז גמייכט דער יצר הרע וחט נילט חין מיר דר היס מיך חוכ חיז מיר מעכב :

יהי רצון עט זחל זיין דער ווילן פחר דיר גחט מיין גחט חוכ גחט פון מיין עלטערן חז דוח זחלסט חוטטער טעניג מחכן דעם יצר הרע פון מיר חוכ דו זחלטט חים דר וויטערין פון מיר פון די לווייח הונדערט חוג חכט חוכ פערליג חיברים חז ער זחל מיך כיט מבטל זיין פון גוטין ווענ גיב מיר חין זיין החרץ חוכ חין מיין מחטס החרץ חוכ חין מיין קינדרס החרץ חיין יצר טוב לו היטן דיין גיבחט חוכ דיין ליבן ווילן חוכ לו דינן

דיך מיטין גנאדין הארצן אונ דו ליבר גאט זאלשט אנטפאנגן מיין געבעט וויא עס שטייט געשריבן הער גאט מיין גאט בארימאליך גבעט אונ מיין געשרייא זאלשטו פאר נעמן אונ לאז מיינע טרעהרן ווען איך וויין זאלסטו ניט שווייגן דען איך בין איין אלט גיזעסינר פאר גיב מיר מיין זינד אויך שטייט אין פסוק (ואני תפלתי לך ה׳ עת רצון אלהים ברב חסדך ענני באמת ישעך) פאר נעם מיין געבעט דען דו ביזט דר גאט דר דא הערט דאס געבעט פון אלע מיילער גלויבט איז דער הער גאט וואס דער הערט אלע געבעט דר זאל דר הערין אונ דר זעהן מיין געבעט :

יהי רצון עס זאל זיין דער ווילן פר דיר גאט מיין גאט אונ גאט פון מיינע עלטערן דר גאט דר בארימגער וואס ער גרייט אן צו איטליכן זיין קליידונג אונ שוך גוסט צו אלע זיינע בשעפֿניש נאך ער האט אנגעפילט די ערד אונ האט דער פֿילא די וועלט אן דעם דריטין טאג אונ ער האט אן געהויבן די וועלט צו בשאפֿן אונ האט אן געגרייט שפייז צו אלע מיט זיין פֿיל דער בארמיקיים אונ זאלשטו שפייזן איך מיט מיין מאן אונ מיט מיינע קינדער אונ קינדס קינדר אונ בשער אונז אונזר דער נערונג אז עס זאל זיין בדרך כבוד כדי אז אונזר הארץ זאל ניט פֿאר זארגט זיין אז מיר זאלין קענן דיך דינען מיטן גנאדין הארצן עס זאל ניט מעכב זיין אוך אונזער פרנסה אונ פון אונזר בייזקיים וועגן זאל חס ושלום אונזר פרנסה ניט אפ געהאקט ווערן אונ זאל פֿאר פול זיין אונ דו זאלשט בשירמן אונז אונ אלע וואס גייען אין וועג אונ די וואס פֿארן אויף דעם וועג אונ אין די מדבריות זאלסטו זיי בשירמן פון חיות רעות אונ פון אלע בייזע בגעגעניש אונ פון די הפנם פון די פיינט אונ פון אלע גזלנים אונ גנבים אויף דעם וועג אדר אין דער היים וויא עס שטייט געשריבן דאס דוא זאלסט גביטן דיינע מלאכים אז זייא זאלן היטן אונז אין אלע אונזערע וועגין אונ אין אלע אונזרע שטעגין אז עס זאל ניט קענען שאטין אונז קיין טום פיינד אז איך מיט מיין מאן אונ מיט מיינע קינדר אונ דיין פֿאלק דאס הויז ישראל זאלן מיר אלע זיין מיט דער בארמיקיים אונ מיט גינאד גילויבט איז דער דא הערט אלע געבעט אמן כן יהי רצון :

אנא איך בעט דיך גאט וואס דו גרייטשט אן פרנסה צו איטליכן מענטשן פון דעם גרויסן ביז צו איין ווארים אונטר דער ערד אונ ער גרייט אן קליידונג צו אלע בשעפֿניש אונ ער שיקט זיין שפייז צו זיין

צייט

נייט דער זאל איך מיט מיין מאן אונ מיט מיינע קינדר אונ מיין גאנץ הויז גזינד אונ כל ישראל שפייזן אונ דער נערין אונ זאלשט אונז געבן אונזרע בדערפֿינש וואש מיר קענען ניט ארויש ריידן אזו איין פרנסה אז עש זאל ניט זיין קיין זרך וואש איין בושה זאל דער בייא זיין אדר איין כלימה איין פרנסה אז איך מיט מיין מאן מיט מיינע קינדר זאלן ניט בדארפֿן צו איין מתנת בשר ודם אונ צו זייער הלואה נייערט פֿון דיין הנט די רפֿולע אונ די ברייטע איין פרנסה אז מען זאל קענן לערנן די הייליגע תורה די ריינע אונ דו זאלשט אונז געבן ווערדיגע קליידר אונ מיר זאלן גיין אין ווערדיקייט צווישן דיא צדיקים אונ נים בבושת פנים לאז מיך לעבן מיט מיין מאן אונ מיט מיינע קינדר אונ קינדס קינדר צווישן אנדערע צדיקים אן פֿר שטאונג צוא גוטין אונ ר לעבין זאל זיין צוא גוטין אונ צו איין גוטע לעבט אונ אלע אונזרע החפֿצה זאלשטו הערפֿן אונז אלע די ענינים פֿון אונזר ווערק זאלשטו בענטשן אין אונזער וועג אונ אלע אונזרע שטעג זאלשטו זיין אין אונזער היילף אונ צו אלע וואש מיר ליב זיינן דו זאלשט אונז געבן איין לעבן וואש דאז הייסט גילעבט איין גוט לעבן איין פֿריד האפֿטיג לעבן איין געבענטשט לעבן אונ דוא זאלשט דיר דער בארמן ווארום איך ווייס ניט וואש מיר גוט איז אונ דו ווייסט אייטש וואש אונז איז גוט אונ זאלשט בריינגן אונזרע מזלות אונ זאלשט דער פֿילן צו אונז אין היינטיגן טאג אונזר הארץ צו גוטן אונ זאלשט אונז בשירמען אונ היטין אונ אויש ציהן פֿון דער פֿינצטר צוא דער ליכט · אונ דו ליבער הער גאט דו זאלשט זיין צו מיר אונ צו מיין מאן אונ צו מיינע קינדר אונ קינדס קינדער אונ צוא כל ישראל זאלשט אונז בשירמען פֿון אלע צרות אונ פֿון אלע גיטעלפענישן אין דעם יאר אונ אין אלע יארין אין דעם חודש אונ אין אלע חדשים אונ דער וואך אונ אין אלע וואכן אין דעם טאג אין דער רגע אונ אין אלע רגע אמן :

ליבר הער גאט מיין גאט אין דיין הנט זיינן מיר אלע בשירעם אונז פֿון אלע בייזע לייט פֿון אונזרע פֿיינד אונ אונזרע ימגר אונ פֿון אונזרע באבריגר די דא בגערן אונז בייז צו טאן אונ לייד הערצן אונז פֿון אלע לייד אונ פֿון אלע צער אונ בשווער אונז ניט מיט ביטערניש פֿון דר וועלט וואש קאן שאטין נייערט לאז אונז לעבן בשלוה מיט זיכרהייט בתחנות לבנו מיט דעם כח פֿון דעם שם הקדוש וואש גייט ארויש פֿון דעם פסוק (אנכי ארד עמך מצרימה ואנכי אעלך גם עלה) מיט דעם כח פֿון דעם שם זאלשטו

שאלסטו אונז מאכין הערין בשורות טובות) וואר האפטיגע רעכט
פארטיגע וואס איך און מיין מאן און מיינע קינדר האבן פר געטן אין
דיינע מצות שאלסטו אונז מאכן אלץ גדיינקן און דו שאלסט מיר מוחל
זיין און שאלסט מיר פר צייען און פר געבן און מכפר זיין אויף אלע
אונזרע זינדאיג מעשים (ועונותי וחטאתי שחטאתי ושעויתי ושפשעתי
לפניך) און עס זאל ניט געפונן ווערן אין אונז קיין חטא און עון און
קיין יצר הרע און קיין הרהור רע און קיין מחשבה רעה צו הייבינ און
שאלסט אונז בשירמען פון גזלנים און פאר גנבים פאר רויבערס פאר
גיוואלטיגע לייט פון אלע (מיני פורעניות) ווארט שטורמען צו קומען אויף
דר וועלט אויך שאלסטו אונז בשירמען און שאלסט מבטל זיין פון אונז און
פון מיין הויז גזינד אלע אומגליקס פעלער . און דו שאלסט אונז
בשירמען פון חיות רעות פון בייזע מענטשן פון אין פייל פון פייער
פון דר טרעקונג פר ב׳ע טרלם פר בייזע ווערטער פון דערטש פון
הונגער פון אלע דיא גשאנגינע שאכין פון פר דארבונג פון דלות און
עניות פון (חסרון כיס) גיב מיר מיט מיין מאן און מיינע קינדר צוא
חן וחסד צו דר באריאקייט אין דיין אויגן און אין די אויגין וואס טוען
אויף אונז זעהן און אין די אויערן וואס טוען הערן פון אונז דען צו דיר
גאט איז מיין האפונג דרום שאלסטו מיר ניט ענטפערן מיט דר באראקייט
און גינאד מיין גאט אין דיין הייליגן נאמן איז גאר מיין פר זיכערונג
דרום בעט איך דיך אז דיין הייליגער נאמען זאל ווערן אן גירופין אויף
מיר און אויף מיין מאן און מיינע קינדער און לאז מקטרגים שאלין
זעהן אז דיין הייליגר נאמן איז אן גרופן אויף אונז וועלן זיי זיך פארכטן
פר אונז גיב מיר און מיינע קינדר טויגהייט און חן וחסד און שיינע
רייד און פר נעם אלץ וואס איך בעט דיך און וואס זייא וועלין דיך
בעטין אז מיר שאלן גאר הויך געהאלפן ווערן אז די לייט שאלן וויסין אז
אונזר פארכט זאל ווערן געווארפן אויף די לייט וואס וועלן הערן אונזער
נאמן און איך מיט מיינע קינדר שאלן גוט זיין און מיר שאלן זיין גיליבט
צו דיא אייבערשטע און צו די אונטערשטע און אונזר נאמן זאל
זיין גוט און זאל גיין אין אלע לענדער און אלע אומות ווארט מיר אדער
מיין מאן אדער מיינע קינדר איז צו גקומן זאל זיין אויף אונז אלץ צום
לעבין

לעבן לו פר די דח זיינן פר דער ליכם דר גרויטר דר גחלפרסר ווחס
חיז גיחלפערם פון דר מרכבה העליונה ובזכות פון די דרייצעהן מדות
ווחס דו החסם פחר זילפערם צוח משה רבינו דיין גיסרייען קנעכם ח:
אמן ווען דיך בעסן מיס דרייצעהן מדות וועסטו נים צח:ין ווידר קערין
לעהר פון פר דיר גחס דס זיינן די מדות : (יי יי אל רחום וחנון ארך
אפים ורב חסד ואמת נוצר חסד לאלפים נושא עון ופשע וחטאה ונקה) :

יהי רצון עס זחל זיין דער ווילען צוח פחר דיר גחס מיין גחס חוג
גחס פון מיין עלטערן דחש דח זחל חויך גיין מיין גיבעס מיס
דער בהריאקייט חוג מיס גינחד פחר דיין הייליגען גיערסער סטול
חין דער דחזיגער ציים חלס חבֿ כט חוג מחרגען ווען חיך בעס דיך
זחל מיין תפלה חויך גיין מיט חלע תפילות פון דיח צדיקים חוג
צדקניות ווחט זייערע (תפלות) קומען פחר גיוויט חן חוג עס זחל
פחר חונזערע תפילות נים זיין קיין יצר הרע דער בייזער הינדערר
זחל נים גיוועלטיגען חין מיר חוג נים הין מיין תפלה קיין פגע רע
כייערס וויח די תפלה גיים חויס פון מיין מויל זחל שטיין חיין מולך
יושר חייטל גוטן חוג רעכֿם עדות זחגין גוטע עדות חוג זחל חונז
גידיינקען צוח גוטען חיך דוח ליבער גחס זחלסט בשירמען מיך חוג
מיין מחן חוג מיינע קינדער חוג קינדס קינדער פחר חיין מום רע
פחר חיין בייזע בגעגינעניס פחר חיין יצר הרע פחר חיין מחשבה רעה
פחר בייזע מענטשן פחר זעלבע ליים ווחס ריידען מיט דעם מויל
חוג חין הארצין מיינען זייח חנדערש פחר חום זונטט פינס שחפס
פחר חום רעכס פיינט שחפס זחלסט חונז היסען פחר בייזע גזירות
פחר בייזע מעשים הוג בייזע טעות חוג חלע מיני פורעניות ווחס
שטורמען צוח קומען הויך דער וועלט : (יי צבאות) חיך בעט דיך ליבער
הער גחס חז דוח זחלסט נקריינט זיין מיט חונזערע תפילות חן דיר
גחס חיז דחך גרר מיין בהשגחה חיך בעס דיך ליבער גחס ח: חיך
זחל נים פחר שעמט ווערין חייביג נים בעולם הזה חוג נים בעולם הבא :

יהי רצון עס זחל זיין דער ווילן פחר דיר גחס מיין גחס חוג גחס פון
מיין עלטערין חז דוח זחלסט מיר חוג מיין מחן חוג מיינע קינדר

חוג

אונ מיינע קינדס קינדער לאנג לעבין געבין אונ חן וחסד אונ דער
בארמיקייט אונ פרייד אונ גליק אונ: אלי וועג אונ טטעג אונ גיב
אונ: חן וחסד אין דיינע אויגין אונ אין לייטינס אויגין וואש זעהן
זעהען אויך אונ: אונ אלע אוערין וואש הערין פון אונז אונ גיב
אונז שכל אונ פאר שטאנדקייט נאך דיין רעכטס אזוי ווי דיא
קוועלינדיגע וואסער וואש שטארקט זיך אין דעם קוואל ברונען אזוי זאל
מיין הארץ אונ דאש הארץ פון מיינע קינדער שטארקין זיך נאך
דיין הייליגע דינסט אונ דוא זאלסט דער לייכטין מיינע אויגין אונ
דיא אויגין פון מיינע קינדער אונ קינדס קינדער זייא זאלין לערנען
דיין הייליגע תורה אונ זייא זאלין גיין אין דעם וועג פון דיין תורה
אונ וואש זייא וועלין לערנען פון דיין תורה זאלין זייא ניט פאר
געסין אונ גיב מיר אונ מיינע קינדער אונ קינדס קינדער חן
וחסד אונ שיינה רייד אויך אזו וואש איך בעט דיך אונ אזו וואש
מיר וועלין דיך בעטין זאלין מיר ניט פאר שעמט ווערין פון אונזער
האפנונג וואש מיר האפין אז מיר זאלין ניט ווערין פאר דארבען אונ
אונזער האפנונג זאל ניט זיין נאר אומזיסט אונ נאר אונזער ערבייט
זאל זיין לברכה והצלחה אין דער צייט אונ אלע צייט וואש איך וועל
דיר בעטין זאל זיין איין צייט פון דער בארמיקייט איין צייט אז
מיין בקשה זאלשטו מיר ענטפערין מיט דער בארמיקייט אונ גנאד
אונ זאלסט פאר נעמען מיין גיבעט אונ זאלסט מאכין לוגען נאך
מיין גיבעט מיט דער בארמיקייט אונ גינאד (ואני תפלתי לך ה׳ עת
רצון אלהים ברב חסדך ענני באמת ישעך) :

אנא איך בעט דיך גאט ליבער נאם טוא דאש פון דיין איינציגן נאמען
וועגין וואש דא איז איינציג וואש דא איז וויטן גווארן דורך מענטשן
די נביאים דיינע קנעכט איינציג מיר מיין הארץ אונ מיינע קינדרס הארץ
אז מיר זאלן וויסן זיך נאך פארכטען פאר דיין איינציגן נאמען אז
מיר זאלין ניט זינדיג זיין :

אתה הוא) דוא האשט דאך גיהערט דאס גיטרייא אונ דאס גיוויין
פון אונזער עלטער פאטער יעקב אז ער האט גיוויינט אונ
גיבעטין דיך אז דוא זאלשט אים בהיטען פאר זיינעם ברודער אונ (לבן)
האסטו אים גיהיט ער האט גיוויינט אונ געבעטין פאר דיר אז דוא
זאלשט

זאלסט אונז געבין פרנסה פון דיין האנט אויך האסטו אונז גיגעבין
קליידער וויא דיין גוטער וועג ווייזט דאס דו ביסט דאך דער ליבער
גאט וואס דו האסט גיטאן גוטן מיט די ישראל אין דער מדבר
דרום בין איך גיקומען פאר דיר בעטין אז דו זאלסט דער הערין
מיין גיבעט אונ' פאר נעם מיין דער בארימהערציג גיבעט איך בעט דיך
אונ' וויין פאר דיר (פותח את ידיך) אז עס זאל זיין מיין שפייז מיט
מיין מאן אונ' מייני קינדער אונ' מיט מיין הויז גיזינד מיט אונזער
באדערפעניש פון דיין הייליגע האנט כדי אז אונזער הארץ זאל
ניט זיין פאר זארגט אז מיר זאלין דיך קענען דינען מיט גאנצין
הארצין אזו זאלסטו מיך היטען מיט מיין מאן אונ' מייני קינדער
דעם הייניגען טאג אונ' אלע טאג פאר ברענעניש פאר בייזע
באגעגעניש פאר (גזלנים) פאר (חיות) רעות פאר גנבים פאר
אלע פיינט שאדען פאר אלערלייא וויא טאג אויב עס איז איין
וויא טאג זאלסטו היילען מיט דיין דער בארימקייט דען דו
ביסט דאך איין (רופא חולים) דו היילסט אלין נאר די
קראנקע פון אלע מענשין אונ' זאלסט הערין מיין גישרייא אונ'
זאלסט פאר נעמען מיין גיבעט אונ' זאלסט באשערין מיר איין
פרנסה וואס מיר באדארפין אונ' זאלסט אונז געבין קליידער וויא
דיין גוטער ווילין ווייזט אויס אונ' טוא נאך מיר אונ' נאך מיינע
קינדער גוטע לייבין אין אלע אויגען בליק אונ' זאלסט מיר ענטפערין
אלע לייט פון וועגין דיין פיל דער בארימקייט אונ' פון דיין
הייליגען געהערטין שטול וועגין אונ' דער הייך מיין נאמען אונ' מיינע
קינדערס נאמען פון היינט ביז אייביג אויף צייט זעליג אונז אונ'
דער בארים דיך איבער אונז דער הער מיין גיבעט אונ' דאס
גיבעט פון אלע מיילער דען דו דער הערסט דאס גיבעט פון
אלע מיילער זאלסטו מיין גיבעט אויך דער הערין היינט אונ' אלי צייט
נאך גוטען אמן:

עס זאל זיין בעוויליגט די זאג פון מיין מויל אונ' די גידאנקען
פון מיין הארץ פאר דיר גאט מיין בשעפער אונ' מיין דער
לייזער אונ' מיין שפייזער אונ' מיין וועג ווייזער אמן סלה:

СЕДЕРЪ ТЕХИНОТЪ

т. е.

Порядокъ Молитвъ для Женщинъ.

Печ. позволяется.— 17 Января 1859 года.

Цензоръ, *П. Кукольникъ.*

ВИЛЬНА

въ Типографіи Р. М. Ромма.

1859